STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04681

DI GESHIKHTE FUN DER PARIZER KOMUNE

E. Lisagare

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

27-31 ו

ע. ליסאַגאַרע

די געשיכטע
פון דער פּאַריזער קאָמונע

פון פראנצויזיש יונה שפער

אין 2 טייל

ערשטער טייל

ווילנע — 1929

פאַרלאַג „טאָמאָר" פון יוסף קאַמערמאַכער

E. Lisagare. „Di geszichte fun der parizer komune".

Zecernia „Tomor" Wilno, ul. Szopena 1, m. 30.
Odbito w drukarni Notesa i Szwajlicha, Wilno, ul. Poznańska 1.

דער פֿאָרשפּיל פֿון שלאַכט.

א. פראַנקרייך ערב=מלחמה.

„אימפּעריע — הייסט שלום"

לוי-נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט

(אָקטאָבער 1852)

דער ניינטער אַווגוסט 1870. אין משך פֿון דריי טעג האָט די אימפּעריע פֿאַרלאָרן דריי שלאַכטן. דוע, פֿראָסאַר, מאַק מאַהאָן זיינען אָפּגעשניטן, אָנגעיאָגט און צעקלאַפּט. עלזאַס איז פֿאַרלאָרן, מאָזעל איז געבליבן אומבאַשיצט. עמיל אָליוויע רופֿט צונויף דעם פּאַרלאַמענט. פֿון 11 אַ זייגער אינדערפֿרי אָן איז גאַנץ פּאַריז שוין אויפֿן קאָנקאָרדיע=פּלאַץ, אויף די בריגיקע גאַסן, אויף די ברעגן פֿאַר דעם פּאַליי=בורבאָן *.

פּאַריז וואַרט אויף אַ וואָרט מצד די לינקע דעפּוטאַטן. נאָך דער מפּלה האָבן בלויז זיי נאָך עפּעס אַ שטיקל מאָראַלישן אוטאָריטעט. די בורזשואַ, די אַרבעטער שטיצן זיי. פֿון די וואַרשטאַטן שטראָמט אויף דער גאַס אַרויס אַ גאַנצע אַרמיי; בראָש פֿון איינצלנע גרופּעס זעט מען מענטשן, וואָס האָבן שוין ניט איינמאָל אַרויסגעוויזן זייער ענערגיע.

ביי דער אימפּעריע פּלאַצן אַלע נעט, איר סוף איז נאָענט. צווישן חייל, וואָס איז אויסגעשטעלט פֿאַרן בנין פֿון פּאַרלאַמענט, איז צו באַמערקן אַ שטאַרקע אויפֿרעגונג; דאָס מיליטער איז גרייט

---

* בורבאָנישער פּאַלאַץ, וואו עס געפֿינט זיך דער פֿראַנצויזישער פּאַרלאַמענט.

צו פארלאזן דעם פאסטן, כאטש דער אלטער פעלדמארשאל באראגע ד׳איליע, וואס האט זיך אויסגעפוצט אין אלע זיינע צייכנס פון מאכט, ברומט אויפן קול. „אויף דער גרעניץ!" — שרייט מען צו זיי. צווישן די אפיצירן הערט זיך א געמורמל: „אונזער ארט איז ניט דא".

אינם זאל „פא פערדי" רייסן מיט כוח זיך אריין באוואוסטע רעפובליקאנער. די מאמעלוקן *, בלאסע, באהאלטן זיך אין די הינטערשטע רייען. עס באווייזט זיך טיער, א מוראדיק דערשראקענער; מען רינגלט אים ארום פון אלע זייטן. „נו, מילא, מאכט אייך אייער רעפובליק", — זאגט ער. עס גייט פארביי דורכן זאל דער פרעזידענט שניידער, וועלכער לאזט זיך צו זיין שטול. „נידער מיט דער אימפעריע!" — שרייט מען צו אים. די דעלעגאטן פון המון באלאגערן פשוט די לינקע דעפוטאטן: „וואס-זשעווארט איר? מיר זיינען גרייט! באווייזט אייך אונטער די זיילן אדער ביי די קראטעס!" יענע זיינען אין א פארלעגנהייט: „זייט איר גענוג אין צאל? איז ניט בעסער אמאל צו ווארטן ביז מארגן!" ס׳איז באמת טאקע פאראן בסך-הכל א הונדערט טויזנט מאן. עמעץ רוימט עפעס איין גאמבעטען: „מיר זיינען עטלעכע טויזנט מאן אויף דעם בורבאנען-פלאץ". א צווייטער, דער מחבר פון דער געשיכטע, זאגט: „נוצט אוים די לאגע, איצט געפינט זי זיך אין אייערע הענט, מארגן וועט איר זיין אין איר רשות". די טעמפ געווארענע קעפ פארמאגן אבער ניט קיין איין געדאנק אפילו; די פארגליווערטע ליפן זיינען שטום.

עס עפנט זיך די זיצונג. זשול פאוור לייגט פאר דער בייזבאשערטער פארזאמלונג צו פארכאפן די מאכט. די מאמעלוקעס דראען. זשול סימאן פליט אריין הענדום-פענדום אין זאל „פא פערדי" מיט צעשויבערטע האר. „זיי ווילן אונז שיסן, בין איך ארוים אין מיטן זאל מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף דער ברוסט און א זאג געטאן צו זיי — מילא, שיסט!" מען שרייט צו אים:

---

* „מאמעלוקן" — דאס זיינען די דעפוטאטן, וואס האבן מיט הכנעה זיך אונטערגעווארפן דער רעגירונג און וואס זיינען על-פי-רוב אריין אין פארלאמענט צוליב די פאלשע וואלן פון דער מאכט.

„מען דאַרף מאַכן דערצו אַ סוף!" „יאָ, מען מוז דערצו מאַכן אַ סוף"! — שרייט ער אויס און קערט זיך צוריק מיט אַ טראַגישער מינע אויף זיין אָרט.

דערמיט ענדיקן זיך זייערע העוויות. די מאַמעלוקן, וואָס קענען אויסגעצייכנט די לינקע, נעמען זיך אָן מיט מוט, באַזייטיקן עמיל אָליוויען, מאַכן אָן איבערקערעניש אין מיניסטעריום, בראש פון וועלכן עס שטעלט זיך אוועק פּאַליקאַאָ, וואָס האָט באַרויבט דעם זומער־פּאַלאַץ. שניידער שליסט שנעל די זיצונג. דאָס מילי־טער צעטרייבט פּאַמעלעך דעם המון, דער עולם זאַמלט זיך אָבער ווידער צונויף אַרום די בריקן, וואַרט אָפּ די לייט, וואָס גייען אַרויס פון פּאַרלאַמענט, קוקן אויס פון מינוט צו מינוט, ס'זאָל ווערן פּראָקלאַמירט די רעפּובליק. זשול סימאָן, וועלכן ס'וואָלט קיינמאָל אויפן רעיון ניט געקומען צו קעמפן, לאַדט איצט איין דעם עולם צו קומען מאָרגן אויף דעם קאָנקאָרדיע־פּלאַץ. צו מאָרגנס זיינען אַלע שכנותדיקע גאַסן באַליגט מיט פּאָליציי.

די לינקע האָבן איבערגעלאָזט אין נאַפּאָלעאָן דעם III הענט די לעצטע צוויי אַרמייען. דעם 9טן אַווגוסט איז געגנג געוועזן איין שטויס, אַז די שפּליטערס פון דער אימפּעריע זאָלן זיך אינגאַנצן צעפאַלן — דער פּאָליציי־פּרעפעקט פּיעטרי האָט זיך אַליין דערינען מודה געווען. דאָס פאָלק איז אינסטינקטיוו אַרויסגעטראָטן צו הילף דער באַפרייונג. די לינקע האָבן אָבער ניט געוואָלט קיין מרידה און האָבן איבערגעלאָזט דער אימפּעריע, אַז זי זאָל אַליין מציל זיין פראַנקרייך. אַפילו די טערקן האָבן אין 1876 אַרויס־געוויזן מער שכל און פּאָליטישן טאַקט, ווי זיי.

אין משך פון דריי וואָכן פליט פראַנקרייך טיף אין תהום אַריין פאַר די אויגן פון די אימפּעריאַליסטן, וואָס זיינען פאַר־גליווערט געוואָרן אין זייער אומבאַוועגלעכקייט, און די לינקע, פאַר וועלכע עס קלעקט בלויז צו מאַכן קולות.

עס גייען אוועק עטלעכע חדשים און אויף דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין באָרדאָ לאָזט זיך הערן אַ בייז געמורמל אויף דער אימפּעריע און אין ווערסאַל ווידער — אַ שטורעם פון באַ־גייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן, צוליב די ווערטער וואָס איינע

א הויכגעשטעלטע פערזאָן האָט געלאָזט פאַלן: וואָרום, גיב אונז אָפּ אונזערע לעגיאָנען. ווער־זשע רודערט עס אַזוי און אַפּלאָדירט? די זעלבע העכערע בורזשואזיע, וואָס האָט אין משך פון אכצן יאָר בשתיקה און אויף אַ קנעכטישן אופן געשיקט וואָרוסן אירע לעגיאָנען.

זי האָט מסכים געווען אויף דער צווייטער אימפעריע אויס מורא פאַרן סאָציאַליזם, פונקט ווי די פאָטערס זייערע, וואָס האָבן אין דער ערשטער אימפעריע איינגעזעען דעם סוף פון דער רעוואָלוציע. צוויי ניט־דערשאַצטע טובות האָט זיי געטאָן נאַפּאָלעאָן דער ערשטער: ער האָט געשאַפן די אייזערנע צענטראַליזאַציע און משלה געווען אויף יענער וועלט הונדערטער טויזנטער אומגליקלעכע, וואָס וואָלטן, נאָך ניט קיין אָפּגעקילטע פונם סאַמום פון דער רעוואָלוציע, געקאָנט נאָך אַמאָל חשק האָבן צו באַקומען אַ חלק פון די נאַציאָנאַלע גיטער. ער האָט זי אָבער געלאָזן אַן אומבאַהאָלפענע, אַ וואַרטנדיקע אויף נייע מושלים. בעת עס איז סוף־כל־סוף אָנגעקומען די תקופה פון פאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, — צו וועלכן מיראַבאָ האָט בשעתו געשטרעבט צו דערפירן פראַנקרייך מיט איין שפּרונג — האָט די בורזשואזיע זיך אַרויסגעוויזן פאַר לחלוטין אומפעיִק צו רעגירן מיטן לאַנד. איר מרידה פון יאָר 1830, וואָס איז דורכן פאָלק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעוואָלוציע, איז ביי איר געווען פשוט אַ מאָגן־פראַגע. אין 1830, פונקט ווי אין 1789, האָט בלויז איין געדאַנק צוגעגעבן מוט דער בורזשואזיע — פאַרכאַפּן וואָס מער זְכיות, אַרומצוימען דאָס פאַרמעגן מיט אומצוטריטלעכע מויערן, אויסזויגן ביים פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן ביים שאַפן, דעם מאַרך פון די עֲצָמות. וואָס גייט זיי דאָרט אָן די צוקונפט פון לאַנד, קוים וועט זיך זיי איינגעבן אָנצושטאָפּן פולע טאַשן! דעם אָרלעאַניסטישן קיניג ווערט געגעבן די פרייהייט צו טאָן מיט פראַנקרייך, וואָס אים געלוסט זיך, אַ שטייגער, ווי דעם גרעסטן צעזאַר. און בעת אין 1848 האָט אַ נייער אויסברוך פון פאָלקסצאָרן ווידער איבערגעגעבן די מאַכט אין זייערע הענט, זיינען זיי אַפילו ניט מסוגל געווען זי איינצוהאַלטן. אין דריי יאָר אַרום גליטשט זיך די מאַכט ווידער אַרויס פון די דאָזיקע פאַדאַגריקערס הענט, ניט קוקנדיק אויף די טויט־

אורטיילן און פארשיקונגען, מיט וועלכע זיי האבן געוואלט פאר־שטארקן זייער פארמעגן, און זי גייט איבער צו וועמען עס לאזט זיך.

פון 51טן יאר ביזן 59טן פארנעמען זיי זיך מיט איבער־קייען די געשעענישן פון בריומער. נאכדעם, ווי זיי האבן זיך איבערצייגט, אז זייערע זכיות זיינען גאנץ, לאזן זיי נאפאלעאנען פראנק־און־פריי מאכן א תל פון לאנד, פארפלאנטערן פראנקרייך אין די רוימישע ענינים, פארשווארצן זיך דאס פנים אין מעקסיקע, שטעלן דאס לאנד אוועק מחוץ אייראפע, ערלויבן עס איבער־ענטפערן די פרייסן. ביי די גאנצע שטארקע השפעות זייערע, ביי זייער גאנץ עשירות, דריקן זיי מיט קיין איין ווארט אפילו ניט אוים זייער פראטעסט. אין יאר 1869 שטעלן זיי זיך ווידער, אונטערן דרוק פון פאלק, אין אפאזיציע צו דער רעגירונג; זיי ווייזן אבער ארוים דערביי די שוואכקייט פון א סריס, פאלן ביים ערשטן וואונק ווידער צו אירע פיס, זיינען מסכים געווען אויף א פלעביסציט, וואס מאכט די דינאסטיע פאר קודש־קדשים.

אומגליקלעך פראנקרייך! ווער וועט דיך מציל זיין פונם שונאס ארייננרייסן זיך? — דער פשוטער ארבעטער, דער הארעפאשניק, וואס לאדט זיך שוין פון כמה יארן וועגן דיר ביי דער אימפעריע.

דא קומען מיר צו צו עטלעכע נייטיקע דערקלערונגען, וואס מוזן געמאכט ווערן. ווער האט עס געשאפן דעם 9טן אווגוסט פון 1870 — די מלחמה, די אינוואזיע פון די פרייסן, די פארטייען? פאר יעדער טראגעדיע קומט פאר א פארשפיל. מיר וועלן זיך באמיען עס מאכן וואס ווייניקער לאנגווייליק, זאל אבער האלטן קאפ יעדער איינער, וואס האט חשק זיך צו באקענען מיט דער תקופה, וועגן וועלכער עס רעדט זיך.

זעקס יאר זיינען פארביי פון 1852 און די שטארק אינדוסטריעלע מלוכה, וועגן וועלכער עס האבן אזוי געחלומט די סען־סימאניסטן, האט ערשט געהאלטן ביים געבארן ווערן. הגם פראנקרייך איז א סך אפגעשטאנען אפילו פון אירע קלענסטע

שכנים, האָט זי אָבער געהאַט אַ אומגעהייער גרויסן רעזערוו אָפּשפּאָרונגען, וואָס זיינען נאָך ניט געוואָרן אויסגענוצט פון דער אינדוסטריע. רייך מיט נייע מערק, האָט די אינדוסטריע שוין פאַרגעסן לגמרי אָן די זיבן־אַכט טויזנט פאַרמשפּטע און פאַרשיקטע, וואָס זיינען פלינק געוואָרן אַרויסגעכאַפּט דורך דער רעגירונג בשעת דעם טעראָר.

די השפּעות פון די גייסטלעכע זיינען געוואַקסן אַדאַנק דעם אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, וואָס ס'איז געוואָרן איינגעפירט; זיי האָבן געזונגען תהלות־ותשבחות דעם קייסער, וואָס האָט, ווי דאַרבוּאַ האָט זיך אויסגעדריקט, „זיך באַפרייט פון די שטריק פון געזעצלעכקייט, כּדי אַרויפצוגיין אויפן וועג פון העכערן יושר" און האָבן אים גערופן קאַרל דער גרויסער, אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין. די העכערע און מיטעלע בורזשואַזיע איז גרייט געווען אויף כּל־המינים דינסט פאַר איר מושל.

דאָס געזעצגעבערישע קערפּערשאַפט, אין אויסגענייטע לאַקייִשע ליווריען, פול מיט לאַקייִשער קנעכטשאַפט, האָט ניט געהאַט קיין שום רעכט און וואָלט אַריינגעפאַלן אין גרויס יאוש, ווען מען זאָל אים זיי חלילה געווען געבן. אַ גאַנצע אַרמיי געשיקטע און פלינקע פּאָליציי האָט געהיט אַלע אַריינגענג און אַרויסגענג. אַלע אָפּאָזיציאָנעלע צייטונגען זיינען געווען פאַרמאַכט, אחוץ אַ פינף־זעקס, וואָס מען האָט שטייף געהאַלטן אויפן צוים; פאַרזאַמלונגען, פאַראיינען, פרעסע, טעאַטרען האָט מען צעבראָכן און צעשטערט; כּדי ס'זאָל הערשן שלום, האָט מען אַלעמען געמוזט פאַרמאַכן די מיילער.

זעלטן־ווען לאָזן זיך הערן אויף די פּאַריזער גאַסן די קלאַנגען פון דער מאַרסעליעזע; אויף לאַמענעס און דאַוויד אַנזשערערס לוויה לאָזן זיך הערן שטימען וועגן פרייהייט; אין דער סאָרבאָנע פייפט מען אויס ניזאַרן פאַר זיין בגידה; עס באַווייזט זיך אַמאָל אַ געהיימער מאַניפעסט פון די לאָנדאָנער אָדער דזשערזייער עמיגראַנטן, וואָס זיינען איינס מיטן אַנדערן לחלוטין ניט צונויפגעזונגען. וויקטאָר הוגאָס בוך „Les châtiments" וואַרפט אַ שוואַכן שטראַל ליכט; די מאַסע בלייבט אָבער קאַלט; די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן האָבן אַלץ פאַרשלונגען. נאַפּאָלעאָן דער דריטער

דער וואוילטעטיקער מלך, האט אין 1856 געקענט א זאג טאן צו די געליטענע פון דער פארפלייצונג פון דער ראנע: „א פארפלייצונג איז געגליכן צו א רעוואלוציע, עס קערט זיך אום צו זיך אין בעקן און גייט מער פון דארט ניט ארויס". די פרעכטיקע בנינים, דער וואוקס פונם פאלקס-אוצר, דער ערפאלג אין דער קרימער מלחמה, אדאנק וועלכן נאפאלעאן דער III איז בכוח געווען צו דעקן ענגלאנד דעם חוב — דאס אלץ האט גערעדט וועגן פראנקרייך, אויסער פראנקרייך גופא.

בינו-לבינו האבן די ארבעטער אנגעהויבן קומען צו זיך; די מלוכה-איבערקערעניש פון 51טן יאר האט זיך אויף זיי ווייניקער אפגערופן, ווי די יוני-שחיטה פון 48טן יאר, בשעת זייערע פארשטעט זיינען געווארן באשאסן מיט הארמאטן און טויזנטער זיינען געפאלן טויט אדער געווארן פארשיקט. זיי האבן זיך פארדינט זייער ברויט און ניט איינגעזען דערינען קיין שום טובה מצד דער אימפעריע; פארקערט, זיי פלעגן ביי א געלעגנהייט ארויסטרעטן אפילו קעגן איר. אויף די וואלן אין פאריז אין 57טן יאר זיינען דורכגעגאנגען פינף קאנדידאטן, וואס זיינען געווען פיינדלעך געשטימט צו דער אימפעריע — צווישן זיי דארימאן, פרודאנס א תלמיד, און א זון פונם פארטריבענעם רעפובליקאנער עמיל אליוויע, וועלכן מען האט אויסגעקליבן דערפאר, ווייל ער האט געזאגט: „איך וועל זיין דאס געשפענסט פון 2טן דעצעמבער". אין א יאר ארום קומען צו נאך צוויי מיטגלידער פון דער אפאזיציע: ערנעסט פיקאר, אן אדוואקאט, וואס איז באוואוסט מיט זיין שארפער צונג, און דאס שיינדל פון דער אדוואקאטור — זשול פאוור, דער געוועזענער פארטיידיקער פון די מורדים אין אין לוי-פיליפס צייטן, א מיטגליד פון דער גרינדונגס-פארזאמלונג פון 48טן יאר, וועלכער האט זיך ערשט דא ניט לאנג קונה-שם געווען מיט זיין פארטיידיקן ארסיני.

דער דורכפאל פון דעם איטאליענער האט אין זיך געהאט זיינע מעלות. די יאנואַרישע באמבעס פון 58טן יאר האבן געשווינט דעם איינציקן קרבן, אין וועלכן זיי זיינען געווען געצילט. דער זעלבער נאפאלעאן דער דריטער, פון וועלכן ארסיני האט געוואלט באפרייען

איטאליע האט זיך גראד ארויסגעוויזן פאר איר גואל. תחילת איז טאקע אנגעקומען די רעאקציע, וואס האט אריינגעשליידערט אין די תפיסות און פארשיקט א נייע חברה רעפובליקאנער, אין עט־לעכע חדשים ארום אבער נאכן קעפן ארסיניז, איז די פראנצויזישע ארמיי שוין געגאנגען קעגן עסטרייך. די געזעלשאפטלעכע מיינונג האט באגריסט די דאזיקע באפרייונגס־מלחמה; די סענט־אנטו־אנישע פארשטאט האט געלויבט דעם קייסער, יעדער נצחון איז געווען פאר אונז אן אמתער יום־טוב, און בעת נאפאלעאן דער III האט זיך אומגעקערט און ניט דערפירט ביזן סוף דעם ענין פון דער איטאליענישער באפרייונג, איז אונז געווען ניט ווייניקער ביטער אויפן הארצן, ווי די איטאליענער.

ער האט געוואלט אונז באהויקן די געמיטער מיט אן אלגע־מיינער אמנעסטיע, וועלכע האט אבער קיין שום האפט ניט געהאט, מחמת דאס רוב קרבנות פון דעצעמבער איז שוין במילא לאנג געווען אויף דער פריי. אין גלות — אין אלזשיר און פראנקרייך — איז בלויז געבליבן אן ערך העכער הונדערט מאן; פון צווישן זיי די מער באוואוסטע: וויקטאר הוגא, ראספייל, לעדרו־ראלען, לוי בלאן, פיער לערו, עדגאר קינע, באנסעל, פעליקס פיא, שעלכער, קלעמאן טאמא, עדמאנד אדאן, עטיען אראגא און אנד. א טייל האבן ליבערשט געוואלט בלייבן אויף אייביק אין דער פרעמד, וואס האט פאר זיי געשאפן א דענקמאל פון גרויסקייט און גע־שאנקען זיי רו. איבעריקנס, וואלט זייער פאליטישע ראלע סיי־ווי־סיי געווען שוין א נישטיקע. בלאנקי האט מען תיכף נאכן באפרייען ווידער ארעסטירט און פארמשפט צו פינף יאר תפיסה, אלס בא־שולדיקטן אין וועלן מאכן א פארשווערונג.

דערווייל האט זיך קעגן דער אימפעריע אויף דער אמת געבילדעט א פארשווערונג. אין א יאר ארום נאך דעם צביעותדיקן שלום־אפמאך מיט עסטרייך, נעמט זיך גאריבאלדי ווידער צו באפרייען איטאליע, זעצט ארויס א דעסאנט אין סיציליע מיט טויזנט מאן חייל, שווימט אריבער דעם דורכגוס, גייט אויף נעאפאל און שענקט דעם 9טן נאוועמבער 1860 וויקטאר עמא־נועלן א נייע שטיק לאנד. נאפאלעאן דער דריטער, וואס האט

געוואלט פארדעקן דעם נעאפאליטאנישן קיניגס צוריקטריט, איז געצוואונגען אפצורופן זיין פלאט. אינגיכן שיקט ער אים קיין מעקסיקע.

שפאניע און ענגלאנד האבן געוואלט אפנעמען זייער חוב ביי פראנקרייך, דאס זעלבע אויך זשעקער, אן אוואנטוריסט פון העכערן שניט, א וואכערער פון דער מיראמאנער רעגירונג, וואס איז אנטלאפן פון הוארעצס גזעצלעכער מאכט. זשעקער האט גע־שלאסן שלום מיטן קייזערס ברודער — מארני — דעם עלעגאנטן אימפרעסאריא פון 2טן דעצעמבער, מיטן פרעזידענט פון פאר־לאמענט און מיטן שעף פון די הויך־געשטעלטע שווינדלער, וואס זיינען רייך געווארן פון די אומצאליקע אונטערנעמונגען פון דער לעצטער צייט. הארטענזיעס צווייטער זון איז איינגעגאנגען אויף דעם געשעפט מיט זשעקערן און זיך אונטערגענומען איינצומאנען דעם חוב מיט דער הילף פון דער פראנצויזישער ארמיי, וואס האט זיך שוין געהאט באפלעקט מיט דער כינעזישער עקספעדיציע. דער גענעראל קוזען מאנטאבאן האט צוגעוויינט בשעת דער עקס־פעדיציע דאס חייל צו גזלה און גענומען אויף זיין חלק א קאליע, וואס ער האט צוגעטראגן אלס מתנה דער קייזערין, וועלכע האט פון איר זייט ווידער אים באשאנקען דערפאר מיטן טיטל גראף פאליקאא.

די דאזיקע פרוי — ניט קיין פראנצויזין, ווי אלע קיניגינס, וואס האבן א חלק אין אונזערע אומגליקן — איז לייכט נוטה צו אוואנטורעס, וואס זיינען צו דער האנט די גייסטלעכע און די מעקסיקאנישע ראיאליסטן, — און וועלכע זיינען פלינק באארבעט געווארן דורך מארני, דעם מעקסיקאנישן ארציבישאף, דורך אל־מאנטן, מיראמאנען, איר מאן, בטבע א טרוימער, געפעלט שטארק דער געדאנק פון אריינגעמען אין זיין מלוכה אויך מעקסיקע, בפרט נאך ווען די פאראייניקטע שטאטן האט דעמאלט צעריסן די מלחמה. יאנואר 1862 מאכן די פראנצויזישע און ענגלישע מילי־טערישע כוחות א דעסאנט אין ווערא־קרוז, וואו די שפאניער האבן שוין געהאט זיי פארלאפן דעם וועג. אינגיכן באמערקט ענגלאנד מיט שפאניע, אז זיי ארבעטן אייגנטלעך לטובת זשעקערן,

זיינען זיי זיך מיישב און גייען אוועק, איבערלאָזנדיק דאָס פראַנ־צויזישע מיליטער אונטער דער אָנפירונג פון לאַראַנסע. רעדט מען דען נים דערפון, אַז אַלמאַנט פירט בלומרשט אונטערהאַנדלונגען, לויט דער הסכמה פון טויִלרי, וועגן דער מעקסיקאַנישער קרוין מיט מאַקסימיליאַנען, דעם עסטרייכישן אימפּעראַטאָרס אַ ברודער? דער מיניסטער ביליאַ לייקנט פרעך שטיין און ביין. אין אַ חודש אַרום זאָגט לאַראַנסע זיך אַרוים לטובת אַלמאַנטן און זאָגט אָן מלחמה דער מעקסיקאַנישער רעפּובליק. דער גענעראַל פאָרע קומט מיט פאַרשטאַרקטע כוחות קיין מעקסיקע; דאָס רייצט אויף די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. די לינקע — עמיל אָליוויע, פּיקאַר, זשול פאַוור — טרעטן אַרוים צו פאַרטיידיקן פראַנקרייך; ביליאַ ענטפערט מיט אַן אויפגעבלאָזענער רעדע.

די געזעלשאַפט רופט זיך סוף־כל־סוף אָן. די באַהאַלטענע אומצופרידנקייט הייבט זיך אָן אַרויסצורייסן. דאָס פאָלק, וואָס איז נאָך געווען אַן עופעלע ביי דער מלוכה־איבערקערעניש, איז איצט שוין געוואָרן רייף. אין פאַריז הייבט אָן צו ברויזן; אין לאַטיינישן קוואַרטאַל וואַקסן די סאַטירישע זשורנאַלן, ווי שוואָמען; סטודענטן און אַרבעטער מאַניפעסטירן צוליב די שחיטות אין פּוילן, וואָס איז העלדיש אויפגעשטאַנען קעגן רוסלאַנד. דאָס קליינבירגערטום איז העכסט־אָפּאָזיציאָנעל געשטימט; אויף די פּאַריזער וואַלן אין מאַי 1863 פאַלן דורך אַלע אָפיציעלע קאַנדידאַטן. אָנשטאָט זיי ווערן אויסגעקליבן די פאַראייניקטע: זשול פאַוור, עמיל אָליוויע, דאַרימאָן, אַרויסגעטראָטענע דעפּוטאַטן; דער פאַרשפּעטיקטער לאַמאַרטיניאַנער אייזשען פּעלטאַן, זשול סימאָן — דער פילאָסאָף־עקלעקטיקער, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער שבועה אין 51טן יאָר און זי געגעבן אין 63טן. דער ליבעראַלער מאָנאַרכיסט גערו, דער וואָלטעריאַניזירנדיקער בורזשואַ אַווען און דער געוועזענער מיניסטער ביי לוי־פיליפּן, דער פירער פון דער אַנטי־רעפּובליקאַנישער קאָאַליציע אין 1848, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך לוי באָנאַפּאַרטן — הער טיער. דעם לעצטן האָט מען אויסגעוויילט צוליב די צרות, וואָס ער קאָן אָנטאָן דער אימ־פּעריע.

צו יענער צייט טרעט ארוים קעגן רעדאקטאר פון דער
צייטונג „לא סיעקל״, אוועז, א דרוקער־ארבעטער בלאן, וועלכער
פאדערט רעכט אויך פאר ארבעטער. מען געפינט דאס איין פאר
א חוצפה און מען רייצט קעגן אים אויף די ארבעטער. די ארבע־
טער זיינען נאך דעמאלט ווייטער פון פאליטיק ניט אוועק. „איך
פייף דערויף, צי כ׳וועל האבן א שטיק קארטאפל, צי א שאל פון
קרויט״ — האט איינער פון זיי א זאג געטאן, בעת מען האט פאר
אים זיך פונאנדערגעקליבן אין פעלטאנס פאדערונגען, — „אבי
דאס פעקל, וואס איך וועל ווארפן אין וואל־קאסטן, זאל שרייען
וועגן מיין אפאזיציע״. מען דארף דאך אבער וויסן, וואסער פעקל
דו האסט בדעה צו ווארפן.

אין עטלעכע חדשים ארום, אין פעברואר 1864, ווערט
באנייט די פאדערונג פון די ארבעטער, אבער דאס מאל איז זי
שוין קלארער. מען האט באדארפט אויסטוישן צוויי דעפוטאטן, וואס
זיינען גלייכצייטיק אויסגעוויילט געווארן אין דער פראווינץ: זשול
פאוורען און אוועגען. זעכציק ארבעטער גיבן ארוים א מאניפעסט,
וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון דעם מינצער טאלען. הגם ער איז
לויט דער פארם זיינער געוועזן זייער צוריקגעהאלטן, איז ער אין
תוך אבער געוועזן העכסט רעוואלוציאנער. „הערן מיטגלידער פון
דער אפאזיציע — זאגן די ארבעטער, — אויב מיר זיינען מסכים
מיט אייער פאליטיק, קומען מיר זיך דען צונויף אין סאציאלער
עקאנאמיע? — מען האלט אין איין חזרן, אז פון יאר 1789 איז ניטא
שוין מער קיין קלאסן, אז אלע פראנצויזן זיינען גלייך לגבי דעם
געזעץ; אבער אונז — וואס פילן יעדע שעה דעם דרוק פונם קא־
פיטאל, וואס זיינען אונטערווארפן באזונדערע דינים — אונז איז
שווער צו גלויבן אין אזעלכע דערקלערונגען... מיר, וואס אונזערע
קינדער פארברענגען זייערע בעסטע יארן אין אן אומגעזונטער,
דעמאראליזירנדיקער אטמאספערע פון פאבריקן און ווארשטאטן,
וואס אונזערע ווייבער זיינען געצוואונגען צו ווארפן די היים, כדי
צו ארבעטן איבער די כוחות, —מיר ערקלערן, אז גלייכהייט הערשט
בלויז אין די געשריבענע געזעצן, אבער ניט אין לעבן. אבער —
ענטפערט מען אונז — קענען דען ניט אייערע דעפוטאטן פאדערן

אָנשטאָט אייך רעפאָרמעס און נאָך בעסער אפילו פון אייך?...
דערויף ענטפערן מיר: ניין! מיר האָבן ניט אונזערע פאָרשטייער, מחמת דאָ ניט=לאַנג האָט אין פארלאַמענט זיך קיין איינער ניט געפונען, וואָס זאָל פאַרטיידיקן אונזערע פאַרלאַנגען, שטרעבונגען און רעכט, אַזוי ווי מיר פאַרשטייען עס; מיר האָבן ניט קיין פאָרשטייער, וואָס זאָלן זיך אָפּזאָגן צו גלויבן אין דעם, אַז דלות קומט ניט מן השמים! מיר האָבן ניט אונזערע פאָרשטייער, וואָרעם קיינער האָט ניט געזאָגט, אַז דער גייסט פון אַנטאַגאָניזם ווערט פון טאָג צו טאָג אין די אַרבעטער=קלאַסן שוואַכער. מיר האַלטן, אַז נאָך צוועלף יאָר שווייגן, איז סוף=כל=סוף געקומען אונזער צייט... אין 1848 האָבן די אַרבעטער=וואַלן פעסטגעשטעלט פּאָליטישע גלייכהייט; אין 1864 וואָלט מען געמעגט געבן סאָציאַלע גלייכהייט".

אַ סך וואָסער איז שוין אָפּגעפלאָסן פון 1848 יאָר אָן, בעת דער פּראָלעטאַריאַט האָט געקעמפט מיט דער בורזשואַזיע מיט אירע אייגענע אַרגומענטן גופא. אין 1863 האָט ער זיך געשטעלט אויף גאָר אַן אַנדער פּרינציפּ, אויף זיין אייגענעם — אויף עקאָנאָמישע רעכט. ניט קוקנדיק אויפן ווייכן לשון, איז דער מאַניפעסט דאָך געווען אַ גאַנצע רעוואָלוציע.

די „זעכציק" זיינען גערעכט געווען, בעת זיי האָבן געזאָגט, אַז די אַרבעטער געפינען זיך מחוץ דעם געזעץ; בעת פאַראיאָרן האָבן אַרבעטער פון עטלעכע פאַבריקן געמאַכט אַ שטרייק, — האָט מען זיי דערפאַר געמשפּט, ווי פאַר אַ פאַרברעך קעגן געזעץ וועגן קאָאַליציעס. דאָך האָט מען דעם מאַניפעסט באַגעגנט גאַנץ פיינדלעך. אויף די אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון קלאַס זייערן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן ניט בלויז די פּרעסע, נאָר אויך אַכציק אַנדערע אַרבעטער, וואָס האָבן אויך אַרויסגעלאָזט זייערס אַ מאַניפעסט: זיי האָבן באַשולדיקט די חברים זייערע אין דערוועקן די סאָציאַלע פראַגע ניט אין דער רעכטער צייט, און וועלן זייען שנאה און אין וועלן מחיה=מתים=זיין דעם אַלטן אופן פון איינטיילן די געזעלשאַפטלעכע קאַסטעס.

די גרופע פון די „זעכציק" האט ארויסגעשטעלט טאלענט קאנדידאטור, וואס זיינע אנשויונגען האבן געפונען שטיצע מצד דעלעקלוז, דעם געוועזענעם גענעראל־סעקרעטאר פון דער רע־פובליק, וועלכער איז צוויי מאל שוין געהאט געווען פארמשפט: אין 1852 און 1858. זיין קאנדידאטור האבן בסך־הכל געשטיצט 424 שטימען קעגן 14,807, וואס עס האט באקומען גארניע־פא־זשעס, דאזיקע מיאוסע מפיל־קינד פון דער ציטוויילעיקער רעגירונג פון 1848.

די שטים פון די „זעכציק" איז אבער ניט געגאנגען לאיבוד. די לינקע דעפוטאטן האבן געפאדערט מבטל צו מאכן דאס געזעץ וועגן פאראיינען. די אימפעריע האט מסכים געווען עס אפצושאפן און עמיל אליוויע, וואס האט זיך ניט באנוגנט מיט דער ראלע פון א שטום געשפענסט, האט זיך אונטערגענומען צו שטיצן דעם פראיעקט פון דער רעגירונג. דער פראיעקט איז געווארן זייער קונציק צונויפגעשטעלט: ערלויבט שטרייקן און ניט ערלויבט דערביי קיין פאראיינען. דאך האט די ארבעטער, אדאנק דעם נייעם געזעץ, זיך איינגעגעבן צו דערשלאגן דאס פארקלענערן דעם ארבעטס־טאג און שאפן עטלעכע ארבעטער־געזעלשאפטן: פון בראנזירער, גאלדשמידן, סטאלערס, טאפעצירער.

דעם 28 סעפטעמבער איז דורך דער גאנצער וועלט דורכגעגאנגען א גרויס ווארט, וואס איז געווען א סך מעכטיקער, ווי דער מאניפעסט פון די „זעכציק": „די באפרייונג פון די ארבעטער דארף זיין אן ענין פון די ארבעטער גופא". דער דאזיקער לאזונג איז געגאנגען פון לאנדאן, פון סט. מארטין האל, וואו עס האבן זיך צונויפגעזאמלט ארבעטער פון כלערליי פעלקער פון אייראפע. שוין עטלעכע יאר, ווי עס האט זיך באמערקט א תשוקה צום פאראייניקן זיך, אינגאנצן צייטיק איז דער געדאנק אבער געווארן ערשט אין יאר 1862, בעת די דעלעגאטן פון די פראנצויזישע ארבעטער האבן זיך צונויפגעטראפן פנים־אל־פנים אויף דער אלוועלטלעכער אויס־שטעלונג אין לאנדאן מיט די ענגלישע טרעד־יוניאנען. דעמאלט האט מען דאס ערשטע מאל געהאלטן א טאסט „פאר דעם קומענ־דיקן פאראיין פון די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט!" אין 1863

איז אויף א מיטינג פון מיטגעפיל פאר פוילן אין סען=דזשעמס נולד געווארן דער געדאנק וועגן א צוזאמענפאר. אין פראנקרייך האבן זיך צו דעם ענין געגומען טאלען, פעראשאן און לימוזען; די ענגלענדער פון זייער זייט האבן זיך אויך משתדל געווען וועגן צונויפרופן דעם צוזאמענפאר. אין 1864 האט אייראפע צום ערשטן מאל דערזען דעם קאנגרעס פון די פאראייניקטע שטאטן פון ארבעט. אויף דעם דאזיקן אומגעוויינלעכן צוזאמענפאר איז ניט געווען קיין איין פאליטישער טוער; קיין איינער פון זיי האט ניט אנטייל גענומען אויך אין דעם שאפן דאס דאזיקע גרויסע ווערק. אלס יסוד איז געלייגט געווארן די איידעלע אידעע פון קארל מארקס — דעם דאזיקן וואונדערלעכן פארשער, וואס האט צו דער סאציאלער וויסנשאפט אנגעווענדט שפינאזעס מעטאד. מען האט באשלאסן א נאמען צו געבן דער פאראייניקונג אינטער=נאציאנאל, שאפן א קאמיסיע, וואס זאל אויסארבעטן תקנות, איינ=ארדענען דעם גענעראל=ראט אין לאנדאן, דעם איינציקן זיכערן מקום=מקלט, באשטימען דעם צווייטן צוזאמענפאר אויפן יאר 1865. אין א חודש ארום זיינען די תקנות געווארן פארעפנטלעכט און די דעלעגאטן פון דער פראנצויזישער אפטיילונג פון אינטער=נאציאנאל מיט טאלענען און לימוזענען בראש האבן געעפנט א פראנצויזיש ביורא אויף דער גראווילע=גאס — אין דעם דאזיקן הארץ פון רעוואלוציע.

אנהייב 1865 איז געשטארבן פרודאן, וועלכער האט באוויזן תופס צו זיין און באשרייבן די דאזיקע נייע וועלט: די ארבעטער האבן אים געמאכט א פייערלעכע לוויה. אין א חודש ארום האט מען אויף די בולווארן געשריען „פים" בעת דער פראכטפולער לוויה פון קייזערס ברודער — מארני, וואס זיין טויט האט גע=שטעלט אין זייער א שווערער לאגע זיין שותף — זשעקער.

דעם 3טן יולי 1863 איז גענעראל פארע ארויין קיין מעקסיקע; צוויי הונדערט נאטאבלען, וואס זיינען אויסגעקליבן געווארן דורך אלמאנטן, האבן אפגעגעבן דעם טראן מאקסימיליאן דעם עסט=רייכישן. דא האבן זיך פאר אלעמען געעפנט די אויגן. די לינקע מאכן אנפראגן, באווייזן מיט כלערליי ראיות, אז די עקספעדיציע קאסט

אפּ אַ קיימאַ=לן פון 14 מיליאָן אַ חודש, אַז מען האַלט אין מעק=
סיקע 40,000 זעלנער, בשעת דער גרויספירשט איז נאָך ניט אָפּ=
געפאָרן און ס'איז נאָך צייט צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער מעק=
סיקאַנישער רעפּובליק. דער מיניסטער, וואָס האָט פאַרביטן בוליאָן,
אַ הייסער רעפּובליקאַנער פון 1848, איצט אַ באַגייסטערטער
אימפּעריאַליסט, שרייט אויס מעשה=נביא: „די געשיכטע וועט
באַצייכענען אַלס געניאַלן דעם מענטשן, וואָס האָט געוואַגט צו
אַנטפּלעקן די קוואַלן פון אַ ניי בליען פאַר דער נאַציע, בראש פון
וועלכע ער איז געשטאַנען". און אַ באַדייטנדע מערהייט, פּונקט
אַזאַ כאַמישע אין 1864, ווי זי איז געווען אין 1863, כמעט
פון די זעלבע לייט ווי דעמאָלט, שטימט פאַר פירן ווייטער
מלחמה. געשטיצט דורך דער אָפּשטימונג און פאַרזעען מיט
אַ מאַנדאַט, וואָס איז געחתמעט פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, וועל=
כער האָט אים נאָך צוגעאײַלט צום ענין, נעמט מאַקסימיליאַן אָן די
קרוין און פאַרנעמט מעקסיקע צוזאַמען מיט באַזענען, וואָס האָט
פאַרביטן פאָרען. די מעקסיקאַנישע פּאַטריאָטן אָבער, פּונקט ווי די
שפּאַניער אין 1808, הייבן אָן אַ פּאַרטיזאַנישע מלחמה קעגן נאַ=
פּאָלעאָן דעם ערשטנס פלימעניק: מען פאַלט אָן אויף אונזערע חיילות,
מען שטערט זיי אויף כלערליי אופנים. באַזען אָרגאַניזירט מחנות
קאָנטר=געריליאַסן און נעמט רויבן, חרוב מאַכן שטעט, בדלות
שטעלן פּריוואַטע מענטשן און גיט אַרויס אַ באַפעל זיינע קאָרפּוס=
גענעראַלן קיינעם ניט צו נעמען אין געפענגעניש, נאָר אַלעמען אָן
שום רחמנות דערשיסן, — דאָס אַלץ ווערט געטאָן אין נאָמען פון
פראַנקרייך און דער נייער אימפּעריע. די אַלע אכזריות רופן
אַרויס גרויס פאַרדרוס ביי דער וואַשינגטאָנער רעגירונג; זיי דע=
כּאַראַליזירן אויף אַזוי ווייט דאָס מיליטער, אַז דער מאַרקיז
גאַליפע אַליין באַקלאָגט זיך שוין דערויף. דער דאָזיקער באַרימטער
און קלוגיטשקער פאַרשוין, פון וועלכן די אַקטריסעס האָבן געמאַכט
אַ תל און וועלכער האָט זיך אַ צייט געפונען ביי זיי אויף קעסט, איז
שפּעטער אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי און איז ווידער עולה
לגדולה געוואָרן אַדאַנק זיינס זייער אַ גוטן שידוך. מעקסיקע איז
דערווייל מוכּה פראַנקרייך בלויז מיט בר=מיננס; מאַקסימיליאַן

פאַדערט אַ קרעדיט פון 250 מיליאָן פראַנק. די לינקע דעפּוטאַטן דערמאָנען ווייטער אָן אַלע מוראַדיקע מעשים פון דער אַוואַנטורע, רוע מאַכט אָבער פון דעם אַלעם חוכא־וטלולא און באַציט זיך דערצו מיט פאַראַכטונג: „די מעקסיקאַנישע עקספּעדיציע — דאָס איז די גרעסטע אידעע פון דעם רעגירן; פראַנקרייך האָט זיך דערמיט דערוואָרבן אַ ניי גרויס לאַנד פאַר אירע קאָלאָניעס". די מאַמע־לוקן אַפּלאָדירן. די מעקסיקאַנישע הלוואה איז מאָראַליש באַוואָרנט און ווערט געחתמעט דורך פאַרזיכטיקע באַנקירן. עס בלייבט בלויז איבער צו באַשטעטיקן דעם ביודזשעט פון דער עקספּעדיציע — זיי אַנטשליסן זיך ניט אַרויסצוזאָגן מלחמה — 330 מיליאָן אויף שכירות און אויסהאַלטן דאָס מיליטער. די עקסט־לינקע פּראָטעס־טירן, מען לאַכט זיי אָבער ווידער אויס.

די גאַס אַפּלאָדירט. אין אַפּריל מאַכן אָנדערטהאַלבן טויזנט סטודענטן, וואָס ווערן מוראַדיק געשלאָגן דורך דער פּאָליציי, אַ דעמאָנסטראַציע פאַרן בנין פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע לכבוד דעם פּרעזידענט לינקאָלן, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן דורך די קנעכט־אייגנטימער. אין יוני ברעכן אין פּאַריז אויס גרויסע שטרייקן. בעת די וואַלן צו די שטאַטראַטן אין יולי הייבט די פּראָווינץ, וואָס איז ביז אַהער געווען געטריי דער אימפּעריע, ביסלעכווייז אויך אָן אויפצוּוואַכן. „מיר וועלן צעשטערן דעם געץ!" — שרייט אויס דער דעצענטראַליזירונגס־קאָמיטעט אין נאַנסי, וואו אין איין ריי מיט די בירגער זשול סימאָן, אייזשען פּעלטאַן, זיצן די הערן דע־פאַלו, דע־בראָלי, גיזאָ און אַנדערע געצן־באַקעמפער. אין סעפּטעמבער לאָזט זיך הערן פון די שפּאַלטן פון „סיעקל" אַ מאָדנער הימן: „עפּעס אַ גרויסע זאַך הייבט אָן קומען אויף דער וועלט. מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז דער גייסט פון טויט, וואָס האָט חרוב געמאַכט אונזער געזעלשאַפט, האָט ניט דערגרייכט אָבער אין זיינע טיפענישן, האָט ניט אָנגערירט די פאָלקס־נשמה. און די קוואַלן פון לעבן האָבן אין איר ניט אויפ־געהערט צו שלאָגן. אונזער געהער איז אָבער אויך ניט געווינט צו אַזעלכע רייד; זיי האָבן געצוואונגען אונז אויפצוציטערן ביז דער טיפעניש פון דער נשמה". אַזוי זאָגט נביאות אַנרי מאַרטען, דער

מחבר פון דער קלאסישער, באַרימטער „געשיכטע פון פראנקרייך"; די דאָזיקע גרויסע ווערטער — זיינען דער מאַניפעסט פונם אינ־טערנאַציאָנאל, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אויף דער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן: „היות די ארבעטער־באַפרייונג דאַרף זיין אַן ענין פון די אַרבעטער גופא, און די כוחות פון די אַרבעטער דאַרפן זיין געווענדט אין דער ריכטונג פון ארויסגעבן געזעצן און פליכטן, וואָס זאָלן זיין פאר אַלעמען גלייך און מבטל מאַכן די הערשאַפט פון באַזונדערע קלאַסן... היות דאָס באַפרייען די אַרבעט איז נים עפּעס אַ לאָקאַלע, נאַציאָנאַלע, נאָר אַ סאָציאַלע אויפגאַבע, וואָס נעמט ארום אַלע לענדער... זיינען זיי מודיע, אַז די אינטער־נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג, צוזאַמען מיט אַלע געזעלשאַפטן און יחידים, וואָס שטייען צו צו זיי, — וועט אַלס יסוד פון איר באַ־ציִונג צו אַלע מענטשן אַוועקלייגן די פּרינציפּן פון אמת, יושר, מאָראַל און וועט זיך ניט רעכענען מיט דעם חילוק פון הויט־קאָליר, אמונה און נאַציאָנאַליטעט. זיי האַלטן פאַר זייער חוב צו פּראָקלאַמירן פאַר אַלעמען די רעכט פון מענטש און בירגער". די גרויסע אייראָפּעיִשע צייטונגען ריידן אינם גייסט פון אַנרי מאַרטען. אַדאַנק זיי טרעט דער אינטערנאַציאָנאַל ארויס אַלס אַנערקענטע קראַפט, וואָס לגבי אים ווערט אָפּגערוקט אַן אַ זייט דער אינ־טערנאַציאָנאַלער סטודענטן־קאָנגרעס אין ליעזש. עס האָט זיך דערויף אָפּגערופן בלויז דער לאַטיינישער קוואַרטאַל, וואָס איז דאָרט רעפּרעזענטירט דורך אַלבערן, רעניאַרן, זשערמען קאַסן, זשאַקלאַרן א. א., וועלכע האָבן ארויסגעהאַנגען אַ שוואַרצע פאָן, די איינציקע, ווי זיי האָבן געזאָגט, וואָס פּאַסט פאַר פראַנקרייך אין די אָבל־טעג נאָך דער פרייהייט. נאָך זייער צוריקקומען זיינען זיי געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער פאַריזער אַקאַדעמיע. דער לאַטיינישער קוואַרטאַל האָט זיך עס גענומען אין זין אַריין און בעת דער קייזער האָט איינמאָל אין אַ מערץ־אָוונט פון 1866 באַזוכט דעם אָדעאָן, איז אים געמאַכט געוואָרן אַ מאַניפעסטאַציע; דורך דער מאַניפעסטאַציע האָבן זיי זיך אויך געוואָלט נוקם זיין פאַר דעם חרוב מאַכן דעם לוקסעמבורגישן פּאַרק.

אין דער זעלבער צייט לאָזט זיך הערן אַ געמורמל אין בורבאָנישן פּאַלאַץ. ניט געקוקט אויף די געפעלשטע וואַלן, האָט זיך עטלעכע אומאָפּהענגיקע מענטשן, זייער רייכע, אָדער וואָס האָבן גרויסע השפּעות אין דער פּראָווינץ, איינגעגעבן דורכצוקריכן דורך די אַדמיניסטראַטיווע שפּעלטלעך אין פּאַרלאַמענט אַריין. הגם זיי שטימען פאַר טויִלרי, דאָך קענען זיי זיך ניט באַציען צו דער רעגירונג מיט אַבסאָלוטן צוטרוי און פינף־און־פערציק פון זיי פאָדערן לכל־הפּחות ברעקלעך פרייהייט. רוע איז אומצופרידן און די גרופּע פון פינף־און־פערציק, וואָס האָט צונויפגעקליבן 63 שטימען, טרעט אָפּ און שטעלט צונויף אַן אַדרעס, וועלכן דער פּאַרלאַמענט לייגט אַוועק אונטערטעניק צו די פיס פון דעם קייזער.

בלויז איין מלוכה־קראַפט האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון איר מאַכט. „Do ut des“. — דאָס איז דער דעוויז פון דער קירך. די גלחים האָבן אויפגענומען לוי־נאַפּאָלעאָנען בלויז בתּנאַי, אַז זייערע הכנסות זאָלן ווערן פאַרטאָפּלט. אַלס פּרעזידענט האָט ער אָפּגעצאָלט די גלחים מיט דער רוימישער עקספּעדיציע פון 1849, מיט פאַלוס געזעץ וועגן לערנען, מיט דעם פאַרשטאַרקן כּלערליי רעליגיעזע פאַראיינען, אָרדנס, די יעזויִטן. בעת ער איז געוואָרן קייזער, האָט ער אָנגענומען די לערע פון די אולטראַ־מאָנטאַנער, געשטיצט די פאַרמערונג פון די וואונדערלעכע בילדער פון דער מאַדאָנע, די פאַרשפּרייטונג פון דער לערע וועגן דעם הייליקן טראָגן און וועגן דער כּלומרשטער דאָגמע, אַז רוים — איז דער ראש פון די קאַטוילן. די איטאַליענישע מלחמה, גאַרי־באַלדיס עקספּעדיציע, די מפּלה פון די פּויפּסטלעכע חיילות, דאָס פּאַראייניקן נעאַפּאָל, — דאָס אַלץ האָט אַריינגעטריבן דעם פּויפּסט אין גרויס כּעס. ער האָט אין אַלעם באַשולדיקט נאַפּאָלעאָן דעם דריטן; די בישאָפן האָבן אים אָקאָמפּאַנירט. זיי האָבן דעם קייזער שוין ניט אָנגערופן „קאָנסטאַנטין“, נאָר „יהודה איש קריות“. נאַפּאָלעאָן דער דריטער וואָגט ניט זיי צו פאַרפאָלגן; חוצדעם, מוז ער זיך רעכענען מיט זיין ווייב. אויב ער האַלט נאָך בעל־כּרחו זיך ביי די גלחים אַלס אַליאַנטן, האָט זי זיי ליב, אַלס איבערגעגע־בענע תּלמידה זייערע. דער פּויפּסט — איר זונס טויפפאָטער,

האָט איר געשיקט אַ גאָלדענע רויז, וואָס איז באַשטימט פאַר וואוילטעטיקע קייזערינס. דער אָפּמאַך מיט דעם איטאַליענישן קיניגרייך, וואָס האָט אָפּגעלייגט דעם ארויסגאַנג פון פראַנצויזישן מיליטער פון רוים, האָט די גייסטלעכע פּשוט אריינגעטריבן אין אַ משוגעת.

דער פּויפּסט האָט געענטפערט מיט אַן ענקציקליקע צוזאַמען מיט אַ סילאַבוס*, אין וועלכע ער האָט געטאַדלט דעם גייסט און די מעשים פון דער צייט. קעגן דער רעגירונג האָבן די בישאָפן פאַרעפנטלעכט דעם באַליידיקנדיקן סילאַבוס; דער פּויפּסט האָט עס באַשטעטיקט. די בישאָפישע שטעקנס האָבן אַזוי שטאַרק געדראָט, אַז דער זעלבער מיניסטער, וואָס האָט, לויט דער קייזערינס און די גלחימס באַפעל, אָפּגענומען ביי רענאַנען די קאַטעדרע דערפאַר, ווייל ער האָט ישוע־הנוצרי אָנגערופן אומגעוויינלעכער מענטש, האָט איצט געהאַלטן אַ שאַרפע רעדע קעגן דעם סילאַבוס. איין סענאַטאָר האָט אַנטדעקט, אַז אין 1856 האָבן די באַשטעטיקטע רעליגיעזע חברות געהאַט 65,000 מאַן מיט אומבאַוועגלעכע גיטער אויף 260 מיליאָן; ניט ווייניקער האָבן פאַרמאָגט די ניט־ערלויבטע חברות. ווי די סומע איז עס געשטיגן אין משך פון צען יאָר! דער קאַרדינאַל באָנעשאָז האָט קוים זיך באַמיט צו פאַרטרייבן אַ ביסל דעם רעיון פונם סילאַבוס און ניט געקווענקלט זיך צו זאָגן, אַז די חברות האָבן אייגנטלעך נאָר חובות. רוע האָט זיך אונטערגעגעבן, מחמת מורא פאַר דער קירך, וועלכע איז, ניט קוקנדיק אויף איר טבע צו חנפענען, גרייט געווען, ווי איין מענטש, אינם קאַמף פאַר דער מאַכט צו גיין איצט קעגן דער אימפּעריע.

די אימפּעריע איז סוף־כל־סוף צוגעקומען צו איר טויטן פונקט. זי האָט ניט געגעבן פראַנקרייך קיין איין אידעע; די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס זיינען געווען פאַר איר גינסטיק,

* סילאַבוס — אַ רשימה פון אַלע לערעס און מעשים, וואָס זיינען געלייגט געוואָרן אין חרם אריין דורכן פּויפּסט.

זיינען שוין מער ניטאָ. זי האָט שוין ניט מער קיין שום לעבנס־מיטלען און איז פאַר אייראָפּע בלויז אַ מיליטערישע קראַפט, אַ לאַנד, וואָס רופט אַרויס קאָנקורענץ ביי אַלע אַנדערע לענדער. אַחוצדעם, הייבט אָן די זריעה פון שנאה, וואָס איז פּאַרזייט געוואָרן פון איטאַליע, אומעטום אויפצוגיין. דייטשלאַנד, פּונקט ווי דער האַלב־אינזל, שטרעבן צו פאַראייניקונג. אַלע מלוכות לייגן איר פאַר זייער מיטהילף. עסטרייך, הגם עס איז ניט פעיק אויפצולעבן צוליב זיין אַלטקייט, נעמט דאָך די אייבערהאַנט און בעת נאַפּאָלעאָן דער דריטער פּאָרעט זיך אַרום מיט מעקסיקע, רופט עס צונויף אין 1863 אַ צוזאַמענפאַר פון די בונד־פירשטן אין פראַנקפורט. פּרייסן, זיין קאָנקורענטין, וואָס שפּילט אויף ליבעראַליזם, קומט אינגאַנצן ניט, די אינטריגעס פון סיים רופן אָבער אַרויס אַ פּוסטע מחלוקת, וואָס איז גורם, אַז פּרייסן און עסטרייך זאָלן האָבן פּרעטענזיעס אויף די פירשטנטומס — שלעזינג און האָלשטין, וועלכע זיינען אונטערגעוואָרפן דענעמאַרק. די פראַנצויזישע פּרעסע פּראָטעסטירט, די בערלינער ציימונגען ענטפערן אָבער מיט אַ גראָב געשריי: „פראַנקרייך האָט מורא, אַז דייטשלאַנד זאָל ניט ווערן די מעכטיקסטע מלוכה אויף דער וועלט. דאָס איז פּרייסנס שליחות — צו שאַפן די דייטשע איינהייט". פּרייסן באַהאַלט שוין ניט מער איר שליחות, בעת ביסמאַרק קומט קיין ביאַריץ פאָדערן פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן פראַנקרייכס נייטראַליטעט אין דער מלחמה קעגן עסטרייך. זי דערגרייכט איר ציל, אין 1866 דערשלאָגט זי זיך, אַז דער סיכסוך ווערט אומפאַרמיידלעך, אין מערץ פאַררופט זי זיך אויף עסטרייכס גרייטקייט צום קאַמף און אין אַפּריל שרייבט זי אונטער אַ פרידנשאַפטלעכן אָפּמאַך מיט איטאַליע מיט דער הסכמה פון אימפּעראַטאָר. ערב די פיינדלעכע אָפּעראַציעס, דעם 11 יוני, לייגט נאַפּאָלעאָן דער דריטער פאַר דעם פּאַרלאַמענט די דאָזיקע אומגליקלעכע פּאָליטיק. דער פּאַרלאַמענט נעמט זי אָן מיט אַ מערהייט פון 239 שטימען קעגן 11. דער טויטער פּונקט איז אַריבערגעשפּרייזט, דער אימפּעריע בלייבט איבער שנעל זיך צו קייקלען איבער אַ משופּעדיקן וועג.

דעם 3טן יולי 1866 איז עסטרייך געוואָרן צעקלאַפּט ביי סאַדאָווע. ניט געקוקט אויף די נצחונות אין איטאַליע, איז איר מפּלה געווען אומפאַרמיידלעך. זי האָט אָפּגעגעבן ווענעציע, זיך אָפּגעטראָגן פון דייטשלאַנד, כּדי אָפּצוטרעטן דאָס אָרט פּרייסן, וואָס איז געוואָרן פאַרברייטערט, רייך, אָן ערשטקלאַסיקע מיליטערישע קראַפט, בראָש פון אַ גרויסן לייבלעכן אַליאַנס. נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט געפּרווּוט אַ רייד טאָן וועגן טעריטאָריאַלער פאַרגיטיקונג, ביסמאַרק האָט אַלס תשובה אָנגעוויזן אויף דייטשלאַנד, וואָס איז גרייט געווען אויפצושטיין, ווי איין מענטש. נאַפּאָלעאָן האָט געגלויבט: מען האָט אים געזאָגט, אַז די פראַנצויזישע אַרמיי איז אויסגעמאַטערט פון פּרייסנס נצחונות און איז ניט צוגעגרייט צו קעמפן קעגן איר. אין פיר יאָר אַרום האָט ער ניט געוואַקלט זיך צו שיקן די זעלבע אַרמיי קעגן פּרייסן, וואָס האָט פאַרצענפאַכט אירע כּוחות.

אָן אַ פּרעסע, וואָס זאָל אויפקלערן די אמתע לאַגע, האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק, וואָס איז תּמיד געווען פול מיט מיטגעפיל צו איטאַליע און שנאה צו דעם אַבסאָלוטיסטישן עסטרייך, ניט געזען פאַר זיך קיין סכנה; עטלעכע מומחהס האָבן זי בולט בעשילדערט אין פאַרלאַמענט. קיינער האָט זיי אָבער ניט געוואָלט הערן: 219 שטימען קעגן 45 האָבן דערקלערט, אַז פראַנקרייך פילט זיך לחלוטין ניט באַליידיקט און דריקט אויס איר צוטרוי. זיי האָבן געהאַלטן דאָס נייטראַליזירן לוקסעמבורג פאַר אַ נצחון. דאָס פאָלק האָט געמיינט, אַז קיין מלחמה וועט שוין ניט זיין. אויף דעם מאַניפעסט פון די סטודענטן פון עלזאַס-לאָטאַרינגיע, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן די נאַציאָנאַלע מחלוקת און מלחמות, האָבן די בערלינער סטודענטן געענטפערט מיט אַ פּראָטעסט קעגן דעם נייטראַליזירן. אַזוי האָט געוויזן איר פּרצוף די יונגע פּרייסישע בורזשואַזיע. איר רעגירונג האָט פאַרבאָטן די פּאַטריאָטן יעדע באַציִונג מיטן אינטערנאַציאָנאַל.

ווייט פון מלחמה-גערויש, האָט זיך דער אינטערנאַציאָנאַל צונויפגעזאַמלט אין זשענעווע דעם 3טן סעפּטעמבער 1866, אין

עטלעכע וואָכן אַרום נאָך סאַדאָווע, אויף זיין ערשטן אַלגעמיינעם קאָנגרעס. זעכציק דעלעגאַטן, וואָס האָבן געהאַט געזעצלעכע מאַנדאַטן, זיינען אַרויסגעטראָטן אַלס פאָרשטייער פון הונדערטער אָנהענגער זייערע. „דאָס פאָלק וויל שוין מער ניט בלינד קעמפן, כּדי אָנשטאָט איין טיראַן אַרויפצוזעצן אַ צווייטן" — ווערט געזאָגט אינם רעפעראַט פון די פראַנצויזישע דעלעגאַטן; „די אַרבעט האָט בּדעה צו דערווערבן זיך איר אָרט בלויז מיט די אייגענע כּוחות, אָן שום מיטהילף פון די אַלע, וואָס האָבן ביז איצט זי פאַרקנעכט און צו וועלכע די אַרבעט האָט זיך צייטנווייז גוטוויליק אונטערגעוואָרפן"; אויף דער פייערונג נאָכן קאָנגרעס האָט די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַל געפלאַטערט העכער פון אַלע נאַציאָנאַלע פענער; אויף איר איז געווען דער דעוויז, וואָס איז געווען געדרוקט מיט ווייסע אותיות: „ס'איז ניטאָ קיין זכיות אָן פליכטן און ס'זיינען ניטאָ קיין פליכטן אָן רעכט". די ענגלישע דעלעגאַטן האָט מען אונטערזוכט ביי זייער דורכפאָרן פראַנקרייך; די פראַנצויזישע דעלעגאַטן האָבן אָנגענומען מיטלען פון פאָרזיכט. תּיכּף נאָך זייער צוריקקומען האָבן זיי באַנייט די פּראָפּאַגאַנדע און אין פעברואַר 1863 האָבן זיי פאָרגעלייגט זייער מיטהילף אינם שטרייק פון די בראָנזירער. דער מינצער טײַס און עטלעכע אַנדערע מיטגלידער פון דער שטרייק־קאָמיסיע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם אינטערנאַציאָנאַל, אַנדערע ווידער האָבן זיך באַצויגן צו אים גלייכגילטיק, אַ טייל ווידער — פּשוט פיינדלעך. מען איז אַוועק קיין לאָנדאָן, און די טרעד־יוניאָנען האָבן אַסיגנירט 2500 פראַנק; דאָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז די באַלעבאַטים האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן. דער פּאָליציי־פּרעפעקט האָט אויסגעדריקט זיין הסכּמה דער קאָמיסיע פאַר דער גוטער אויפפירונג פון די שטרייקער; ער האָט ערלויבט גרויסע פאַרזאַמלונגען; די רעגירונג האָט דערמיט געוואָלט אָנלערנען די בּרויזנדיקע בורזשואַ און אונטערשטרייכן דעם חילוק צווישן דעם אינטערנאַציאָנאַל און דער יונגער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע.

די לעצטע האָט שלעכט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די געשלאָסענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך באַצויגן מיט גרויס

חשד צו זייער נעגירן די פאליטיק און באשולדיקט זיי אין אונ-טערשטיצן די אימפעריע.

אין דער גרופע זיינען געווען א טייל רעוואלוציאנערן, וואס זיינען דערצויגן געווארן אין בלאנקס גייסט און די אגיטאטארן פון אמאליקער צייט. זיי האבן געגלויבט, אז דער דלות וועט ברענגען די גאולה פאר דער מענטשהייט. צווישן זיי זיינען געווען היץ-קעפ, מענטשן, וואס האבן געהאט מעלות; אזוי, למשל, אדוואקאט פראטא, דער רייכער סטודענט טרידאן, וואס איז געווען שטארק בארימט מיט זיינע „העבערטיסטן". זיי אלע זיינען אוועק אויף דעם זשענעווער קאנגרעס, כדי צו באשולדיקן די ארבעטער, אז זיי זיינען בוגדים פון דער רעוואלוציע. דעמאלט האבן די דעלעגאטן, וואס זיי האבן .זיי אזוי שלעכט פארשטאנען, דערזען אין די דאזיקע בורזשואזע בנים בלויז א יינגערן דור פון זייערע פאטערס. זיי האבן זיי באשולדיקט אין ניט קענען דעם אלף-בית פון ארבעטס-באציונגען און זיי אפגעשטויסן פון זיך בחינם. דאס דור איז געווען א בעסערס; זיי האבן אין זייערע צייטונגען פון לאטיי-נישן קווארטאל ניט אפגעטיילט זיך פונם פראלעטאריאט אין דעם געמיינזאמען קאמף מיט דער אימפעריע. ביי דער ריכטונג האבן זיך געהאלטן, למשל, „דער פרייער געדאנק" פון ערן, דעם פיזיאלאג פלוראנס זון, וואס האט געקעמפט פאר קריטס אומ-אפהענגיקייט; „La Rive gauche", וואו לאנגע האט געדרוקט: „די דינאסטיע לאפאלים" און ראזשאר זיין „Les Propos des Labierus".

די פאליציי האט געמאכט אפטע אבלאוועס אויף זייערע רעדאק-ציעס, פארפאלגט די קלענסטע פארזאמלונגען; זי האט באשאפן א גאנצן פראצעס וועגן א פאליטישער פארשווערונג צוליב דעם, וואס אין קאפע „רענעסאנס" איז איבערגעלייענט געווארן אן אדרעס, וועלכער האט אנטהאלטן אין זיך אן אויפרוף פון אזא רעוואלו-ציאנער מיט א שם, ווי פעליקס פיא. ער האט פון לאנדאן איינגע-לאדן סטודענטן צו בויען באריקאדן: „אייערע פאטערס זיינען ניט גע-פארן קיין ליעזש, זיי האבן פאר זייער קאמף-פלאץ געמאכט סען-מערי".

ווי אלטע אויסגעדראשענע פלוידערייען האבן געקלונגען די ווערטער ערב דער אלוועלטלעכער אויסשטעלונג, וואס פאריז

האט איינגעאָרדנט לכבוד און צו פאַרווײלן די אויסלענדישע קייזאָרים. פאר ביסמאַרקן איז עס געווען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו מאכן דעם לעצטן איבערבליק איבער דער לאגע און איבער די אימפעריע־לייט; דער באַזיגער פון עסטרייך פאָן־מאָלטקע האט רויק באַטראַכט אונזערע פעסטונגען; זיינע אָפיצירן האָבן גע־טרונקען פאר דעם איינגעמען פאריז. דער האָטעל פון איירָאָפּע — אזוי האט עס אָנגערופן די פירשטין מעטערניך — האט אומגע־ווײנלעך אַמיזירט די אַלע הויכגעשטעלטע לייט. דער יום־טוב איז געוואָרן אַ ביסל געשטערט דורך דער באָמבע, וואָס דער פּוילישער עמיגראַנט בערעזאָווסקי האט געוואָרפן אויף דעם צאַר, און דורך דעם שאַרפן ווינט, וואָס האט אַ בלאָז געטאָן פון מעקסיקע.

דער אימפעראַטאָר מאַקסימיליאן, וועלכן זיין קייזערלעכער אַפּוטרופּס האט פאַרלאָזן, איז לויטן באַפעל פון די פאראייניקטע שטאַטן געגומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און דערשאָסן דעם 19טן יוני 1867. „די שענסטע פון די אידעען פון דער אימפעריע" האט אין סך־הכל געגעבן בלויז טויזנטער פראנצויזישע בר־מינגם, שנאה פון דער חרוב געמאַכטער מעקסיקע, פאַראַכטונג מצד די פאַראייניקטע שטאַטן און אַ מיליאַרד פראַנק היזק. באַזען, וואָס האט זיך אומגעקערט אין אַ גאַנץ שלעכטן מעמד, האט אָבער אינגיכן ווידער אויפגעשיינט צווישן די אָנגעזעענסטע גענעראַלער פון הויף.

די אַלוועלטלעכע אויסשטעלונג איז געווען דער לעצטער ראַקעט פון דער אימפערישער פּעריע. אחוץ דעם ריח פון פּולווער, איז פון איר קיין זאַך מער ניט פאַרבליבן. די רעפּובלי־קאַנישע בורזשואַזיע, אַ דערשראָקענע פון די פיגסטערע שאַטנס, וואָס האָבן זיך גענומען אויסשיילן אויפן האָריזאָנט, האט נאָכ־געטאָן דעם אינטערנאַציאָנאַל, אויך אויסגעקלערט עפּעס אַ אינ־טערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד און געפונען גענוג אָנהענגער, כדי צו קערען צונויפרופן אַ גרויסן קאָנגרעס אין זשענעווע דעם 8טן סעפּטעמבער 1867. פאָרזיצער איז געווען גאַריבאַלדי. אין דער זעלבער צייט איז אין לאָזאַנע פאָרגעקומען דער צווייטער קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל און אין קעגנזאַץ צו די בערלינער סטודענטן,

האבן די דייטשע ארבעטער צוגעשיקט זייער הייסן פראטעסט קעגן
כּלחמה. דער זשענעווער קאנגרעס האט געשיקט זיין איינלאדונג
די לאזאנער קאנגרעס-לייט; זיי זיינען געקומען, גערעדט וועגן
דער נייער ארדענונג, וואס וועט באפרייען דאס פאלק פון דער
עקספלאטאציע פון קאפיטאל און האבן אזוי א דריי אויס געטאן
די דעבאטע, אז א טייל פון די רעפובליקאנער פון צווישן די
פאריזער קאנגרעס-דעלעגאטן — צווישן זיי איינער פון די
אפוטרופסים איבער פרודאנס צוואה — שאדע — האבן פארגעלייגט
די ארבעטער אן אליאנס מיט דער ליבעראלער בורזשואזיע צו
א געמיינזאמען קאמף פאר דער באפרייונג. דער פארשלאג איז
געווארן אנגענומען און דער קאנגרעס האט זיך פארענדיקט מיט
א שלום-ליגע.

אין צוויי חדשים ארום האבן אונטער רוים געדונערט האר-
מאטן. גאריבאלדי האט זיך אווארף געטאן אויף דעם פויפסטלעכן
געביט און ביי מענטאן זיך צונויפגעטראפן מיטן פראנצויזישן
מיליטער, וואס איז געשיקט געווארן אהין דורך דער קייזערין און
רוע. גענעראל פאילי, וואס האט אנגעפירט מיטן מיליטער, האט
זיך נאך איינגעגעבן צו פארשטארקן דעם כעס פון די איטאליע-
נישע פאטריאטן דורך זיין דעפעשע אין טוילרי: „די ביקסן פון
די שאספא האבן באוויזן ניסים". נאר אויב נאפאלעאן דעם דריטן
האט זיך נאך אמאל איינגעגעבן צו מאכן פראנקרייך פאר דעם
פויפסטס זעלנער, איז די פראנצויזישע דעמאקראטיע, ווי תמיד,
געבליבן די טרעגערין פון די אידעען פון יאר 1849. „זאל לעבן
איטאליע! זאל לעבן גאריבאלדי!" — האט מען געשריען פינף טעג
פאר מענטאן צו נאפאלעאן דעם דריטן און צום עסטרייכישן
קייזער בעת זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון שטאט-ראטהויז... דעם
2טן נאוועמבער רינגלט דער המון-עם ארום מאנינס קבר אויפן
מאנמארטרער בית-עולם. דאס ערשטע מאל זאמלען זיך צונויף די
ארבעטער אויף די בולווארן. אין עטלעכע שעה ארום נאכן פאר-
נעמען רוים דורכן מיליטער, פאדערט איין דעלעגאציע, בראש
מיטן מיטגליד פון אינטערנאציאנאל טאלען, אז אלע לינקע דעפו-
טאטן זאלן זיך אנגעבן אין דעמיסיע. זשול פאוור געמט זי אן און

פּראָטעסטירט קעגן דער פאָרם פון דער מעלדונג; אויף דער פראגע: „צי קען דער פּראָלעטאריאט, אויב ער וועט אויפשטיין קעגן דער רעפּובליק, רעכענען אויף דער שטיצע פון דער ליבע־ראלער בורזשואזיע, ווי דאָס איז געווען אָפּגערעדט מיט צוויי חדשים צוריק אין זשענעווע?" — ענטפערט ער: „הערן ארבעטער, איר האָט געשאפן די אימפּעריע און אייער עסק איז זי אומצו־ברענגען". זשול פאַוור האָט געמאכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט האָבן פארגעסן, אז די זוימען פון דער אימפּעריע זיינען פארזייט געוואָרן דורך דער נאציאָנאַלער פארזאמלונג אין 1848. ביי די לייט פון 1848 איז פארבליבן דער עקל צו די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער. די הערצער פון זייערע יִנגערע ברידער זיינען אויך געווען געשלאָסן פארן פּראָלעטאריאט: „דער סאָציאַליזם עקסיסטירט שוין ניט מער אָדער מיר, לכל הפּחות, ווילן זיך מיט אים ניט רעכענען", — האָט אַ זאַג געטאָן ערנעסט פּיקאר.

„דער פראנצויזישער קוריער", די איינציקע סאָציאַליסטישע צייטונג פון יענער צייט, האָט זייער גוט געשילדערט דעם נייעם קורס. בראש פון דער צייטונג איז געשטאַנען דער יונגער שרייבער ווערמאָרעל, וואָס איז שוין באקאנט געווען אדאנק זיין „יונג־פראנקרייך" און זיינע גוטע עטיודן וועגן מיראַבאָ; מיט זיין פען און געלט האָט די צייטונג געלעבט. ער האָט דעמאסקירט דעם אמתן פּרצוף פון די לייט פון 1848, זייער באגרעניצטע אַנטי־סאָציאַליסטישע פּאָליטיק, וואָס האָט דערפירט צו דער איבער־קערעניש פון 2טן דעצעמבער. די ארבעטער און די פּראָגרעסיווע רעפּובליקאנער האָבן אים גערן געלייענט, נאָר די אַלטע רעפּוב־ליקאנער און אַ סך פון די מאָדערנע האָבן זיך געפילט באַליידיקט דערמיט, וואָס ס'איז געוואָרפן געוואָרן אַ שאָטן אויף זייער רום־פולן עבר. די פאַרזאָרגער פון דער אימפּעריע האָבן בחינם זיך באמיט אָנצושרעקן ווערמאָרעלן, באשיט אים מיט קללות, מיט דראָונגס־בריוו, בעת די לייט פון 1848 האָבן געשריען, אז ער איז אונטערגעקויפט, אז ער איז רועס אָן אַגענט. מען האָט דעם זשורנאַל ביי אים אָפּגענומען. דעם זעלבן גורל האָבן געמוזט מיט־מאַכן אַ סך אַנדערע.

און אט טראכט נאפאלעאן דער דריטער, אז עובר־בטל שוין צו 58 יאר, זיך צו פארשטארקן מיט דעם פיזעם פון ליבעראליזם. עמיל אליוויע, וואס איז דערהויבן געווארן צום טיטל ראט, רעדט אים צו צו מאכן דעם פרווו, האפנדיק, אז אים וועט זיך איינ־געבן אנצופירן מיט דעם אנמעכטיקן אימפעראטאר. עס ווערט ארויסגעגעבן א דעקרעט, וואס ערלויבט, ביי א גרויס ערבות, עפענען נייע צייטונגען און איינארדענען פאליטישע פארזאמלונגען, אונטער דער דראונג פון שטרענגער שטראף פאר עובר זיין דאס געזעץ. רוע האט ממש אנגעהויבן קרעכצן, און פערסיני האט א געשריי געטאן: „די אימפעריע צעפאלט זיך משמעות אויף שטיקער!" זי האט זיך נאך אבער געהאלטן, אדאנק דער ביורא־קראטיע און פאליציי. א פרילינג־סורפריז איז געווען פאר איר אין מאי 1868 „דער לאמטערן", א וועכנטלעכע בראשור, וואס פלעגט ארויסגיין אין דער פארם פון נאטיץ־ביכלעך. ניט „Le Propos de Labienus", ניט די אקאדעמישע עזותקייטן פון „זונטאגדיקן קוריער", ניט די שטעכווערטלעך פון דעם „פראנצויזישן קוריער" האבן ניט ארויסגערופן אזא ברייט געלעכטער, ווי עס האט געטאן „דער לאמטערן" ראשפארס, וועלכער האט צונעווירצט די פאליטיק מיט וואדעוויל־וויצן. אלע פארטייען האבן איצט געקענט חוזק מאכן איבער די געטער און געטינס פון טויִלרי, וואס זיינען פאר־וואנדלט געווארן אין העלדן פון דער „שיינער העלענע". די אלע חכמות זיינען אבער ניט געפעלן דעם קייזער און זיין ווייב. אין צוויי חדשים ארום איז ראשפאר פארמשפט געווארן צו לאנג־יעריקער תפיסה און ער איז אנטלאפן קיין בריסל. אויף זיין ארט זיינען אבער אנגעקומען הונדערטער אנדערע. אין פאריז האט מיט דעם „רוף" אנגעפירט וויקטאר הוגא פון דזשערסיי, מיט „דער אויפ־וואכונג" — דעלעקלוז, א פארביסענער יאקאבינער, וואס האט פיינט געהאט תכלית שנאה אלע שארלאטאנען; אין טולוזע, אזשען, אש, מארסעל, ליל, נאנט, ליאן, אראס, אויף דרום, צפון, אין צענטער, אויף מערב און מזרח האבן הונדערטער צייטונגען אנגע־צונדן א פייער פון פרייהייט. עס איז ארויסגעטראטן א גאנצע חברה יונגעלייט, וואס האט ניט געקוקט אויף קיין תפיסה, שטראף,

פארשיקונג, האט אנגעכאפט פארן גארגל די אימפעריע, אירע מיניסטארן, די באאמטע און קלייבנדיק פונאנדער די פארברעכנס פון דעצעמבער, האט זי געטענהט: „מען דארף גיין מיט אונז; דאס דור, וואס האט געשאפן די אימפעריע, איז שוין געשטארבן". די בראשורן, די פאפולערע אויסגאבן, ביבליאטעקלעך, אילוסטרירטע מעשיות פון דער געשיכטע פון דער רעוואלוציע האבן קוים־קוים באוויזן אנצוזעטיקן דעם דורשט נאך קענטעניש, וואס האט זיך פלוצלונג געלאזט פילן. דאס יונגע דור ארבעטער, וואס האט היזק געהאט די שפייז, וועלכע עס האט געשאפן דאס 1848טע יאר, האט איצט גענומען כאפן טאפלטע פארציעס.

די עפנטלעכע פארזאמלונגען האבן נאך שטארקער צעבלאזן די רעוואלוציאנערע שריפה. דארט איז פארגעקומען אן אמתער געדראנג. כמעט צוואנציק יאר האט פאריז ניט געהערט קיין פריי ווארט. א סך בעלי־התפעלות פלעגן ניט קוקן אויף דעם קאמיסארס פארארדענונגען, וועלכער האט געדראט מיט צעטרייבן די פאר־זאמלונגען ביי דעם קלענסטן שארפן אויסדרוק, און זיינען גע־קומען אויסגיסן זייער באגייסטערונג פארן עולם, וועגן וועלכן זיי האבן פריער אפילו קיין השגה ניט געהאט. דער עיקר פלעגט מען זיך אפט צונויפזאמלען אין די דעמאקראטישע קווארטאלן, וואו עס זיינען על־פי־רוב געווען פראווינץ־לייט, וועלכע זיינען געקומען קיין פאריז אין צוזאמענהאנג מיט די בנינים, וואס האבן זיך געבויט אין משך פון די לעצטע 15 יאר. פנים־חדשות אין פאר־גלייך מיט עכטע פאריזער לייט, האבן זיי די געזונטע פרישקייט זייערע צונויפגעמישט מיט דער פאריזער נערוועזער שפירעוודיקייט און האבן געפאדערט רעדעס מיט אינהאלט.

דא האט די פאליציי זיך איבערצייגט, אז דער מקור פון אומצופרידנקייט איז לחלוטין ניט בלויז די אגיטאציע פון אינטער־נאציאנאל, ווי זי האט נאיוו געמיינט זינט דער מאניפעסטאציע פון הינטער מענטאן. עס האבן זיך אנגעהויבן פארפאלגונגען, וועלכע די גראוויליע האט אויסגענוצט, כדי אויפצוויקלען איר פאן, וועלכע דער עולם האט ביזאהער ניט געקענט.

דער פראקוראר פון דער אימפעריע איז געווען זייער וואוילגעניינט צו די אן שום ספק געאכפערטע ארבעטער, וואס האבן, צום באדויערן, געגרינדעט א פארבאנד אן אן ערלויבעניש. „דער העצער" טאלען איז ארויסגעטראטן אלס אלגעמיינער פארטיידיקער: „פון 1862 איז אונזער דעוויז, אז די ארבעטער זיינען מחויב צו שטרעבן צו באפרייען זיך מיט אייגענע כוחות... דאס איינציקע מיטל ארויסצוקריכן פון דער פאלשער לאגע, וואס דאס געזעץ האט פאר אונז געשאפן — איז עובר צו זיין אויפן געזעץ און דערמיט צו ווייזן, אז עס טויג ניט; מיר האבן עס אבער ניט עובר געווען, מחמת די רעגירונג האט אליין דערלאזט און אפשר פשוט געוואלט דערלאזן". דער פארזיצער, וואס איז געווען ניט ווייניקער העפלעך פארן פראקוראר, האט באשטראפט די באשולדיקטע מיט הונדערט פראנק און דערקלערט די פאריזער אפטיילונג פון דעם אינטערנאציאנאלן פאראיין פאר געשלאסן. עס איז תיכף געשאפן געווארן א ניי ביורא: מאלאן, לאנדרען, קאמבא און ווארלען — אן איינבינדער, וואס האט אין משך פון עטלעכע טעג צונויפגעזאמלט צען טויזנט פראנק פאר די זשענעווער שטרייקנדיקע. עס האבן זיך ווידער אנגעהויבן פארפאלגונגען. די רעדע האלט ווארלען; דאס מאל האט דער טאן זיך א סך געהעכערט: „דער קלאס, וואס איז אונטערדריקט געווארן אין אלע צייטן ביי אלע רעגירונגען, דער קלאס פון ארבעט וויל אריינטראגן זיין חלק אין דער אויפלעבונג... נאר דאס אטעמען פון פולער פרייהייט קען אויסרייניקן די אטמאספערע, וואס איז פארסמט מיט פארברעכנס... דער קלאס, וואס האט פארלארן די מאראלישע בכורה, אויף וועלכער עס האט באזירט זיין מאכט, מוז אראפ פון דער סצענע, אויב ער וויל ניט זיין אכזריותדיק, מחמת אכזריות איז דאס איינציקע מיטל פון א שטארבנדיקער מאכט". דריי חדשים תפיסה ווערט געזאגט אינם פסק=דין, מחמת די עקסיסטענץ און די אומאויפהערלעכע טעטיקייט פון אינטערנאציאנאלן פאראיין איז דערוויזן דורך זיין אריינמישן זיך אין לעצטן שטרייק פון די ארבעטער אין זשענעווע, וועלכע ער האט מאראליש געהאלפן, פארשארפנדיק דעם „קאמף צווישן

די ארבעטער און אונטערנעמער". דאָס פאריזער ביוראָ איז ווידער אמאָל געשלאָסן געוואָרן.

דאָך איז עס געווען רעפּרעזענטירט אין סעפּטעמבער אויפן דריטן קאָנגרעס פונם אינטערנאציאָנאַל אין בריסעל, וואָס האָט איינגעלאַדן אַלע ארבעטער זיך אנטקעגנשטעלן דער מלחמה צווישן פראנקרייך און דייטשלאַנד. דאָס רוב האָט קעגן טאָלענען גע־שטימט פאַר קאָלעקטיוו־אייגנטום; דערמיט האָט זיך באַנוצט די רעגירונג, כדי אָנצושרעקן די רעפּובליקאַנער, וואָס האָבן זי ערנסט אָנגעהויבן באַאומרויקן.

אין „טאָג פון די טויטע", דעם 2טן נאָוועמבער 1868, עפּענען די רעפּובליקאַנער פון אונטער דעם פאַרשימלטן שטיין אויפן מאָנמאַרטרער בית־עולם באָדענס קבר, וועלכער איז דעם 2טן דעצעמבער 1851 געפאַלן אין דער סענט־אַנטואַנישער פאָרשטאָט. דער רעדאַקטאָר פון „דער אויפוואַכונג" קאָנטען שילט אין זיין רעדע די אימפּעריע. דער המון־עם שרייט: „זאָל לעבן די רע־פּובליק!" עמעץ רעדט אין נאָמען „פון פאָלק און יוגנט" וועגן נקמה און זאָגט צו גאָר אינגיכן עס אויסצופירן. דעלעקלוזס „אויפוואַכונג", פעירס „צוקונפט פון פאָלק", שאַלמעל־לאַקורס „פּאָליטישער איבערבליק" און אַנדערע צייטונגען הייבן אָן אַ זאַמ־לונג, לויט זייער ביישפּיל, אויף אַ דענקמאָל פאַר באָדענען. אפילו בעריע שענקט אַ נדבה. די אימפּעריע פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן די זשורנאַליסטן און רעדנער פון 2טן נאָוועמבער. איין יונגער אַדוואָקאַט פאַרטיידיקט דעלעקלוזן. אינגאַנצן אַן אומבאַוואוסטער דעם עולם, צייכנט ער זיך אויס אין משך פון די לעצטע יאָרן צווישן די יונגע אַדוואָקאַטן, רופט אַרויס גרויס חידוש ביי די פּראָפעסאָרן, בעת דעם אויסטערלישן, אַזוי גערופענעם „פּראָצעס פון די 54". גאַמבעטאַ באַנוגנט זיך ניט מיט דעם לויבן באָדענען. פון ערשטן וואָרט אָן פאַלט גאַמבעטאַ אָן אויף דער אימפּעריע, רופט אַרויס אין זיכרון פון די צוהערער דעם 2טן דעצעמבער מיט דעם אָראַטאָרישן טאַלאַנט פון אַ קאָרנעל, פאַרקערפּערט אין זיך אַלע יסורים, דעם כעס און די האָפענונגען פון די רעפּובלי־קאַנער, פאַרטויבט מיט זיין דונערדיקער שטים דעם פּראָקוראָר

פון דער אימפּעריע און מאַכט אין משך פון אַ שעה ריידן, צוזאַמען מיט זיינע פיין־נאַכלעסיקע מלבושים און צעשויבערטן קאָפּ האָר, אַן איינדרוק פון אַן אמתן נביא פון נקמה. דאָס נייע פראַנקרייך איז אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דער אויפוואַכונג פון זיין באַוואוסטזיין. באַדענם פּראָצעס איז פאַר דער אימפּעריע געווען אַ גורל־זאַך. זי איז נאָך געווען אויף אַזוי פיל פאַרנאַרט, אַז זי האָט געהאַלטן, אַז דעם 2טן דעצעמבער וועט ווידער זיין אַ דעמאָנסטראַציע, און האָט דעריבער צוגעגרייט די אַרמיי, באַשטימענדיק אַלס קאָמאַנדיר אַן אמתן גאָרנישט — דעם אינערן־מיניסטער פּינאַר. פּאַריז האָט, איינגאַנצן אַ באַפרידיקטע פון נקמה, בלויז געלאַכט דערפון. די אויסגעלאַכטע אימפּעריע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די זשורנאַליסטן מיט שטראָפן און הודשדיקע אַרעסטן, געשלאָסן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און געלאָזט אין גאַנג אַלע אירע אַדמיניסטראַטיווע מיטלען; עס זיינען פאַרגעשטאַנען אַלגעמיינע וואַלן.

די ראָלע פון די אָנהענגער פון 1863 האָט זיך געענדיקט. זיי זיינען אַוועק נאָך נאַפּאָלעאָנען אַזש ביז דעם צעשטערן די נאַציאָנאַלע רעכט. אַ סך מער פאַרברעכעריש, ווי אין 1857, האָבן זיי מיטגעהאָלפן דער העגעמאָניע פון פּרייסן, געוואָרפן איטאַליע אין אירע אָרעמס, געגעבן מיטלען אויף דער מעקסיקאַנישער מלחמה, באַגריסט די צווייטע רוימישע עקספּעדיציע און רוען מיט זיין צוזאָג: „קיינמאָל, קיינמאָל וועט פראַנקרייך ניט דערלאָזן איטאַליע זאָל מאַכן רוים פאַר איר קרוינשטאָט“.

פאַר די דאָזיקע נידערטרעכטיקייטן און בגידה איז ניטאָ קיין שום פאַרענטפערונג. די אַלע אָפיציעלע דעפּוטאַטן — די גרויסע בורזשואַ, די אינדוסטריעלער, די פינאַנסיסטן — האָבן פאַרנומען די בעסטע ערטער אין דער אַדמיניסטראַציע, אין אַרמיי, מאַגיסטראַטור, גלחים־שטאַנד. מיט זייער מיינונג איז ניט געווען ווער עס זאָל קעמפן. זיי האָבן זיך געלעבט אין גרויס תענוג, ווייסנדיק אַז סוף־כּל־סוף צאָלט די אַרבעט אַלץ אָפּ. בעת די וואַלן אין 1869 האָבן זיי געהאַלטן דעם זעלבן פּראָגראַם, וואָס דער קייזער, זיי האָבן באַדאַרפט האָבן די זעלבע וויילער,

וואָס דער מיניסטער. דאָס פאָלק האָט נאָכאַמאָל געמוזט מציל זיין דאָס לאַנד.

פּאַריז וויל מער ניט, אַז די ציַיטונגען זאָלן זאָגן אַ דעה ביי די וואַלן. עס מערקט זיך אַליין אָן די קאַנדידאַטן: אַ סך פון זיי זיינען קעגנער פון 1863, וואָס בחינם האָבן זיך באַמיט. זיי אַרויסצורופן אויף אַ קאָנקורס די בעסטע רעדנער פון עפנט־לעכע פאַרזאַמלונגען: לעפראַנסע, בריאָן, לאַנגלוא, טאָלען, לאַנגע און אַנד. אַנשטאָט דעם אַלטן קאַרנאָ בעלוויל פירט עס דורך גאַמבעטען, דעם יונגן טריבון, וואָס שטעלט אַרויס בהסכם מיט די פאָדערונגען פון די וויילער די פאָן פון „פאַרביסנקייט". אַנשטאָט זשול פאַוורן — ראַשפּאַרן. קעגן גאַרניע־פּאַזשעס שטעלן די אַרבעטער אַרויס, ניט קוקנדיק אויף ראַספּאַילס קאָנקורענץ, בריאָנען, איינעם פון זייערע, כדי צו לאָזן הערן „וועגן די רעכט פון דער מינדערהייט און דער ממשלה פון אַרבעט". געדרו מוז אָפּטרעטן זיין אָרט דעם אַדוואָקאַט זשול פערי, דעם מחבר פון געלונגענעם קאַלאַמבור אויף דעם פּרעפעקט האָוסמאַן. זשול סימאָן און פּעלטאַן האָבן אויך קאָנקורענטן. עמיל אָליוויע, וואָס האָט מיטגעווירקט, ס'זאָל זיך צעפלאַקערן דער אַלגעמיינער פּעס, וויל קאָנקורירן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג אין שאַטעלע מיט באַנסעלן, גאָר אַ יונגן דעפּוטאַט פון יאָר 1852, וואָס איז צוריק־געקומען פון פאַרשיקונג אַלץ נאָך אַ יונגער. מען שרייט צום רענעגאַט: „זאָל לעבן די פרייהייט!" די פּאָליציי כאַפּט אַרויס געווער און צעטרייבט די רעפּובליקאַנער, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון באַסטיליע מיטן געזאַנג פון דער מאַר־סעליעזע.

דעם 24טן מאַי ווערן אויסגעוויילט גאַמבעטאַ, באַנסעל, פּעלטאַן, פּיקאַר און זשול סימאָן. בעת דעם איבערבאַלאָטירן — טיער, גאַרניע־פּאַזשעס און זשול פאַוור. בעת מען דערמאָנט דעם לעצטנס נאָמען, שרייט מען: „זאָל לעבן „דער לאַמטערן!" עס האָבן זיך אָנגעהויבן דעמאָנסטראַציעס אויף די בולוואַרן, מען האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אין בעלוויל און אין דער סענט־אַנטואַנישער פאָרשטאָט. די פּאָליציי האָט אַריינגעלאָזט אין המון באַנדעס

סוטענערן אין ווייסע בלוזן, וואס האבן אומגעווארפן די קיאסקן, צעקלאפט די שוי־פענסטער; דאס האט גורם געווען מאסן־ארעסטן. די רעדאקטארן פונם „רוף“ און „דער אויפוואכונג“, די רעדנער פון די עפנטלעכע פארזאמלונגען זיינען גענומען געווארן אונטער דער וואך. די תפיסות און קאזעמאטן פון ביסעטר זיינען אנגעפולט געווארן מיט אנדערטהאלבן טויזנט געפאנגענע; איינער פון די מקורבים פונם טויִלריִישן הויף — זשול אמג — האט געשריבן: „מען דארף ביי פאריז אפנעמען זיין באדייטונג אלס הויפטשטאט“.

אדאנק דער אדמיניסטראציעס שאכער־מאכער, האבן די פראווינציעלע וואלן געגעבן דער אימפעריע, וואס האט שלום געשלאסן נאך מענטאנע מיט די בישאפן, א ריזיקע מערהייט. עס זיינען אבער אריין אהין אויך די ארלעאניסטן; די אפאזיציע פון די לינקע איז באשטאנען פון העכער פערציק מאן. פון די 280 דעפוטאטן האבן צוויי דריטל געהערט צו נאפאלעאן דעם דריטן — א גענוגנדיקע צאל, זיך אן עצה צו געבן מיט די עטלעכע ליבעראלע מוחות, וואס האבן געוואלט רעפארמעס, און אנצושרייבן, אז ער וועט ניט אפטרעטן „לגבי דעם בונטישן פעבל“. דאס דערשיסן אין די קאמארי האט ניט איבערגעלאזט קיין שום ספקות בנוגע דער באדייטונג פון דעם בריוו. דעם 17טן יוני האט דאס מיליטער געשאסן אין די שטרייקנדיקע ארצגרעבער, דערהרגעט דער־ביי עלף מאנסלייט, צוויי פרויען, א סך פארוואונדעט, דערונטער איין מיידעלע, — פאליקאא האט ניט ערלויבט אפילו צו געבן איר הילף. אזוי האבן אויסגעזען די ערשטע מופתים פון די שאספאס ביקסן. איין סענאטאר, א גענעראל פון דער זשאנדארמעריע, האט פארגעלייגט עפּיס א מין אלגעמיין דערשיסן: א פארבאנד פון אלע רעגירונגען צו דערשטיקן אלע ארבעטער־פאראייניקונגען און פארבאנדן.

דער דאזיקער זשאנדארם איז גאר ניט געווען אזא נאר, ווי עס דאכט זיך; די ארבעטער־ארגאניזאציעס האבן קיין גוטס ניט צוגעזאגט דער פרינציפלאזער רעגירונג, וואס האט געשפילט א צווייִיק שפיל: פון איין זייט האט זי ערלויבט דעם שטרייק פון די בראנזירער, פון דער צווייטער זייט אבער פארפאלגט דעם

שטרייק פון די שניידער, זי האָט פאַרמאַכט דאָס ביוראָ פונם אינטערנאַציאָנאַל און אין דערזעלבער צייט געשיצט די פאַרזאַמ־לונגען אין ראָול־פּאַסאַזש, זי האָט באַשטעטיקט די פאַרזאַמלונג פון די דעלעגאַטן פון די סינדיקאַלע קאַמערן און אויף צומאָרגנס עס ארומגערינגלט מיט מיליטער. די דאָזיקע סינדיקאַטן, וואָס האָבן אויף אַ קורצער צייט זיך געשאַפן אין אַ סך פּאַכן, האָבן געשטרעבט צו פעדעראַטיווער פאַראייניקונג. זייערע דעלעגאַטן — טיים, אַווריאַל, לאַנזשעווען, וואַרלען, דעריאַר, פּענדי — האָבן לאַנג געזוכט אַ פּאַסיק הויז און האָבן לסוף געפונען זייער אַ גרויסע דירה אויף קאָרדעריי־גאַס, וועלכער ס'איז באַשערט געווען צו ווערן באַרימט. איין העלפט דירה האָט די פעדעראַציע פאַרדונגען פאַרשיידענע קרייזלעך און געזעלשאַפטן: די בראָנזירערס, סטאָ־לערס, דעם קרייזל מוטואַליסטן, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ גרויסער מאָס פון מיטגלידער פון ערשטן ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל (אַלטאָן שע, לאַנגלוא א. אַ.), דעם קרייז פון סאָציאַלע וויסנ־שאַפטן, וואָס האָט רעאָרגאַניזירט דעם אינטערנאַציאָנאַל נאָכן ערשטן פּראָצעס. היות אַלע האָבן זיך געפונען אויף איין אָרט, האָט דער עולם געמיינט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראיין און די פעדעראַציע פון די סינדיקאַלע קאַמערן — איז איין זאַך. דאָס איז געווען אַ טעות. אַ סך פון די דעלעגאַטן פון דער פעדעראַציע האָבן בלויז געהערט צום אינטערנאַציאָנאַל; די געזעלשאַפטן, וואָס זיי זיינען געשטאַנען אָן זייער שפּיץ, האָבן לחלוטין ניט געוואָלט איינשטעלן זייער עקסיסטענץ דורכן צושטיין צום אינטערנאַציאָנאַל און אַ סך מיטגלידער האָבן צוליב דעם וויניק סימפּאַטיעס געהאַט צו די סינדיקאַטן.

דער עולם האָט ניט צוגעשריבן קיין גרויסע באַדייטונג די דאָזיקע סינדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט זיך אַ סך מער אינ־טערעסירט מיט דעם געהיימען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט, ווי מען פלעגט פאַרזיכערן, געהאַט מיליאָנען אָנהענגער און מיטלען. דאָס פּאַריזער ביוראָ האָט ניט געשטערט פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען. אין סעפּטעמבער 1869 איז אין באַזעל פאָרגעקומען דער פערטער קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל; פון די פראַנצויזישע

דעלעגאַטן זיינען בייגעווען: טאָלען, לאַנגלואַ, וואַרלען, פענדי, לאַנגע, מיוראַ, אַבּרי דע־רואַן. מען האָט זיך מתווכח געווען וועגן קאָלעקטיוויזם, אינדיווידואַליזם, וועגן אָפּשאַפן ירושה און מען האָט דער עיקר אונטערגעשטראָכן די קאַמפּס־ראָלע פונם סאָציאַליזם, מחמת עס האָט זיך באַוויזן אַ קאָנקורענט אין דער פּערזאָן פונם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק דורך דעם אַנאַרכיסט באַקונין. דער דייטשער דעלעגאַט ליבקנעכט האָט געזאָגט שבחים די פּאַריזער אַרבעטער: „מיר ווייסן, אַז זיי זיינען תמיד געווען און וועלן בלייבן דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי". אַלס אָרט פון נאָענטסטן קאָנגרעס איז געמאָלדן געוואָרן דאָס פרייע פּאַריז!

מען האָט עס שוין געקענט האַלטן פאַר אַזאַ, לייענענדיק זיינע צייטונגען און באַזוכנדיק זיינע פאַרזאַמלונגען. דאָס צונויפרופן דעם פּאַרלאַמענט איז געוואָרן אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, נאָכן קייזערס בריוו, וואָס האָט געשאָנקען די דעפּוטאַטן אַ טייל קליינע זכיות; די גאַס האָט נאָך העכער אָנגעהויבן מורמלען. דאָס פאָלק האָט געהאַלטן דעם באַלעבאָס פון טויִלרי פאַר אַ מאָראַליש פאַרלאָרענעם און פיזיש קראַנקן. „די אויפוואַכונג", וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון זיין קראַנקהייט, האָט אים באַשטימט בסך־הכל דריי יאָר לעבן; אין דער קייזערין, אינם הויף, אין די באַאַמטע האָבן זיך געשאָטן אַ סך שאַרפערע פיילן, ווי די פיילן פונם אַמאָליקן „לאַמטערן"; אויף די פאַרזאַמלונגען פלעגט מען אָנפאַלן אויף דער פּאָליטיק, אין בעלוויל האָט מען צעטריבן מיט קלעפּ פון די שווערדן. אויף די פלויטן פון די נייע געביידעס פון טויִלרי, וואו ס'איז געווען אַ אויפשריפט: „זייטיקער עולם טאָר ניט אַריינגיין", האָט עמעצנס האַנט צוגעשריבן: „און צייטנווייז מעג ער יאָ".

די געריכטן האָבן מער ניט פונקציאָנירט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס הייבט זיך אָן אַ נייער רעזשים. רוען האָט מען איבערגעפירט אין סענאַט, די נייע מיניסטאָרן זיינען קיינעם ניט געווען באַקאַנט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז מען מוז אויסנוצן יעדע

געלעגנהייט צו מאכן אן אנפאל. דער קייזער האט צונויפגערופן דעם פארלאמענט אויפן 29טן נאוועמבער. איינער פון די לינקע דעפוטאטן, קעראטרי, אנטשליסט זיך צו מעלדן, אז די זיצונגען דארפן געעפנט ווערן דעם 26טן, אז די קאנסטיטוציע האט מען עובר געווען, אז די דעפוטאטן זיינען מחויב צו קומען דעם 26טן אויפן קאנקארדיע-פלאץ און פארנעמען זייערע ערטער אין פאלע-בורבאן, ווען עס זאל זיי אפילו אויסקומען צו באנוצן זיך מיט כוח. „די רעפארמע" כאפט זיך אן אן דער אידעע. גאמבעטא שרייבט פון דער שווייץ: „איך וועל דארט זיין". אזוי באציט זיך אויך ראספאיל מיט באנסעלן; זשול פערי מעלדעט, אז ער וועט ענטפערן אויף דעם „פרעכן באפעל".

אין דער זעלבער צייט דערשיסט מען אין אבען שטרייקער. דעם 8טן אקטאבער האט דאס מיליטער דערהרגעט פערצן און פארוואונדעט פופציק ארבעטער. פאריז איז אויפגערעגט. דעם 26טן קען עפעס געשען. די דערשראקענע לינקע גיבן ארויס א געניויעם מאניפעסט, כדי דערמיט צו פארדעקן זייער צוריקטריט. דער אוואנגארד פון דער אפאזיציע פאדערט, אז זיי זאלן דערקלערן זייער צווידייטיקע אויפפירונג. זשול סימאן, ערנעסט פיקאר, פעלטאן, זשול פערי, באנסעל רופן צונויף א פארזאמלונג; זשול פאוור, גארניע פאזשעס און אנדערע, וואס האלטן זיך פאר פאראנט-ווארטלעך בלויז פאר זייער אייגן געוויסן, זאגן זיך אפ צו נעמען אנטייל אין איר. דער זאל נעמט אריין צוויי הונדערט פראטעס-טירנדיקע, אלטע און יונגע, שרייבער, רעדנער, ארבעטער, בא-וואוסטע סאציאליסטן. אלס פארזיצער ווערט אויסגעקליבן מיליער, וואס איז אפגעזאגט געווארן פון דער שטעלע אין א גרויס גע-זעלשאפט, וואס האט ניט געוואלט האלטן ביי זיך קיין סאציאליסטס. אחוץ באנסעלן, וואס האט זיך איינגעהילט אין דער מליצה פון 48טן יאר, און זשול סימאן, וואס האלט זיך אינגאנצן קאלט-בלוטיק, האבן די דעפוטאטן גאר א נעבעכדיק פנים. זשול סימאן פארענטפערט גאמבעטעס אפוועזנהייט; נאך זיין מיינונג נאך, דארף מען גאמבעטען באהאלטן אויף שפעטער אלס רעזערוו; ער גיט ווייטער צו פארשטיין די סטראטעגישע טעמים, נאך וועלכע

די פאַרזאַמלונג אויפֿן קאָנקאָרדיע=פּלאַץ וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שעכטהויז. ער שמייסט די אימפּעריע, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער ווייס בלומרשט ניט, אַז אַהער איז מען געקומען פאָדערן אַ באַריכט וועגן זייער אויפפירונג. מען רייסט זיי איבער, מען דערמאָנט זיי אָן יוני פון 48טן יאָר. די דעפּוטאַטן גייען אַוועק מיט אַ געפיל פון אַ עגמת=נפש. וועגן דעם 26טן אָקטאָבער רעדט מען שוין ניט מער; די רעגירונג מאַכט שאַרפע הכנות, פאַריז לאַכט אָבער דערפון, ווי עס האָט געלאַכט מיט אַ יאָר צוריק.

פון דער רגע אָן דאַרף מען מאַכן אַ חילוק צווישן צוויי אָפּאָזיציעס: דער אָפּאָזיציע פון די לינקע דעפּוטאַטן און פון די סאָציאַליסטן, צו וועלכע עס שטייט צו אַ געוויסע צאַל אַרבעטער, באַאַמטע און קליינבירגער. די לעצטע האַלטן זיך ביי דער מיינונג, אַז „די שענסטע רעדעס האָבן גאָרניט אָפּגעווייכט, קיין זאַך ניט געגעבן, מען דאַרף אַרבעטן, אויפרודערן די אימפּעריע ביז זי וועט פאַלן". אַ געלעגנהייט דערצו מאַכט זיך. דעם 21טן נאָוועמבער דאַרף פּאַריז אויסקלייבן פיר פאַרטרעטער פון דעפּוטאַטן — פון גאַמבעטען, זשול פאַווורן, פּיקאַרן און באַנסעלן, וועלכע זיינען אַריבער אין דער פּראָווינץ. בעלוויל שטעלט אָנשטאָט גאַמבעטען אַרויס ראָשפאָרן. דער רעדאַקטאָר פונם „לאַמטערן" איז מסכים צו פאַרנעמען גאַמבעטעס אָרט, קומט צו פאָרן פון בעלגיע, רופט אַרויס אויף די פאַרזאַמלונגען אַן אומגעהייערן ענטוזיאַזם. זיינע קאָנקורענטן, אַחוץ איין קאַרנאָ, ווערן פאַרטושט. ראָשפאָר מאַכט חוזק פון קייזער דורך זאָגן די שבועה, וואָס פאַרפליכט; אין אַלע אַנדערע ערטער זוכט די אַקטיוויסטן=פאַרטיי די, וואָס האָבן ניט געשוואוירן, שטעלט אַרויס לעדרו ראָלענען, באַרבעסן, פעליקס פּיאַן. דער אַלטער טריבון זאָגט זיך אָבער אָפּ, דער אַלטער בונטאַר ליגט אין האַג אויפן טויטן=בעט, און פעליקס פּיאַ וויל זיך גאָר ניט איינשטעלן צו כאָפּן קלעפּ. ראָשפאָר ווערט איינער אַליין אויסגעווילט; אין די דריי איבעריקע קרייזן זיגן די מענטשן פון אַמאָל: צוויי טוער פון 48טן יאָר — עמאַנועל אַראַגאָ, דער אַלטער קרעמיע — און איין אַלטער, פוסטער פּלאַפּלער, דער רעפּובליקאַנער גלע=ביזואַן.

די דריי פאַראייניקן זיך מיט די לינקע, וואָס האָבן אינם מאַניפעסט, וואָס ס'איז דאָ ניט=לאַנג אַרויסגעגעבן געוואָרן, געמאַכט חוזק איבער דעם אימפּעראַטיוון מאַנדאַט. „די פרייהייט פון קריטיק" — האָבן די דאָזיקע לייט געשריבן — „די מאַכט פון אמת — אָט זיינען די כלי=זיין, מיט וועלכן די אונטן געחתמעטע וועלן זיך באַנוצן; זיי וועלן זיך באַנוצן מיט אַנדערע מיטלען ערשט דעמאָלט, ווען מען וועט זיי מיט כּוח צווינגען צו שווייגן". מען צווינגט זיי צו שווייגן. „די לינקע זיינען געשאַפן געוואָרן ניט כּדי צו קעמפן פאַר די פרייהייטן, וועלכע די מעסיקע קענען לייכט באַקומען. דערווייטערנדיק זיך פון פאָלק, ווערט די פאַרטיי פאָראויס אומפעיק זיך צו באַנוצן מיט אַן אַנדער געווער; אָנשטאָט צוצוגרייטן די רעפּובליק, ווערט זי אַ היטערין פון דער אימפּעריע".

די אַלע, וואָס האָבן אַזוי גערעדט, האָבן ווי געלייענט אין די הערצער פון אַ סך לינקע דעפּוטאַטן. עס זיינען געשאַפן געוואָרן צווייערליי לינקע: איינערליי, די אַזוי גערופענע געשלאָסענע — וואָס זייער אָנפירער איז געווען זשול גרעווי — די היטער פון פעסטע פּרינציפּן; די צווייטע — וואָס איז געווען אָפן פאַר דער מעסיקער פאַרטיי, אַ מין געמיש פון טעלערלעקער, ליבעראַלן, אָרלעאַניסטן, אימפּעריאַליסטן אַפילו, וואָס זיינען מיט פליים באַאַרבעט געוואָרן דורך עמיל אָליוויעס פריינד, ערנעסט פּיקאַר, וועלכער האָט געגאַרט צו ווערן מיניסטער.

היות דעם קייזערס לאַגע ווערט וואָס אַמאָל וואַקלדיקער, האָט עמיל אָליוויע אָנגערעדט נאַפּאָלעאָן דעם דריטן דורכצולייענען עטלעכע קאַפּיטלעך פון מאַקיאַוועלין, אין וועלכע עס ווערט גערעדט וועגן דער נייטיקייט זיך צוצוקלייבן מיניסטאָרן ביי יעדער שינוי פון דער לאַגע. נאַפּאָלעאָן האָט געפאָלגט די עצה און האָט איבערגעגעבן דאָס שאַפן אַ מיניסטעריום דעם מאַקיאַוועליסט אָליוויע, וועלכער האָט זיך גענומען גלייכצייטיק באַוואָרענען די פרייהייט און „אויסראָטן די רעוואָלוציע מיטן שורש". „פאַר דער אָרדענונג נעם איך די אחריות אויף זיך", — האָט דער קייזער געזאָגט צום פּאַרלאַמענט. דאָס יאָר 1870 האָט זיך אָנגעהויבן אונטער דעם צווייגעשטערן פון די מושלים. דער פאָרזיצער פון

מיניסטארן־ראט עמיל אליוויע, דער פינאנס־מיניסטער — ביופע א ראקציאנער פון 1848, דער מלחמה־מיניסטער — לעבעף, דער אינערן־מיניסטער, אנשטאט וועלכן מען האט באדארפט, ווי, דער גענעראל פליארי, דער אלטער רוצח פון 2טן אקטאבער, האט זיך אויסגעדריקט, „אן אייזערנע האנט", עפּס א גארנישט.

זינט די וואלן אין בעלוויל, האט די פארטיי פון די אקטי־וויסטן געארבעט אן אויפהער. אויף די פאלקס־פארזאמלונגען האט זיך באמערקט א פיבערהאפטע אויפרעגונג. אפילו דעלע־קלוז האט דערזעענדיק א גאנצן שטראם אומבאקאנטע באגייס־טערטע רעדנער זיך דערשראקן. זיין „אויפוואכונג" און „דער רוף" זיינען געבליבן א סך הינטערשטעליק פון דער „מארסעליעזע", וואס איז געגרינדעט געווארן אין דעצעמבער דורך ראשפארן. דאס איז געווען אן אמת מאשינען־געווער, וואס האט געשאסן אן אויפ־הער. זיין רעדאקציע, אין וועלכער עס האט פון אינדערפרי ביז אינאוונט זיך געשטופט עולם, האט אויסגעזען, ווי א מיליטערי־שער פלאץ. די רעדאקציע איז געווען גרייט אויף אלץ. איינער פון קייזערס שוועסטער־קינדער, דער געלער פרינץ פיער באנא־פארט, וואס האט געוואוינט אין אטעיל, אין "Aveuir de la Corje„ איז שארף אנגעפאלן אויף דער קארסיקאנישער צייטונג „La Kevanche". דער פאריזער קארעספאנדענט פון דער צייטונג האט געענטפערט אויף דעם אנפאל אין דער „מארסעליעזע". דער באליידיקטער פרינץ רופט ארויס ראשפארן אויף א דועל, פאס־קאל גרוסע באפט אבער די פיש פאר דער נעז און שיקט קיין אטעיל צוויי פון זיינע מיטארבעטער אולריק־דע־פאנוויל און וויקטאר נואר, א הויכן, וואוילן בחור פון א יאר 20, א דרייסטן ביז גאר. פיער באנאפארט ענטפערט זיי גראב, אז ער וועט זיך דועלירן מיט ראשפארן, ניט מיט קיין שווארץ־ארבעטער און רופט זיי אן געמיינע לייט. עס פאלט א שאס און וויקטאר נואר בלייבט ליגן מיט א דורכגעשאסן הארץ. די דאזיקע געשעעניש האט אויפגערודערט פאריז. דאס געשטאלט פונם דערשאסענעם בחור, דאס בילד פון דעם רוצח באנאפארט האט אלעמען אויפגערעגט; די פרויען זיינען געווען פול מיט רחמנות, די מאנסלייט — מיט כעס.

ווען ס'האט אויף צומארגנס זיך באוויזן אין דער „מארסע-ליעזע" דער רוף: „פראנצויזיש פאלק, שוין-זשע האלטסטו ניט, אז צו דעם אלעמען מוז נעמען א סוף!" — האט זיך געדאכט, אז אן אויפשטאנד איז אומפארמיידלעך. און ס'וואלט געווען אויסגע-בראכן, ווען די פאליציי וואלט דעם בר-מינן ניט פארהאלטן אין אטעיל.

דעם 12טן יאנואר 1870 האבן צוויי מאל הונדערט טויזנט פאריזער איינוואוינער זיך צונויפגעזאמלט אויף די עליזעישע פעלדער, כדי צו מאכן א פייערלעכע לוויה. דאס מיליטער האט דורך פארשטארקטע שכנותדיקע גארניזאנען פארנומען אלע סטראטעגישע פונקטן און דער מארשאל קאנראבער, פילנדיק אין דער לופט די דעצעמברישע שטימונג, האט געדראט מיט שיסן. אין אטעיל האט זיך דעלעקלוזן און ראשפארן, וואס האבן געזען, אז די שחיטה איז אומפארמיידלעך, איינגעגעבן צו דער-שלאגן, מען זאל דעם ארון אוועקטראגן גלייך אויפן בית-עולם, בשעת פלוראנס און אנדערע רעוואלוציאנערן האבן דווקא געוואלט אים טראגן איבער די גאסן פון פאריז. מען וואלט זיי סיי-ווי-סיי ניט געוועז דורכגעלאזט דורכן שלאגבוים, מחמת ראשפאר און דאס קליינע הייפל, וועלכע עס האט זיך איינגעגעבן דורכצוגיין, זיינען שנעל געווארן צוריקגעשטופט צו די עליזעישע פעלדער. די מאמעלוקעס האבן זיך שפעטער באקלאגט, אז זיי האבן ניט אויסגענוצט די געלעגנהייט רעכט אפצולאזן א ביסל בלוט.

דאס ערשטע, וואס דער ליבעראל עמיל אליוויע האט געטאן, איז געווען ארויסצורופן פארפאלגונגען קעגן ראשפארן. דער פאר-שלאג איז געווארן אנגענומען דעם 17טן, ניט קוקנדיק אויף דער אפאזיציע מצד די עקסט-לינקע. דער המון, וואס האט ארומגע-רינגלט דעם פאלע-בורבאן, האט, א צעטריבענער דורך די קאסטעטן-קלעפ, געשריען: „זאל לעבן די רעפובליק!" פאר דעם פלאץ טוילרי, אויף וועלכן ס'האט זיך געפונען דער קייזער.

אלס צווייטער ליבעראלער אקט פונם מחבר פון געזעץ וועגן די פארבאנדן איז געווען דאס שיקן מיליטער קעגן די ארבעטער פון קרעזא, וועלכע האבן געפאדערט, אז מען זאל

איבערגעבן זיי צו פארוואלטן מיט דער קאסע, וואס ווערט צוגויפנגעשטעלט פון זייערע געלטער.

דער פארזיצער פון פארלאמענט שניידער, דער שעף פון דעם פעאדאלן פירשטנטום, האט ארויסגעטריבן פון דינסט די מיטגלידער פון ארבעטער=קאמיטעט מיט אסין בראש. שניידער האט פארלאזן זיין פארזיצערישע שטול און איז געקומען צופליען אין זיין גוט מיט דריי טויזנט זעלנער און צוויי גענערעלער, געבראכט זיין גאנצן עולם צו די שטיינהאקערייען און צוגעצויגן א גרויסן עולם פון זיינע ארבעטער צום געריכט.

דאס ביורא פון אינטערנאציאנאל, וואס איז געשאפן געווארן אונטער אן אנדער נאמען, האט פראטעסטירט קעגן די טענות=ומענות פון די „קאפיטאליסטן, וועלכע זיינען געווען אומצופרידן דערמיט, וואס אין זייער האנט איז געווען די גאנצע עקאנאמישע קראפט און כדי אפצוהיטן זייערע אומגערעכטע זכיות ווילן זיי זיך באנוצן און באנוצן זיך טאקע מיט אלע סאציאלע כוחות: מיט דער ארמיי, פאליציי, געריכטן". אינגיכן האבן די געשעענישן, וואס האבן זיך צעשפילט אין פאריז, אפגערוקט אויף א צווייטן פלאן די געשיכטע מיטן שטרייק.

ראשפארן, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך די דעפוטאטן, פארמשפט מען צו זעקס חדשים תפיסה. דעם 7טן פעברואר אין אוונט ארעסטירט מען אים פאר דעם בנין פון דער „מארסעליעזע". פלוראנס שרייט אויס: „פארן געווער!", כאפט דעם קאמיסאר און גייט אין באגלייטונג פון א הונדערט מאניפעסטאנטן אויף בעלוויל, מאכט א באריקאדע אין דער פארשטאט טאמפל. עס קומט אן מיליטער, אלע צעלויפן זיך און ער קען קוים=קוים געפינען א מקום=מקלט. צומארגנס ווערט פאריז געוואר וועגן ראשפארס ארעסט צוזאמען מיט אלע רעדאקטארן פון דער „מארסעליעזע" און א סך רעוואלוציאנערן. דאס פאלק אין די פארשטעט קאכט זיך, אויף סען=מאר=גאס מאכט מען א באריקאדע און מען גרייט זיך זי צו פארטיידיקן; עס זעט זיך פאר א גינסטיקע געלעגנהייט צו לאזן בלוט. אין דערזעלבער צייט באווייזט זיך אבער א מאניפעסט, וואס איז אונטערגעשריבן דורך ארבעטער,

וואָס אַ סך פון זיי זיינען מיטגלידער פון ביוראָ פונם אינטער־נאַציאָנאַל: מאַלאָן, פענדי, קאַמבאַ, זשאַאַנאַר, לאַנדרעק א. אַ.

„אין משך פון פופצן יאָר באַווייזן זיך דאָס ערשטע מאָל אין די גאַסן באַריקאַדעס, — עס קומט אַ סוף צו דער נויט, דערנידעריקונג, שאַנד... די רעוואָלוציע גייט מיט שנעלע טריט; לאָמיר ניט שטערן איר אַנטוויקלונג דורך אונזער איילן זיך, וואָס קען ווערן אַן אומגליק פאַר אונזער זאַך. אין נאָמען פון דער סאָציאַלער רעפּובליק, צו וועלכער מיר שטרעבן, רופן מיר אונ־זערע פריינד ניט מאַכן קיין תל פון אונזער זאַך."

די שטימען פון די אַרבעטער זיינען דערהערט געוואָרן פון פאָלק, אָבער די אַרעסטן דויערן אַלץ. איין אַרבעטער, דער מע־כאַניקער מעזשי, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אַ שעה פאַר דער געזעצלעכער צייט, שיסט אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיך צו אים אַריינגעריסן איבערגוואַלד. דעלעקלוז שטעלט פעסט, אַז מעזשי איז אין דעם פאַל געווען גערעכט; מען פאַרמשפּט אים צו דרייצן חדשים געפענגעניש; מעזשיס פאַרטיידיקער, פּראָטאַ, אַרעסטירט מען, מען פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל. דעם 14טן זיצן אין תפיסה פופציק מאַן, זיי ווערן באַשולדיקט אין אָנטיילנעמען אין דער „פעברואַר־פאַרשווערונג". די דאָזיקע באַשולדיקונג איז אַרויסגע־שטעלט דורך די זעלבע געריכטן, וואָס זייער אָנפירער עמיל אָליוויע האָט אין 1852 אָנגערופן „פּוילעכץ".

און זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט דעם 21טן פעברואַר, אין טור, אין וויקטאָר נואַרס פּראָצעס. לויט דער אימפּערישער קאָנ־סטיטוציע האָט עקסיסטירט אַ העכסט געריכט, וואָס איז באַשטאַנען פון גרויסע לייט פון דער אימפּעריע. דער געלער פון אָטעיל האָט געהאַט אַ בייזע הנאה, ער איז געווען זיכער אין זיינע ריכטער. ער האָט אויפן געריכט דערקלערט, אַז וויקטאָר נואַר האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. דער פּראָפעסאָר טאַרדיע, דער מעדיצינישער עקספּערט, האָט עס באַשטעטיקט און דער כאַמישער גענעראַל־פּראָקוראָר האָט פרייגעשפּראָכן דעם באַשולדיקטן. אַן אויסגע־פייפטער צוליב דעם דורך די פּאַריזער סטודענטן, האָט טאַרדיע אויפגעהערט צו לייענען לעקציעס. די לערן־יוגנט האָט אים נקמה

געמאכט גאמבעטען א באנקעט. „די אויפגאבע פון אונזער דור" — האט גאמבעטא געזאגט אויף דעם באנקעט, — איז צו פארענדיקן, פארפולקומען די זאך פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע. איידער עס וועט נאך קומען דער הונדערטיאריקער יובילעי פון 1789, מוז פראנקרייך נאך עפעס אויפטאן אין נאמען פון סאציאלן יושר". ער האט געשטעמפלט דעם קולט פאר נאפאלעאן דעם ערשטן, וואס האט דערפירט צום צוריקשטעלן די אימפעריע, און געזאגט: „דאס איז פונקט אזא מאראליש פארזעעניש, ווי עס זיינען פארהאן פארזעענישן פיזישע".

אין דער פראגע פון פלעביסציט איז ער ארויסגעטראטן, ווי אן אמתער מיראבא. נאפאלעאן דער דריטער, אן אייביק היפנא־טיזירטער דורך זיין פעטערס שאטן, האט זיך אנטשלאסן אויף א מיטל, לויט וועלכן עס האט זיך באנוצט נאפאלעאן דער ערשטער הונדערט טעג פאר וואטערלאא. דעם 19טן יולי 1869 האט ער אפגעווארפן די אידעע וועגן פלעביסציט און דעם 4טן אפריל 1870 האט ער זיך געווענדט צו א פלעביסציט, ארויסשטעלנדיק אט־א־די פארמול: „דאס פראנצויזישע פאלק גיט זיין הסכמה אויף די שינויים, וואס זיינען געמאכט געווארן אין דער קאנסטיטוציע זינט דעם יאר 1860". גאמבעטא האט געפרוווט דעמאסקירן די פאסטקע, אנגעוויזן, אז די אימפעריע קען ניט ליידן קיין פרייהייט אפילו אין א קליינער מאס און געזאגט שבחים דער רעפובליק. די באמישע מערהייט האט אבער אנגענומען דעם פלעביסציט.

„מיר וועלן ארויסווייזן א פארשלינגערישע טעטיקייט", — האט געזאגט עמיל אליוויע, וואס האט געהאלטן אין איין זאגן זיינע בארימטע ווערטלעך. די ערשטע קרבנות פון דער טעטיקייט זיינען געווארן די ארבעטער פון ד'אנזען, דערנאך די ארבעטער פון קרעזא, וואס זיינען פארמשפט געווארן דעם 6טן אפריל. דער אינטערנאציאנאל האט דעריבער ארויסגעלאזט אזא מין מעלדונג: „בשעת מען באפרייט פרינצן, וואס דערהרגענען, און מען משפט ארבעטער, וואס האבן געפאדערט בלויז רעכט אויף צו לעבן פון זייער ארבעט, איז אונזער חוב אפצושוואכן די נייע אומגערעכ־טיקייט דורך פארזארגן די אלמנות מיט די יתומים". אלס ענטפער

דערויף האָבן אַלע פּראָגרעסיווע ציימונגען אָנגעהויבן זאַמלען נדבות.

דעם 8טן מאַי האָט געזאָלט פאַרקומען די פּלעביסציט־קאָמעדיע. אין משך פון אַ חודש האָבן די געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, די רעגירונגס־אַמטן, די באַאַמטע, די גלחים, כּל המינים באַאַמטע געלעבט בלויז מיטן פּלעביסציט. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ באָנאַפּאַרטיסטישער פאָנד, וועלכן דער ערד־קרעדיט האָט אַסיגנירט אַ מיליאָן. כּדי אָנצושרעקן די בורזשואַזיע האָט דער רעדאַקטאָר פון „פיגאַראָ" צונויפגעשטעלט אַ זאַמלונג פון ווילדע פּראָיעקטן, וואָס האָבן זיך דורכגעגליטשט אויף עטלעכע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. זיין זשורנאַל האָט אָנגערייצט די שוואַרצע מאַה קעגן די רעפּובליקאַנער. ווילמעסאַן, דער לאַבוז־יונג פון „לאַמפּיאָן", וואָס האָט אין 48טן יאָר פונאַנדערגעשפּרייט די מעשה וועגן די מאָבילן, וועלכע ווערן צעזעגט צווישן צוויי ברעטער, וועגן כּלים אָפּצוגיסן מיט קופּער־וואַסער, וועגן פרויען, וואָס האָבן פאַרקויפט זעלנער בראַנפן מיט סם, וועגן דעם אַגענט פון דער מוניציפּאַלער גוואַרדיע, וועלכן מען האָט אַרויפגעזעצט אויף אַ דראָנג, וועגן קבלות אויף באַזיצן דריי פרויען פון סענט־זשערמענער פאָרשטאָט — אין דער צייט פון דער דאָזיקער אימפּעריע, ווען אַלץ, וואָס ס'איז שמוציק, האָט זיך פונאַנדערגעבליט, ווי אַ פּראַכטפולע בלום, האָט ער געגרינדעט זיין זשורנאַל „פיגאַראָ", — אַלס מוסטער פון פּראָסטיטוציאָנעלער פּרעסע. עס האָט זיך באַוויזן אַ כּנופיה שמירערישע קאָך־לעפל, וואָס האָבן זיך אומגעשלעפּט איבער דער שטאָט, איבער די טעאַטערן, פּלעגן זיך אַריינקריגן אין הויף, אויסגעשנאַפּט רכילותן, טאָג־נייעס, פעטע אַנעקדאָטן, זיך צוגעהערט דורך דער טיר, געשטופּט די נעז זייערע אין די קיך־טעפּ, גענישטערט אין די קעשענעס, קריגנדיק אַמאָל אַ דאַנק, אַמאָל אין דער זייט. דער ניבול־פּהדיקער קאָנסערוואַטיווער און גאַטספּאָרכטיקער „פיגאַראָ" איז געווען דער אָרגאַן פון אַ קאָנסערוואַטיווער באַנדע גרויסע לייט, בירזשע־חברה און דאַמען פון דער אונטערוועלט, וואָס האָבן מיט דערזעלבער פלינקייט באַגראָבן געלט, ווי קאָנקאַנירט. די דאָזיקע באַנדע האָט געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר דער ציימונג.

די זשורנאַליסטן האָבן זי אָנערקענט, מחמת זיי האָבן געקענט דאָרט אַרויסטרעטן און באַקומען דערביי נאָך געלט דערצו. די רעגירונג האָט זיך מיט איר באַנוצט, כדי צו באַשמוצן די אָפּאָזיציע, אַרויסצושטעלן אין אַ לעכערלעכן אויסזען די רעפּובליקאַנער, צו פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן פאַלשע פאַרשווערונגען, וואָס האָבן געקענט מאַכן פון פּחדנים אָנהענגער פון דער אימפּעריע. אַראַנק אזאַ ערפאָלג האָבן זיך ביי דעם „פיגאַראָ" באַוויזן קאָנקורענטן. אין 1870 האָט די דאָזיקע רויבערישע פּרעסע, אַ שפּעדיקע, וואָס מען האָט געכאַפּט פון די הענט אַרויס, געשאַפן אַ גאַנצע מחנה ליטעראַרישע פאַקטוירים, וואָס וואָלטן גערן אויסגעטאָן די מוטערס גאַנץ נאַקעט, אַבי אָפּצודרוקן דערנאָך זייערע בילדער. מיט זיי האָט מען זיך, ווי מיט אַ געווער, באַנוצט אין דעם פּלעביסציט-קאַמף; אַ סך פון זיי זיינען אַוועק אין דער פּראָווינץ צו פאַרשטאַרקן די אָרטיקע פּרעסע, וואָס האָט בעל-כּרחה געמוזט זיין איינגעהאַלטענער.

די רעפּובליקאַנער, די אָפּאָזיציע, וואָס האָט ניט געהאַט גענוג קיין צייטונגען, זיינען שוין געווען אָרגאַניזירט. ביים זקן קרעמיע, וואָס האָט שוין געשפּילט די ראָלע פון אַ נעסטאָר, האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ פאַרזאַמלונג; דאָרט האָט מען אויף דריי דעפּוטאַטן — איינער פון זיי זשול סימאָן — און זיבן זשורנאַליסטן אַרויפגעלייגט די פליכט צונויפצושטעלן קול-קוראס צום פאָלק און צו דער אַרמיי. זיי האָבן אויפגעזעצט צוויי אויפרופן. זיבעצן דעפּוטאַטן פון פּיקאַרס גרופּע האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו אָנצושליסן אָן זיי, ניט וועלנדיק נעמען קיין אָנטייל „אין עפּעס סתם אַ רעוואָלוציע"; „די מאַרסעליעזע" און „דער רוף" האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן די קול-קוראס, מחמת אין זיי האָט זיך ניט גערעדט וועגן דער רעפּובליק און זיי זיינען ניט געווען אונטערגעשריבן פון אַרבעטער. די לעצטע האָבן צום גליק זיך ניט געניייטיקט, אַז ס'זאָל עמעץ ריידן פאַר זיי. דעם 24טן אַפּריל האָט דער „קאָרדערי" צעשיקט אָט-דעם מאַניפעסט צו די שטאָטישע און דאָרפישע אַרבעטער: „אַ טיפּש איז דער, וואָס מיינט, אַז די קאָנסטיטוציע פון 1870 וועט אים מער געבן, ווי די קאָנסטיטוציע פון 1852... ניין... דעספּאָטיזם מאַכט געבוירן

נאָר דעספּאָטיזם... אויב איר ווילט איינמאָל פאר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו דער חרפּה פון אמאָל... וועט דאָס בעסטע מיטל, לויט אונזער מיינונג, זיין, זיך אָפּצוהאַלטן פון שטימען אָדער אריינוואַרפן אין וואַל־קעסטל אַ ניט־קאָנסטיטוציאָנעלן ביולעטען".

אין דערזעלבער צייט האָט זיך אויך גאַריבאַלדי געווענדט צו דער פראַנצויזישער אַרמיי מיט אַן אויפרוף, וואָס איז געווען אַ סך שטאַרקער פון די לינקעס קול־קורא: „איך וואָלט וועלן זען אין אייך די אייניקלעך פון פלערוס און זשעמאַפּאַ; דעמאָלט וואָלט איך באַגריסט אייער הערלעכע פאָן פון דער רעפּובליק און, הגם איך בין אַ אינוואַליד, וואָלט איך דאָך געגאַנגען צוזאַמען מיט אייך".

די זשורנאַליסטן־רעפּובליקאַנער, די געזעלשאַפטלעכע פאַר־זאַמלונגען האָבן אָנגעהויבן אַ ברייטע אַנטי־פּלעבעסציטישע אַגי־טאַציע. איבערגעגעבן דער זאַך אַ ביסל אַנדערש, ווי די רעפּוב־ליקאַנישע „רעדל־פירער", פון וועלכע די רייכסטע האָבן געשענקט אויף דער פּראָפּאַגאַנדע קעגן פּלעביסציט בלויז צו עטלעכע פראַנק, האָבן זיי, ניט טראַכטנדיק קיין רגע, איינגעשטעלט זייער פרייהייט. עס האָט זיך בלויז געפונען איינער מיט אַ ברייטער האַנט — טשער־נוסקי, אַ געוועזענער מיטגליד פון דער רוימישער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג; ער האָט געשיקט צוויי מאָל הונדערט טויזנט פראַנק.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען אַ טראָפּן אין ים קעגן דער אימפּעריע, וואָס האָט געהאַט צו איר דיספּאָזיציע די בענק און טעראָר. דעם 30טן אַפּריל האָט די אימפּעריע געשיקט קיין מאַזאַס די רעדאַקטאָרן פונם מאַניפעסט פון „קאָרדעריי" און די אַרבעטער־אַגיטאַטאָרן: אַווריאַל, מאַלאָנע, טייסן, עליגאָנען, אַסין און אַנדערע. דעם 17טן מאַי האָט די רעגירונג פאַרעפנטלעכט וועגן דער אַנטדעקטער פאַרשווערונג... דער פּאָליציי האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרהאַלטן אין איין געזעלשאַפטלעכן אַנשטאַלט דעם אויסגעדינטן זעלנער באָרי, וואָס האָט געהאַט געלט מיט אַ בריוו פון פלוראַנסן, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן דעמאָלט אין לאָנדאָן און געשיקט דעם זעלנער דערהרגענען דעם קייזער. דער אינטערנאַציאָנאַל איז, מסתמא, פאַרמישט אין דעם ענין, שווערט זיך דער „פיגאַראָ"

און די אָפיציעלע וועלט. בחינם פּראָטעסטירן די געזעלשאַפטן „קאָרדערי", אומזיסט שרייבט דער אינטערנאַציאָנאַל": „מיר ווייסן צו גוט, אַז די פאַרשיידענע מינים יסורים, וואָס עס ליידט דער פּראָלעטאַריאַט, זיינען אַ סך מער אָפּהענגיק פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור, ווי פון דעם צופעליקן דעספּאָטיזם פון צייט־מושלים, אַז מיר זאָלן פאַרלירן צייט אויף טרוימען וועגן אָפּרוימען איינעם פון זיי". מען קאָנפיסקירט דעם מאַניפעסט, מען קאָנפיסקירט די צייטונגען. עמיל אָליוויע זעט אומעטום איין דער אינטערנאַציאָנאַלס אונטערשיסעלעך, אין אַלע געריכטלעכע אַנשטאַלטן צעשיקט ער אַ טעלעגראַפישן באַפעל צו אַרעסטירן די מיטגלידער פונם אינטערנאַציאָנאַל, האַלטנדיק זיך עקשנותדיק ביי דעם, אַז זיי מוזן אומעטום זיין. מען פירט דורך מאַסן־אַרעסטן. פונם 1טן ביזן 8טן מאַי פילט זיך קיין איין רעפּובליקאַנער ניט זיכער. די לינקע דעפּוטאַטן נעכטיקן ניט אינדערהיים. דעלעקלוז צוזאַמען מיט עטלעכע אַנדערע זשורנאַליסטן זיינען געצוואונגען צו זוכן אַ מקום־מקלט אין בעלגיע.

די אָפּשטימונג האָט געגעבן 7.200.000 שטימען פּ אַ ר און 1.530.000 ק ע ג ן, פון וועלכע אַ צענטל איז אויסגעפאַלן אויף פּאַריז. די אַרמיי האָט געגעבן 51.000 שטימען קעגן. פונם 52טן יאָר אָן האָט די אימפּעריע שוין דריי מאָל באַקומען 7.000.000 שטימען לטובת זיך, עס איז נאָך אָבער קיין איין מאָל ניט געווען אַזוי פיל פיינטלעכע שטימען קעגן איר. די גרויסע שטעט זיינען געווען אויפן צד פון דער אָפּאָזיציע, אין די קליינע צענטערס ווידער און אין דאָרף זיינען די איינוואוינער געבליבן אויפן צד פון דער פעסטער מאַכט: אַ רעזולטאַט, וואָס מען האָט פאָראויסגעזען. די אַדמיניסטראַציע מיט אירע אומצאָליקע טאַפּערלעך האָט בלויז באַאַרבעט די דאָרפישע באַפעלקערונג; זי האָט זי געשראָקן מיט אַ תל מאַכן און איינגערעדט זי, אַז דער „יאָ" וועט ברענגען שלום; אויף אַזאַ אופן האָט זיך איר איינגעגעבן צו בייגן זי, אַז זי זאָל שטימען פאַר דער רעגירונג. די אימפּעריע האָט אָנגענומען די מיליאָנען פּאַסיווע פאַר קעמפער און די אָנדערטהאַלבן מיליאָן אַקטיווע פאַר אַ קנאַפּע ערשיינונג. די מאַמעלוקעס האָבן געפּאָ=

דערט פארשיקונגען. עמיל אליוויע האט אויסגעקאמביגירט פאר זיי א פראצעס אינם העססטן געריכט, אין וועלכן עס האט באדארפט גלייכצייטיק געמשפט ווערן דער פארנאנטער באָרי און צוויי און זעכציק מער אדער ווייניקער באוואוסטע רעוואלוציאָנערן:—קורנע, ראזוא פון דער „אויפוואכונג", מעזשי, טאני־מואלען, פאנטען, סאפוא, פערעזא פאר רעדעס אויף עפנטלעכע פארזאמלונגען.

בינו־לבינו זיינען די ארבעטער, וואס האבן געחתמעט דעם מאניפעסט קעגן דעם פלעביסציט, איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט פון דער אויסבעסערונגס־פאליציי צוזאמען מיט באשול־דיקטע, וואס זיי האבן לחלוטין ניט געקענט. דער פראקוראָר האט צעטיילט די באשולדיקטע אויף צווייערליי קאטעגאריעס: אויף לידערס און מיטגלידער פון דער געהיימער געזעלשאפט. „מחיום והלאה וועלן מיר אייך פארפאלגן אומברחמנותדיק" — האט ער געזאגט צו די ארבעטער און איבערגעלייענט זיין באשולדיקונגס־אקט, וואס איז מיט א טאג פריער געווען געדרוקט אין „פיגארא" און וואס די הויפט־ראלע אין אינטערנאציאנאל האט מען צוגעשריבן בלאנקין. שאלען האט פארטיידיקט זיינע פריינד פון דער ערשטער גרופע, ער האט געוויזן, אז דער אינטערנאציאנאל איז די באוואוסטע און אפנסטע געזעלשאפט אין דער גאנצער וועלט. „א קינד פון דלות איז עס געקומען, כדי צו ארגאניזירן דעם אינטערנאציאנאלן פארבאנד פון דער אונטערדריקטער ארבעט — אין פאריז, לאנדאָן, ווין, בערלין, דרעזדן, אין דער פראנצויזישער פראָווינץ... יאָ, מיר זיינען טאקע שולדיק אין דעם, וואס מיר זיינען ניט מסכים מיט די פסק־דינים פון די עקאנאמיסטן, וואס זיינען געגנוג עם־הארציש, אויב זיי נעמען אָן פאר נאטירלעך אזעלכע ערשיינונגען, וואס זיינען א פועל־יוצא פון דער פאריבער־גייענדיקער אָרדענונג פון דער אינדוסטריע, און זיינען גענוג שלעכט, כדי צו זינגען תהלות ותשבחות א סטרוקטור, וואס איז געשטיצט אויף אונטערדריקונג און ליידן... ניין, די פראלע־טאריער ווילן מער דערמיט ניט שליסן קיין שלום... קעגן דעם נייעם געזעץ פון די פארבאנדן האט מען די פאבריקאנטן געגעבן מיליטערישע הילף. די ארבעטער, וואס די קוילן האבן זיי ניט

געשאדט, האבן חדשים=לאנג פארבראכט אין די תפיסות, זיי האבן באקומען פון די ריכטער צונעמען פון רויבער און ווילדע מענטשן... וואס וועט איר דען דערגרייכן, בשעת איר וועט שטערן אונז שטודירן די רעפארמען, וואס דארפן באווארענען די סאציאלע באנייונג?... וואס ווייטער, אלץ טיפער וועט זיין דער קריזיס, אלץ ראדיקאלער די מיטלען". טיים האט פארטיידיקט די ארבעטער=סינדיקאטן. ער האט אנגעוויזן, אז זייער ארגאניזאציע האט לגמרי קיין שייכות ניט מיטן אינטערנאציאנאל און דערהייבנדיק זיך ביז אמתע רעדנער=קונסט, האט ער געזאגט פאלגנדיקס: „אלע אייערע קאנסטיטוציעס פראקלאמירן כלומרשט און באווארענען פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. יעדעס מאל אבער, ווען דאס פאלק נעמט אן אן אבסטראקטע פילאסאפישע, פאליטישע און רעליגיעזע פארמול, קען עס זיך שוין ניט בארויקן, כל=זמן דער אידעאל ווערט ניט פארווירקלעכט... די נשמה פון פאלק איז, משמעות, וייער גרויסמוטיק, ווארעם ליידנדיק כסדר הונגער און ארבעטסלאזיקייט, האט עס נאך ניט געפאדערט פון אייך קיין דין וחשבון פון אייער עשירות. אלץ, וואס לעבט פון אייגענער ארבעט, — די ארבעטער, קליינע בעל=מלאכות, קרעמער, — גייט אוים, מאטערט זיך, און די געזעלשאפטלעכע רייכטימער געהערן צו וואכערס, געשעפטמאכערס, שפעקולאנטן". לעא פראנקעל, וואס איז ארויסגעטראטן אין נאמען פון די אויסלענדישע מיטגלידער, האט א זאג געטאן: „די פאראייניקונג פון די פראלעטאריער פון דער גאנצער וועלט איז געשען; קיין שום קראפט איז ניט בכוח זיי פונאנדערצושיידן". אנדערע באשולדיקטע האבן זיך אליין פארטיידיקט. דיוואל האט דערמאנט אן דער פראזע פון די אונטערנעמער, וואס איז געזאגט געווארן בשעת דעם שטרייק פון די אייזנגיסער: „די ארבעטער וועלן צוטרעטן צו דער ארבעט, ווען זיי וועלן ניט האבן וואס צו עסן".

פון דער ערשטער זיצונג אן זיינען די פראפעסיאנעלע אדוואקאטן בייגעווען ביי אלע רעדעס און זיינען געווען פארכאפט פון דעם אומגעוויינלעכן בילד, פון דעם באוואוסטזיין, פון דעם רעדנער=טאלאנט פון דער ארבעטער וועלט, וועלכע זיי האבן אפילו דערינען ניט

חושד געווען. „נאך זיי — בלייבט שוין גאר־ניט וואס צו זאגן", — האט זיך מיר מודה געווען א יונגער אדוואקאט, קלעמאן לאריע, א ניט־ווייניקער טאלאנטפולער, ווי גאמבעטא אין זיין פארטיידיקן באדענען. רעדנער־קראפט, וואס איז פול געווען מיט געפיל און געדאנק. אין אנהייב פון איין זיצונג האט דער ריכטער געמשפט עפעס א קרימינעלן פראצעס. אינם געריכט באוויזט זיך א קליין קינד, וואס איז פארלאזן געווארן דורך די עלטערן. „גיט עס אונז, — שרייען די ארבעטער, — מיר וועלן עס אדאפטירן, דערציען און אויסלערנען א מלאכה". דער פארזיצער האט אבער איינגעפונען די המצאה פאר ניט אויפן ארט. די באשולדיקטע זיינען פארמשפט געווארן צו צוויי חדשים געפענגעניש: אווריאל, טיים, מאלאן, ווארלען, פענדי, שאלען, פראנקעל, זשאאנאר, זשערמאן קאס, קאמבא, פאסדוע א. א.; בלויז צוויי האט מען באפרייט: אסי, וועלכן מען האט, ניט קוקנדיק אויף די באמיִונגען פון „פיגארא", ניט געקענט צוטשעפען צום אינטערנאציאנאל, און לאנדעק, וואס האבן געלייקנט אין זיין אנטייל.

עס האט ווידער אנגעהויבן הערשן די רו פון די דעצעמבער־טעג: אויף די גאסן שטיל, די רעוואלוציאנערן טיילווייז אין די תפיסות, טיילווייז פארשיקט, די ציימונגען אדער זיי זיינען פאר־באטן, ווי די „מארסעליעזע", אדער זיי ווערן שטרענג פארפאלגט; שטיל איז אויך אין געזעצגעבערישן הויז, וואו די עקסט־לינקע זיינען דערשטיקט, די אפאזיציע ווידער באשטייט פון פיקארן מיט זיין חברותא. פלוצלונג האט אנהייב יולי אומעטום זיך געלאזט הערן א קלאנג וועגן מלחמה. איין פרייסישער פרינץ פון די האהענצאלערנס ווערט א פרעטענדענט אויפן שפאנישן טראן, וואס איז פריי געווען זינט איזאבעלע איז פארטריבן געווארן. דאס ווערט משמעות באטראכט אלס באליידיקונג פאר פראנקרייך. עפעס איינער א פלוישער, קאשערי, מאכט צוליב דעם אן אנפראגע ביים אויסערן־מיניסטער גראף גראמאן, דער שיינער לאלקע, וועלכע ביסמארק האט אנגערופן „דער גרעסטער טיפש פון אייראפע". דעם 5טן יולי זאגט דער לעצטער מיט א דראענדיקער מינע, אז פראנקרייך קען ניט דערלאזן, אז א פרעמדע מלוכה זאל ארויפזעצן

-איינעם פון זיינע פרינצן אויף קארל דעם פינפטנס טראן". די לינקע פאדערן ערקלערונגען, דיפלאמאטישע דאקומענטן. „מען דארף ניט קיין שום דאקומענטן", — ברומט קאסאניאק, א פארשוין, וואס איז אין 52טן יאר געווען א מסור, ביי גיזאן — קיניג פון די לצים, ביי נאפאלעאן דעם דריטן — שעף פון די מאמעלוקעס און וואס האט אין משך פון צוואנציק יאר זיך געשליפן דערינען, ווי אזוי אנצופילן זיין קעשענע אן א דנא. „בראוואָ!" — שרייען אויס צוזאמען מיט אים די מקורבים פונם טיוילרייִשן פאלאץ, מען דארף אויסנוצן יעדע געלעגנהייט קעגן פרייסן וואס האט פארפירט נאפאלעאן דעם דריטן.

איר זון וועט ניט קיניגן, אויב מען וועט זיך ניט נוקם זיין זיין פאר סאדאווע, האט געזאגט די קייזערין. דאס איז אויך געווען די מיינונג פון איר מאן. דער מענטש, אין וועלכן די סענטימענ־טאליטעט פון א קרעאל האט זיך אויסגעמישט מיט דער האלענ־דישער פלעגמאטישקייט, וואס האט זיך תמיד געוואקלט צווישן צוויי קעגנזאצן, וואס האט אמאל מיטגעהאלפן דער אויפלעבונג פון איטאליע און דייטשלאנד, האט איצט געחלומט וועגן דערשטיקן די נאציאנאלע אידעע — די זעלבע אידעע, וועגן וועלכער ער האט אזוי פיל געשריבן און זי לחלוטין ניט פארשטאנען. פרייסן, וואס האט נאכגעפאלגט די דאזיקע עוואלוציע און זיך אין משך פון דריי יאר ניט אויפגעהערט צו באוואפנען, האט זיך געפילט פריי און זייער געוואלט, מען זאל אויף עם אנפאלן. די קייזערין, אן אויסלענדערין, וואס איז געווארן אנגעלאדן מיט אויפריים־מא־טעריאל דורך דער חברה פלינקע טענצער, וואס האבן זי ארומ־גערינגלט, דורך סאלאן־אפיצירן, פונקט אזעלכע וואוילינגערישע, ווי עם־הארצישע, ריטער פונם דעצעמבער־רעזשים, וואס האבן געגארט צוריקצושטעלן דאס 52טע יאר, דורך די גייסטלעכע, וואס האבן געהאלטן די קאטוילן פון דייטשלאנד פאר זייערע אליאנטן, — די דאזיקע קייזערין האט אויפגעשרויפט ביז גאר איר שוואכן מאן און אים געצוווּנגען אויפצוהויבן די פאן פון מלחמה, פון איר אייגענער מלחמה, ווי די קאמארילע האט געפלעגט זאגן. דעם 7טן פאדערט דער „גרעסטער טיפש" פונם פרייסישן קיניג, ער זאל

אַראָפּנעמען דעם האָהענצאָלערנס קאַנדידאַטור; דעם 9טן געפינט דער סענאַט איין, אַז מען האָט שוין גענוג געוואָרט און ערקלערט, אַז דער קייזער קען פירן פראַנקרייך, ווי ער וויל נאָר, אַז אים אַליין בלויז דאַרף געהערן דאָס רעכט פון אַרויסזאָגן קריג; דעם 9טן ענטפערט דער קיניג, אַז ער וועט געבן זיין הסכמה, אויב דער פּרינץ האָהענצאָלערן וועט זיך נאָר אַליין אָפּזאָגן; דעם 10טן פאָדערט גראַמאָן אַ מער באַשטימטן ענטפער און גיט דערביי צו: „איבערמאָרגן וועט שוין זיין צו שפּעט"; דעם 11טן וואַרט דער קיניג, — זאָגט ער, — אַן ענטפער פונם פּרינץ, נאָר פון זיין זייט ווידער גיט ער צו: „איך נעם אָן מיטלען, כ'זאָל ניט ווערן געטראָפן פלוצלונג"; דעם 12טן נעמט דער פּרינץ אַראָפּ זיין קאַנ־דידאַטור: „דאָס הייסט שלום, — זאָגט נאַפּאָלעאָן דער דריטער, — אַ שאָד, ס'איז געווען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט".

די כּנופיא, אַ באַצערטע, וואָס אַ מאָל מער פאַרשלונגען פון דעם רעיון וועגן מלחמה, שטייט ניט אָפּ פונם קייזער, באַמיט זיך אויף אים צו ווירקן, צעבלאָזנדיק מיט אַ לייבט הארץ דאָס פייער. דעט האָהענצאָלערנס אָפּזאָג איז ניט גענוג, מען דאַרף, דער קיניג ווילהעלם אַליין זאָל אונטערשרייבן דעם באַפעל. די מאַמעלוקעס פאָדערן עס, זיי מאַכן אַן אָנפראַגע ביי דער רעגירונג בנוגע איר „מאָדנער פּאַמעלעכדיקייט". ביסמאַרק האָט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ גוטער ווענדונג; אַ איבערצייגטער פאָראויס אין זיין נצחון, האָב ער דאָך געוואָלט, אַז דער אָנפאַל זאָל געמאַכט ווערן מצד פראַנקרייך. דעם 13טן גיט ווילהעלם אָן שום באַוואָ־רענישן די הסכמה אויף דעם פּרינצס אָפּזאָג. וואָס קומט דערפון אַרויס? אין טיוּלרי וויל מען מלחמה פאַר יעדן פּרייז. ביינאַכט באַקומט אונזער אַמבאַסאַדאָר בענעדעטי אַ באַפעל צו פאָדערן ביים אַלטן קיניג, ער זאָל פאַרווערן דעם פּרינץ ווען עס איז צו־ריקציען זיין אָפּזאָג. אויף דעם דאָזיקן דערנידעריקנדיקן פאָרשלאָג ענטפערט ווילהעלם, אַז ער וועט ניט ענדערן זיינע ווערטער און טרעפנדיק דעם פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר אויפן עמסער וואָקזאַל, חזרט ער אים איבער די פריערדיקע ווערטער. אַ פרידלעכע דע־פּעשע איז מודיע ביסמאַרקן וועגן דער זעונג, בעת וועלכער

ווילהעלם איז געווען העפלעך אָן פּאַרוואורף. דער קאַנצלער ווענדט זיך צו מאָלטקען און צום מלחמה־מיניסטער מיט דער פראַגע: „איר זייט גרייט?" זיי זאָגן צו נצחון. ביסמאַרק ענדערט דעם טעקסט פון ווילהעלמס דעפּעשע, טייטשט זי אויס אַזוי, אַז דער פּרייסישער קיניג האָט פּשוט אָפּגעזאָגט אויפצונעמען דעם פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר, פאַרעפנטלעכט עס אַזוי אין דער ביילאַגע פון דער „קעלנער ציַיטונג", שיקט זי צו די פּרייסישע אַגענטן אין אויסלאַנד.

די קייזערין מיט די מאַמעלוקעס זיינען נאָך מער מלא שמחה פאַר ביסמאַרקן. זיי האָבן זיך דערשלאָגן מלחמה. „פּרייסן באַליידיקט אונז — שרייבט אויף צומאָרגנס „Constitutionnel", — ובכן, אויף יענער זייט ריין! די זעלנער פון יענע זיינען גרייט!" דעם 14טן אינאָווענט דרייען זיך אום אין די גאַסן המונים מענטשן, וואָס זייערע רייען זיינען פול מיט פּאָליציי־לייט און שרייען: „נידער מיט פּרייסן! נידער מיט בערלין!" בענעדעטי, וואָס איז אויף צומאָרגנס געקומען, וואָלט מיט איין וואָרט געקענט אויפקלערן דעם גאַנצן אינצידענט, זיי ווילן אָבער פון קיין זאַך ניט הערן, נאָר גייען גלייך אַליין אין דער נעץ אריין, וואָס מען האָט אויף זיי אָנגעשטעלט. גראַמאָן און לעבעף לייענען אין סענאַט די קריגס־ערקלערונג, אין וועלכער די ביילאַגע צו דער „קעלנער ציַיטונג" ווערט אויסגעטייטשט אַלס אָפיציעלער דאָקומענט. דער גאַנצער סענאַט, ווי איין מענטש, באַגריסט דאָס מיט באַגייס־טערטע אויסגעשרייען; איינער פון די עקסטע וויל אריינשטעלן זיינס אַ וואָרט, מען האַלט אים אָבער אָפּ: „גענוג געטענהט! מען דאַרף מעשים!" אין דעם פּאַרלאַמענט זיינען די באַמעס מלאָ־חמה, ווען די אָפּאָזיציע פאָדערט מען זאָל ווייזן די דעפּעשע, וואָס איז „אָפיציעל איבערגעגעבן געוואָרן די אייראָפּעישע קאַ־בינעטן". עמיל אָליוויע, וואָס קען זי ניט ווייזן, פאַררופט זיך אויף מינדלעכע ידיעות, ער לייענט די דעפּעשן, וואָס ווייזן בלויז, אַז דער פּרייסישער קיניג האָט געגעבן זיין הסכמה אויפן אָפּזאָג. „דאָס איז ניט גענוג, כדי אָנצוהויבן אַ מלחמה" — זאָגן די לינקע. „איר רייסט איבער צוליב אַ פאָרמאַליטעט... איך

פאדער, מען זאל אונז ווייזן די דעפעשן, וואס האבן געדינט אלס סיבה צו דערקלערן מלחמה" — זאגט טיער. מען פארשיט אים מיט זילזולים. „וואו איז די ראיה — זאגט זשול פאוור, — אז פראנק-רייכס כבוד איז אין געפאר?" די מאמעלוקעס הייבן אן טופען מיט די פים, 159 שטימען קעגן 84 ווארפן אפ וועלכע ס'איז-ניט אויספארשונג. עמיל אליוויע שרייט מיט התלהבות אוים: „פון היינט אן ווערט ארויפגעלייגט אויף מיינע חברים און אויף מיר א גרויסע אחריות; מיר נעמען זי אן מיט א לייכט הארץ!"

עס ווערט געשאפן א קאמיסיע, וואס מאכט דעם אנשטעל, אז זי שטודירט די געזעץ-פראיעקטן, וואס זיינען נייטיק כדי אוים-צוגעפינען מיטלען אויף פירן מלחמה. זי רופט צו זיך גרא-מאנען, פאדערט ניט פון אים די בלומרשטע דעפעשע, וואס איז צעשיקט געווארן צו די קאבינעטן, — זי איז דאך ניט פארהאן, — לאזט אים לייענען, וואס אים געפעלט, און קומט צוריק אין פאר-לאמענט אריין מיט דער ערקלערונג: „דאס מלחמה-און פלאט-מיניסטעריום קענען אויספירן אלע נייטיקע ביי דער דאזיקער לאגע הכנות מיט אן אומגעהייערער שנעלקייט." גאמבעטא פאדערט ערקלערונגען; עמיל אליוויע קאכט אויף פון כעס; די קאמיסיע מעלדעט: „אונזער ווארט איז גענוג!" די געזעץ-פראיעקטן, וואס ווערן פארגעלייגט דורך דער קאמיסיע, ווערן כמעט איינשטימיק אנגענומען, בלויז צען דעפוטאטן שטימען קעגן זיי; דערמיט שעפט זיך אוים די מוטיקייט פון די לינקע.

זיי האבן אן שום ספק געקעמפט קעגן מלחמה, די גאנצע ענערגיע האט מען אבער געפטרט אויף טענות-ומענות. קיינער האט זיך ניט געווענדט צו קיין אנדער כוח —' צום כוח פון געווער. קיין איין אויפרוף צום פאלק, קיין איין דאנטאנס א ווארט. ביי די אלע לייט, סיי יונגע, סיי אלטע, טוער פון 48טן יאר, פארביסענע טריבונען, האט זיך ניט געפונען קיין איין טראפן פון דעם ריינעם רעוואלוציאנערן בלוט, וואס האט אזוי פיל מאל טייכנווייז זיך געגאסן אין די העלדישע עפאכעס.

פון דער אומצופרידענער גרויס-בורזשואזיע האט זיך דער איינציקער אמתער פירער אירער טיער, וואס איז ארויסגעטראטן,

זיך באגרעניצט בלויז מיט א פראטעסט, אין דער צייט, ווען ער, אלס געניטער אין די מלוכה=סודות, האט געוווסט, אז עס שטייט פאר אן אומפארמיידלעכע מפלה, ער האט געוווסט, אז די פראנצויזן שטייען אין יעדן פרט נידעריקער פאר די פרייסן. ער וואלט געקענט גרופירן ארום זיך די לינקע, די מעסיקע, די זשורנאליסטן, באווייזן באשיינפערלעך, אז מאכן אן אנפאל — איז א משוגעת און שטיצנדיק זיך אויף זיינע אליאנטן, אויף דער געזעלשאפטלעכער מיינונג, זאגן דער געזעצגעבערישער קערפערשאפט און דעם הויף: „מיר וועלן קעמפן מיט אייער מלחמה, ווי מיט א בגידה". ער האט געוואלט אבער בלויז אראפנעמען פון זיך די אחריות, מציל זיין „דאס געדעכעניש" וועגן זיך, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט; ער האט ניט געזאגט דאס נייטיקעווארט: „איר קענט גארניט". און די דאזיקע גרויס=בורזשוא, וואס וואלטן קיין דרייער פון זייער עשירות ניט געגעבן אן זיכערע ערבותן, האבן לויט גראמאנס און דעם בארימער לעבעפס איין ווארט געשטעלט אין קאן הונדערטער טויזנטער פראנצויזישער לעבנס און מיליארדן פראנצויזישע געלטער.

הונדערטער מאל האט דער דאזיקער מלחמה=מיניסטער געזאגט צו די דעפוטאטן, זשורנאליסטן, אין די קולוארן, אין די סאלאנען, אינם טוילרייַשן פאלאץ: „מיר זיינען גרייט, פרייסן ווידער איז ניט גרייט". קיינמאל וואלטן די היציקסטע פארגעטערער פון דער ארמיי ניט באשאנקען די פאפולערסטע גענעראלן מיט אזעלכע אומגעהייערע שבחים, ווי דער דאזיקער גרויסער שוטה, מיט די שרעקלעכע וואנסן, האט געווארפן אויף רעכטס און לינקס: „די פרייסישע ארמיי אנערקען איך ניט!" „אט איז די בעסטע מיליטערישע קארטע!" און ער האט געוויזן אויף זיין שווערד; „אלץ איז גרייט, אלץ ביזן לעצטן קנעפל אויף די געטרעס", „מיר האבן איבערגעיאגט פרייסן מיט צוויי וואכן!"

דער פלעביסציט האט דעמאסקירט פאר פרייסן די פינקטלעכע צאל זעלנער, וואס זיינען געשטאנען אונטער אונזערע פענער: דריי מאל הונדערט טויזנט, פון וועלכע עס האבן געקענט ווערן ארויסגעשטעלט העכסטנס צוויי הונדערט און זעכציק טויזנט;

די דאָזיקע ציפער איז שוין לאַנג געוואָרן איבערגעגעבן דורך די אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס. אין טױלרי האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ וועלט מיט רעפּעראַטן וועגן דעם וווּקס פון פּרייסנס מיליטעַרישע כּוחות, וואָס האָט אין 1866 ביי סאַדאָווע געציילט צוויי-הונדערט און פופצן טויזנט מאַן און האָט איצט געהאַט אין איר רשות אַ האַלבן מיליאָן; אונזערע פירער האָבן אָבער קיין זאַך ניט געוואָלט זען און לייענען. דעם 15טן יולי איז רוע, אין דער באַגלייטונג פון אַ גרויסער מחנה סענאַטאָרן, געקומען צו נאַפּאָלעאָן דעם דריטן און געזאָגט: „אין משך פון פיר יאָר האָט דער קייזער דערהויבן די אָרגאַניזאַציע פון אונזערע מיליטערישע כּוחות ביז דער העכסטער מדרגה פון מאַכט. אַדאַנק אייך, קייזער, איז פראַנקרייך גרייט!"

אויף דער סצענע זיינען אַרויסגעטראָטן ווייסע בלוזעס און אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאָליציי האָבן זיי אָנגעהויבן איינאָרדענען מאַניפעסטאַציעס, זיי האָבן באַצירט די דייטשע אַמבאַסאַדע מיט כלערליי מיאוסע אויפשריפטן. די בורזשואַזיע, וואָס איז אונטערגעקויפט געוואָרן דורכן רעגירונגס-שקר, די בורזשואַזיע, וואָס האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן די אויסלענדישע פּרעסע, וואָס האָט געגלויבט אין דער אַרמיי, וועלכע איז אַזוי פיל יאָרן געווען אומבאַזיגלעך, — די זעלבע בורזשואַזיע, וואָס האָט אַזוי מיטגעפילט דער פאַראייניקונג פון איטאַליע, האָט זיך געלאָזט מיטשלעפּן קעגן דייטשלאַנד, וועלכעס האָט אויך געשטרעבט צו ווערן פאַראייניקט. דער אָפּערן-עולם האָט אויך אַרויסגעוויזן פּאַטריאָטישע באַגייסטערונג; לויטן רוף פונם אַלטן סקעפּטיקער, דעם סענאַטאָר זשיראַרדען, וואָס האָט אין זיין צייטונג שוין באַוויזן צו פאַרטרייבן די דייטשן אויף דער צווייטער זייט ריין, האָט דער דאָזיקער עולם געפאָדערט, מען זאָל אויפשפּילן די מאַרסעליעזע.

אָט-וואָס נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט אָנגערופן „פראַנקרייכס שטראָמיקער דראַנג"

צום כּבוד פון פראַנצויזישן פּאָלק איז אַרויסגעטראָטן אויף דער סצענע אויך אַ צווייט פראַנקרייך. די פּאַריזער אַרבעטער פרוון שטערן דער פאַרברעכערישער מלחמה, זיי ווילן פאַרצוימען

דעם וועג די שמוציקע שטראָמען פון שאָוויניסטישן המון. דעם 15טן, אין דער צייט, ווען עמיל אָליוויעס לייכט הארץ איז פול מיט פאטריאָטיזם, לאָזן זיך הייפלעך מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאמלט אין „קארדערי", אראָפּ צו די בולווארן. אויפן פּלאַץ שאטאָ־ד'אָ* שליסן זיך אַ סך אין זיי אָן; דער המון וואַקסט, עס הערן זיך אויסגעשרייען: „זאָל לעבן דער שלום!" עס הערט זיך דאָס זינגען פון רעפרען פון 48טן יאָר:

„אַלע פעלקער זיינען ברידער,
אַלע טיראַנען — אונזערע פיינט".

בשעת דער פּראָצעסיע פונם עולם פון שאטאָ־ד'אָ ביז צו די טויערן פון סען־דעני אַפּלאָדירט מען זיי אין די דעמאָקראַטישע קווארטאַלן. אויף די בולווארן באָן־נוּוועל און מאָנמארטר הערן זיך פייפערייען און עס קומען פאר צוזאַמענשטויסן מיט כל־המינים באַנדעס. דער המון גייט פארביי די גאַס פון שלום, דעם וואַנדאָמער פּלאַץ, וואו מען פייפט אויס עמיל אָליוויע, דורך דער ריוואָלי־גאַס און פּלאַץ פון שטאָטראַט. אויף צומאָרגנס קלייבן זיך דיזעלבע מענטשן, נאָר אין אַ סך אַ גרעסערער צאָל, צונויף אויפן באַסטיליע־פּלאַץ און דער צוג הייבט זיך ווידער אָן. בראש גייט ראַנוויע, אַ פּאָרצעליי־מאָלער, וואָס איז זייער פּאָפּולער אין בעלוויל; ער טראָגט די פאָן. אויפן בולוואר באָן־נוּוועל וואַרפן זיך די פּאָליציי־לייט מיט די שווערדן אין די הענט אויפן עולם און צעטרייבט אים.

אָנמעכטיק, כדי אויפצוהויבן די בורזשואַזיע, ווענדן זיך די פראַנצויזישע אַרבעטער צו די אַרבעטער פון דייטשלאַנד: „ברידער, מיר פּראָטעסטירן קעגן דער מלחמה, מיר ווילן שלום, אַרבעט און פרייהייט. ברידער, הערט זיך ניט צו צו די אונטערגעקויפטע שטימען, וואָס האָבן זיך באַמיט אייך אָפּצונאַרן בנוגע פראַנקרייכס אמתער שטימונג." זייער איידעלער רוף בלייבט ניט אָן אַ תשובה. די אַרבעטער פון בערלין ענטפערן: „מיר ווילן אויך שלום, אַרבעט און פרייהייט. מיר ווייסן, אַז איןביידע זייטן ריין וואוינען ברי־

* איצט „דער פּלאַץ פון דער רעפּובליק".

דער, וואס מיר זיינען גרייט צוזאמען מיט זיי צו שטארבן פאר דער אלוועלטלעכער רעפובליק". גרויסע און נביאישע ווערטער, וואס זיינען איינגעשריבן געווארן אינם גאלדענעם בוך פון צוקונפט פון די ארבעטער.

די לעצטע דריי יאר האט אין אמתן קאמף גענומען אנטייל בלויז דער פראלעטאריאט, א גאנץ אייגנארטיקער לויט זיין גייסט, און יונגע לייט פון דער בורזשואזיע, וואס זיינען אריבער אויפן צד פון פאלק. בלויז זיי האבן נאך עפעס ארויסגעוויזן א שטיקל פאליטישן מוט, בלויז זיי האבן אין דער אלגעמיינער פאסיוויטעט, אין יולי 1870, געפונען אין זיך כוח צו פרוון מציל זיין דאס לאנד. די אימפעריע האט זיי פיינט געהאט און האט ניט פארגעסן אן איר שנאה צו זיי אפילו שפעטער, אין סאמע ברען פון דער מלחמה. אין דער זעלבער צייט האט דאס העכסטע געריכט אין בלוא געמשפט די צוויי און זעכציק מאן, וואס זיינען באשולדיקט געווארן טיילווייז אין פארשווערונג, וואס איז פאבריצירט געווארן פארן פלעביסציט, טיילווייז אין פארשיידענע אנדערע פארברעכנס. דאס רוב פון זיי האט איינער דעם אנדערן ניט געקענט. פון זיי זיינען בלויז זיבן און דרייסיק פריי געווארן, דערונטער קורנע, ראזוא, פערע; מעזשי איז פארשיקט געווארן אויף קאטארגע.

דאס מלחמה־פארזעניש איז אראפגעלאזט געווארן פון דער קייט און די צונגען האבן גענומען קנאקן אין פאריז, וועלכן עס האבן זיך כסדר נאר געחלומט נצחונות. אין א חודש ארום האבן די דייטשע זשורנאליסטן, וואס האבן אנגעקליבן גענויגנדיקע ידיעות, זיך אומגעקערט קיין בערלין. אויף דער פראנצויזישער גרענעץ האט קיין עסנווארג, הארמאטן, ביקסן, אמוניציע, מאפעס, שטיוול ניט געקלעקט, אדער ס'איז אינגאנצן ניט געווען; איין גענעראל האט טעלעגראפירט צום מיניסטער: „איך ווייס ניט, וואו מיינע פאלקן זיינען"; ס'איז ניט געווען מיט וואס צו באקליידן און באוואפענען די מאביליזירטע זעלנער מיט די רעזערוויסטן; יעדע אילוזיע וועגן אליאנטן איז צערונען געווארן: עסטרייך האט אפ־געהאלטן רוסלאנד, איטאליע — נאפאלעאן דעם דריטנס אפזאג אפצוטרעטן רוים די איטאליענער.

דער קייזער איז ארויסגעפארן פון סענקלו דעם 28טן מיט דער ארומיקער באן, ניט אנטשליסנדיק זיך צו פארן דורך פאריז, כאטש עס איז געווען אזא „שטראמיקער דראנג", אויף וועלכן עס האבן אזוי לאנג געריטן זיינע לייט. ער וועט זיך שוין קיינמאל מער אהער ניט אומקערן. זיין איינציקע נחמה וועט זיין אין עטלעכע חדשים ארום צו זען, ווי זיינע אפיצירן, זיין באמישע בור־זשואזיע וועט אים הונדערט מאל איבערשטייגן אין הלכות אכזריות.

זיין פאלן איז געווען דאס פאלן פון וויטעליוסן. אין זיין ערשטער דעפעשע קיין פראנקרייך איז ער מודיע, אז זיין זון האט אויפגעהויבן א קויל אויף דעם שלאכטפעלד ביי סאארבריקען — א ניט־באדייטנדיקער צוזאמענשטויס, וועגן וועלכן מען האט מודיע געווען, ווי וועגן א נצחון. קוים־קוים וואס ער האט זיך צוגע־שלעפט ביז מעץ, האט ער דארטן געליטן א סקאנדאליעזע מפלה. די מיליטערישע אנפירער פאלגן אים ניט און טוען, ווי זיי געפעלט. די פרייסישע ארמיי, וועלכע דער שעף פונם גענעראל־שטאב לעבעף האט ניט אנערקענט, האט פון סוף יולי אן ארויסגעשטעלט פיר הונדערט טויזנט מאן קעגן צוויי הונדערט פערציק טויזנט פראנצויזן, וואס זיינען געווען צעווארפן איבער דער גרענעץ. אינגיכן גייט דער שונא אריבער די פראנצויזישע גרענעץ; דעם 4טן אוו־גוסט מאכט ער אן אנפאל, ליינט אוועק ביי וויסענבורג אבעל דועס דיוויזיע, דעם 6טן ביי ספיקערן־פארבאך — פראסארן, דעם לערער פונם יונגן העלד פון סאארבריקען; דעמזעלבן טאג צע־קלאפט ער ביי ווערט־פרעשווילער מאק־מאהאנס גאנצע אפטיילונג, וואס זיינע רעשטלעך מאכן פליטה. דער אדלער פון געגולדטע בלעך איז אראפגעפאלן פונם פאן; נאפאלעאן דער דריטער טעלעגראפירט צו זיין ווייב: „אלץ איז פארלארן; באמיט אייך צו האלטן פאריז".

יעדע מלחמה איז פאר דער בערזע א געווינס.

אין דער קרימער מלחמה איז געלאזט געווארן א טאטערישע קאטשקע, דא ווידער — א מאקמאהאנישע: דער פרינץ קארל מיט פינף און צוואנציק טויזנט פרייסן זיינען גענומען אין געפאנגענשאפט. פאריז ווערט באצירט מיט פענער, אויף די גאסן נעמט מען זיך ארום, מען זינגט די מארסעליעזע און ערשט ביים סוף כאפט

מען זיך, אז מען דארף קאנטראלירן די ידיעה. זי איז פאלש; דאס מיניסטעריום איז 6 א זייגער אין אוונט מודיע וועגן דעם, מעלדעט, אז דער אוטאר דערפון איז ארעסטירט און צוגעצויגן צו פאראנטוואָרטלעכקייט — א ליגן, פארשטייט זיך; דאס ראשע וואקלען זיך אויף דער בערזע איז געווען אן אמתער נצחון.

דעם 7טן האט מען ניט ווילנדיק געמוזט מודיע זיין וועגן די מפלות. בחינם האט עמיל אליוויע געטוישט די טעלע־גראמעס. אומזיסט האט די שפאנערין, נאכמאכנדיק מאריע־טע־רעזען, דעקלאמירט: „אין מינוט פון סכנה וועט איר מיך זען אין די ערשטע רייען!" — פאריז טראכט בלויז וועגן דעם שונאס ארייגרייסן זיך. עס לאזן זיך הערן שטימען לטובת א רעפובליק. דעם מעכטיקן מיטל אין טראגישע מאמענטן, וואס האט פארטריבן די פרייסן פון וואלמי. עמיל אליוויע ערקלערט די שטאט אין באלאגערונגס־צושטאנד, צעטרייבט די המונים מיט דער הילף פון פאליציי־לייט, ווייל ניט צונויפרופן דעם פארלאמענט. זיינע חברים צווינגען אים דאס צו טאן; דעמאלט צעקלעפט ער אויף די גאסן א מודעה, אז אלע מאניפעסטאציעס ווערן געמאכט דורכן שונא, אז ביי איין פרייסישן שפיאן האט מען געפונען אזא מין דעפעשע: „מוטיקט אייך! אין פאריז קומען פאר אומרוען, די פראנצויזישע ארמיי געפינט זיך צווישן צוויי פייערן". א טייל לינקע דעפוטאטן, עטלעכע צייטונגען פאדערן, אז מען זאל תיכף ומיד באוואפענען אלע בירגער; עמיל אליוויע דראט די צייטונגען מיט מיליטעריש געריכט. אן אומזיסטער דראונג; פון דעמאלט אן, ווען דאס פאטערלאנד איז אין סכנה, וועקט זיך דער מוט; דעם 9טן, ביים עפענען דאס געזעצגעבערישע הויז, פלאקערט אויף א רגע די האָ־פענונג ניצול צו ווערן.

דאס איז אבער געווען בלויז א פונק; מיר האבן שוין דער־מאנט וועגן דעם. די לינקע זיינען געבליבן לינקע, וואס גלייבן ניט דעם פאלק, אומפעיק און ניט נוטה צו אנטשלאסענע מעשים. זיי האבן ניט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואס איז זיי פארגע־שטאנען דעם 10טן אווגוסט, און ערלויבט דער פרייסישער שווערד צו פארזינקען ביז איבערן הענטל.

ב. ווי אזוי די פּרייסן האָבן באַהערשט פּאַריז און דאָס דאָרף — פראַנקרייך.

„דרייסטקייט! — אָט דאָס וואָרט דריקט
אוים די גאַנצע פּאָליטיק פון אונזער צייט".

(סען-זשוסטס רעפּעראַט פאַרן קאָנווענט).

דעם 12טן שווימט אַרוים אויף דער אייבערפלאַך דאָס, וואָס עס האָט זיך ביז איצט איינגעגעבן צו פאַרבאָרגן: דער שקר פון רוע און לעבעף, וועלכן מען האָט מיט כּוח אָפּגערופן, דאָס טיפּשות פון דער הויפּט-קאָמאַנדע, וואָס דער קייזער האָט איבער-געגעבן באַזענען, טוענדיק צוליב דעם עולם, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין שרייען: „מען דאַרף באַשטימען באַזענען". דעם 13טן פאָדערן אַ טייל דעפּוטאַטן, אַז מען זאָל באַשטימען אַ פאַרטיי-דיקונגס-קאָמיטעט. צו וואָס? „די זיכערקייט פון לאַנד איז באַ-וואָרנט", — זאָגט באַרטעלע-סענטילער, זייער אַ קלוגער מענטש, הער טיערס צווייטער איך.

די אַלע תּקיפים, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן דעם 9טן, האָבן זיך אָבער לגמרי ניט געפילט באַוואָרנט; באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט די צרות, וואָס האָבן געטראָפן דאָס לאַנד, באַמיען זיי זיך אויפצוּוועקן דעם שלאָפעדיקן מוט. אין דער רעדאַקציע פון „רוף" קלייבן זיך צונויף די טוער, וואָס ס'האָט זיך איינגעגעבן אויסצומיידן די סען-פּעלאַזשער תּפיסה; די לינקע דעפּוטאַטן קומען זיך צונויף ביים נעסטאָר. די דאָזיקע הערן, וואָס זיינען איצט פונקט אַזוי איבערראַשט, ווי דעם 9טן, האָבן, משמעות, מער מורא פאַר אַ מלוכה-איבערקערעניש, ווי פאַר דעם נצחון פון די פּרייסן. קרעמיע האָט זיך אויסגעדריקט גאַנץ אָפן: „מיר וועלן וואַרטן אויף אַ נייעם דורכפאַל, למשל, אויפן פאַרנעמען שטראַסבורג".

ווילנדיק=ניט=ווילנדיק איז אויסגעקומען צו ווארטן. און די מאריאנעטעס האט מען קיין זאך ניט געקענט טאן. די קליינבור=זשואזיע האט געגלויבט אין די עקסט=לינקע, פונקט ווי זי האט פריער געגלויבט אין לעבעפעס ארמיי. די אלע, וואס האבן און זיי עפעס געטאן, זיינען דורכגעפאלן. דעם 14טן, זונטאג, פרווט א קליין הייפל בלאנקיסטן, וואס האבן אין די צייטן פון דער אימפעריע קיינמאל זיך ניט אנגעשלאסן און די ארבעטער=ארגאניזאציעס און געגלויבט בלויז אין פלוצלונגדיקע איבערקערענישן — צו מאכן און אויפשטאנד. קעגן בלאנקים עצה, פאלן עד, ברידא, מיט זייערע חברים און אין דער פארשטאט ווילעט אויף דער וואך פון די פייערלעשער, וואו עס געפינט זיך עפעס א ביסל געווער, זיי פאר=וואונדן דעם וואכמאן און דערהרגענען דעם פאליציאנט, וואס קומט אנצולויפן. באהערשט דאס ארט, לאזן זיך די בלאנקיסטן דורכן אויסוויניקסטן בולוואר אין בעלוויל מיט אויסגעשרייען: „זאל לעבן די רעפובליק! א טויט די פרייסן!" דער המון גייט אבער ניט אריבער אויף זייער צד; זיי בלייבן לחלוטין איינזאם. דער המון קוקט אויף זיי פון דער זייט א פארחידושטער, און אומ=באוועגלעכער, מיט אומצוטרוי, וואס ווערט נאך מער צעבלאזן דורך די פאליציי=לייט, וועלכע באמיען זיך אפצוווענדן זיין אויפמערק=זאמקייט פון דעם הויפט=שונא — דער אימפעריע. גאמבעטא, וואס איז זייער ווייניק באקאנט מיט די רעוואלוציאנערע קרייזן, פאדערט צוזוציען די פארהאלטענע פערזאנען צום געריכט. דאס מיליטע=רישע געריכט טראגט ארויס פיר טויט=אורטיילן. כדי צו שטערן דאס אויספירן דעם פסק=דין, ווענדן זיך עטלעכע איידעלע מענטשן צו זשארזש זאנד און מישלע, וועלכער גיט א רירנדיקן בריוו; די אימפעריע האט ניט באוויזן אויסצופירן די עקזעקוציע.

דער גענעראל טראשו האט אויך געזאגט זיינס א ווארט: „איך לייג פאר די לייט פון אלע פארטייען מקיים=פסק זיין מיט אייגענע מיטלען די געמיינע חברה=לייט, וואס געפינען אין געזעלשאפטלעכע צרות א געלעגנהייט פאר זייערע נידערטרעכ=טיקע שטרעבונגען". ניט לאנג פאר דעם האט אים נאפאלעאן דער דריטער באשטימט אלס קאמענדאנט פון פאריז און הויפט=

קאָמאַנדיר פון אַלע מיליטערישע כּוחות צו באַשיצן די שטאָט. דער דאָזיקער מיליטער־מאַן, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט עטלעכע ביכלעך, איז געווען דער אָפּגאָט פון די ליבעראַלן דערבאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַן אומצופרידנהייט מיט דער אימפּעריע.

ער איז געפעלן די פאַריזער איינוואוינער, מחמת ער פלעגט זיך שיין קליידן, האָט גוט גערעדט און עד־היום ניט געשאָסן קיינעם אויף עפּעס אַ בולוואַר. מיט טראָשו אין פאַריז און באַזען מחוץ פאַריז האָט מען זיך אויף אַלץ געקענט ריכטן.

דעם 20טן איז פּאַליקאַאָ מודיע פון דער טריבונע אַראָפּ, אַז דעם 18טן האָט באַזען אָפּגעוואָרפן צוריק דריי קאָרפּוס מיליטער ביז צו די זשאָמאָנער שאַכטעס... דאָס איז געווען דער שלאַכט ביי גראַוועלאָט, נאָך וועלכן באַזען איז געוואָרן אָפּגעשניטן פון פאַריז און האָט געמוזט אָפּטרעטן צו מעץ צו. דער אמת פאַרשפּרייט זיך אָבער שנעל: באַזען איז אַרומגערינגלט. דער פּאַרלאַמענט ווערט דערפון ניט נתפּעל. עס איז דאָך נאָך פאַרהאַן מאַק־מאַהאָנס אַרמיי פריי, וואָס באַשטייט פון אַ ערב־רב באַזיגטע זעלנער און פון פרישע אָפּטיילונגען, אַן ערך העכער הונדערט טויזנט מאַן. זי פאַרנעמט שאַלאָן און קען באַשיצן פאַריז. מאַק־מאַהאָן האָט עס אַליין פאַרשטאַנען און וויל אָפּטרעטן. פּאַליקאַאָ, די קייזערין, רופן פאַרווערן אים אָבער, זיי טעלעגראַפירן דעם קייזער: „אויב איר וועט פאַרלאָזן באַזענען, וועט אין פאַריז אויסברעכן אַ רעוואָלוציע". די מורא פאַר אַ רעוואָלוציע איז אינם טויִלריישן פּאַלאַץ שטאַרקער, ווי די מורא פאַר פרייסן; אונטער דער השפּעה פון דער אימה, שיקט מען איבער כּמעט אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע פון סען־פּעלאַזש אין אַרעסטאַנטן־וואַגאָנעם קיין באָווע.

מאַק־מאַהאָן גיט זיך אונטער; כּדי צו באַשיצן פראַנקרייך פון אַ רעוואָלוציע, עפנט ער פאַר איר אַ וועג דורך דעם שונאס אָנפאַל. דעם 25טן ווערט מען אין פּאַרלאַמענט געוואָר וועגן דעם משוגענעם מאַנעוור, לויט וועלכן אונזער צעזייטע אַרמיי דאַרף

זיך דורכשלאָגן אַ וועג דורך דער זיגרייכער דייטשער אַרמיי, וואָס באַשטייט פון צוויי מאָל הונדערט טויזנט מאַן.

טיער, וועלכער האָט זינט די מפּלות צוריק נושא=חן געווען, רעדט, ווייזט אויף מיט ראיות אין די קולוארן, אַז עס איז אַ משוגעת. קיינער גייט ניט אַרויף אויף דער טריבונע. די דאָזיקע טעמפּע מוחות וואַרטן פּאַסיוו אויף זייער גורל; די קייזערין האָלט אין איין אַרויסשיקן אירע געפּעק קיין אויסלאַנד.

דעם 30טן אינדערפרי ווערן מיר פּלוצלונג באַפאַלן, צעקלאַפּט ביי באָמאָן און אין משך פון איין נאַכט וואַרפט מאַק=מאַהאָן איבער די אַרמיי, אין וועלכער עס איז שוין לחלוטין קיין שום אָרדענונג ניטאָ, אין דעם סעדאַנער טאָל. דעם 1טן סעפּטעמבער אינדערפרי איז זי אַרומגערינגלט פון צוויי הונדערט טויזנט דייטשן מיט זיבן טויזנט האַרמאַטן, וואָס פאַרנעמען אַלע הויכענישן. נאַפּאָלעאָן דער III נעמט אַרויס זיין שווערד בלויז צוליב דעם, כדי זי איבערצוגעבן דעם פּרייסישן קיניג. דעם 2טן ווערט די אַרמיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט. גאַנץ אייראָפּע דערוויסט זיך וועגן דעם דעמזעלבן אָוונט. די דעפּוטאַטן טוען קיין זאַך ניט. דעם 3טן פּרוּוון עטלעכע ענערגישע מענטשן אויפהייבן אַן אויפשטאַנד צווישן פאָלק אויף די בולוואַרן. די פּאָליציי צעטרייבט זיי. אינאָוונט שטופּט זיך דער המון ביי דער קראַטע פון געזעצגעבערישן הויז; ערשט האַלב=נאַכט אַנטשליסן זיך די לינקע צוצוטרעטן צו מעשים.. זשול פאַוור פאָדערט, אַז מען זאָל באַשטימען אַ פאַרטיידיקונגס=קאָמיטעט, אַראָפּזעצן פון טראָן נאַפּאָלעאָנען, ער רעדט אָבער קיין וואָרט ניט וועגן אַראָפּזעצן די דעפּוטאַטן. צווישן המון אויף דער גאַס שרייט מען: „זאָל לעבן די רעפּובליק!" גאַמבעטאַ באַווייזט זיך ביי דער קראַטע און זאָגט: „איר זייט אומגערעכט, מען דאַרף ניט מאַכן קיין רעוואָלוציע, מיר דאַרפן זיך פאַראייניקן". זשול פאַוור וועלכן, דער המון=עם רינגלט אַרום ביים אַרויסגאַנג, באַמיט זיך צו באַרויִקן דאָס פאָלק.

ווען פּאַריז זאָל געווען האָרכן די לינקע, וואָלט פראַנקרייך זיך געווען אונטערגעגעבן. דעם 7טן אווגוסט איז זשול פאַוור, זשול סימאָן, פּעלטאַן — שפּעטער האָבן זיי זיך דערינען מודה געווען —

אוועק צו שניידערן און געזאגט אים: „מיר קענען זיך לענגער ניט האלטן, מיר מוזן וואס גיכער שליסן שלום".* דעם 4טן אינדערפרי האט פאריז אבער איבערגעלייענט אט־א־דעם פאלשן קאמוניקאט: „מען האט גענומען אין געפאנגענשאפט בלויז פערציק טויזנט מאן; אין עטלעכע טעג ארום וועלן מיר האבן צוויי נייע ארמייען; דער קייזער איז גענומען געווארן אין געפאנגענשאפט בשעת די שלאכטן". פאריז לאזט זיך ארוים אויף דער גאס. א סך בורזשוא, דערמאנענדיק זיך, אז זיי זיינען נאציאנאלע גווארדייער, האבן אנגעטאן מונדירן, גענומען ביקסן און ווילן מיט כוח אריבערגיין די שלום־בריק. די זשאנדארמען, זעענדיק אזעלכע חשובע לייט, לאזן זיי דורך; דער המון גייט זיי נאך, רייסט זיך אריין אין פאלע־בורבאן. איינס א זייגער בייטאג פארפילן זיי די גאלעריע, קעגן דער פארצווייפלטער אנשטרענגונג פון די לינקע. פונקט צו דער רעכטער צייט. די דעפוטאטן, פארנומען מיט דעם, ווי אזוי מען באקומט א מיניסטער־פארטפעל, פרווון שאפן פון זיך א רעגירונג. די לינקע שטיצן מיט אלע כוחות די דאזיקע קאמבינאציעס און זיינען אין כעס, וואס מען וואגט צוריידן וועגן א רעפובליק. אויף דער גאלעריע הערן זיך אויסגעשרייען; גאמבעטא שטרענגט זיך אויסערגעוויינטלעך אן, ער באשווערט דעם עולם צוווארטן אויף די רעזולטאטן פון די באטראכטונגען. דעם רעזולטאט קען מען פאראויסזען. דאס איז די רעגירונגס־קאמיסיע, וואס איז באשטימט געווארן דורך דער פארזאמלונג; דאס איז שלום פאר יעדן פרייז; דאס איז, צו דער רעשט שאנד, א מאנארכיע, מער אדער ווייניק קאנסטיטוציאנעלע. א נייע כוואליע ברעכט אוים די טירן, פילט אן דעם זאל, שטויסט ארוים אדער פארטושט די דעפוטאטן. גאמבעטא, וועלכן מען האט ארויפגעשלעפט אויף דער טריבונע, איז געצוואונגען צו פראקלאמירן דעם קייזער פאר אראפגעזעצט פון טראן. דאס פאלק פאדערט עפעס מערס: א רעפובליק! — שלעפט מיט מיט זיך די לינקע דעפוטאטן, זיי זאלן גיין אין שטאטראט און דארט פראקלאמירן די רעפובליק.

---

* די פארלאמענטס־אנקעטע וועגן 4טן סעפטעמבער. זשול פאוור.

דער שטאַטראַט געפינט זיך שוין אין רשות פון פאָלק.
אין דעם ערן=זאַל קאָנקורירט די דרייפאַרביקע פאָן מיט דער רויטער, וואָס אַ טייל באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן, אַ טייל — מיט אַ פייפערײַ. אין דעם טראָן=זאַל ווענדן זיך אַ סך רעדנער מיט אויפרופן צום המון. גאַמבעטעס, זשול פאַווורס און עטלעכע אַנדערע לינקע דעפּוטאַטנס אָנקום ווערט באַגעגנט מיט אויסגעשרייען פון פרייד. מיליער טרעט אָפּ זיין אָרט זשול פאַוורן מיט די ווערטער: „היינט האָבן מיר איין אויפגאַבע — פאַרטרייבן די פרייסן". זשול פאַוור, זשול סימאָן, זשול פערי, גאַמבעטאַ, קרעמיע, עמאַנועל אַראַגאָ, גלע=ביזוען, פעלטאַן, גאַרניע=פּאַזשעס, פּיקאַר דערקלערן זיך אַלס רעגירונג, לייענען איבער פאַרן פאָלק זייערע נעמען. עס הערן זיך אַ סך פּראָטעסטן; מען רופט אויס צו זיי די נעמען פון די רעוואָלוציאָנערן: דעלעקלוז, לעדריו=ראָלען, בלאַנקי. גאַמבעטאַ, וועלכן מען באַגעגנט מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן, באַווייזט, אַז נאָר די פּאַריזער דעפּוטאַטן זיינען מסוגל צו רעגירן. אַדאַנק דער דאָזיקער טעאָריע ווערט אין רעגירונג אַריינגענומען אויך ראָשפאָר, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון סען=פּעלאַזש און וואָס זיין אָנטייל גיט צו דער רעגירונג פּאָפּולאַריטעט.

זיי שיקן צו גענעראַל טראָשו בעטן, ער זאָל נעמען אויף זיך די אָנפירונג מיט דער פאַרטיידיקונג. דער גענעראַל האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט געגעבן דאָס וואָרט פון אַ ברעטאָנער, קאַטויל און זעלנער, אַז ער „וועט שטאַרבן אויף די שטאַפּלען פון טיוילרי, פאַרטיידיקנדיק די דינאַסטיע". דאָס פאָלק האָט אָבער ניט געריירט דעם טיוילרייִשן פּאַלאַץ — האָט זיך באַצויגן צו אים מיט פאַראַכטונג, און טראָשו איז, אַ באַפרייטער אַזוי אַרום פון זיין דרייפאַכער שבועה, אַרויף אויף די טרעפּלעך פון שטאַטראַט. ער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אים ערב זיין פאַר דער אומבאַרירלעכקייט פון דער רעליגיע און מאַכן פאַרן פּרעזידענט. מען האָט אים געמאַכט פאַר פּרעזידענט און צוגעזאָגט דאָס איבעריקע.

אַזוי אַרום זיינען צוועלף בירגער געוואָרן די מושלים פון פראַנקרייך. זיי האָבן זיך געמאָלדן פאַר באַשטעטיקטע דורכן ווילן פון פאָלק. זיי האָבן זיך געגעבן אַ קלינגענדיקן נאָמען: רעגירונג

פון נאציאנאלער פארטיידיקונג. פינף פון די צוועלף זיינען געווען שולדיק אינם פאלן פון דער רעפובליק פון 48טן יאר.

פראנקרייך האט אינגאנצן געהערט צו זיי. תיכף ביי די ערשטע סימנים פון געפאר האט די קייזערין אויפגעהויבן די קליידער און געמאכט פליטה. דער קריגערישער סענאט, מיט רוע בראש, האט זיך שנעל אפגעטראגן געזונטערהייט. כדי צו באַרויקן עטלעכע דעפוטאטן, וואס האבן זיך געוואלט צונויפקלייבן אין פאלע-בורבאן, איז גענוג געווען צו שיקן א קאמיסאר מיט א חתימהלע. די גרויסע לייט, די הויכע באאמטע, די בייזע מאמעלוקעס, די פייערלעכע קאמערהערן, די באוואנצטע גענעראלן האבן דעם 4טן סעפטעמבער זיך אוועקגעכאפט, ווי א טרופע אויסגעפייפטע קאמעדיאנטן.

די דעלעגאטן פון די ארבעטער-סינדיקאטן און פון דעם אינטערנאציאנאל זיינען אינאוונט געקומען אין שטאטראט אריין. ביי טאג האבן זיי אוועקגעשיקט א נייעם אויפרוף צו די דייטשע ארבעטער, אין וועלכן זיי האבן באשוואוירן זיי ניט צו נעמען קיין אנטייל אין דער מערדערישן ברודער-קאמף. נאכן אויספירן זייער ברודערישן חוב, האבן די פראנצויזישע ארבעטער זיך אינגאנצן אפגעגעבן דער פארטיידיקונג און האבן געפאדערט פון דער רעגירונג, אז זי זאל די דאזיקע פארטיידיקונג ארגאניזירן. גאמבעטא האט זיי זייער גוט אויפגענומען און געגעבן א תשובה אויף אלע זייערע פראגן. דעם 7טן האט בלאנקי מיט זיינע פריינד, וואס זיינען ארויסגעלאזן געווארן אויף דער פריי, פונקט ווי אלע פאליטישע ארעסטירטע, — אינם ערשטן נומער פון זיין צייטונג „דאס פאטערלאנד אין סכנה" פארגעלייגט דער רעגירונג זייער ענערגישסטע און ברייטסטע מיטהילף.

פאריז האט זיך אינגאנצן אפגעגעבן אין די הענט פון די לינקע דעפוטאטן און לחלוטין פארגעסן אן זייער אנמעכטיקייט די לעצטע צייט; די סכנה האט זיי דערהויבן אין זיינע אויגן. פארכאפן אין אזא מינוט די מאכט האט אויסגעוויזן צו זיין א דרייסטער שריט, אויף וועלכן ס'איז פעיק בלויז א גאון. פאריז, וואס האט אין משך פון 80 יאר געלעכצט נאך מוניציפאלע פרייהייט,

האט דערלאזט דאס באשטימען אזא מער, ווי דער אלטער פעלד־פעבל פון 48טן יאר, עטיען אראגא, עמאנועלס פעטער, וואס האט געברומט בייז ביי יעדן רעוואלוציאנערן אויסברוך. ער האט באשטימט אין צוואנציק קרייזן אלס מערן וועמען עס איז אים געפעלן; די, ווידער, האבן פון זייער צד זיך צוגעקליבן געהילפן לויט זייער ווילן. אראגא האט אבער אויך געגעבן צו וויסן ווען וואלן אין דער נאענטסטער צוקונפט און געזאגט, אז ער וועט מחיה־מתים ־ זיין די גרויסע טעג פון 92טן יאר; זשול פאוור, פונקט אזא שטאלצער, ווי דאנטאן, האט געשריען, ווענדנדיק זיך צו פרייסן, צו אייראפע: „מיר וועלן ניט אפטרעטן קיין איין טריט ערד אונזערע, קיין איין שטיין פון אונזערע פעסטונגען". און פאריז האט אין דער היץ פון שיכּרות אנגענומען די דאזיקע דיקטאטור, וואס איז געווען אזוי העלדיש אין די רייד. דעם 14טן, בעת טראשו האט אינספעקטירט די נאציאנאלע גווארדיע, האבן דריי הונדערט טויזנט מאן, וואס זיינען אויסגעשטעלט געווארן אויף די בולווארן, אויף דעם שלום־פלאץ און אויף די עליזעישע פעלדער, געמאכט אים א גראנדיעזע אוואציע, אלס סימן פון צוטרוי, פונקט ווי יענער צוטרוי, וואס איז דעם טאג פון וואלמי אינדערפרי אויסגעדריקט געווארן דורך זייערע פאטערס.

יא, פאריז האט אינגאנצן און אויסנאם זיך אנגעטרויט די לינקע, וועלכע עס האט פריער געוועזן באדארפט עוקר מן השורש זיין, כּדי צו מאכן א רעוואלוציע. די באגייסטערונג האט אבער געדויערט בלויז איין שעה. בעת די אימפעריע איז געווארן אראפ־געזעצט, האט עס געמיינט, אז אלץ איז שוין געענדיקט און איז צוריקגעטראטן. בחינם האבן מענטשן מיט שכל געפרווט עס אפ־האלטן, אומזיסט האט בלאנקי געשריבן: „פאריז איז פונקט אזוי אומצוטריטלעך, ווי מיר אומבאזיגלעך; פאריז, וואס איז אפגענארט געווארן דורך דער בארימערישער פרעסע, ווייס גאר־ניט, ווי גרוס די סכנה איז; פאריז האט צו פיל צוטרוי", — פאריז האט זיך אינגאנצן פארלאזן אויף זיינע נייע מושלים, פארמאכנדיק עקשנותדיק אויף אלץ די אויגן. דערווייל האט יעדער טאג געברענגט נייע ראיות לטובת דער מיינונג פון די סקעפטיקער.

די סכנה פון ווערן באַלאַגערט איז געוואָרן אַלץ נענטער און דער פאַרטיידיקונגס=קאָמיטעט, אָנשטאָט צו דערווייטערן די איבעריקע מיילער, איז נאָך פאַרפלייצט געוואָרן מיט צוויי מאָל הונדערט טויזנט איינוואוינער פון די פאָרשטעט. די באַפעסטיקונגס=אַרבעטן האָבן זיך פאָראויס ניט גערוקט. אָנשטאָט צו צווינגען די פּאַריזער באַפעלקערונג זיך צו נעמען פאַרן רידל און מיט צעפלאַטערטע פענער און האָרניסטן בראש צו פירן מחוץ די שטאָט=וואַלן דעם הונדערט=טויזנטיקן המון, וואָס האָט געשטאַמט פון די יעניקע אוראייניקלעך, וואָס האָבן אַמאָל אויסגעגלייכט דאָס מאַרס=פעלד, האָט טראָשו איבערגעגעבן די ערד=אַרבעטן אונטערנעמער, וועלכע האָבן מבטיח געווען, אַז זיי פעלן אוים אַרבעטס=הענט. די שאַטיליאָן=הייך, דער שליסל פון אונזערע פאָרטיפיקאַציעס אויף דרום, איז נאָך ניט געהאַט געווען אויסגעפאָרשט ווי עס געהער צו זיין, בשעת דער שונא איז געקומען דעם 19טן און פאַרטריבן פון דאָרט די אָפּטיילונג פון די צעווילדעוועטע זואַוון און זעלנער, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט שלאָגן, ניט קוקנדיק אויף די צייטונגען, וואָס האָבן געשריען, אַז אַרומרינגלען פּאַריז איז אוממעגלעך, איז פּאַריז דאָך תיכף אויף צומאָרגנס באַלייגט געוואָרן פון דייטשע חיילות און אָפּגעשניטן געוואָרן אינגאַנצן פון דער פּראָווינץ.

די דאָזיקע אומפעיִקייט האָט אַרויסגערופן שרעק ביי אַלע פּראָגרעסיווע קעמפער. זיי האָבן צוגעזאָגט זייער הילף, אָבער ניט קיין בלינדן גלויבן. דעם 5טן סעפּטעמבער, וועלנדיק צונויפזאַמלען די כוחות פון דער אַקטיווער פּאַרטיי צו שיצן און באַפעסטיקן די רעפּובליק, האָבן זיי פאָרגעלייגט די געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען צו באַשטימען אין יעדן קרייז אַ באַאָבאַכטונגס=קאָמיטעט, וואָס זאָל קאָנטראָלירן די מערן און צונעמען כל=המינים אָנקלאָגעס. יעדער קאָמיטעט באַשטימט פיר דעלעגאַטן; אַלע דעלעגאַטן צוזאַמען שאַפן אַ צענטראַלן קאָמיטעט פון צוואַנציק קרייזן. אַדאַנק אַזעלכע כאַטישע וואַלן, איז דער קאָמיטעט געווען אַ געמיש פון אַרבעטער, באַאַמטע, שרייבער, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער לעצטער צייט. דער קאָמיטעט האָט געהאַט זיינע זיצונגען

אין זאל, אויף דער קארדערי-גאס, וואס דער אינטערנאציאנאל און די פעדעראציע פון ארבעטער-סינדיקאט האבן אים אפגעטראטן.

די לעצטע האבן געווארפן זייער לויפנדיקע ארבעט, מחמת די מלחמה און די דינסט אין דער נאציאנאלער גווארדיע האבן אפגענומען אלע כוחות. א טייל מיטגלידער פון די סינדיקאטן און אינטערנאציאנאל האבן אנטייל גענומען אין די באאבאכטונגס-קאמיטעטן און אינם צענטראלן קאמיטעט; אדאנק דעם האט מען דאס שאפן דעם צענטראלן קאמיטעט ניט ריכטיק צוגעשריבן אויפן חשבון פונם אינטערנאציאנאל. דעם 15טן האט דער קאמיטעט ארויסגעגעבן א מאניפעסט און ארויסגעשטעלט אט-אזעלכע פאדע-רונגען: וואלן פון מוניציפאליטעטן, דאס איבערגעבן די פאליציי אין זיינע הענט, ריכטער זאלן ווערן געקליבן און טראגן די פאר-אנטווארטלעכקייט, פולקומע פרייהייט פון דער פרעסע, פון פאר-זאמלונגען, פארבאנדן, עקספראפריאציע פון קעגנשטאנדן פון ערשטן געברויך, דאס ארויסגעבן לעבנס-מיטל און געווער אלע בירגער, דאס שיקן קאמיסארן אויפצוהויבן די פראווינץ. אין די דאזיקע פאדערונגען איז קיין שום אומגעזעצלעכס ניט געווען. דער צוטרוי פון די פאריזער איינוואוינער איז נאך ווייט ניט געווען אויסגעשעפט; די בורזשואזע צייטונגען האבן אנגעהויבן מאכן יעלות וועגן די פרייסן, — א מעבטיק מיטל פון יעדן איינעם, וואס האט ניט געוואלט טראכטן. דערווייל זיינען אבער א טייל, וואס האבן געחתמעט, ווי למשל: זשערמען קאס, ש. ל. שאסען, לאנזשאליי, לעפראנסע, לאנגע, לעווערדע מיליער, מאלאן, פענדין, ראנוויע, וואליאן, זשול וואלעס — געווען באקאנט אין דער זשורנאליסטיק.

דעם 20טן קערט זיך זשול פאוור אום פון פעריער, וואוהין ער איז געפארן זיך דערוויסן ביי ביסמארקן די שלום-באדינגונגען. ער איז אוועק אהין לויט דער אייגענער איניציאטיוו, אן דעם וויסן פון זיינע קאלעגן און ווי ער האט דערציילט, האבן די טרערן, בעת דעם זעונג, אים ניט געלאזט ריידן. „ער האט ניט פארגאסן קיין איין טרער, הגם ער האט זיך שטארק באמיט זיך צו צעוויינען", — זאגט ביסמארקס סעקרעטאר. דער קאמיטעט פון די צוואנציק קרייזן האט זיך תיכף צונויפגעזאמלט און געשיקט

אין שטאטראט א דעפוטאט מיט א פאדערונג צו קעמפן ביז דער לעצטער מעגלעכקייט און תיכף=ומיד דורכפירן מוניציפאלע וואלן. בנוגע וועלכע עס איז מיט פיר טעג צוריק אנגענומען געווארן א באשלוס. „מיר דארפן — האט געשריבן דער אינערן=מיניסטער גאמבעטא, — אז עס זאלן אונז שטיצן און מיטהעלפן מענטשן, וואס זיינען אויסגעקליבן געווארן דורך אן אלגעמיינער אפשטימונג". זשול פערי האט אויפגענומען די דעפוטאציע, געגעבן איר זיין ערנווארט, אז די רעגירונג וועט בשום אופן ניט שליסן קיין שלום, און באשטימט מוניציפאלע וואלן אויפן סוף חודש. אין דריי טעג ארום זיינען די וואלן, לויט א נייער פארארדענונג, אפגעלייגט געווארן אויף אן אומבאשטימטער צייט.

אזוי ארום זאגט זיך די נאר=וואס געבוירענע מאכט אפ פון אירע התחייבותן, זאגט זיך אפ פון דער עצה, וואס זי האט אליין געפאדערט. ס'קען זיין, אז ביי זיי אין די הענט ליגט דער סוד פונם נצחון? טראשו זאגט אבער: „זיך אנטקעגנשטעלן — איז א העלדיש משוגעת"; פיקאר: „מיר וועלן זיך אנטקעגנשטעלן צוליב ערע, אבער יעדע האפענונג — הייסט זיך אליין נארן". דער עלעגאנטער קרעמיע: „די פרייסן וועלן אריין קיין פאריז, ווי א מעסער אין פוטער"*; דער שעף פון גענעראל=שטאב טראשו: „מיר קענען זיך ניט אנטקעגנשטעלן און מיר האבן שוין דערמיט שלום געשלאסן". און אנשטאט מתרה צו זיין ערלעך פאריז, אנשטאט אים צו זאגן: „גיב זיך תיכף ומיד אונטער אדער ארגאניזיר אליין דיין שוץ, — פאדערן די מענטשן, וואס זיינען מכריז ומודיע, אז דעם קאמף איז אוממעגלעך, פאר זיך אן אומטיילבארע אנפירונג.

וואס איז זייער ציל? זייער ציל איז צו שליסן שלום. זינט די נייע מפלות, איז דאס זייער איינציקער מורה=דרך. די צרות, וואס האבן אמאל באגייסטערט זייערע פאטערס, האבן די דאזיקע מענטשן פון די לינקע דערשלאגן און געמאכט פאר אימפערישע דעפוטאטן. ווערנדיק א רעגירונג, רוקן זיי זיך צוריק און שיקן

---

* די פארלאמענטס=אנקעטע וועגן 4טן סעפטעמבער. Petetin de Lareinty.

טיערן אויסבעטן שלום איבער גאנץ אייראפע, זשול פאוורן — צו ביסמארקן. בעת גאנץ פאריז שרייט צו זיי: „פארטיידיקט אייך; מיר וועלן פארטרייבן דעם שונא", — אפלאדירן זיי און טראכטן ביי זיך: „מיר וועלן שליסן שלום". אין דער געשיכטע איז ניטא קיין ענלעכער ביישפיל פון געמיינער בגידה. און אויף דער שאלה: צי האט די רעגירונג דען ניט עובר געווען דעם 4טן אויף דעם מאנדאט, וואס זי האט באקומען פונם פאלק, — וועלן די קומענדיקע דורות ענטפערן: „יא, זי האט עובר געווען".

דער דאזיקער מאנדאט — אמת, ניט קיין געשריבענער — איז אבער געווען אזוי קלאר, אז גאנץ פאריז האט אויפגעציטערט, בעת עס האט דערהערט וועגן דער זעונג אין פעריער. בלויז דער געדאנק וועגן אונטערגעבן זיך האט גוואלטיק אויפגערעגט אפילו די רויקסטע בירגער. פאריז האט, ווי איין מענטש, באשלאסן צו קעמפן ביז דער לעצטער מעגלעכקייט. די מיטגלידער פון דער פארטיידיקונגס־רעגירונג האבן געמוזט אפטרעטן און מסכים זיין אויף דעם, וואס זיי, וועלכע האבן זיך געהאלטן פאר די איינציקע אין פאריז, וואס האבן ניט פארלארן די קעפ, האבן אנגערופן „דאס משוגעת פון באלאגערן". נו, מילא, וועט מען זיך מוזן שלאגן, קוים קען מען די פאריזער לייט מיט קיין זאך ניט ברעכן, נאר בלויז כדי זיי צו צווינגען זיך אפצוזאגן פון זייערע חלומות. דעם 14טן, ווען טראשו האט דערזען דאס, וואס עס האט, לויט זיינע ווערטער, „נאך קיינמאל ניט געזען קיין איין גענעראל, דריי הונדערט באטאליאנען, ארגאניזירטע, באוואפנטע, ארומגערינגלטע דורך דער גאנצער באפעלקערונג, וואס האט זיי מיט התלהבות באגריסט", איז ער געווארן גערירט און געמאלדן, אז ער וועט מסוגל זיין איינצוהאלטן די פארטיפיקאציעס *. דאס איז געווען דער העכסטער פונקט פון זיין באגייסטערונג. אפהאלטן, ניט עפענען די טויערן. ער האט אבער קיין טראכט ניט געטאן וועגן גרינדלעך אויסלערנען די דריי הונדערט טויזנט נאציאנאלע גווארדייער, אנשליסן זיי אן די צוויי מאל 140 טויזנט מאבי־

* די אנקעטע וועגן 4טן סעפטעמבער. גארניע פאזשעס.

ליזירטע און מאטראסן, וואס האבן זיך צונויפגעזאמלט אין פאריז און שאפן אזוי ארום א מעכטיקע קראפט, וואס זאל פארטרייבן דעם שונא אויף יענער זייט ריין. עס האבן וועגן דעם קיין טראכט ניט געטאן ניט ער און ניט די חברים זיינע, וועלכע האבן ארומגערעדט מיט אים בלויז כלעריי שפיצלעך, וואס מען האט צוגעשריבן די פרייסישע גענעראלן.

ער איז געווען אן אנהענגער פון ווייכע מיטלען און אלס ארנטלעכער מענטש געווייכט פון אומנוצלעכער אכזריות. היות די גרויסע שטאט האט באדארפט פאלן, — דאס איז קלאר פון אלע מיליטערישע האנטביכער, — וועט ער זיך באמיען, אז דאס פאלן זאל פארקומען ביי וואס=ווייניקער בלוט=פארגיסונג. דעריבער האט טראשו געלאזן דעם שונא זיך איינארדענען ארום פאריז, ווי אים געפעלט, און לפנים בלויז ארגאניזירט עטלעכע צוזאמענשטויסן.

דער איינציקער ערנסטער צוזאמענשטויס איז געווען דעם 30טן ביי שעווילי, וואו מיר זיינען נאך א געוויסן ערפאלג צוריקגעטראטן, איבערלאזנדיק איין הארמאט, מחמת מאנגל אין הילף און אין פערד.

די באפעלקערונג, וואס די פרעסע האט זי כסדר געהאלטן אין איין נארן, שרייענדיק פרייער: „קיין בערלין", האט אנגעהויבן גלייבן אין אונזער ערפאלג. ווי א קלאפ אויף אלארם, האט זיך אבער פארשפרייט דער קלאנג: טול און שטראסבורג האבן זיך אונטערגעגעבן. פלוראנס, זייער א פאפולערער אין בעלוויל, הייבט דער ערשטער אן צו ארבעטן. נאכגייענדיק בלויז זיין הייסן טעמפעראמענט, רופט ער צונויף די באטאליאנען פון זיין קווארטאל, דעם 5טן אקטאבער קומט ער אין שטאטראט, פאדערט אן אלגעמיינעם פריזיוו, ארויסטרעטן, מוניציפאלע וואלן, ארויסגעבן א באשטימט לעבנס=מיטל. טראשו, וועלכער האט אים בתורת לא=יחרץגעלט געגעבן דעם טיטל שעף איבער די וואלן, איז מיט אים אריין אין א לאנגן שמועס און עס איז געלונגען אים איבערצוריידן. בעת עס האבן זיך אנגעהויבן צונויפקומען צאלרייכע דעפוטאציעס און פאדערן, אז די באפעלקערונג זאל באשטימען א ראט, אז פאריז זאל האבן א ווארט אין דער אלגעמיינער פארטיידיקונגס=

אקציע, אז די באפעלקערונג זאל האבן איר ראט, איר קאמונע, האט די רעגירונג געהאלטן זיך געצוואונגען צו מעלדן, אז איר כבוד ערלויבט איר ניט מסכים צו זיין אויף די דאזיקע פאדערונגען. די דאזיקע גאווהדיקע המצאה האט גורם געווען די באוועגונג פונם 8טן אקטאבער. דער קאמיטעט פון די צוואנציק קרייזן האט אין אן ענערגישן אויפרוף ארויסגעזאגט זיין פראטעסט. זיבן צי אכט טויזנט מאן האבן זיך צונויפגעזאמלט פאר דעם שטאטראט מיט די אויסגעשרייען: „זאל לעבן די קאמונע!" די מאסע האט אבער נאך ניט געהאט פארלארן איר צוטרוי. עס האבן זיך באוויזן א סך טראשום באטאליאנען. די רעגירונג האט זיי באטראכט און געמאלדן, אז די וואלן זיינען אוממעגלעך, — און געבראכט אלס א ראיה, וואס לאזט זיך ניט אפוועגדן, אז די באפעלקערונג מוז זיך געפינען אויף די פארטיפיקאציעס.

דער ברייטער עולם האט געגאפט און זיך צוגעהערט צו די אלע פאלשע מעשיות. בעת טראשו האט דעם 16טן געשריבן זיין קרוב עטיענען: „איך וועל ביזן סוף אויספירן דעם פלאן, וואס איך האב זיך אנגעצייכנט", האבן די פלוישערס אנגעהויבן ציען דעם ניגון, וואס זיי האבן אין אווגוסט געזונגען וועגן באזענען: „לאמיר אים ניט שטערן; ער האט זיך זיין פלאן". אין די אגיטא־טארן האבן די דאזיקע נאיווע מענטשן איינגיכן דערזען פרייסן, מחמת דער יעזויט טראשו האט איבערגעחזרט דאס, וואס ער האט געזאגט, בעת ער האט אנגענומען די מאכט, אז „דאס איז א קליין הייפל מענטשן, וואס זייערע פארברעכערישע כוונות זיינען נייטיק דעם שונא". א גאנצן אקטאבער האט פאריז געשוויגן, א פארוויגטער פון די ידיעות וועגן ארויסטרעטונגען, וואס האבן זיך אנגעהויבן מיט ערפאלג און געענדיקט מיט א צוריקטריט. דעם 13טן פארנעמען מיר באניא און א ביסל א מער אנטשלא־סענער אנגריף וואלט אונז צוריקגעגעבן שאטיליאן. טראשו האט אבער ניט קיין רעזערוו. דעם 21טן אנטפלעקט אן אויסשפיר־אפ־טיילונג, וואס איז אוועק אין מאלמעזאן, די שוואכקייט פון דער אקופאציע; אן אימה נעמט ארום די פרייסישע ארמיי, וואס פאר־שפרייט זיך אזש ביז ווערסאל, דער הויפט־קווארטיר פון די

פרייסן. אנשטאט אנטשלאסן אנצוגרייפן דעם שונא, נעמט גענעראל דיוקרא בסך־הכל זעקס טויזנט מאן; די פרייסן ווארפן אים אפ, פארכאפנדיק דערביי צוויי הארמאטן. די רעגירונג באגעגנט די צוריקגעקומענע מיט דאנקבארקייט, צעשרייבט זיך פאר פאריז וועגן דעם מוטיקן באשיצן שאטאדען, פארשיט גאמבעטען מיט טעלעגראמעס, וועלכן מען האט געשיקט אין דער פראווינץ אריין,— ווארעם אין פאריז האט ער זיי געשטערט צוליב זיין גלויבן אין דער מעגלעכקייט צו שטעלן א ווידערשטאנד.

די מערן האבן אונטערגעהאלטן די רירנדיקע אמונה. זיי האבן אמטירט מיט זייערע געהילפן אין שטאטראט, צוויי טריט פון דער רעגירונג, און די דאזיקע פיר און זעכציק לייט איז ניט שווער געווען צו זען, מיט וואס זיי האבן צו טאן. דאס רוב אבער איז באשטאנען פון ליבעראלן און רעפובליקאנער־דאקטרינערן, וואס זייערע גלענצנדע אויסדריקער זיינען געווען די פארלאמענטארישע לינקע. זיי פלעגן זעלטן־ווען זיך ווענדן צו די מיטגלידער פון דער פארטיידיקונג, זיי האבן מיט פחד געשטעלט זיי פראגן, באקומען אומבאשטימטע תשובות, זיי ניט געגלייבט, נאר געוואלט, אז פאריז זאל זיי גלייבן. איינער פון די וויכטיקסטע, קארבאן, האט געזאגט: „בשעת מיר האבן צו טאן מיט אן אויפגערעגטער באפעלקערונג, וועלכע האט אונז געפרעגט, וואס די רעגירונג טראכט, האבן מיר געדארפט פארטיידיקן די רעגירונג, מיר האבן באדארפט זאגן, אז זי איז אינגאנצן פארנומען מיט דער פארטיידיקונג, אז די פירער פון דער ארמיי זייען פול מיט מסירות־נפש און ארבעטן מיט היץ. מיר האבן דאס געזאגט און אליין ניט געגלייבט אין דעם, וואס מיר ריידן, מיר האבן קיין זאך ניט געוואוסט.*

אין „קארדערי“, אין די קלובן, אין בלאנקיס צייטונג, אין דעלעקלוזס „אויפוואכונג“, אין פעליקס פיאס „שלאכט“ פרוווט מען דעמאסקירן דעם שטאטראטס פלאן, וואס באדייטן די טיילווייזע אנפאלן, וואס זיינען קיין איין מאל לייטיש ניט אונטערגעשטיצט

* די אנקעטע וועגן 4טן סעפטעמבער.

געוואָרן? פארוואס בלייבט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע שלעכט באַוואָפנט, ניט אָרגאַניזירט, נעמט ניט קיין אָנטייל אין קיין איין מיליטערישן ענין? האָט זיך אויף אַ סך אַ רוק געטאָן פאַראויס דאָס אָפּגיסן האַרמאַטן? זעקס וואָכן פּלוידעריי, גאָרניט טאָן לאָזן ניט איבער קיין שום ספק, אַז דער פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט איז אָדער ניט מסוגל, אָדער וויל גאָר־ניט טאָן. אַלעמען קומט דער דאַזיקער געדאַנק אויפן רעיון. זאָלן די אומגלויביקע אָפּטרעטן זייער אָרט די גלויביקע. זאָל פּאַריז זיך ווידער אַ נעם טאָן פאַרן ענין? זאָל די קאָמונע פון 92טן יאָר נאָכאַמאָל מציל זיין די שטאָט און פראַנקרייך. פון טאָג צו טאָג ווערן די מוטיקע לייט אַלץ בעסטער ביי זיך אין דער דאָזיקער מיינונג. די צייטונג „דער שלאַכט", וואָס האָט אין אָנגעבלאָזענע מליצות געלויבט די קאָמונע און וואָס אירע קאָנקרעטיקע פראַזן האָבן גיכער צוגעצויגן צו זיך דעם המון, ווי בלאַנקיס נערוועזע דיאַלעקטיק, דרוקט אָפּ דעם 27טן אָט־אָ־די סענסאַציאָנעלע ידיעה: „באַזען גרייט זיך אָפּצוגעבן מעץ, ער קלייבט זיך אין נאַפּאָלעאָן דעם III נאָמען צו שליסן שלום; זיין אַדיוטאַנט געפינט זיך שוין אין ווערסאַל. דער שטאָט־ראַט לייקנט אָפּ די דאָזיקע ידיעה, וואָס איז פּונקט אַזוי געוויסן־לאָז, ווי פאַלש. באַזען, דער וואוילער זעלנער, הערט ניט אויף צו באַאומרויִקן די באַלאַגערנדיקע אַרמיי מיט גלענצנדע אויספאַלן. די רעגירונג רופט „די שטראָף פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג" זאָל פאַלן אויף דעם זשורנאַליסטס קאָפּ. אויף דעם דאָזיקן רוף האָט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אין דער פּערזאָן פון כוליגאַנעס, תּיכּף זיך אָפּגערופן; די לעצטע זיינען געקומען צו לויפן, פאַר־ברענט די צייטונג און וואָלטן געוועזן צעממיתט דעם זשורנאַליסט, ווען ער זאָל באַצייטנס ניט געוועזן עוקר זיין. אויף צומאָרגנס האָט „דער קאַמף" ערקלערט, אַז די דאָזיקע ידיעה איז באַקומען געוואָרן פון פלוראַנסן, וועלכן ראָשפאָר האָט עס דערציילט אַלס זיין חבר, טראָשוס בעסטער פריינד.

דעמזעלבן טאָג איז בורזשע, אַדאַנק אַ געלונגענעם אָנפאַל, אַריבער אין אונזערע הענט, און דעם 29טן האָט דער גענעראַל־שטאַב מיט טריוּמף וועגן דעם מודיע ברבים געוועזן. אין משך

פון אַ גאַנצן טאָג האָט ער געלאָזט אונזערע זעלנער אָן פּראָוויאַנט, אָן שטיצע, אונטערן פייער פון שונא, וואָס האָט זיך דעם 30טן אומגעקערט מיט פופצן טויזנט מאַן און ווידער אָפּגענומען דאָס דאָרף, וואָס האָט געהאַט בסך־הכּל זעקס הונדערט מאַן פאַרטיידיקער. דעם 31טן אינדערפרי האָבן דאָס אויפוואַכנדיקע פּאַריז געטראָפן דריי קלעפּ: דער פאַרלוסט פון בורזשע, דאָס אָפּגעבן מעץ מיט דער גאַנצער אַרמיי פון „דעם וואוילן באַזען" און טיערס אָנקום, וואָס איז געקומען שליסן אַ וואָפנשטילשטאַנד.

די מיטגלידער פון דער פאַרטיידיקונג, וואָס זיינען געווען איבערצייגט, אַז פּאַריז וועט מסכּים זיין אויף שלום, האָבן גלייכצייטיק מודיע געווען וועגן דעם וואָפנשטילשטאַנד, וואָס שטייט פאָר און וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן אָפּגעבן מעץ — „אַ גוטע און אַ שלעכטע נייס", ווי זשול פעררי, וועלכער האָט דעם וואָפנשטילשטאַנד אָנגערופן „באַלוינונג", האָט זיך אויסגעדריקט.*

פּאַריז איז אויפגעשטאַנען, ווי איין מענטש, און מיטגעשלעפּט מיט זיך מאַרסעל, טולוז, סענט־עטיען. אין אַ שעה אַרום נאָכדעם, ווי עס זיינען צעקלעפּט געוואָרן די מודעות, שרייט דער עולם אונטערן שטאָטראַט אין שלאַקס־רעגן: „נידער מיטן וואָפנשטילשטאַנד!" און ניט קוקנדיק אויף דעם ווידערשטאַנד פון די סאָלדאַטן, רייסט ער זיך אַריין אינם בנין פון שטאָטראַט. עטיען אַראַגאָ און זיינע געהילפן פלאָקע מיט אַנרי בריסאָן לויפן אַרויס און שווערן זיך מיט כּלערליי שבועות, אַז די רעגירונג וועט אָן אַלע כּוחות מציל צו זיין פראַנקרייך. די ערשטע חברה טראָגט זיך אָפּ; עס קומט אַ צווייטע. מיטאָגצייט באַווייזט זיך אויף די אונטערשטע טרעפּלעך טראָשו, מיינענדיק, אַז ער וועט קענען דורך געבן צו פאַרשטיין איינשטילן דעם עולם. מען שרייט צו אים: „נידער מיט טראָשו!" אים פאַרבייט זשול סימאָן, וועלכער גייט אַרויס אויפן פּלאַץ און איז מסביר פאַרן עולם אַלע מעלות פונם וואָפנשטילשטאַנד. „נידער מיט וואָפנשטילשטאַנד!" הערט

---

* די אָנקעטע. זשול פעררי.

זיך אַ תשובה. זשול סימאָנען געלינגט בשלום זיך אַרויסצודרייען
בלויז אַדאַנק דעם, וואָס מען קלייבט אוים לויט זיין פאָרשלאָג
צען דעלעגאַטן, וועלכע גייען אים נאָך אין שטאָטראַט אַריין.
טראָשו, זשול פאַוור, זשול פערי און פיקאַר נעמען זיי אויף אין
דעם טראָן=זאַל. טראָשו ווייזט זיי מיט זייער שיינע ווערטער אויף
די אומנייטיקייט פון בורזשע און פאַרזיכערט, אַז ער איז נאָר=וואָס
געוואָר געוואָרן וועגן דעם אָפּגעבן מעץ. „איר ליגט! — שרייט
עמעץ אוים". די מענטשן, וואָס זיינען אַריין אין זאַל — דאָס איז
אַ דעפּוטאַציע פונם קאָמיטעט פון די צוואַנציק קרייזן און אויפ=
זיכט=קאָמיטעטן. אַנדערע ווילן ווידער, ער זאָל ווייטער ריידן, ער
זאָל זיך אַרויסזאָגן ביזן סוף. פּלוצלונג דערהערט זיך אויפן פּלאַץ
אַ שאָס, דער רעדנער רייסט איבער זיין רעדע און ווערט נעלם.
אים פאַרבייט זשול פאַוור, וואָס אַנטוויקלט ווייטער זיינע אַרגומענטן.

אין דער צייט, ווען ער רעדט אַזוי, באַראַטן זיך די מערן
אינם זאַל פונם מוניציפּאַלן ראַט. כּדי צו פאַרהיטן פון אַן אויפ=
שטאַנד, לייגן זיי פאָר אָט=אַזעלכע מיטלען: וואַלן אין די מוני=
ציפּאַליטעטן, שאַפן באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע
און אָנשליסן זיי אָן מיליטער. דער פלוישער עטיען גייט מיט די
דאָזיקע לאַטעס צו דער רעגירונג.

האַלב דריי האָט אַ ריזיקער המון, וואָס די זעלנער זיינען
ניט בכּוח געווען איינצוהאַלטן, זיך געקאָכט אויפן פּלאַץ און האָט
געהאַלטן אין איין שרייען: „נידער מיט טראָשו! זאָל לעבן די
קאָמונע!", האָט געפּאָכעט מיט אַ פאָן, אויף וועלכער ס'איז געווען
אָן אויפשריפט: „נידער מיטן וואָפנשטילשטאַנד!" היות די דעלע=
גאַציעס, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אין שטאָטראַט, קערן זיך
ניט אום, פאַרלירט דער המון=עם דאָס געדולד, שטופּט אָפּ פון
זיך די מאָבילן און שטויסט אַריין אין מערן=זאַל פעליקס פּיאַן,
וואָס איז על=פּי מקרה געווען צווישן עולם. דער לעצטער ווערט
זיך, ערקלערט, אַז דאָס איז ניט ריכטיק, אַז ער וויל אַריין אַלס
געוויילטער, אָבער בשום אופן ניט איבערגוואַלד. די מערן
האַלטן אים אונטער מיט אַלע כּוחות, זיי ערקלערן, אַז זיי האָבן
שוין געפאָדערט וואַלן אין די מוניציפּאַליטעטן און אַז עס איז

שוין פארהאן וועגן דעם אן אונטערגעשריבענער דעקרעט. דער המון שטופט זיך אלץ ווייטער, קומט אריין אין טראן=זאל, וואו ער רייסט איבער זשול פאוורס א דרשה. ער גייט צו צו זיינע חברים; זיי נעמען אן אין פרינציפ די מערנס פארשלאג, אבער קיין טערמין פון די וואלן מעלדן זיי ניט.

ארום א זייגער פיר איז דער זאל איבערפולט פון עולם. ראשפאר זאגט צו מוניציפאלע וואלן. דער המון מישט אים אבער אוים מיט אנדערע מיטגלידער פון דער פארטיידיקונג. איינער פון די דעלעגאטן פונם קאמיטעט פון די צוואנציק קרייזן קריכט ארויף אויפן טיש, מעלדעט, אז די רעגירונג איז אראפגעזעצט און פאדערט, מען זאל באשטימען א קאמיסיע, וואס זאל דורכפירן וואלן אין משך פון אכט און פערציק שעה. עס ווערן אנגערופן די נעמען פון דאריאן, דעם איינציקן מיניסטער, וועלכער האט זיך באצויגן ערנסט צו דער פארטיידיקונג, לואי בלאן, לעדריו=ראלען, וויקטאר הוגא, ראספאיל, דעלעקלוז, בלאנקי, פעליקס פיא, מוליער.

ווען די דאזיקע קאמיסיע זאל געווען קענען אפרייניקן דעם שטאטראט, איינהאלטן אים פאר זיך און ארויסגעבן א קול=קורא וועגן נייע וואלן, וואלט דער ענין זיך געווען פארענדיקט און אפשר גוט פארענדיקט. דאריאן האט זיך אבער אפגעזאגט, פון די איבעריקע, ווידער, האבן א טייל געשוויגן, א טייל ווידער זיך געאיילט צו מאכן פים. בינו=לבינו קומט אן פלוראנס. ער רייסט זיך אריין צוזאמען מיט זיינע שיסער פון בעלוויל, שטעלט זיך אוועק אויפן טיש, ארום וועלכן עס זיצן מיטגלידער פון דער רעגירונג, דערקלערט זיי פאר ארעסטירט און לייגט פאר צו באשטימען א קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג. א טייל אפלאדירן אים, אנדערע ווידער פראטעסטירן; זיי זאגן, אז עס האנדלט זיך ניט אין פארבייטן איין דיקטאטור אויף א צווייטער. פלוראנס איז אבער מנצח; ער רופט אן נעמען: פריער זיין נאמען, דערנאך בלאנקין, דעלעקלוז, מוליערן, ראנוויע, פעליקס פיא, מאטיו. עס פלאקערט אויף אן אומאויפהערלעכער וויכוח. די טויער פון 4טן סעפטעמבער, הגם זיי זיינען באוואכט דורך דער נאציאנאלער גווארדיע, פילן, אז

זיי זיינען געראַטעוועט און לאָזן זיך אויס פון די זיגער, וואָס זיינען ניט בכוח איינצוהאַלטן דעם נצחון.

פון דער רגע אָן הייבט אָן צו הערשן עפּעס אַ תוהו־ובוהו. אין יעדן זאַל באַזונדער איז פאַרהאַן אַ רעגירונג פאַר זיך מיט רעדנער פאַר זיך. דער טומל איז אַזוי גרויס, אַז אַרום אַכט אַ זייגער גיט זיך עטלעכע רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַל־גוואַרדייער איין אַפּצוזוימען פון אונטער פלוראַנס נאָז טראָשון מיט פעריין. אַנדערע ווידער גנבענען אַרויס בלאַנקין, וועלכן עס באַפרייען די פרייע שיסער. אין קאַבינעט פונם מער עטיען אַראַגאָ מיט זיינע חברים ווערט צונויפגערופן אויף צומאָרגן אַ פאַרזאַמלונג פון ווײלער אונטערן פאָרזיץ פון דאָריאַן און שעלכער. אַרום צען אַ זייגער איז זייער אויפרוף צעקלעפּט איבער גאַנץ פּאַריז.

פאַריז איז אַ גאַנצע טאָג געבליבן אַ רויִקער צוקוקער. „אינ־דערפרי דעם 31טן אָקטאָבער, — זאָגט זשול פערי, — איז די גאַנצער פאַריזער באַפעלקערונג, פון אויבן ביז אַראָפּ, געווען געשטימט צו אונז פיינטלעך. אַלע האָבן איינגעפונען, אַז מיר האָבן זיך פאַרדינט צו ווערן באַזייטיקט“*. די זעלנער פון איינעם פון טראָשוס בעסטע באַטאַליאָנען, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורכן גענעראַל טאַמיזיע, דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָ־נאַלער גוואַרדיע צו הילף דער רעגירונג, האָבן, קומענדיק אויפן פּלאַץ, איבערגעדרייט די ביקסן מיט די קאָלבעס אַרויף.** אַלץ האָט זיך אָבער איבערגעביטן, בעת מען האָט זיך דערוואוסט, אַז די מיטגלידער פון דער רעגירונג זיינען אַרעסטירט און דער עיקר, ווען מען איז געוואָר געוואָרן די נעמען פון זייערע פאַרטרעטער. מען האָט זיי צו שטרענג אָנגעלערנט. די אַלע, וואָס האָבן שלום געשלאָסן מיט לעדריו־ראָלען און וויקטאָר הוגאָ, האָבן ניט געקענט שליסן שלום מיט פלוראַנסן און בלאַנקין. בחינם האָט מען אַ גאַנצן טאָג אַלאַרמירט; ערשט פאַרנאַכט־צו האָט דער גענעראַל־מאַרש געווירקט.

---

* די אָנקעטע וועגן דעם 4טן סעפּטעמבער. זשול פערי.

** אַלס סימן, אַז דאָס מיליטער וויל ניט גיין קעגן פאָלק.

די באַטאַליאָנען, וואָס האָבן אינדערפרי זיך ניט אונטערוואָרפן, זיינען אינאָוונט געקומען אויפן וואַנדאָמער פּלאַץ, דאָס רוב, אמת, איבערצייגטע, אַז די וואַלן זיינען ערקלערט; אַ גרופּע אָפיצירן, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן אויף דער בערזע, האָט מסכים געווען צו וואַרטן אויף געזעצלעכע וואַלן בלויז אויפן גרונד פון דאַריאַן־שעלכערס אַן אויפרוף. טראַשו ווידער מיט די פּליטים פון שטאָטראַט האָבן געפונען זייערע אָנהענגער. דער שטאָטראַט, פאַרקערט, פאַרלירט זיין קראַפט.

דאָס רוב באַטאַליאָנען וואָס האָבן געהאַלטן פאַר קאָמונע, האָט, מיינענדיק, אַז די פראַגע וועגן די וואַלן איז ערליידיקט, זיך אומגעקערט צו זיך אין די קוואַרטאַלן. עס איז בלויז געבליבן ניט מער ווי אַ טויזנט מאַן אָן געווער און פלוראַנס ניט־דיסציפּלינירטע שיסער, וואָס האָבן זיך אומגעדרייט אינם דאָזיקן כאַאָס. בלאַנקי האָט געהאַלטן אין איין אונטערשרייבן. דעלעקלוז האָט געפּרוּווט כאָטש עפּעס מציל זיין. ער איז אַוועק צו דאַריאַנען באַקומען פון אים אַ פאָרמעלע הבטחה, אַז די וואַלן אין דער קאָמונע וועלן געמאַכט ווערן דעם צווייטן טאָג, און די וואַלן אין אַ צייטווייליקער רעגירונג איבערמאָרגן. ער האָט די דאָזיקע הבטחות אַריינגעשטעלט אין דעם אויפרוף, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט, אין וועלכן די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט מודיע געווען, אַז זי בלייבט אויף איר פּאָסטן, און געצוואונגען מיליערן, פלוראַנסן און בלאַנקין אונטערשרייבן דעם דאָזיקן אויפרוף. מיליער און דאַריאַן זיינען אַוועק פאָרשטעלן דעם אויפרוף די מיטגלידער פון דער פאַרטיידיקונג. מיליער האָט אים פאָרגעלייגט צוזאַמען אַרויסצוטרעטן פון שטאָטראַט, לאָזן דאַריאַנען מיט שעלכערן צוטרעטן צו די וואַלן, בלויז מיט אַ אומבאַדינגטן תנאי, אַז עס וועלן קיין שום פאַרפאָלגונגען ניט געמאַכט ווערן. די מיטגלידער פון דער פאַרטיידיקונג האָבן מסכים געווען און מיליער האָט געזאָגט צו זיי: „איר זייט פריי, מיינע הערן", — די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט אָבער געפאָדערט אַ שריפטלעכע התחייבות. די אַרעסטירטע זיינען געוואָרן אין כעס, וואָס מען גלייבט זיי ניט אויפן וואָרט. ניט קוקנדיק אויף אַלע באַמיונגען,

האָבן מיליער מיט פלוראַנסן ניט געקענט דערוויזן די נאַציאָנאַלגוואַרדייער, אַז די התימות זיינען איבעריק.

בינתים מאַכט זשול פערי אַן אָנגריף אויף די טירן, וואָס גייען אַרויס אויפן פּלאַץ לאָבאָ. ער האָט אויסגענוצט זיין פרייהייט, צונויפגעזאַמלט עטלעכע באַטאַליאָנען, — פון וועלכע איינער איז באַשטאַנען פון ברעטאָנישע זעלנער, וואָס האָבן קיין וואָרט פראַנצויזיש ניט פאַרשטאַנען. דעלעקלוז און דאָריאָן גייען אים אַנטקעגן, מעלדן אים וועגן דעם הסכם, צו וועלכן מען איז געקומען, און ווירקן אויף אים, ער זאָל וואַרטן. דריי אַ זייגער דויערט נאָך אַלץ דאָס פאַרדרייעניש; טראָשו הייסט פויקן, דער ברעטאָנישער באַטאַליאָן רייסט זיך אַריין דורכן קעלער פון דער נאַפּאָלעאָן־קאַזאַרמע אין שטאָטראַט, באַפאַלט אומגעריכט אַ סך פון די שיסער און אַנטוואָפנט זיי. זשול פערי רייסט זיך אַריין אין זאַל, וואו עס געפינט זיך די רעגירונג. די אומדיסציפּלינירטע שמירה שטעלט אים ניט קיין שום ווידערשטאַנד. זשול פאַוור מיט זיינע חברים ווערן באַפרייט. אַלס תשובה אויף די דראָונגען פון די ברעטאָנער, דערמאָנט גענעראַל טאַמיזיע וועגן דעם הסכם, צו וועלכן מען איז געקומען, און גייט, אַלס סימן פון קעגנזייטיקן שלום, אַרויס פון שטאָטראַט צווישן בלאַנקין און פלוראַנסן. טראָשו ווידער רייט אום איבער די גאַסן און ברעגן אַן אַרומגערינגלטער דורך זיינע באַטאַליאָנען.

אַזוי האָט זיך טרויעריק פאַרענדיקט דער טאָג, וואָס האָט געקענט אַריינברענגען אַ ניי לעבן אין דער פאַרטיידיקונג. די סיכסוכים צווישן די וויכטיקסטע קעמפער האָט צוריקגעגעבן דער רעגירונג איר סעפּטעמבערישע קראַפט. זי האָט זיך באַנוצט דערמיט די זעלבע נאַכט, האָט אַראָפּגעריסן דאָריאָן־שעלכערס אויפרוף, באַשטימט אויף דעם 5טן די מוניציפּאַלע וואַלן, פאַרדאָס אָבער איינגעאָרדנט דעם פּלעביסציט און געמאַכט אַ קאַטעגאָרישע ערקלערונג: „די אַלע, וואָס ווילן שטיצן די רעגירונג, וועלן שטימען „פאַר“. בחינם האָט דער קאָמיטעט פון די צוואַנציק קרייזן אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אומזיסט האָבן די ציישונגען „אויפוואַכונג“, „דאָס פאָטערלאַנד אין סכנה“ און „די שלאַכט“ געבראַכט הונ־

דערטער טעמים, צוליב וועלכע מען האָט געווען באַדאַרפט ענטפערן „ניין“, — פאַריז האָט אויס פּחד פאַר צוויי=דריי מענטשן געעפנט אַ נייעם קרעדיט פאַר דער רעגירונג, וואָס איר טיפּשות און חוצפּה זיינען געווען איבער יעדער מאָס. פאַריז האָט 322.000 מאָל געזאָגט איר: „יאָ, איך וויל דיך“. די אַרמיי, די זעלנער האָבן געגעבן 237.000 יאָ. עס האָבן זיך געפונען בסך=הכל 54.006 ציוויל=לייט און 9.000 מיליטער=לייט, וואָס האָבן געענטפערט נ י י ן.

מיט וואָס לאָזט זיך דאָס דערקלערן, וואָס די דאָזיקע זעכציק טויזנט באַוואוסטזיניקע, קלוגע און ענערגישע מענטשן האָבן ניט געקענט משפּיע זיין אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג? דערמיט, וואָס זיי זיינען צעטיילט געווען אויף הונדערט פלערליי ריכטונגען. דער פיבער פון דער באַלאַגערונגס=צייט האָט ניט אַרומגענומען די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס איז געווען אַזוי צעשפּליטערט עטלעכע וואָכן פריער; קיינער האָט ניט געמאַכט קיין פּרווו זי צו פאַראייניקן. דעלעקלוז און בלאַנקי האָבן געלעבט אויסשליסלעך אינם קרייז פון זייערע פריינד און אָנהענגער. פעליקס פּיאַ, וואָס האָט פאָרגעלייגט אַן ערן=ביקס יעדן איינעם, ווער עס וועט דערהרגענען דעם פּרייסישן קיניג און וואָס האָט צוגעזאָגט אַ פּרעמיע דעם אויסקלערער פון גריכיש פייער, וואָס זאָל מסוגל זיין צו מאַכן אַ תּל פון דער דייטשער אַרמיי, — איז געוואָרן פּראַקטיש ערשט דעמאָלט, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין אייגן פעלעכל. די איבעריקע — לעדריו=ראָלען, לוי בלאַן, שעלכער און אַנדערע — די האָפענונג פון די רעפּובליקאַנער אין די צייטן פון דער אימפּעריע — האָבן זיך אומגעקערט פון פאַרשיקונג מידע, גאַווהדיקע, עגאָיִסטישע, אויפגעבראַכטע קעגן דעם נייעם דור סאָציאַליסטן, וואָס האָט זיך ניט באַנוגנט מיט זייער לערע. די ראַדיקאַלן, פאַרזאָרגטע צוליב זייער צוקונפט, האָבן זיך ניט געוואָלט קאָמפּראָמעטירן מיט זייער אָנטייל אינם קאָמיטעט פון די צוואַנציק קרייזן. דער קאָמיטעט האָט געקענט זיין אַ אידעיִשער צענטער, אָבער בשום אופן ניט קיין פּראַקטישער מורה=דרך, — דאָס איז געווען די סעקציע „גראַווילע“ פון

1870—71, וואָס האָבן, פּונקט ווי זייערע פאָרגייער פון 1793, געקענט אויפטאָן בלויז מיט מאַניפעסטאַציעס.

דאָך איז דאָ געווען לכל הפחות לעבן, ליבט, וואָס האָט אַמאָל געראויכערט, אָבער איז קיינמאָל ניט פאַרלאָשן געוואָרן. וואָס האָבן געגעבן די קליינע בורזשוא? וואו זיינען זייערע יאַקאָ־בינער, וואו זייערע קאָרדעליערן? אין קאָרדערי באַגעגענען מיר פאַרבלאָנדזשעטע קינדער פון דער קליין־בורזשואַזיע, וואָס שרייבן, ריידן, — וואו איז אָבער די הויפּט־מאַסע?

אַלע שווייגן. אחוץ די פאָרשטעט, שטעלט פּאַריז מיט זיך פאָר אַ חדר פון אַ חולה, אין וועלכן קיינער וואַגט ניט צו זאָגן קיין וואָרט. די דאָזיקע מאָראַלישע שוואַכקייט איז אַ פּסיכאָלאָ־גישער רעזולטאַט פון דער באַלאַגערונג, וועלכער איז נאָך מער אויסטערליש דערמיט, וואָס ער פאַלט צונויף מיט דעם לײדנ־שאַפטלעכן פאַרלאַנג צו קעמפן. מענטשן, וואָס זאָגן: „ס'איז אונז ליבער צו פאַרברענען אונזערע הייזער איידער זיי אָפּצוגעבן דעם שונא, — ווערן אויפגערעגט פון יעדן פּרוּוו אָפּצונעמען די מאַכט ביי די פחדנים, וואָס זיצן אין שטאָטראַט. אויב זיי געטרויען ניט אָן קיין פּלאַטער־קעפּ, בעלי־התפעלות, קאָמפּראָמעטירנדיקע אַרבע־טער, פאַרוואָס־זשע נעמען זיי זיך אַליין ניט אָנצופירן מיט דער באַוועגונג? און זיי באַגרענעצן זיך מיט אויסגעשרייען: „מיר וועלן ניט מאַכן קיין מרידות דעם שונא אין די אויגן! נידער מיט די פאַנאַטיקער!" ווי דאָס אונטערגעבן זיך וואָלט זיין בעסער פון מרידה; ווי דער 10טער אַווגוסט און 31טער מאַי וואָלטן ניט געווען קיין מרידה דעם שונא אין די אויגן; ווי עס וואָלט ניט זיין קיין מיטלפּונקט צווישן גאָר־ניט טאָן און אַריינ־פאַלן אין משוגעת.

דעם 5טן און דעם 7טן קומט פאָר אַן אַלגעמיינע אָפּשטי־מונג, כּדי אויסצוּווײלן מערן; עס ווערן דאָס רוב אויסגעקליבן עטיען אַראַגאָס לייט. פיר פון די נייע: דיובעל, וואָטרען, דעסמאַרע און דער פאַרביסענער דעמאָקראַט אין די צייטן פון דער אימ־פּעריע וואַשראָ זיינען בורזשוא מבטן ומלידה. פון די געהילפן זיינען דאָס רוב געווען ליבעראַלן; עס זיינען בלויז אַריינגעפאַלן

עטלעכע זייער מעסיקע אינטערנאציאנאליסטן: טאלען, מיורא, עליגאן און עטלעכע רעוואלוציאנערן: מאלאן, זשאקלאר, דערער, אודע, לעא מעליע.

געטריי זייערע טראדיציעס, האבן די פארשטעט אויסגעקליבן דעלעקלוזן אין דעם XIXטן און ראנוויען, מיליערן, פלוראנסן אינם XXטן קרייז; די לעצטע האבן אבער ניט געקענט קיין אנטייל נעמען, מחמת די הערן, וואס זיינען געזעסן אין שטאטראט, האבן עובר געווען אויף דאריאן-טאמיזיעס אפמאך און ארויסגעגעבן א באפעל צו ארעסטירן די אנטיילנעמער פון 31טן אקטאבער.* עס פארשטייט זיך, אז דער באפעל וועגן ארעסט האט געמאלדן, אז די ארעסטירטע זיינען אונטערגעקויפט דורך דער אימפערי-שער פאליציי און אז דער ענין איז פלומרשט נאר-וואס אנטדעקט געווארן דורך דער פרעפעקטור. דער צענטראלער מער, אנשטאט אראגא, וואס האט זיך שוין צופיל קאמפראמעטירט דעם 31טן אקטאבער, איז געווארן זשול פערי, און די קאמאנדע איבער דער נאציאנאלער גווארדיע איז איבערגעגעבן געווארן קלעמאן טאמא, וואס האט דערשאסן די פראלעטאריער אינם 48טן יאר; טאמיזיע, וואס איז אויפגעבראכט געווארן אויף דעם עובר זיין דעם אפמאך, האט זיך אפגעגעבן אין דעמיסיע.

תחילת נאוועמבער איז נאך קיין זאך ניט געווען פארלארן. די ארמיי, די מאבילן און די מאטראסן, האבן לויטן פלעביסציט אויסגעמאכט צוזאמען 246.000 זעלנער און 7000 אפיצירן, אחוצדעם, האט מען אין פאריז לייכט געקענט צונעמען 125.000 נאציאנאלע גווארדייער, וואס זיינען מסוגל זיך צו שלאגן, און איבערלאזן פונקט אזוי פיל פאר אינערלעכער שוץ. דאס איבערוואפענען זיך און נייע הארמאטן האט מען געקענט פארענדיקן אין משך פון עטלעכע

---

* זשאקלאר, ווערמארעל, ג. לעפראנסע, פעליקס פיא, עד, לעווא-טרידאן, ראנוויע, ראזוא, טיבאלדי, גופיל, וועזיניע, רעזשער, מאריס זשאלי, בלאנקי, מיליער, פלוראנס. די לעצטע דריי האט זיך איינגעגעבן צו מאכן פליטה. פעליקס פיא האט זיך ארויסגעדרייט. אים האט מציל געווען דאס, וואס ער האט געשריבן צו עמאנועל אראגא: „ס'ארא שאד, וואס איך בין ביי דיר אין תפיסה, דו וואלסט געווען מיין אדוואקאט".

וואָכן, דער עיקר די הארמאטן, מחמת יעדער איינער האָט אָפּגע-געבן זיינע לעצטע ברעקלעך, אַבי צו באַזאָרגן דעם באַטאַליאָן מיט גוטע הארמאטן, — דער טראדיציאָנעלער שטאָלץ פון די פאריזער איינוואוינער. וואו נעמט מען אַ טויזנט ארטילעריסטן? — האָט געפרעגט טראָשו; פון יעדן פאריזער מעכאניק האָט מען אָבער געקענט מאכן אַן ארטילעריסט — דאָס האָט דערוויזן די קאָמונע. ס'איז אומעטום געווען אפילו אַן איבערפלוס פון כוחות. פאריז האָט געהאַט אַ וועלט מיט אינזשענערן, מייסטערס, טעכ-ניקער פון כל המינים. דאָ, ביים ווילן, האָט מען געקענט געפינען אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַרן נצחון.

די פּאַדאַגריקער אָבער, וואָס אין זייערע הענט האָט זיך געפונען די רעגולערע ארמיי, האָבן אומעטום איינגעזען בלויז באַרבאַרישקייט. אין פאריז, וואָס איז ווערט געווען אַזעלכע התלהבותדיקע, הייסע און טייערע פירער, ווי אַש, מארסאָ, קלעבער, זיינען געווען גענעראַלן דאָס געמיינסטע אָפּפאַל פון דער אימפעריע און אָרלעאַניזם — ווינואַ, דער העלד פון דער דעצעמ-בערישער איבערקערעניש, דיוקראָ, סיוזאַן, לעפלאָ. שאַבאָ-לאַטור, דער בעל-גאַווהדיקער אַלטער ביין, איז געווען שעף פון דער אינ-זשענערן-אָפּטיילונג. אין זייער אינטימען קרייז האָבן זיי געמאַכט חוזק פון דער פאַרטיידיקונג, און איינגעפונען, אַז די קאָמעדיע ציט זיך שוין צו לאַנג. דער 31טן אָקטאָבער האָט זיי ענדגילטיק ארויסגערופן קעגן דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און ביז דער לעצ-טער שעה האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט זי צו באַנוצן צום ענין.

אַנשטאָט צו פאַראייניקן אַלע כוחות פון פאריז, אַנשטאָט אַרייַנצופירן איין שניט, צו געבן אַלע איין פאָן און דעם רומפולן נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, האָט טראָשו איבערגעלאָזט די דריי קאַטעגאָריעס: ארמיי, מאָביל-לייט און ציווילע גוואַרדיע. ביי זיין באַציִונג צו דער פאַרטיידיקונג, איז עס געווען גאַנץ נאַטירלעך. די ארמיי, וואָס איז געהעצט געוואָרן דורך די אָפיצירן פון גענעראַל-שטאַב, האָ טפיינט באַקומען פאריז, וואָס האָט ארויסגעוואָרפן אויף איר אַ לגמרי אומנוצלעכע ארבעט. די מאָביל-לייט פון דער פּראָווינץ, וואָס זיינען געהעצט געוואָרן דורך זייערע

אפיצירן, פריצישע עם=הארצים, זיינען אויך געווארן אש להבה. אלע, זעענדיק ווי די נאציאנאלע ארמיי ווערט באהאנדלט, האבן איר געגעבן פארשיידענע צונעמען, וואס זיינען געווען פול מיט ביטול: „העלדן=מישטיינס=געזאגט”, „דרייס׳יק סו” (זינט דער באלא=גערונג האבן אלע פאריזער איינוואוינער באקומען טעגלעך צו אנדערהאלבן פראנק, ד. ה. 30 סו).

דער 31טער אקטאבער האט קיין שום ממשותדיקע שינויים ניט אריינגעבראכט. די רעגירונג האט איבערגעריסן די שלום=אונטערהאנדלונגען, וואס וואלטן, ניט קוקנדיק אויף איר נצחון, דאך געשטעלט אין סכנה איר עקזיסטענץ; זי האט ארויסגעגעבן א באשלום וועגן שאפן מארש=ראטעס פון דער נאציאנאלער גווארדיע, פארשנעלערט די ארבעט ארום דעם אפגיסן הארמאטן. אין דער פארטיידיקונג האט זי געגלייבט ניט מער, ווי פריער, און געהאפט בלויז אויף שלום. מער פאר אלץ האט זי מורא געהאט פאר אן אויפשטאנד. איצט האט זי שוין געוואלט מציל זיין פאריז שוין ניט בלויז פון דער משוגענער באלאגערונג, נאר קודם=כל פון רעוואלוציאנערן. די גרויס=בורזשואזיע האט נאך מער צעפלאקערט די דאזיקע לויבווערטע התמדה. פאר דעם 4טן סעפטעמבער, — דערציילט זשול סימאן, — האבן זיי געמאלדן, אז זיי וועלן זיך לחלוטין ניט שלאגן, אויב דער ארבעטער=קלאס וועט ווערן באוואפנט און אויב ער האט וועלכע עס איז שאנסן צו באקומען די אייבערהאנט. דעם 4טן סעפטעמבער אין אוונט זיינען זשול פאוור מיט זשול סימאן געקומען אין פארלאמענט אריין זיי בארויקן, זאגן זיי, אז די מיטגלידער פון דער פארטיי=דיקונג וועלן דעם בנין ניט טשעפען. די מעכטיקע קראפט פון געשעענישן האט באוואפנט די ארבעטער, מען האט לכל הפחות באדארפט מאכן אומשעדלעך זייער געווער און די גרויס=בורזשו=אזיע האט שוין צוויי חדשים געווארט אויף דעם פאסיקן מאמענט. דער פלעביסציט האט איר באוויזן, אז דער דאזיקער מאמענט איז שוין געקומען. טראשו האט געהאלטן ביי זיך אין די הענט פאריז און די גרויס=בורזשואזיע האט מיט דער הילף פון די גלחים געהאלטן אין די הענט טראשון — דאס איז איר נאך

לייכטער אנגעקומען צוליב דעם, וואס ער האט זיך געהאלטן פאראנטוואָרטלעך אויסשליסלעך פאר זיין אייגענעם געוויסן. א מאדנער געוויסן, וואס זיינע אומצאָליקע פרוושינעס זיינען געווען איינגעאָרדנט א סך קונציקער, ווי טעאטער-קוליסן! ער האט גע-גלייבט אין נסים מן השמים, אבער ניט געגלייבט אין מוטיקע מעשים; אין דער הייליקער זשענעוויעווע, אבער ניט אין זשאנע ד׳ארק; אין הימלישע לעגיאָנען, אבער ניט אין ערדישע. פון דעם 4טן סעפטעמבער אן האט ער איינגעזען זיין חוב אין אפנארן פאריז; ער האט געמיינט: „איך וועל מאכן אזוי, אז דו זאָלסט זיך אונטערגעבן, דאס איז פאר דיין טובה וועגן.״ נאכן 31טן אָקטאָבער איז זיין שליחות נאך מער אויסגעוואקסן אין זיינע אויגן: ער האט זיך אנגעהויבן האלטן פאר דעם מלאך-השומר פון דער אומקומענדיקער געזעלשאפט. דאס איז דער צווייטער פעריאָד פון דער פארטיידיקונג. ס׳איז גאנץ מעגלעך, אז דער פּלאן האט זיך אויסגעארבעט אין עפּעס א קאבינעט אויף דער רי דע פאסט; די אנפירער פון גלחים-שטאנד האבן דאך בעסער, ווי ווער עס איז אין דער וועלט, פאראויסגעזען די סכנה אין פאל פון א נצחון מצד די ארבעטער. זיי האבן גוואלטיק כיטרע געטאן זייער ארבעט. עפעס א בישאף א לא טיורפּען, אין הויכע שטיוול מיט א באָרד, א גרויסער לץ, א גרויסער חסיד פון באכוסן און מיידל-קריכער, דערביי א גרויסער פּזרן און בארימער, האט זיך אומעטום נאכגעשלעפּט נאך טראָשו, העצנדיק אים קעגן דער נאציאנאלער גווארדיע. די יעזויִטן האבן אומעטום געקענט פאר-וואָרפן זייערע נעצן: הן אין הויפּט-שטאב, הן אין באוועגלעכן שפּיטאל, הן אין דער מעריע. ווי א פישער, אין קאמף מיט א צו גרויסן פאנג, האבן זיי זיך באמיט איינצוהאלטן פאריז, וואס האט זיך געוואָרפן אונטערן וואסער, אויסצאפּנדיק זיינע כוחות דורך איינצעלנע קלעפּ. דעם 28טן נאוועמבער האט טראשו דערלאנגט אים דעם ערשטן קלאפּ: ער האט געמאלדן אן אנגריף אין גרויסן מאסשטאב. גענעראל דיוקרא, וואס האט געזאלט פירן די קא-מאנדע, האט, פונקט ווי לעאָנידאס בשעתו, א זאג געטאן: „איך שווער פאר אייך, פארן גאנצן פאלק, אז פאריז וועט מיך זען

אָדער אַ טויטן, אָדער אַ זיגער. איך וועל אפשר פאַלן, אָבער אָפּטרעטן וועל איך ניט.״ די דאָזיקע מעלדונג האָט באַגייסטערט גאַנץ פּאַריז. אַלע האָבן זיך דערפילט ווי ערב אַ צווייטער זשעמאַפּע, בעת די פּאַריזער פרייוויליקע האָבן פאַרנומען דורך אַן אַטאַקע די בערג־רוקנס, וואָס זיינען געווען געשיצט דורך דער אַרטילעריע, — דאָס מאָל האָט דאָך באַדאַרפט אַרויסטרעטן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע.

מיר האָבן באַדאַרפט זיך דורכרייסן צו דער מחנה, כּדי זיך צו פאַראייניקן מיט אונזער פּראָווינציעלער אַרמיי און איבערגיין דעם טייך ביי נאָזשאַן. אינזשענער דיוקראָ האָט ניט געמאַכט די נייטיקע הכנות, די בריקן זיינען געווען אין אַ שלעכטן צושטאַנד. מען האָט געמוזט וואַרטן ביז אויפן אַנדערן טאָג. אָנשטאָט אָבער אָנצופאַלן פּלוצלונג אויפן שונא, האָט מען אים געלאָזט צייט זיך צו באַוואָפענען. דעם 30טן איז דורך אַ אַנטשלאָסענעם אָנגריף גענומען געוואָרן שאַמפּיני. צומאָרגנס איז דיוקראָ געבליבן אומטעטיק, בעת דער שונא האָט געלאָזן ־ווערסאַל און אָנגענומען זיך מיט כּוחות לעבן שאַמפּיני. דעם 2טן האָט דער שונא ווידער פאַרנומען אַ טייל דאָרף. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיך געשלאָגן פאַרבאָסט. די מיטגלידער פון דער רעגירונג, וואָס זייער גרויסקייט האָט זיי אָפּגעהאַלטן צו בלייבן אין שטאָטראַט, האָבן געשיקט אויפן שלאַכט־פעלד אַ בריוו צו זייער „טייערן פּרעזידענט״. דעם אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט אויף אונזערע פּאָזיציעס, מיר האָבן אָבער גוואַלטיק געפרירט. „דער טייערער פּרעזידענט״ האָט געהייסן לאָזן די וואַרעמע הלבשה אין פּאַריז און מיר זיינען אַוועק אָן די פעלד־ביידלעך און לאַזאַרעטן. צומאָרגנס האָט דיוקראָ געמאָלדן, אַז מיר מוזן אָפּטרעטן פאַר פּאַריז אין די אויגן; פאַר די אויגן פונם גאַנץ פאָלק האָט דער דאָזיקער באַשמוצטער באַרימער זיך אומגעקערט אַהיים. מיר האָבן פאַרלאָרן דערביי אַכט טויזנט דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע אויף הונדערט טויזנט מאַן, וואָס זיינען בסך־הכּל אַרויסגעטראָטן, און פופציק טויזנט מאַן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דעם שלאַכט.

טראָשו האָט צוואַנציק טעג גערוט אויף זיינע לאָרבער־

קרענץ. קלעמאַן טאָמאַ האָט אויסגענוצט די פרייע צייט, כּדי פונאַנדערצולאָזן און באַשמוצן די בעלווילער שיסער, וואָס זיינען, אמת, געווען שלעכט דיסציפּלינירט, וועלכע האָבן זיך אָבער ענער־גיש געשלאָגן און האָבן פאַרלאָרן אין דעם שלאַכט עטלעכע מאַן. אויפן סמך פון אַ פּשוטער מעלדונג פון דעם גענעראַל, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן מיליטער ביי ווענסען, האָט ער באַרעדט אויך דעם 200טן באַטאַליאָן. פלוראַנסן האָט מען אַרעסטירט. דעם 21טן דעצעמבער האָבן די דאָזיקע אָנהענגער פון אינערלעכער רו און אָרדענונג מזכּה געווען מיט זייער אויפמערקזאַמקייט אויך די פרייסן. די מאָביל־לייט אָן הארמאַטן האָט מען אַ לאָז געטאָן אויף די סטען־באַפעסטיקונגען און אויף אָן אָנגריף קעגן בורזשע. דער שונא האָט זיי באַגעגנט מיט אַ גרעסערער צאָל אַרטילעריע. דער קליינער נצחון, וואָס עס האָט געהאַט דער רעכטער פלאַנג ביי וויל־עווראַר, איז ניט געוואָרן אונטערגעהאַלטן. די זעלנער האָבן זיך אומגעקערט נידערגעשלאָגענע. אַ טייל האָבן געשריען: „זאָל לעבן דער שלום!" יעדער נייער אַרויסטריט האָט עדות געזאָגט וועגן טראָשוס שלעכטן פּלאַן, האָט אָפּגעשוואַכט דאָס מיליטער, אָבער ניט אונטערגעריסן דעם מוט פון די קעמפנדיקע נאַציאָנאַלע גוואַרדייער. זיי האָבן אויף דער אַווראָנישער הייך, כּמעט ניט געדעקטע, אין משך פון צוויי טעג זיך געהאַלטן אונטערן פייער פון זעכציק האַרמאַטן. נאָכדעם, ווי אַ סך זיינען שוין געווען טויט, האָט טראָשו פּלוצלונג געמאַכט אַן אַנטדעקונג, אַז די פּאָזיציע האָט ניט קיין באַדייטונג און געהייסן אָפּטרעטן.

די דאָזיקע מפּלות האָבן אָנגעהויבן אַרן די פּאַריזער לייט, וואָס האָבן ביז אַהער געהאַט צוטרוי. דער הונגער האָט זיך גע־שטאַרקט פון שעה צו שעה. פערד־פלייש איז געוואָרן אַ נאַש־וואַרג. מען האָט געגעסן הינט, קעץ און מייז. פרויען האָבן ביי 17 גראַד פראָסט אָדער אין אַ פלעטש גאַנצענע טעג געוואַרט אויף אַ נישטיק שפּייזטייל, אָנשטאָט ברויט האָט מען באַקומען עפּעס שוואַרצע שטיקלעך טייג, וואָס האָבן אויסגעדרייט די געדערים. זויג־קינדער זיינען געשטאָרבן פאַר הונגער ביי די ליי־דיקע ברוסטן. האָלץ איז געווען אויף דער וואָג פון גאָלד. די

דערפרווירענע אָרעמעלייט האָט מען געלאָזט זיך וואַרעמען מיט גאַמבעטעס דעפּעשן, וואָס האָבן מודיע געווען וועגן דעם ערפאָלג אויף דער פּראָווינץ. סוף דעצעמבער האָבן מענטשן מיט איינגעפאַלענע פון הונגער אויגן זיך אָנגעהויבן קאָכן. שוין=זשע וועלן זיי פאַלן אָן אַ שלאַכט?

די מערן האָבן ווייטער קיין זאַך ניט געטאָן, זיך באַגרעניצט מיט דער ראָלע פון סטאַטיסטן, זיך אָפּגעהאַלטן פון אומבאַשיידענע פראַגן, אויסגעמיטן צו מאַכן פּראָטאָקאָלן, כּדי מיט קיין זאַך ניט צו זיין ענלעך צו אַן אמתער מוניציפּאַליטעט. זשול פאַוור האָט יעדע וואָך געמאַכט ביי זיך פריינדלעכע אויפנאַמען, וואו מען האָט געמיטלעך געשמועסט וועגן איינאָרדענען די אַפּראָוויזאַציע. איינער בלויז האָט דערפילט זיין חוב — דעלעקלוז. מיט זיינע אַרטיקלען אין דער „אויפוואַכונג", וואָס זיינען געווען אומברחמנותדיק צו דער פאַרטיידיקונג, האָט ער זיך קונה געווען אַ גרויסע קראַפט. דעם 30טן דעצעמבער האָט ער געמאַכט אָנפראַגן זשול פאַוורן, געמאָלדן די מערן און זייערע געהילפן, אַז זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פאָלק, געפאָדערט, דער מערן=ראַט זאָל ווערן צוגעצויגן צום אָנטייל אין דער פאַרטיידיקונג. דאָס רוב פון זיינע חברים, דער עיקר דיובאַיל און וואַשעראָ, האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט. דאָך איז ער דעם 4טן יאַנואַר געקומען אין שטאָטראַט און אַריינגעטראָגן אָט=אָ=דעם פאָרשלאַג: טראָשו מיט קלעמאַן טאָמאַ זאָלן אַרויס אין דעמיסיע; מען זאָל מאָביליזירן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, שאַפן אַ פאַרטיידיקונגסראַט; צוריקשטעלן די מיליטערישע ראַטן. דאָס מאָל האָט מען אים אָבער אויך ניט געהערט.

דער קאָמיטעט פון די צוואַנציק קרייזן האָט אונטערגעהאַלטן דעלעקלוזן און אַרויסגעלאָזט דעם 6טן אַן אויפרוף אויף רויט פּאַפּיר, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך טרידאָנען און זשול וואַלעסן: „האָט דען די רעגירונג, וואָס האָט גענומען אויף זיך דעם ענין פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, דערפילט איר חוב? ניין... מיט איר פּאַמעלעכדיקייט, מיט איר ניט=אַנטשלאָסנקייט, מיט איר אומטעטיקייט... האָבן די לייט, וואָס פירן

מיט אונז אָן, אונז דערפירט ביזן ראַנד פון אומקום... זיי זיינען ניט מסוגל געווען ניט צו רעגירן, ניט צו קעמפן... מענטשן שטאַרבן פון קעלט און שיר ניט פון הונגער... אומנוצלעכע אויס־פאַלן, אומפּרוכטבאַרע בלוט־פאַרגיסונג, מפּלות, וואָס חזרן זיך כסדר איבער... די רעגירונג האָט באַוויזן, אַז עס מאַכט אונז חרוב... ווייטער גיין אַזוי — הייסט זיך אונטערגעבן...״ דער פּאָליטיק, סטראַטעגיע, אַדמיניסטראַציע פון 4טן סעפּטעמבער, וואָס איז געווען אַ המשך פון די אימפּערישע אָרדענונגען, איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט־אורטייל: „אָן אָרט פאַרן פאָלק! אָן אָרט פאַר דער קאָמונע!״ דער קאָמיטעט, וואָס איז געווען אומפעיק צו טאָן עפּעס, האָט דאָך אַרויסגעזאָגט אָן אמתן געדאַנק און איז ביזן סוף פון דער באַלאַגערונג געבליבן אַ טיפער קריטי־קער פון אַלעם, וואָס אין פּאַריז קומט פאָר.

דער המון, וואָס האָט באַדאַרפט האָבן בלויז באַרימטע נעמען, האָט קיין אַכט ניט געלייגט אויף דעם אויפרוף. אַ טייל פון די געחתמעטע האָט מען אַרעסטירט. דאָך האָט טראָשו זיך דערפילט באַליידיקט און אינאַוונט האָט ער צעקלעפּט איבער גאַנץ פּאַריז אַ מודעה: „דער ראש פון דער פּאַריזער רעגירונג וועט זיך ניט אונטערגעבן.״

פּאַריז האָט דאָס ווידער באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן — פיר חדשים נאָכן 4טן סעפּטעמבער — און האָט זיך זייער שטאַרק געחידושט, וואָס ניט קוקנדיק אויף טראָשום דאָזיקער ערקלערונג, איז דעלעקלוז מיט זיינע געהילפן אַרויס אין דעמיסיע.

מען האָט אָבער באַדאַרפט זיין בלינד, מען זאָל ניט זען, ־ין וואָסער געפערלעכער גרוב ער שטויסט אַריין פּאַריז. די פּרייסן האָבן באָמבאַרדירט די הייזער איבער די פּאַרטן איסי און וואַנוו; עטלעכע דערהרגעטע פון די גראַנאַטן איז שוין געווען. דעם 30טן דעצעמבער האָט טראָשו זיך פאַררופן אויף דער מיינונג פון אַלע גענעראַלן און געמאַלדן, אַז קיין שום נייער אַרויסטריט איז ניט מעגלעך, — ער האָט אָבער אויך געבעטן, אַז אַנשטאָט אים זאָל מען באַשטימען אַ צווייטן; דעם 2טן, 3טן און 4טן יאַנואַר פון 71טן יאָר האָבן די מיטגלידער פון דער פאַרטיידיקונג באַטראַכט

די פראגע וועגן אויסוויילן א נאציאנאלע פארזאמלונג, וואס זאל איבערלעבן די קאטאסטראפע. ווען ניט דער פארדרוס פון די פאטריאטן, וואלט פאריז זיך אונטערגעגעבן נאך פאר דעם 15טן.

די פארשטעט האבן די לעצטע צייט אנגערופן די מיטגלידער פון דער פארטיידיקונג ניט אנדערש, ווי יהודה=איש=קריות=לייט. די דאלאי=לאמאס פון דער דעמאקראטיע, וואס האבן זיך דעם 31טן אקטאבער געהאלטן אויף איר צד, זיינען איצט געווארן אנהענגער פון דער קאמונע. די רעפובליקאנישע ליגע, אין וועלכער דער זקן לעדרו=ראלען האט געטאן זיין היילקע עבודה פאר א האלב טוץ חונפים, דער רעפובליקאנישער פארבאנד צוזאמען מיט אנדערע בורזשואזע ארגאניזאציעס האבן אנגעהויבן עקעריש פאדערן א פאריזער פארזאמלונג, וואס זאל ארגאניזירן די פארטיידיקונג. די רעגירונג האט זיך דערפילט זייער געדריקט. אויב די קליין=און מיטל=בורזשואזיע וועט זיך פאראייניקן מיטן פאלק, וועט דאס אונטערגעבן זיך אן שום ספק ארויסרופן אן ערנסטן אויפשטאנד. דאס פאלק, וואס האט אונטערן אויפרייס פון גראנאטן געשריען „הורא", וועט ניט דערלאזן, מען זאל זיך דערמיט באגיין, ווי מיט א טשערעדע שעפסן. מען האט פריער באדארפט אפטייטן ביי אים דעם כוח, אויסהיילן אים פון דער „גאווה", — ווי זשול פערי האט זיך אויסגעדריקט, — ארויסטרייבן פון אים זיין פיבער. „די נאציאנאלע גווארדיע וועט אנדערש ניט זיין באפרידיקט, סיידן עס וועלן דערהרגעט ווערן א צען טויזנט נאציאנאלע גווארדייער", — האט מען געזאגט אין שטאטראט. אונטערן דרוק פון זשול פאוור און פיקאר פון איין זייט און די גראבע פליגל עמאנועל אראגא, גארניע=פאזשעס און פעלטאן פון דער צווייטער זייט — האט דער וויך געווארענער טראשו מסכים געווען צו געבן נאך איין פארשטעלונג.

גלייכצייטיק מיט די הכנות צו דער קאמעדיע זיינען געמאכט געווארן צוגרייטונגען צום אונטערגעבן זיך. אין דער נאכט פונם 18טן יאנואר אויפן 19טן קומען די מיטגלידער פון דער פארטיידיקונג צו דער איבערצייגונג, אז א נייער דורכפאל וועט דערפירן צו א קאטאסטראפע. טראשו וויל צוציען די מערן צום

באהאנדלען פראגן וועגן אונטערגעבן זיך און אפראוויזאציע; זשול סימאן, גארניע־פאזשעס זיינען מסכים אפצוגעבן פאריז, מאכן בלויז אן אויסנאם פאר פראנקרייך, גארניע־פאזשעס לייגט פאר אויסצוקלייבן ספעציעלע באפולמעכטיקטע צו פירן די אונטערהאנד־לונגען וועגן קאפיטולירן. אט מיט וואס זיי זיינען פארנומען געווען א נאכט ערב דער שלאכט.

דעם 18טן הייבט אויף דאס געפויקעריי און דאס שאלן פון די טרומייטן גאנץ פאריז אויף די פיס און ציט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די פרייסן. צו דעם לעצטן פרווו האט טראשו צונויפגעזאמלט בלויז 84.000 מאן, פון זיי 19 פאלקן נאציאנאלע גווארדיע; די רעגנדיקע און קאלטע נאכט פארברענגען זיי, לויט זיין פאדארדענונג, אין די בלאטיקע און פייכטע פעלדער פון מאן־וואלעריאן.

אונזערע חייל איז אנגעפאלן אויף די אפטיילונגען, וואס האבן געדעקט ווערסאל פון דער זייט פון בערזשערי. דעם 19טן, א זייגער 10 אינדערפרי, האט די נאציאנאלע גווארדיע מיט די מאביל־לייט, פון וועלכע ס'איז באשטאנען דער רוב מנין פון לינקן פליגל און פון צענטער, ווי געניטע זעלנער, — טראשו האט זיך דערינען מודה געווען אויף דער ווערסאלער פארזאמלונג, — גענומען די רעדוטע מאנטרעטו, דעם ביוזענוואלישן פארק און א טייל פון סען־קלו, זיך א רוק געטאן פאראויס ביז גארש, מיט איין ווארט — פארנומען אלע אנגעמערקטע פאזיציעס. גענעראל דיוקרא, וואס האט אנגעפירט מיטן לינקן פליגל, האט זיך פאר־שפעטיקט אויף צוויי שעה און זיך ניט גערוקט פאראויס, ניט קוקנדיק דערויף, וואס זיינע אפטיילונגען זיינען דאס רוב באשטא־נען פון רעגולער מיליטער.

מיר האבן פארנומען די וויכטיקסטע הייכן. די גענעראלן האבן זיי אבער ניט באפעסטיקט. די פרייסן האבן זייער לייכט געקענט אראפרוימען אונזערע זעלנער פון די דאזיקע הייכן. פיר א זייגער האבן עטלעכע פרייסישע קאלאנעס זיך געלאזן אויף אן אנגריף. אונזערע רייען האבן תחילת א ציטער געטאן, שפעטער אבער זיינען זיי צו זיך געקומען און אפגעשטעלט זייער באוועגונג.

זעקס א זייגער האָט דעם שונאס פייער אָנגעהויבן שטילער צו ווערן, טראָשו האָט דעמאָלט באַפוילן אָפּצוטרעטן. דערווייל איז צווישן דעם פּאָרט מאַן-וואַלעריאַן און ביוזאַנוואַל געווען פערציק טויזנט מאַן ניט קיין גערירטער רעזערוו. פון הונדערט פופציק הארמאטן האָט מען בלויז דרייסיק געלאָזט אין גאַנג. די גענעראַלן, וואָס האָבן קוים-קוים באַוויליקט צו קומען אין באַציִונגען מיט דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, האָבן געמאָלדן, אַז זי וועט ניט אויס-האַלטן די צווייטע נאַכט און מאָנטרעטו צוזאַמען מיט אַלע אַנ-דערע פאַרנומענע פּאָזיציעס זיינען, לויט טראָשוס באַפעל, געוואָרן אָפּגערוימט. די באַטאַליאָנען, וואָס האָבן זיך אומגעקערט, האָבן געשריען פון כעס. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז געשיקט האָט מען זיי בלויז אומצוברענגען. *

פּאַריז, אַ זיכערער אין נצחון, האָט זיך אויפגעכאַפּט אונ-טער די קלאַנגען פון טראָשוס סאַלוט. דער גענעראַל האָט גע-מאָלדן, אַז ער מוז האָבן צוויי טעג וואָפנשטילשטאַנד, כּדי איבער-צוטראָגן די פאַרוואונדעטע און מקבר צו זיין די דערהרגעטע און חוצדעם דאַרף ער נאָך „צייט, פורן און אַ סך טרעגער". אַרום און אַרום איז געווען הרוגים און פאַרוואונדעטע ניט מער פון דריי טויזנט מאַן.

דאָס מאָל האָט פּאַריז סוף-כּל-סוף שוין דערזען וואו מען האַלט אין דער וועלט. די לייט פון דער פאַרטיידיקונג האָבן שוין ניט געפונען פאַר נייטיק ווייטער צו באַהאַלטן די אמתע לאַגע, זיי האָבן צונויפגעזאַמלט די מערן און זיי געמאָלדן, אַז אַ ווייַ-טערדיקער ווידערשטאַנד איז אוממעגלעך. כּדי זיי צו טרייסטן, האָט טראָשו צוגעגעבן: „איך האָב נאָך דעם 4טן סעפּטעמבער אינאָוונט געזאָגט, אַז אונטערנעמען זיך אויסהאַלטן די פּרייסישע באַלאַגערונג — איז אַ משוגעת". ** דאָס בייזבאַשערטע נייס איז שנעל דורכגעלאָפן איבער דער גאַנצער שטאָט.

* „מילא, מיר וועלן אָוועקלייגן אַ טייל פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, אויב זי פאַרלאַנגט עס דווקא", — האָט ערקלערט איין פּוסגייער-פּאָלקאָווניק, וועלכער איז געווען שטאַרק אומצופרידן מיט דער גאַנצער מעשה — אַנקעטע. פּאָלקאָווניק שאַפּע.

** אַנקעטע — קאָרבאָן.

אין משך פון די פיר חדשים באַלאַגערונג האָבן די פּאַריזער לייט פּאַראוים זיך צוגעגרייט צו אַלץ—צו הונגער, קראַנקהייטן, שטורמירונגען — צו אַלץ, — אַחוץ קאַפּיטולירן. אין דער פראַגע זיינען זיי, ניט קוקנדיק אויף זייער לייכטגלויביקייט, ניט קוקנדיק אויף זייער שוואַכקייט, דעם 20טן יאַנואַר פון 71טן יאָר געווען די זעלבע, וואָס אין סעפּטעמבער פון 70טן יאָר. בעת מען האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט, איז דער ערשטער רעפלעקס געווען שרעק, ווי פאַר עפּעס אַ פאַרזעעניש, אַ פאַרברעכן קעגן דער נאַטור. זייערע וואונדן האָבן זיך געעפנט, שרייענדיק וועגן נקמה. די קעלט, דער הונגער, דאָס באָמבאַרדירן, די לאַנגע נעכט, וואָס מען האָט פאַרבראַכט אין די שוץ־גראָבנס, טויזנטער אויסגעגאַנגענע זויג־קינדער, מענטשלעך בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן בעת די אַרויסטריטן, — דאָס אַלץ איז בלויז, כּדי אַזוי מיאוס צו ענדיקן, כּדי נאָכצוטאָן באַזעגען, טיילן דעם גורל פון מעץ. אַ סך האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי הערן, ווי די פּרייסן מאַכן חוזק. אַ טייל זיינען אַריינגעפאַלן אין כּעס. אַפּילו די אַלע, וואָס האָבן זיך געוואָלט אונטערגעבן, האָבן אויך געביטן זייער מיינונג. די דערשראָקענע טשערעדע מערן האָט זיך געשטעלט אויף הינטערשטע פיס. דעם 21טן אינאָוונט האָט זיי טראָשו נאָך אויפגענומען און געזאָגט, אַז די באַראַטונג פון אַלע גענעראַלן און אָפיצירן, אַפּילו פון נידריקערן ראַנג, איז איינדערפרי געקומען צום באַשלוס, אַז נאָך אַן אויספאַל איז שוין אוממעגלעך. ער האָט זיי אויפגענומען שטייענדיקערהייט, אָנגעשפּאַרט אָן קאַמין, באַגלייט זיינע אַרגומענטן מיט עלעגאַנטע זשעסטן און על־פּי חשבון אויפגעוויזן, אַז מען דאַרף פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן שונא; ער האָט געמאָלדן, אַז ער וויל זיך דערינען ניט אַריינמישן און האָט מיט זיין אומפאַרגלייכלעכן אָראַטאָרישן טאַלאַנט איבערציינגט די מערן, אַז זיי זאָלן פאַר אים קאַפּיטולירן. זיי האָבן זיך איינגערינצלט און געוואַגט צו פּראָטעסטירן, מיינענדיק, אַז זיי זיינען אין אַלעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, לחלוטין ניט שולדיק.

נאָך זייער אוועקגיין זיינען די מיטגלידער פון דער פאַרטיידיקונג צוגעטראָטן צו אַ באַראַטונג. זשול פאַוור האָט געפאָדערט

פון טראשו, ער זאל זיך אפגעבן אין דעמיסיע. דער „אפאסטאל" האט אבער ליבערשט געוואלט, מען זאל אים אפזאגן פון פאסטן, כדי ער זאל קענען פיגורירן אויף די עמודים פון דער געשיכטע אלס העלד, וואס האט ביז לעצט אפגעווארפן די קאפיטולאציע: „אפטרעטן פאר הונגער — הייסט שטארבן, אבער ניט זיך אונ-טערגעבן" *, — האט ער געלאזט פאלן א ווארט. זיי האבן זיך א ביסל דערשראקן, ווען מען האט דריי א זייגער פארטאג זיי מודיע געווען, אז די תפיסה מאזאס איז פארכאפט דורכן פאלק; פלוראנס מיט נאך עטלעכע פאליטישע ארעסטירטע זיינען בא-פרייט דורך אן אפטיילונג פון דער נאציאנאלער גווארדיע. די מיטגלידער פון דער פארטיידיקונג, פילנדיק די מעגלעכקייט פון א נייעם 31טן אקטאבער, האבן זיך געאיילט אנצונעמען א טייל באשלוסן, האבן באשטימט ווינואן אנשטאט טראשון. דער דאזיקער באנאפארטיסט האט זיך נאך געלאזט בעטן. זשול פאוור און דער מלחמה-מיניסטער לע-פלא האבן צו אים געטענהט, אז דאס פאלק מאכט אט-אט א מרידה, אז אן אויפשטאנד איז אומפארמיידלעך, אז דער פאליציי-פרעפעקט האט זיך אפגעגעבן אין דעמיסיע. די העלדן פון 4טן סעפטעמבער האבן געמוזט בעטן רחמים ביי די העלדן פון 2טן דעצעמבער פון 51טן יאר. ווינוא האט באוויליקט מסכים צו זיין. ווי אן אמתער באנאפארטיסט, האט ער אנגעהויבן פון דעם, וואס ער האט זיך גענומען באוואפענען קעגן פאריז, ער האט געעפנט די גרעניצן פון שטאט פאר אן אנפאל מצד די פרייסן, אפגערופן דאס מיליטער פון סיורען, זשאנטילי, ליל, אויפגעהויבן אויף די פיס די קאוואלעריע מיט דער זשאנדאר-מעריע. איין באטאליאן פיניסטערער מאביל-לייט האט אונטער דער אנפירונג פון דעם פאלקאווניק פון דער נאציאנאלער גווארדיע, דעם שטרענגן רעאקציאנער וואבר — פארנומען דאס ראטהויז. קלעמאן טאמא האט אין א באסטיקן אויפרוף: „די מורדים שליסן זיך אן אן דעם שונא"... — באשוואוירן די נאציאנאלע גווארדיע, אז זי זאל אינגאנצן זיך שטעלן קעגן זיי. ער האט זי אינגאנצן ניט געשטעלט קעגן די פרייסן.

* זשול סימאן. זכרונות פון 4טן סעפטעמבער.

אין דער לופט האט זיך געפילט אן אנשטרענגונג, וואס האט אבער ניט געשמעקט נאך מיט קיין ערנסטע געשעעניש. א סך רעוואלוציאנערן, צווישן זיי אויך בלאנקי, פילנדיק, אז אלץ איז געענדיקט, האבן ניט געוואלט קיין נייעם אויסברוך פון דער באוועגונג. זיי האבן מורא געהאט, אז איר נצחון וועט מציל זיין די לייט פון דער פארטיידיקונג און זי וועט פארנעמען זייער ארט בלויז, כדי צו קאפיטולירן. אנדערע ווידער, ביי וועלכע דער פאטריאטיזם איז געשטאנען העכער פונם שכל, וואס זיינען נאך ניט אפגעקילט געווארן נאך דער ביוזאנוואלער שלאכט, האבן געגלייבט אין א מאסן־ארויסטריט קעגן דעם שונא און געזאגט: „מיר מוזן מציל זיין אונזער כבוד". ערב דעם טאג האט מען אויף עטלעכע פארזאמלונגען באשלאסן מיט געוועור אין די הענט זיך אנטקעגנצושטעלן דער קאפיטולאציע, און אלס זאמל־פונקט איז באשטימט געווארן דער פלאץ פאר דעם שטאטראט.

מיטאג־צייט האבן די פויקן מודיע געווען וועגן דעם צונויפזאמלען זיך אין באטיניאל. האלב צוויי קומען אויפן פלאץ פאר דעם שטאטראט עטלעכע באוואפנטע גרופעס. עס נעמט זיך צונויף אן עולם. דער מער־געהילף שאדעי, — פון דעם 31טן אקטאבער אן אמטירט די רעגירונג אין לוור, — נעמט אויף א דעפוטאציע. דער רעדנער דערציילט אלע צרות פון פאריז, פאדערט מען זאל פראקלאמירן א קאמונע. שאדעי ענטפערט, אז ער געפינט איין די אידעע פון דער קאמונע פאר א ניט־ריכטיקע, אז ער האט זי אלעמאל באקעמפט און וועט זי אויך ווייטער ענערגיש באקעמפן. ער איז געווען א ליידנשאפטלעכער מענטש און א שרעקלעכער דיספוטאנט. עס קומט א צווייטע דעפוטאציע, נאך א ענערגישערע. שאדעי ווערט אין כעס, הייבט אן צו זידלען. די אויפרעגונג וואקסט; דער 101טער באטאליאן, וואס איז אנגעקומען פונם לינקן ברעג, שרייט: „א טויט די בוגדים!" דער 207טער פון באטיניאל, וואס איז פארביי אלע בולווארן, קומט ארויס אויפן פלאץ דורך דער טאמפל־גאס און שטעלט זיך אויס פאר דעם שטאטראט, וואס די אריינגענג זיינען געשלאסן.

עס דערהערט זיך א שיסעריי; די פענסטער פון דעם

שטאטראט ווערן פארוואלקנט מיט רויך. עטלעכע נאציאנאל־גווארדייער, וואס זיינען באהאלטן הינטער די לאמטערנעס און קופעס זאמד, שטיצן דאס פייער פון די מאביל־לייט. אנדערע ווידער שיסן אין די הייזער פון וויקטאריע־אוועניו. דאס שיסעריי געדויערט שוין אן ערך א האלבע שעה, ווען עס באווייזן זיך אויפן ראג־גאס זשאנדארמען. הינטער זיי ווינוא. די מורדים טרעטן אפ. א מאן צוועלף ווערן ארעסטירט און אפגעפירט אין שטאטראט, וואו ווינוא לייגט פאר זיי צו שיסן. זשול פערי לאזט זיי איבער ביז א מיליטערישע געריכט. די מאניפעסטאנטן, א המון, וואס איז גאט די נשמה שולדיק, האבן פארלארן דרייסיק פערזאן אין דערהרגעטע און פארוואונדעטע, אין שטאטראט ווידער איז געווען בלויז איין דערהרגעטער און צוויי פארוואונדעטע.

די רעגירונג האט געשלאסן די קלובן און ארויסגעגעבן א וועלט מיט באפעלן וועגן ארעסטן. מען האט ארעסטירט דריי־און־אכציק מאן, צווישן זיי, לויט סומענס גבית־עדות, דאס רוב אזעלכע, וואס האבן לגמרי קיין שייכות ניט געהאט צו קיין זאך. דערמיט האט מען זיך באנוצט, אז מען זאל פארשיקן דעלעקלוזן, ניט קוקנדיק אויף זיינע פינף־און־זעכציק יאר און שווערן בראנכיט, אויף וועלכן ער האט געליטן. מען האט אים ארייגעזעצט אין דעם נאסן טורעם פון דער ווענסענער תפיסה, וואו עס זיינען שוין געהאט געזעסן די ארעסטירטע פונם 31טן אקטאבער. „די אויפוואכונג" און „די שלאכט" זיינען קאנפיסקירט געווארן.

אין א באסטפולער פראקלאמאציע זיינען די מורדים ערקלערט געווארן אלס „אליאנטן פונם שונא" — דאס איינציקע געווער פון די העלדן פונם 4טן סעפטעמבער אין די שענדלעכע קריטישע מאמענטן. בלויז דערמיט זיינען זיי ענלעך געווען צו די יאקאבינער. ווער האט געטאן א טובה דעם שונא — די רעגירונג, וואס איז כסדר גרייט געווען צו שליסן שלום, אדער די פאריזער לייט, וואס האבן גוואלטיק געוואלט א ווידערשטאנד? די געשיכטע האט באוויזן, אז אין מעץ האט א ריזיקע ארמיי, א געמושטירטע, וואס איז באשטאנען פון אלטע זעלנער, זיך אונטערגעגעבן און קיין איין גענעראל אפילו, קיין איין קארפוס־קאמאנדיר האט ניט

געפרוּווט זי מציל צו זיין פון באזונס הענט ארוים, בעת די פאריזער לייט האָבן אָן אָנפירער, אָן אָן אָרגאַניזאַציע, מיט צוויי הונדערט פערציק טויזנט זעלנער און מאָביל־לייט, וואָס זיינען גוטה געווען צו שלום, אָפגעהאַלטן אין משך פון דריי חדשים די קאַפּיטולאַציע און זיך נוקם געווען פאַר איר מיט זייער בלוט.

דער דאָזיקער איידעלער באַסט פון די בוגדים האָט אַלעמען אויפגערעגט ביז־גאָר. קיין איינער פון טראָשוס געוועזענע באַטאַ־ליאָנען האָט זיך ניט געשטעלט אויף קלעמאַן טאָמאַס רוף. די רעגירונג האָט מען געשיצט, כּל־זמן מען האָט אין איר געגלייבט; איצט אָבער איז שוין פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז אין דער קאַפּיטולאַציע איז זי שולדיק. אין דעם טאָג פון צוזאַמענשטויס האָט זי אָפּגעטאָן דאָס לעצטע יעזויִטישע שפּיצל. זשול סימאָן האָט צונויפגערופן די מערן און אַ טוץ העכערע אָפיצירן און פאַרגעלייגט די העכסטע מיליטערישע אָנפירונג דעם, וואָס וועט אויסגעפינען עפּעס אַ פּלאַן. זיי האָבן איבערגענומען פאַריז, בעת עס איז געווען פול מיט לעבן; איצט, ווען זיי האָבן שוין ארויס־געלאָזט דערפון דאָס בלוט, האָבן זיי עס איבערגעגעבן אַנדערע. קיין איינער פון די אָנוועזנדיקע האָט ניט אָנגעוויזן אויף דער דאָזיקער אירעניע. זיי האָבן זיך בלויז באַגרעניצט דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך אָפגעזאָגט פון דער האָפענונגסלאָזער ירושה. זשול סימאָן האָט אָבער געוואַרט נאָר אויף דעם. עפּעס עמעץ האָט אַ זאָג געטאָן: „מען מוז קאַפּיטולירן" — דאָס איז געווען גענעראַל לעקאָנט. די מערן האָבן סוף־כּל־סוף פאַרשטאַנען, צו וואָס מען האָט זיי צונויפגערופן און אַ טייל האָבן אפילו זיך צעוויינט.

פון דער רגע אָן האָט פאַריז געלעבט ווי אַ חולה, וואָס וואַרט, מען זאָל אים אָפּשניידן אַן אבר. די פאָרטן האָבן ווי פריער געקנאַלט, ווי פריער האָט מען געבראַכט צו פירן הרוגים מיט פאַרוואונדעטע, אַלע האָבן אָבער געוואוסט, אַז זשול פאַוור איז אין ווערסאַל. דעם 27טן האַלב־נאַכט זיינען די האַרמאַטן אַנטשוויגן געוואָרן. ביסמאַרק מיט זשול פאַוורן זיינען געקומען צו אַ „בּכבודיקן" אויסגלייך. מען האָט פאַריז אָפּגעגעבן.

צומאָרגנס האָט די רעגירונג פון דער פאַרטיידיקונג מודיע ברבים געווען די גרונד=יסודות פון דעם אויסגלייך: וואָפנשטילשטאַנד אויף פופצן טעג, צונויפרופן תיכף א נאַציאָנאַל=פאַרזאַמלונג, דאָס אָקופּירן די פאָרטן, דאָס אָנטוואָפענען אַלע זעלנער מיט די מאָביל=לייט, אַחוץ איין דיוויזיע. די שטאָט איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין א פינסטערער מרה=שחורה. די לאַנגע טעג פון אויפרעגונג האָבן אָפּגעשוואַכט דעם כעס. בלויז איינצלנע פאַלן פון אויסברוכן זיינען דעם טאָג פאָרגעקומען. איין באַטאַליאָן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איז געקומען אויפן פּלאַץ פון שטאָטראַט מיט אויסגעשרייען: „נידער מיט די בוגדים!" איניאונט האָבן פיר הונדערט אָפיצירן געשאַפן א פאַרבאַנד פון שטעלן א ווידערשטאַנד, אויסגעוויילט אַלס אָנפירער דעם קאָמאַנדיר פונם 107טן באַטאַליאָן ברונעל, א געוועזענעם אָפיציר, וואָס איז אין די צייטן פון דער אימפעריע אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער אַרמיי פאַר זיינע רעפובליקאַנישע איבערצייגונגען, און מען האָט באַשלאָסן זיך א לאָז צו טאָן אויף די מזרחדיקע פאָרטן; דאָ האָט אָנגעפירט סעסע, וועלכן די צייטונגען האָבן פּראָקלאַמירט אַלס דעם צווייטן באָרעפּער. האַלב=נאַכט האָט מען געמאַכט אַן אַלאַרם און צונויפגערופן דעם X, XIII און XX קרייז. די נאַכט איז אָבער געווען א קאַלטע און די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז געווען צו אויסגעמאַטערט פאַר אַזא פאַרצווייפלטער אונטערנעמונג. בלויז צוויי צי דריי באַטאַליאָנען זיינען געקומען אויפן באַשטימטן אָרט. אין צוויי טעג אַרום האָט מען ברונעלן אַרעסטירט.

דעם 29טן יאַנואַר פון 71טן יאָר האָט מען אויף די פאָרטן פאַרשטעקט א דייטשן פאָן. דעם אָפּמאַך האָט מען אונטערגעשריבן מיט א טאָג פריער. פיר מאָל הונדערט טויזנט מאַן, באַוואָפנטע מיט ביקסן און האַרמאַטן, האָבן זיך אונטערגעגעבן צוויי מאָל הונדערט טויזנט. די פאָרטן, די פאַרצוימונגען זיינען געוואָרן אַנטוואָפנט. די גאַנצע אַרמיי, צוויי הונדערט פערציק טויזנט זעלנער, מאַטראָסן, מאָביל=לייט, זיינען געוואָרן קריגס=געפאַנגענע. פאַריז האָט באַדאַרפט באַצאָלן אין משך פון פופצן טעג צוויי הונדערט מיליאָן. די רעגירונג איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס מען האָט

דער נאציאנאלער גווארדיע איבערגעלאזט איר געווער, אלע האבן אבער גלענצנד געוואוסט, אז אפנעמען דאס געווער ביי דער נאציאנאלער גווארדיע האט מען געקענט בלויז נאכן חרוב מאכן פאריז. נאך ניט זאט דערמיט, וואס זי האט אפגעגעבן פאריז, האט די רעגירונג פון דער נאציאנאלער פארטיידיקונג איבערגעענטפערט גאנץ פראנקרייך; דער וואפנשטילשטאנד איז חל געווען אויף אלע פראווינצער ארמייען, אחוץ בורבאקיס ארמיי, וואס איז כמעט ארומגערינגלט געווען דורך די דייטשן — די איינציקע, וואס האט דערפון געקענט מאכן א נוצן. בעת קיין פאריז זיינען אנגעקומען פרישע ידיעות פון דער פראווינץ, איז געווארן באוואוסט, אז בורבאקי, וועלכן די דייטשן האבן נאכגעיאגט, האט נאך א נעבעכדיקן פרווו זיך צו נעמען דאס לעבן, אריבערגעווארפן זיין ארמיי אין דער שווייץ.

דעם באלאגערונגס־פיבער האט איצט פארביטן דאס וואל־קדחת... דעם 18טן פעברואר האט עס באדארפט רייכער מאכן פראנקרייך מיט נאך א נייע נאציאנאלע פארזאמלונג, און פאריז האט זיך גענומען גרייטן דערצו: פון די מיטגלידער פון דער פארטיידיקונג איז בלויז איין גאמבעטא, וואס האט ביז דער לעצטער מינוט געגלייבט אין דעם פאטערלאנד, אריינגעטראגן געווארן אין דעם רוב רשימות; די סימפאטיעס צו אים זיינען נאך מער אויסגעוואקסן, בעת מען האט זיך דערוואוסט וועגן זיין קול־קורא, וואס האט געשטעמפלט דעם שענדלעכן שלום, און די גרויסע צאל זיינע אנטשלאסענע דעקרעטן.

א טייל צייטונגען האבן ארויסגעשטעלט זשול פאוורן מיט פיקארן, וואס האבן קונציק זיך ארויסגעגעבן אלס פארביסענע קעגנער פון דער רעגירונגס־פאליטיק; קיינער האט ניט געוואגט פארצולייגן טראשון, זשול סימאנען, זשול פערין. די פראגרעסיווע פארטיי האט פארעפנטלעכט א סך וואל־צעטלען; די דאזיקע צעטלען האבן געוויזן די סיבה פון איר אנמאכט בעת דער באלאגערונג. די לייט פון 48טן יאר האבן זיך אפגעזאגט צוצונעמען בלאנקין, לשם דעקאראציע אבער האט מען אריינגענומען עטלעכע מיטגלידער פונם אינטערנאציאנאל און זייער צעטל, וואס איז

געווען דורכגעוואָרפן מיט נעאָ־יאַקאָבינער און סאָציאַליסטן, האָבן זיי אָנגערופן — צעטל פון פיר קאַמיטעטן. די קלובן און די אַר־בעטער־גרופעס האָבן צונויפגעשטעלט זייער אַנטשלאָסנע רשימות, אין איינער פון זיי האָט פיגורירט דער דייטשער סאָציאַליסט ליבקנעכט. אַ סך אָן אויסגעהאַלטענערן צעטל איז פאַרגעלייגט געוואָרן דורכן קלוב אויף קאָרדערי.

דער אינטערנאַציאָנאַל און דער פעדעראַטיווער ראַט פון די אַרבעטער־פאַרבאַנדן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט פון דער באַלאַגערונג געשוויגן, זיינען ווידער אַרויס מיט זייערם אַ לאָזונג: „ס'איז נייטיק, אַז צווישן די מענטשן, וואָס שטייען ביי דער מאַכט, זאָלן זיין אַרבעטער." זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט דעם קאָמיטעט פון די צוואַנציק קרייזן און די דאָזיקע דריי אָרגאַני־זאַציעס האָבן אַרויסגעלאָזט איין און דעמזעלבן מאַניפעסט: „אָט איז דער צעטל מיט די קאַנדידאַטן, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך דער פאַרטיי פון די אומגליקלעכע, אין נאָמען פון אַ נייער וועלט... פראַנקרייך בויט זיך אויפדאָסניי איבער: די אַרבעטער האָבן רעכט צו געפינען און פאַרנעמען אַן אָרט אין דעם נייעם מלוכה־בוי. דער לאָזונג פון אונזערע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע קאַנדידאַטן איז אָט־דער: פאַרווערן ווער־מען עס איז נאָכאַמאָל צו באַשליסן וועגן דער רעפובליק; פאַרטיידיקן די נייטיקייט פון די אַרבעטערס אָנטייל אין דער רעגירונג, דאָס מבטל מאַכן די רעגירונגס־אָליגאַרכיע און דעם פעאָדאַליזם אין דער אינדוסטריע." אחוץ עטלעכע נעמען, וואָס זיינען געווען באַ־קאַנט דעם עולם, ווי בלאַנקי, גאַנבאָן, גאַריבאַלדי, פעליקס פיאַ, ראַנוויע, טרידאָן, מאַלאָן, לע־פראַנסע, וואַלעס, טאָלען, זיינען די דאָ־זיקע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן געווען באַקאַנט בלויז צווישן דעם המון־עם: משרתים, מעכאַניקער, שוסטער, שלאָסער, שניידער, בוימייסטערס, קובער, סטאָלערס, טאָקערס. זייערע פלאַקאַטן זיינען זעלטן־וואו געווען. צייטונגען, וואָס זאָלן קענען קאָנקורירן מיט דעם שאַלן פון די טרומייטערס פון דער בורזשואַזער פרעסע, האָבן די סאָציאַליסטן כמעט ניט געהאַט. זייער צייט וועט קומען אין עטלעכע וואָכן אַרום, בעת אין דער קאָמונע וועלן שוין זיין

אויסגעוויילט צוויי דריטל פונם צוזאמענשטעל. איצט האָבן פון די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן געקענט דורכגיין בלויז די, וועלכע עס האָבן געשטיצט די בורזשואַזע צייטונגען — בסך־הכּל פינף פערזאָן: גאַריבאַלדי, גאַנבאַן, פעליקס פּיאַ, טאָלען, מאַלאָן.

די רשימה פון די אויסגעקליבענע דעם 8טן פעברואַר איז געווען אַ געמיש פון בּלערליי רעפּובּליקאַנישע שאַטירונגען און אַלע פּאָליטישע פאַרשטעלונגען. לוי בּלאַן, וואָס האָט זיך בעת דער בּעלאַגערונג געהאַלטן שאַ־שטיל און איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך אַלע קאָמיטעטן, אַחוץ „קאָרדעריי", האָט געעפּנט מיט זיך אַ ריי פון 216.000 שטימען, נאָך אים זיינען געגאַנגען וויקטאָר הוגאָ, גאַמבעטאַ, גאַריבאַלדי. דעלעקלוז, וואָס האָט, דאַכט זיך דאָך, בּאַדאַרפט שטיין אויפן ערשטן אָרט, איז אויסגעקליבן געוואָרן בסך־הכּל מיט 154.000 שטימען. ווייטער איז געגאַנגען אַ געמיש פון יאַקאָבינישע פּסולת, פון ראַדיקאַלן, אָפיצירן, מערן, זשורנאַליסטן, פּראַ־אַדמס. איינער איז געוואָרן אויסגעוויילט דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעקלערט אַ קאַנאָנערן־שיפל, אַ צווייטער דערפאַר, וואָס ער איז אַ מיסטיקער. איינער פון די מיטגלידער פון דער געוועזענער רעגירונג האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט — זשול פאַוור איז עס געווען, וועלכן מיליער האָט ניט־לאַנג פאַר דעם מיט דאָקומענטן אין דער האַנט בּאַשולדיקט אין פעלשונגען, אין האָבן צוויי ווייבער, אין גנבענען מלוכה־געלטער. אמת, מיליער איז אויך געוואָרן אויסגעקליבן. אַ גוואַלטיק אומרעכט איז געווען, וואָס דער אומדערמידלעכער וואַכמאַן, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פאַרשטענדעניש — בּלאַנקי, האָט צונויפגעזאַמלט בסך־הכּל 52.000 שטימען, אין דער צייט, וואָס פעליקס פּיאַ האָט פאַר זיינע נאַכטיגאַל־לידער אין „דער שלאַכט" בּאַקומען 145.000 שטימען.

דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע וואַלן, הגם אַ בונטער, צעוואָרפענער, האָט דאָך עדות געזאָגט וועגן דער רעפּובּליקאַנישער שטימונג. פּאַריז, וואָס עס האָבן געשטיקט הן די אימפּעריע, הן די ליבעראַלן, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק וועגן אַ רעפּובּליק, אין דער האָפענונג, אַז זי וועט פאַר אים עפענען אַ נייע צוקונפט. פּלוצלונג אָבער, נאָך פאַרן פאַרעפנטלעכן די

רעזולטאטן פון דער אפשטימונג, לאזט זיך הערן פון די פראווינצער אורנעס א ווילד געשריי פון דער רעאקציע. קיין איינער פון די וויילער איז נאך ניט ארויסגעפארן פון פאריז, און פון באָרדאָ זעט מען גייט שוין א גאנצער פאלק פון די קלויסטער־איינוואוינער, פורסאניאקן, פינסטערע קלעריקאלן, מתים פון 1815, 1830 און 1849; אנגעבלאזענע, צערייצטע, קומען זיי אין נאמען פון דער אפשטימונג פונם גאנצן פאלק צו באהערשן פראנקרייך. פון וואנען נעמט זיך עס דאס בייזבאשערטע בילד? ווי אזוי איז עס געלונגען דעם אונטערערדישן געוויקס זיך ארויסצוקריגן אויף דער אייבערפלאך פון דער ערד און אזוי פרעכטיק זיך צו צעבליען?

כדי פראנקרייך זאל דערלאזן די דאזיקע גראנדיעזע רעאקציאנערע מאכינאציע, האט מען באדארפט אפריער האבן, אז פאריז און די פראווינץ זאלן פארלירן זייערע כוחות, אז דער פרייסישער שיילאק זאל אויסזויגן אונזערע מיליארדן און ארויסרייסן צוויי שטיקער פון אונזער לייב, אז צוויי־און־פערציק דעפארטאמענטן זאלן אין משך פון פיר וואכן זיין אין באלאגערונגס־צושטאנד, אז הונדערט טויזנט פראנצויזן זאלן טיילווייז ווערן פארטריבן, טיילווייז אפגעמעקט פון דער וועלט, אז די שווארצע ווערעם, די יעזויטן, זאלן ארומפארן איבער גאנץ פראנקרייך און אומעטום איינארדענען זייערע פראצעסיעס. די רעפובליקאנער פון פאריז און פון דער פראווינץ האבן פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שעה אומאויפהערלעך אנגעוויזן אויף די דאזיקע לייט דער מאכט, די מאכט אליין אבער איז געווען אדער פארעטעריש, אדער אנמעכטיק.

אין דער פראווינץ איז דער קאמף־פלאץ און די טאקטיק אויך געווען אן אנדערע. די ארבעט איז געפירט געווארן ניט דורך דער רעגירונג גופא, נאר מחוץ איר. גאנץ סעפטעמבער האבן די רעאקציאנערן זיך באהאלטן אין זייערע ווינקעלעך. די לייט פון שטאטראט, זיכערע, אז עס וועט זיך זיי איינגעבן צו שליסן שלום, האבן געשיקט אין דער פראווינץ אריין בלויז עפעס איין גענעראל פאר אדמיניסטראטיווער קאנצעלאריע־ארבעט. אין פראווינץ האט מען זיך אבער סיי צו דער פארטיידיקונג, סיי צו

דער רעפובליק באצויגן זייער ערנסט. ליאָן האָט אפילו נאָך פריער ווי פאריז פארשטאנען זיין חוב: דעם 4טן סעפטעמבער אינדערפרי האָט ער פּראָקלאמירט אַ רעפּובליק און באַשטימט אַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטלעכער רעטונג. מאַרסעל און טולוז האָבן אָרגאַניזירט געגנט־קאָמיטעטן. די לייט פון דער פּאַרטיי־דיקונג, אויפגערעגט פון דעם פּאַטריאָטישן אויפשוואונג, וואָס האָט געשטערט זייער פּלאַן, האָבן געמאָלדן, אַז פראַנקרייך אַרבעט כאַאָטיש און כדי צו העלפן איר זיך פאַראייניקן, האָט מען געשיקט אַהין צוויי עלטסטע כּלים פון זייער כּנופיה: קרעמיע און גלע־ביזוען, און אַלס צולאָג צו זיי דעם געוועזענעם קאַנער גובערנאַטאָר, וואָס איז זיך אַזוי אומרחמנותדיק באַגאַנגען מיט די פּאַרטריבענע פון 52טן יאָר, דעם באָנאַפּאַרטיסטישן אַדמיראַל פורישאָן.

זיי זיינען אָנגעקומען קיין טור דעם 18טן סעפּטעמבער צוזאַמען מיט די מיניסטעריאַלע קאַנצעלאַריעס, — זיי אַלע אינ־איינעם האָבן געשאַפן די אַזוי גערופענע דעלעגאַציע. די פּאַט־ריאָטן האָבן זיך געאיילט צו קומען. אויף מערב און אויף דרום האָבן זיי אָרגאַניזירט פאַרבאַנדן, ליגעס, כּדי צו פאַראייניקן די דעפּאַרטאַמענטן קעגן דעם שונא און ממלא צו זיין דאָס פעלן פון אַ צענטראַלער פאַראָרדענונג. זיי האָבן אַרומגערינגלט די פּאַ־ריזער דעפּוטאַטן, געפאָדערט דירעקטיוון, אַנטשלאָסענע מיטלען, שיקן קאָמיסאַרן, האָבן צוגעזאָגט אַ זיכערן ערפאָלג. די פּאָדאַג־ריקערס האָבן זיי געענטפערט: „מיר זיינען דאָ אייגענע מענטשן, לאָמיר־זשע זיין אָפנהאַרציק. מיר האָבן שוין ניט מער קיין אַרמיי, קיין שום ווידערשטאַנד איז ניט מעגלעך. מיר שטעלן דאָך זיך בלויז אַנטקעגן, כּדי זיך צו דערשלאָגן בעסערע תּנאים". דער מחבר פונם דאָזיקן בוך האָט דאָס אַליין געהערט מיט זיינע איי־גענע אויערן. אַ גרימצאָרן האָט אַלעמען באַהערשט: „ווי הייסט! דאָס איז אייער ענטפער, בעת טויזנטער פראַנצויזן זיינען גרייט אָפּצוגעבן אין אייערע הענט זייער לעבן און האָב־און־גוטס!"

דעם 28טן האָבן די ליאָנער געמאַכט אַן אויפשטאַנד. פיר דעפּאַרטאַמענטן האָבן זיי אָפּגעטיילט פונם שונא, וואָס האָט פון

מינוט צו מינוט געקענט פארנעמען זייער שטאט, און פון דעם 4טן סעפטעמבער אן האבן זיי אנגעהויבן פאדערן געווער. דער מוניציפאליטעט, וואס איז אויסגעוויילט געווארן דעם 16טן אנשטאט דעם קאמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג, האט געהאלטן אין איין פירן מחלוקת מיטן פרעפעקט שאלמעל-לאקור, א יאקאבינער מיט זייער א שארף צינגל. אלע מיטלען, וואס דער ראט האט אנגענומען, האבן דערפירט בלויז דערצו, אז דעם 27טן האט ער פארקלענערט דאס שכירות די ארבעטער אויף 50 סאנטים, די ארבעטער, וואס זיינען געווען פארנומען אויף די פארטיפיקאציעס, און האט באשטימט עפעס איינעם קלוזערע אלס גענעראל איבער דער ארמיי פון די פרייוויליקע, וואס האט ערשט באדארפט געשאפן ווערן.

דער דאזיקער הער איז געווען א דעמיסיאנירטער אפיציר, וואס קאוועניאק האט בשעתו געגעבן אן ארדער פאר זיין העל-דישער אויפפירונג אין די יוני-טעג. היות די מיליטערישע קאריערע האט זיך אים ניט איינגעגעבן, איז ער ארויס אין דעמיסיע, איז געווארן קארעספאנדענט אין דער מלחמה-צייט צוליב דער אמערי-קאנער אוואנטורע און זיך אנגעהויבן טיטולירן גענעראל. א ניט-פארשטאנענער דורך דער בורזשואזיע פון דער אלטער און נייער וועלט, האט ער זיך געכאפט פאר דער פאליטיק פונם צווייטן עק, האט פארגעלייגט זיין דינסט די אירלענדישע פעניען, זיך דארט באזעצט, ארויסגערופן דארט אן אויפשטאנד און איז איינ-מאל ביינאכט נעלם געווארן. בעת ס'האט זיך געשאפן דער אינ-טערנאציאנאל, איז ער געווארן זייער א הייסער אנהענגער. ער האט ארויסגעגעבן א סך בראשורן, געזאגט צו די זין פון די דערשא-סענע אין יוני: „אדער מיר, אדער קיין זאך ניט", האט זיך גע-האלטן פאר דעם טשוואק פון סאציאליזם. ווען די רעגירונג פון 4טן סעפטעמבער האט זיך אפגעזאגט אים אנצוגעטרויען איר ארמיי, האט ער גאמבעטען אנגערופן פרייס און זיך דערשלאגן, אז דער קלוב אויף קארדערי-גאס, — וואוהין ער איז צוגעקומען אדאנק ווארלענען, וועלכן ער האט שוין לאנג געפירט ביי דער נאז, — האט אים געשיקט אלס דעלעגאט קיין ליאן. אין ליאן האט דער

דאזיקער פארדעכטיקער פלאפלער איבערצייגט דעם מוניציפאַ־ליטעט־ראַט, אַז ער וועט מסוגל זיין צו אָרגאַניזירן אַן אַרמיי. ס'איז אָבער קיין זאַך נאָך ניט געטאָן געוואָרן, בעת די רעפּובּ־ליקאַנישע קאָמיטעטן פון די קווארטאַלן בראָטאַ, גיליאָטיער, קרואַ־רוס און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גווארדיע האָבן זיך אַנטשלאָסן דעם 28טן צו קומען אין שטאָטראַט מיט אַן ענערגישן פארטיידיקונגס־פּלאַן. די פאַרטיפיקאַציע־אַרבעטער, וואָס זיינען אַנגעפירט געוואָרן דורך סעני, האָבן געמאַכט אַ דעמאָנ־סטראַציע, זיך צונויפגעזאַמלט אויפן פּלאַץ טעראָ און עלעקטרי־זירטע פון די רעדעס און פון דער אַלגעמיינער אויפרעגונג, האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין שטאָטראַט. סעני האָט פאַרגעלייגט צו באַשטימען אַ רעוואָלוציאָנערע קאָמיסיע און באַמערקנדיק קלוזערען, באַשטימט אים אַלס שעף פון דער נאַציאָנאַלער גווארדיע. קלו־זערע, וועלכן די פראַגע וועגן זיינע קומענדיקע אָרדערס האָט שוין באַאומרויקט, איז אַרוים אויפן באַלקאָן בלויז, כדי צו אַנט־וויקלען זיין פּלאַן און פאַרצולייגן אַלעמען זיך צו פאַרהאַלטן רויק. היות די קאָמיסיע האָט זיך צונויפגעשטעלט, האָט ער ניט געוואָגט זיך אַנטקעגנצושטעלן און איז אַוועק זוכן זיינע חיילות. ביים אַרויסגאַנג האָבן אים דער מער מיטן פּרעפעקט אָנגע־כאַפּט ביים קאָלנער: זיי זיינען אַריין אין שטאָטראַט דורך דעם קאָמענדי־פּלאַץ. סעני איז אַרוים אויפן באַלקאָן און מודיע געווען וועגן דעם עולם, וואָס האָט זיך ווידער אַ לאָז אַריין געטאָן אין שטאָטראַט, באַפרייט קלוזערען און פון זיין זייט אַרעסטירט דעם מער מיטן פּרעפעקט.

אינגיכן זיינען אויפן פּלאַץ טעראָ אָנגעקומען בורזשואַזע באַטאַליאָנען. נאָך זיי זיינען אַרוים אויך די באַטאַליאָנען פון קרואַ־רוס און גיליאָטיער. דער ערשטער שאָס האָט געקענט אַרויס־רופן אַ גוואַלדיקע בלוט־פאַרגיסונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אונ־טערהאַנדלונגען. די קאָמיסיע האָט זיך באַהאַלטן: קלוזערע איז אַנטלאָפן קיין זשענעווע.

דאָס איז געווען בלויז די ערשטע התראה. אין אַ טייל אַנ־דערע שטעט האָט זיך אויך געלאָזט באַמערקן אַן אויפרעגונג.

די פּרעפֿעקטן האָבן געפֿירט דעם פּאַרזיץ אין די ליגעס, זיך צונויפֿגעזאַמלט אויף באַראַטונגען. תּחילת אָקטאָבער האָט דער קאַנער אַדמיראַל צונויפֿגענומען אַרום און אַרום עטלעכע טויזנט מאַן, און פֿון טור האָט מען קיין שום ידיעות ניט באַקומען.

דער שעף פֿונעם טריומווירואַט, דער ייִד קרעמיע, האָט געוואוינט אינעם הויז פֿונעם אַרציבישאָף היבער, דעם פּויפּסט פֿון די פֿראַנצויזישע אולטראַמאָנטאַנער, וואָס האָט אים געגעבן דירה און קעסט פֿאַר כּל=המינים טובֿות, וואָס קרעמיע האָט באַדאַרפֿט טאָן די גייסטלעכע. איין מאָל האָט מען קרעמיען שיִער ניט אַרויסגעטריבן פֿון דער היים. גאַריבאַלדי, וואָס איז בשתיקה אַוועק פֿון איטאַליע, אַ צעבראָכענער פֿון אַ פּאַראַליטש מיט צונויפֿגעדרייטע פֿון רעוומאַטיזם הענט, איז געקומען קיין טור פֿאַרלייגן דער רעפּובליק דאָס, וואָס עס איז נאָך פֿון אים פֿאַרבליבן — דעם נאָמען מיטן האַרץ. היבערן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שטן-המשחית איז געקומען, און ער האָט אויסגעלאָזט זיין כּעס אויף קרעמיען; דער לעצטער האָט נעבעך געמוזט אַוועקפֿירן גאַריבאַלדין אין דער פּרעפֿעקטור און וואָס גיכער אים שיקן אין דער פּראָווינץ.

ניט וויסנדיק ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פֿון דער צרה, האָבן די דעלעגאַטן צונויפֿגערופֿן די ווײַלער. דאָס איז געווען זייער איינציקע ערלעכע כּוונה. דעם 16טן אָקטאָבער האָט פֿראַנקרייך געמוזט אויסוויילן זיינע פֿאַרשטייער; פּלוצלונג קומט דעם 9טן קיין טור צו פֿאָרן גאַמבעטאַ, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך קלעמאַן לאָריע. די לייט פֿון ראָטהויז האָבן זיך דערפֿרייט מיט זיין אָפּפֿאָר; זיי זיינען אַזוי פֿעסט איבערצייגט געווען, אַז זיינע פּלענער קענען ניט רעאַליזירט ווערן, אַז „קיינער פֿון דער רעגירונג, ניט גענעראַל טראָשו, ניט גענעראַל לעפֿלאָ האָט קיין וואָרט ניט גערעדט וועגן וועלכער עס איז ניט מיליטערישער אַקציע. * גאַמבעטאַ האָט אָבער געהאַט זיין פּלאַן: גלייבן אין די לעבנס=כּוחות פֿון דער נאַציע. זעענדיק, אַז די פּראָווינץ האָט

* גאַמבעטאַ. — די אַנקעטע.

ניט קיין זעלנער, ניט קיין אָפיצירן, ניט קיין געווער, ניט קיין עסנוואַרג, ניט קיין אַמוניציע, ניט קיין אינטענדאַנטור, ניט קיין געלט, — איז ער אויף אַ מינוט אַריינגעפאַלן אין יאוש, ער איז אָבער תיכף צו זיך געקומען, געפונען אומאויסגעשעפטע קוואַלן, אַ סך מענטשן, וואָס קענען טויגן צום ענין. בורזש, ברעסט, לאָריאַן, ראָשפאָר, טולאָן האָבן געקענט דינען אַלס אַרסענאַלן; ליל, נאַנט, באָרדאָ-טולוז, מאַרסעל, ליאָן — גלענצנדע וואַרשטאַטן, די ימען זיינען פריי; הונדערט מאָל מער כוחות, ווי אין 1793, בעת פראַנקרייך האָט גלייבצייטיק מלחמה געהאַלטן מיטן אויסער-לעבן שונא און מיט וואַנדעע; די צענטרען זיינען געווען פול מיט פאַטריאָטישער התלהבות, די מוניציפּאַלע ראַטן, די גענעראַל-ראַטן האָבן אויף זיך אַרויפגעלייגט שטייערן, געשטימט פאַר הלוואות, אין די דערפער איז ניט געווען קיין פיינטלעכע ברוגזונג. אויף גאַמבעטעס הערלעכן רוף האָט פראַנקרייך געענטפערט פונקט מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, ווי פאַריז דעם 14טן סעפּטעמבער. די רעאַקצי-אָנערן האָבן זיך באַהאַלטן; גאַמבעטאַ האָט געהערשט איבער דער נשמה פונם פאָלק; אַלץ איז געווען אין זיין מאַכט.

אים האָט זיך אויך איינגעגעבן אָפּצולייגן די וואַלן אַפילו, ווי דאָס האָט געפאָדערט איין דעקרעט פון דער רעגירונג. וואַלן האָבן זיך פאַרגעזען רעפּובליקאַנישע, קריגערישע. ביסמאַרק האָט געזאָגט זשול פאַוורען, אַז ער וויל ניט, ס'זאָל צונויפגערופן ווערן אַ פאַרזאַמלונג, וואָרעם זי וועט זיין פאַר מלחמה. נאָך אַ טעם, אַז מען זאָל דווקא וועלן צונויפרופן די פאַרזאַמלונג: אַ ריי ענער-גישע צירקולאַרן, אַ טייל מיטלען קעגן די אינטריגאַנטן, פּינקט-לעכע פאַראָרדענונגען וואָלטן געהאָלפן דעם פלאַמיקן דורשט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם צעשפרייטן זיך און וואָלטן געמאַכט דעם קאַמף זיגרייך. די פאַרזאַמלונג, וואָס אין איר וואָלטן אַריין אַלע רעפּובליקאַנישע כוחות, וואָס געפינען זיך אין דער געדיכט-באַ-פעלקערטער שטאָט, וואָלט געקענט פאַרצענפאַכן די נאַציאָנאַלע ענערגיע, פאָדערן פון לאַנד אַלץ — בלוט מיט גאָלד. זי וואָלט פּראָק-לאַמירט אַ רעפּובליק און אין פאַל פון אַ מפלה, געצוואונגען צו שליסן שלום, וואָלט זי אונז אָפּגעהיט פון אומקומען, אויפגעשיצט

פון רעאַקציע. גאַמבעטעס אינסטרוקציעס זיינען אָבער געווען פינקטלעך. „די וואַלן אין פאַריז וואָלטן אַרויסגערופן אַן איבערחזרונג פון די יוני-טעג,״ — האָט ער צוגעגעבן. „מען וועט זיך באַגיין אָן פאַריז,״ — האָט מען אים געענטפערט. אַלץ איז געווען אומזיסט, אַפילו דאָס באַשווערן אים מצד זיינע נאָענטע פריינד, וואָס זיינען צומוייניקסטן רעוואָלוציאָנעריש געשטימט, ווי למשל לאַריע. עטלעכע פרעפעקטן האָבן ניט געקענט משפיע זיין אויף זייערע קרייזן, און מען האָט געקענט פאָראויסזען, אַז די וואַלן וועלן קיין געוואונטשענע רעזולטאַטן ניט געבן; גאַמבעטאַ, וועלכן זייער ניט-אַנטשלאָסנקייט האָט צוגעגעבן מוט, האָט גענומען אין זיינע הענט אַריין די דיקטאַטאָרישע מאַכט.

זיין דעוויז איז געווען: „פאַרשטאַרקן די אָרדענונג און פרייהייט און פירן ווייטער מלחמה.״ קיינער האָט די אָרדענונג ניט געשטערט און אַלע פאַטריאָטן האָבן געוואָלט מלחמה. אין די ליגעס זיינען געווען גלענצנדע עלעמענטן, וואָס זיינען מסוגל געווען צו זיין קאַדרעס, און אין יעדן דעפאַרטאַמענט ווידער זיינען געווען אויסגעפרוווטע רעפובליקאַנישע גרופעס, וועלכע מען האָט געקענט אָנטרויען דאָס אָנפירן מיט דער פאַרטיידיקונג אונטער דער לייטונג פון קאָמיסאַרן. צום אומגליק, האָט דער דאָזיקער יונגערמאַן, אַזאַ גלענצנדער אַגיטאַטאָר, געגלייבט אין אַלטע פאָרמען. די ליגעס האָבן זיך אים אויסגעוויזן פאַר אַ שלעכטע נייע זאַך; ער האָט ענג פאַראייניקט דאָס ביסל קאָמיסאַרן, וואָס ער האָט אָנערקענט, איבערגעגעבן די גאַנצע מאַכט די פרעפעקטן, וואָס זיינען על-פי רוב געווען אינוואַלידן פון 48טן יאָר, אָדער זיינע חברים פון דער קאָנפערענץ מאָלע, וואָס זייער עיקר-טענדענץ איז געווען אַלעמען אַלץ צו שוינען; אַ טייל פון זיי האָבן געזאָרגט בלויז צו באַקומען אַ קרייז וויילער. אין אַ טייל פרעפעקטורן זיינען געבליבן די לייט, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין צונויפשטעלן די פאַראָרדענונג-רשימות פונם 2טן אָקטאָבער.

קרעמיע האָט דאָך אָנגערופן די באָנאַפּאַרטיסטן „פאַרבלאָנדזשעטע רעפובליקאַנער״. אין פינאַנץ-מיניסטעריום, אין דעם דאָזיקן לאָקער פון די רעאַקציאָנערן, אינם בילדונגס-מיניסטעריום, וואו

ס׳האבן געדינט כמעט בלויז באנאפארטיסטן, האט מען פארזוערט אפצוזאגן בשאמטע פון דער שטעלע, ס׳איז כמעט אוממעגלעך געווען ווער עס איז דערוויטערן. עס איז מקויים געווארן דער דעוויז פון די פאראליטיקער: אלעמען שווינען. אחוץ עטלעכע פרידנסריכטער און עטלעכע מאגיסטראטן, זיינען דעמיסיאנירט געווארן בלויז די העכערע פאליטישע טוער.

אפילו אינם מלחמה־מיניסטעריום האט מען געשווינט די קעגנער. די קאנצעלאריעס, וואס האבן זיך לאנג געפונען אונטער דער אנפירונג פונם באנאפארטיסט לאווערדא, האבן שטילערהייט זיך אונטערגעגראבן אונטער דער דעלעגאציע; דער אדמיראל פורישאן האט ניט אפגעגעבן דעם פלאט, די באן־געזעלשאפטן זיינען געווארן די באלעבאטים איבערן טראנספארט. ס׳איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז מען האט געמוזט זיך בעטן רחמים ביים פארשטייער פונם פראנצויזישן באנק, וועלכער האט געגעבן בלויז דאס, וואס אים איז געפעלן. א טייל דעפארטאמענטן האבן געשטימט פאר צוואנגס־הלוואות, וואס וואלטן געקענט געדעקט ווערן. גאמבעטא האט זיך אבער אפגעזאגט צו באשטעטיקן זייערע פארארדענונגען; פראנקרייך האט זיך אזוי ווייט דערנידעריקט, אז עס האט געמאכט א מיליטערישע הלוואה אין לאנדאן.

די פארטיידיקונג האט אין דער פראווינץ געלאמט אויףביידע פיס: דער אומטעטיקער פערסאנאל און די פשרה־מאכעריי, וואס האט פאראליזירט די ענערגיע, האבן גורם געווען א שטיל־שטאנד. ניט קוקנדיק דערויף, האבן די באטאליאנען איינס נאך דאס אנדערע זיך געשאפן. אויף דעם רוף פון גאמבעטען, וואס איז געווען פול מיט אמונה, אונטער דער טיכטיקער השפעה פון פרייסינע, פון זיין טעכנישן דעלעגאט, האבן די רעשטלעך פאלקן זיך פאראייניקט, די לאגערס האבן אפגעגעבן זייערע רעזערוון, מאביל־לייט זיינען צוגעקומען. סוף אקטאבער האט אין סאלברי, ניט־ווייט פון וויערזאן, זיך כמעט געשאפן אן אמתע ארמיי, וואס איז געווען פארזען מיט גוט געווער, אונטער דער אנפירונג — צום באדויערן! — פון גענעראל ד׳ארעל־דע־פאלאדין, אן עקס־סענאטאר און שטרויזאק.

סוף אקטאבער וואלט די פראווינץ געקענט זיגן, ווען ס׳זאל אין פאריז גאר־ניט געווען גיין לאיבוד. כדי צו באלאגערן פאריז האבן די דייטשן באנוצט זייער גאנץ מיליטער, אחוץ דריי דיוויזיעס — דרייסיק טויזנט פוסגייער און א גרויסן טייל רייטער. קיין שום רעזערוו איז ביי זיי ניט געבליבן. די דאזיקע דריי דיוויזיעס, וואס זיינען איינגעשטאנען אין ארלעאן און שאטאדען, זיינען געווארן געליימט דורך אונזער ארמיי אויפן לואר. מערב־זייט, צפון־זייט און אויף מזרח איז די קאוואלעריע — דער 1טער און 2טער בייערישער פאלק און דער 22טער פרייסישער — געווען צעווארפן אויף א גרויסן שטח און האט דעריבער זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט די פוסגייער. סוף אקטאבער איז די ליניע פונם דייטשן מיליטער, וואס האט ארומגערינגלט פאריז, געווען גוט באפעסטיקט פון דער זייט פון שטאט, פון דער פראווינצער זייט אבער — שלעכט. פופציק טויזנט מאן, אפילו אומגעניט מיליטער, וואס האבן זיך געפונען אין ד׳ארעל־דע־פאלאדינס רשות, וואלטן געקענט דורכרייסן די בלאקאדע.

דאס באפרייען פאריז פון דער בלאקאדע, לכל־הפחות אויף א קורצער צייט, וואלט געקענט ארויסרופן דאס אריינמישן זיך פון אייראפע, און אלס רעזולטאט דערפירן צו א בכבודיקן שלום. דער מאראלישער עפעקט וואלט געווען א גוואלטיקער. פאריז וואלט געקענט ווערן פארזען מיט אפראוויזאציע דורך די דרומדיקע און מזרחדיקע באנלינעס, און מען וואלט געוואונען צייט צו ארגאניזירן די ארמייען אין דער פראווינץ.

אונזערע לוארער ארמיי — דער 15טער קארפוס, וואס איז איינגעשטאנען אין סאלברי און דער 16טער אין בלוא — האט געציילט 70.000 מאן. דעם 26טן אקטאבער באקומט ד׳ארעל־דע־פאלאדין א באפעל אפצונעמען ביי די בייערן ארלעאן. דעם 28טן איז ער שוין אין בלוא מיט 40.000 מאן. 9 א זייגער אינאוונט שיקט דער דייטשער קאמאנדיר אים זאגן, אז מעץ האט קאפיטולירט. טיער, וואס איז, אויפן וועג קיין פאריז, געווען אויפן ארט, האט אים גערעטן ווארטן. ד׳ארעל טעלעגראפירט תיכף קיין טור, אז ער לייגט אפ דעם אנגריף.

יעדער איינער, כאָטש אַ ביסל פעיִקער גענעראַל, וואָלט, פאַרקערט, זיך באַמיט זיין פּלאַן וואָס גיכער דורכצופירן. היות די דייטשע אַרמיי, וואָס האָט באַלאַגערט מעץ, איז פריי געוואָרן און האָט געקענט זיך אַ וואָרף טאָן אויף דעם צענטער פון פראַנקרייך, האָט מען באַדאַרפט אָנווענדן אַלע כוחות, צו פאַרלויפן זיי דעם וועג, און יעדע רגע איז געווען טייער. דאָס איז געווען דער קריטישער מאָמענט פון דער מלחמה.

די טורער דעלעגאַציע האָט אָנשטאָט אָראָפּצוזעצן ד'אָרעלן, זיך באַגרעניצט בלויז מיט געבן אָרויס אַ באַפעל, אַז ער זאָל צונויפזאַמלען די כוחות. דאָס צונויפזאַמלען איז פאַרענדיקט געוואָרן דעם 3טן נאָוועמבער און ד'אָרעל האָט געהאַט איצט 70.000 מאַן, וואָס זיינען געווען צעשטעלט פון מער ביז מאַרשענואַר. די געשעענישן האָבן אים געדינט. אינם דאָזיקן טאָג איז די פּרייסישע קאַוואַלעריע — איין בריגאַדע — געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן מאַנט און אָפּצוטרעטן, אַ איבערגעשראָקענע דורך די שטאַרקע אָפּטיילונגען פון די פריַיע שיסער. אחוץ דעם, זיינען אָנגעקומען היבשע פּראָנצויזישע חיילות פון כּל המינים געוועהר, וואָס זיינען געגאַנגען פון קורוויל אין דער ריכטונג פון שאַרטרו. ווען די לואַרער אַרמיי וואָלט אַריבער אין אָנגריף דעם 4טן, וואָלט זי געווען דורכגעגאַנגען צווישן בייערן, וואָס זיינען איינגעשטאַנען אין אָרלעאַן און דער 22טער פּרייסישער דיוויזיע אין שאַטאָדען, און אויסנוצנדיק זייער גרויסן איבערגעוויכט אין מענטשן, וואָלטן זיי געווען צעקלאַפּט איין דייטשע אַרמיי נאָך דער צווייטער, — דער וועג קיין פּאַריז וואָלט געווען פריי און פּאַריז וואָלט, כּמעט אויף זיכער, געוואָרן אויסגעלייזט.

מאָלטקע האָט גלענצנד פאַרשטאַנען די סכּנה פון אַזאַ מעמד=הענינים. ער האָט באַשלאָסן, אויב מען וועט דאַרפן, אָפּצוטרעטן, ווי באַנאַפּאַרט פאַר מאַנטוע: אַראָפּנעמען די בלאָקאַדע, מקריב זיין דעם באַלאַגערונגס=פּאַרק, וואָס האָט זיך צוגעגרייט אין וויל=קובלע, צונויפזאַמלען זיין אַרמיי, כּדי צו אַרבעטן אויפן פרייען פעלד און צוריקשטעלן די בלאָקאַדע ערשט נאָכן נצחון, ד. ה. נאָך דער אַרמייס צוריקקומען פון מעץ. דער טאַבאָר פון

דער ווערסאַלער הויפּט=קוואַרטיר איז שוין געווען פאַרטיק אין וועג אַריין: עס איז נאָך געבליבן ווי דער עד=ראיה, דער שווייצאַרישער פּאַלקאָווניק פאָן=ערלאַך, דערציילט, בלויז „איינשפּאַנען די פערד.”

ד'אָרעל רירט זיך ניט. די דעלעגאַציע, פּונקט אַזאַ אומטעטיקע, ווי ער אַליין, באַגרעניצט זיך מיט אַ בריוו=אויסטויש מיטן מיניסטער: „הער מיניסטער, — שרייבט פּרייסינע דעם 4טן נאָוועמבער, — שוין עטלעכע טעג, ווי די אַרמיי און איך אַליין ווייסן ניט, צי די רעגירונג וויל שלום אָדער מלחמה... אין דער צייט, ווען מיר האָבן געמאַכט הכנות אויסצופירן דעם ענין, וואָס האָט אונז געקאָסט אַזוי פיל מי, פאַרשאַפן אונז די קלאַנגען וועגן אַ וואַפנשטילשטאַנד עגמת=נפש; איך ווייס אַליין ניט, צי כ'וועל מאָרגן ניט ווערן פאַרמשפט, אויב כ'וועל היינט ניט אָנווענדן אַלע כוחות, כדי אויפצוהויבן דעם מוט פונם מיליטער און אַ שטורם טאָן עס פּאָראַוים.” גאַמבעטאַ ענטפערט: „הער דעלעגאַט, פּונקט, ווי איר, גיב איך זיך אָפּ אַ חשבון, אַז די אומאַנטשלאָסענע פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז משפיע דעמאָראַליזירנדיק... מיר מוזן פון היינט אָן אָפּשטעלן אונזער אָנגריף.” דעם 7טן איז ד'אָרעל אַלץ נאָך אויפן זעלבן אָרט; דעם 8טן אַנטשליסט ער זיך אַ רוק צו טאָן, ער גייט אָפּ אַ 15 קילאָמעטער און לייגט פאַר אין אָוונט אָפּצושטעלן די באַוועגונג. זיינע כוחות כאַפּן אַרום ביז אַ הונדערט טויזנט מאַן; דעם 9טן אַנטשליסט ער זיך צו באַפאַלן די בייערן, וואָס שטייען ביי קולמיע. די בייערן רייניקן תיכף אָפּ אָרלעאַן און טרעטן צוריק אָפּ ביז טורי. אַנשטאָט זיי נאָכצויאָגן, מעלדעט ד'אָרעל, אַז ער וועט זיך באַפעסטיקן פאַר דער שטאָט. די דעלעגאַציע לאָזט אים טאָן, וואָס ער וויל, און גאַמבעטאַ, וועלכער איז געקומען אין דער הויפּט=קוואַרטיר, גיט זיין הסכמה אויף דעם פּלאַן. ביני=לביני שטייען שוין צוויי פּרייסישע דיוויזיעס (די 3טע און די 4טע), וואָס זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן פון מעץ מיט דער באַן, אונטער פּאַריז; דאָס האָט געגעבן מאָלטקען אַ מעגלעכקייט צו שיקן די 17טע פּרייסישע דיוויזיע קיין טורי און דעם 12טן זיינען זיי שוין געווען דאָרט. אחוץ דעם, האָט מען

דערווייל דריי קאָרפּוסן מיט אַ שנעלן טעמפּ אַרויסגעשיקט צו דער סענע צו. אַדאַנק ד'אָרעלס גאָרניט־טאָן און דער דעלעגאַציעס פּוילקייט, האָט די לוּאַרער אַרמיי אויפגעהערט די דייטשן צו באַאומרויִקן.

מען האָט, פאַרשטייט זיך, באַדאַרפט געבן ד'אָרעלן דימיסיע, איז אָבער איין געלעגנהייט געוואָרן דורכגעלאָזן. די לוּאַרער אַרמיי, וואָס איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי טיילן, האָט זיך געשלאָגן אונטער שאַנזים אָנפירונג בלויז, כּדי אייַנצוהאַלטן דעם כּבוד. די דעלעגאַציע האָט זיך געמוזט אַריבערכאַפּן קיין באָרדאָ.

סוף נאָוועמבער איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס עסק האַלט שמאָל. די פּרעפעקטן, וואָס זייער חוב איז געווען צו אָרגאַניזירן די מאָביל־לייט און די זעלנער און אויפצוהייבן די דערפער, האָבן געמוזט פירן כּסדר אַ קאַמף מיט די גענעראַלן און האָבן זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט דער הלבשה. די גענעראַלן נעבעך האָבן ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זייערע מענטשן אָן אַ מיליטערישער צוגרייטונג, און האָבן געטאָן עפּעס, — לויט גאָמבעטען, — „ערשט דעמאָלט, ווען זיי האָבן שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט".

דער דעלעגאַציעס אומטעטיקייט האָט נאָך מער פאַרשאַרפט זייער אומצופרידנהייט. גאַמבעטאַ האָט געפרעגט עטלעכע גענעראַלן, צי זיי וועלן מסכּים זיין צו דינען אונטער גאַריבאַלדיס אָנפירונג, און געמיינט, אַז זיי קענען דערויף ניט מסכּים זיין. ער האָט ניט פאַרפירט קיין פּראָצעס קעגן איין גלח, וואָס האָט פון דער טריבונע צוגעזאָגט אַ באַלוינונג פאַר אַ גענעראַלס אַ קאָפּ, ער האָט געפירט טענות ומענות מיט ראַיאַליסטישע אָפיצירן און ערלויבט די פּויפּסטלעכע זואַוון צו פאַרשטעקן זייער באַזונדערע פאָן. דעם גענעראַל בורבאַקי, אַן אינוואַליד אין אמתן זין פון וואָרט, וואָס האָט פאַר דעם ניט לאַנג איבערגעגעבן דער קייזערין אַ בריוו פון באַזענען, האָט ער אָנגעטרויט די מזרח־אַרמיי.

אפשר האָט ער ניט געהאַט גענוג אַווטאָריטעט? זיינע דעלעגאַציע־חברים האָבן ניט געוואַגט אפילו די אויגן אויפצוהויבן, די פּרעפעקטן האָבן בלויז אים אַליין אָנערקענט און די גענעראַלן

האבן אין זיין אנוועזנהייט זיך געהאלטן ווי שילער. דאס לאנד האט אים געהארכט און אלץ מיט בלינדער הכנעה צוגעשטעלט.

מענטשן זיינען געגאנגען אן שום תרעומות. אין דארף זיינען קיין ווידערשפעניקער ניט געווען, הגם די גאנצע זשאנדאר־מעריע איז געווען איינגעשלאסן אין דער ארמיי. אפילו די פאר־ביסנסטע ליגעס האבן ביי דער ערשטער באמערקונג זיך מכניע געווען. בלויז דעם 31טן אקטאבער האט זיך דורכגעריסן א גרויסע באוועגונג. די מארסעלער רעוואלוציאנערן, וואס זיינען געווען פול מיט פארדרוס אויף דער אומטעטיקייט פונם מוניציפאלן ראט, האבן פראקלאמירט א קאמונע. קלוזערע, וואס האט פון זשענעווע געבעטן דעם „פרייס" גאמבעטען, ער זאל אים איבערגעבן די אנפירונג פון א קארפוס, איז געקומען קיין מארסעל, געצוואונגען זיך צו באשטימען אלס גענעראל, ווידער אוועק און זיך אומגע־קערט אין דער שווייץ, מחמת זיין כבוד האט אים ניט ערלויבט צו דינען אלס פשוטער זעלנער. אין טולוז האט די באפעלקערונג ארויסגעטריבן א גענעראל, א בלוטזייגער פון 1848. אין סען־עטיען איז אין משך פון איין שעה געווען א קאמונע. אומעטום איז אבער גענוג געווען איין ווארט, אז די מאכט זאל איבערגיין אין דער דעלעגאציעס הענט אריין — אזוי האבן אלע מורא געהאט צו שאפן פאר איר די קלענסטע מניעה.

דאס דאזיקע אפזאגן זיך פון מאכט האט אבער געטאן א גרויסע טובה די רעאקציאנערן. די יעזויטן, וואס זיינען ארויס־געטריבן געווארן פון מארסעל דורך דעם אויפגערעגטן פאלק און וועלכע האבן אדאנק גאמבעטען זיך דארט צוריק אריינגעכאפט, האבן געקענט דארט פראנק־און־פריי גרייטן זייערע פלענער, די גלחים — ניט געבן זייערע לאקאלן דעם מיליטער, געוועזענע ריכטער פון די געמישטע קאמיסיעס — באליידיקן רעפובליקאנער פאר אפזאגן פון דער שטעלע איינעם פון זייערע חשובע חברים (דער פרעפעקט פון דער אייבערשטער הארנע האט אויף א ווילע געהאט פארלארן די שטעלע), די צייטונגען — דרוקן אויפרופן פון טראן־פרעטענדענטן. א טייל מוניציפאלע ראטן האבן פארגעסן אן זייער פאטריאטיזם און געשטימט פאר מכניע זיין זיך די פרייסן,—

גאמבעטא האט דעמאלט זיך באגרעניצט בלויז מיט א פּראָוואָרף אויף זייער אדרעס.

די באָנאפּאַרטיסטן האָבן זיך עפנטלעך פּאראייניקט. דער פּרעפעקט פון באָרדאָ, זייער א מעסיקער רעפּובליקאנער, האָט געבעטן אן ערלויבעניש צו ארעסטירן א טייל פון די דאָזיקע רעדל־פירער, גאמבעטא האָט אָבער דערויף געענטפערט: „דאָס זיינען מיטלען, וואָס זיינען פּראַקטיצירט געוואָרן בעת דער אימפּעריע; היינט אין דער רעפּובליק — האָבן זיי קיין אָרט ניט".

עס האָט זיך אויפגעהויבן די קאָנסערוואַטיווע וואַנדעע. די מאָנאַרכיסטן, קלעריקאלן, גרויס־בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך פאַר־באָרגן אין אירע שלעסער, אין די ניט־געריִרטע סעמינאַרן, מאַגי־סטראַטורן, גענעראַל־ראַטן, וואָס די דעלעגאַציע האָט לאַנג זיך אָפּגעזאָגט פונאנדערצוטרייבן, — מען האָט געוואַרט בלויז אויף א פּאַסיקע מינוט. זיי האָבן גענומען א געוויסן אָנטייל אין די מי־ליטערישע אָפּעראַציעס, כדי אַלץ נאָך צו מאַכן אן איינדרוק פון פּאַטריאָטן. אין עטלעכע וואָכן האָבן זיי באַוויזן צו דערשנאַפּן וואָס גאמבעטא איז; הינטער דעם היציקן רעדנער האָבן זיי דער־זען דעם אומאַנטשלאָסענעם מענטש.

זיי האָבן געהאַט א באַשטימטן פּלאַן; פון אָנהייב אָן האָבן זיי געלערנט ווי זיך צו פירן מיט די יעזויִטן, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון די גלחים, די איינציקע קאָנסעקווענטע טאַקטיקער פון פראַנקרייך. זייער פּאָליטישער מורה־דרך איז געווען טיער.

די לייט פונם 4טן סעפּטעמבער האָבן אים, ווי באַוואוסט, געמאַכט פאַר זייער שליח. פראַנקרייך, וואָס האָט כמעט ניט געהאַט קיין אָנגעזעענע דיפּלאָמאַטן זינט טאַלייראַנען אָן, האָט ניט געקענט געפינען קיין אַנדערן, וואָס מען זאָל אזוי לייכט קענען פירן פאַר דער נאָז, ווי דאָס דאָזיקע קליינע מענטשל. ער איז געפאָרן קיין לאָנדאָן, קיין פּעטערבורג, איטאַליע, וואָס ער האָט אזוי פיינט געהאַט, — כדי צו זוכן פאַר דעם באַזיגטן פראַנק־רייך אַליאַנטן, וועלכע עס האָט ביז דער מפּלה ניט געקענט געפי־נען. מען האָט אים אומעטום אויסגעלאַכט, און דער סוף איז געווען, אז ער האָט זיך בלויז דערשלאָגן א זעונג מיט ביסמאַרקן,

האָט גענומען מיט אים אונטערהאַנדלען וועגן וואָפנשטילשטאַנד, וואָס איז אָבער אָפּגעוואָרפן געוואָרן דעם 31טן אָקטאָבער. בעת ער איז תחילת נאָוועמבער געקומען קיין טור, האָט ער געוואוסט, אַז איצט גייט אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. אַנשטאָט זיך אָבער צו נעמען דרייסט פאַר דער אַרבעט, אַנשטאָט אָפּצוגעבן זיינע ידיעות און דערפאַרונג אין רשות פון דער דעלעגאַציע, האָט ער געשטרעבט בלויז צו איין זאַך: באַגראָבן די פאַרטיידיקונג.

די פאַרטיידיקונג האָט גאָר קיין גרעסערן שונא ניט פאַרמאָגט. דער דאָזיקער מענטש אָן פּאָליטישע פּרינציפּן און פּערספּעקטיוון, אָן מוט, האָט זיך געקענט אַרויסרוקן בלויז אין אַ סביבה פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע. ער איז אָבער אַלעמאָל געווען בעת מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ ליבעראַל, וועלכער זאָל שיסן דאָס פאָלק, און די געשיכטע ווייס פון ווייניק אַזעלכע אַרטיסטן אין פּאַרלאַמענט־אינטריגעס, ווי ער. קיינער האָט אַזוי פלינק, ווי ער, ניט געקענט באַפאַלן די רעגירונג, איזאָלירן זי, אויסנוצן אַלע אָבערגלויבנס, אַנטיפּאַטיעס, אינטערעסן, כדי צו פאַרדעקן מיט פּאַטריאָטיזם און געזונטן פאַרשטאַנד זיינע אינטריגעס. די קאַמפּאַניע פון 1870—71 וועט אויף תמיד בלייבן זיין בעסט שטיקל אַרבעט. אין קאָפּ האָט ער שוין לאַנג געהאַט אָפּגעגעבן די פּרייסן זייער חלק, און ער האָט איצט אויך ווייניק וועגן זיי געטראַכט, ווי זיי וואָלטן צוריק אַריבער די מאָזעל. זיין שונא איז געווען די פאַרטיידיקונג. בעת אונזער חייל האָט געפרירט אונטער צוואַנציק גראַד פראָסט, האָט טיער זיך געפרייט פון זייערע מפּלות. בעת אין בריסל און לאָנדאָן האָבן די מאַמעלוקעס, געטריי די טראַדיציעס פון קאָבלענץ, קאָסאַניאַקי, אַמיגי און אַנדערע, זיך באַמיט צו דיסקרעדיטירן פראַנקרייך, האָבן זיך געפלייסט דורכצוואַרפן אונזערע הלוואות, האָבן אין בריוו צו די געפאַנגענע באַשמוצט די רעפּובליק און געקעמפט פאַר דעם צוריקשטעלן די אימפּעריע, — האָט טיער אין באָרדאָ צונויפגעזאַמלט אַלע רעאַקציאָנערע כוחות פון דער פּראָווינץ קעגן דער רעפּובליק און פאַרטיידיקונג.

די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע האָט פון דער ערשטער רגע

אן גענומען פארשווארצן די דעלעגאציע. נאך טיערס אנקום, האט זי גענומען פירן אן אפענעם קאמף קעגן איר, כסדר געדייצט זיך, באשולדיקט, געטריבן רכילות, גאמבעטא — „אומזיניקער מטורף,— דאס זיינען טיערס ווערטער. נמצא: „שטעלן זיך אנטקעגן — איז אן אומזין, זיך נית אונטערוואַרפן — איז געזעצלעך." סוף דעצעמבער איז דער דאזיקער לאזונג אריבער אויך אין דארף.

ערשט איצט האבן די גוט-באזיצערס געפונען אן אפקלאנג צווישן די פויערים. נאך די מאביל-לייט האט די מלחמה באדארפט פאדערן רעזערוו, און די ערד איז שוין גרייט געווען זיי איינצושלינגען. אין דייטשלאנד איז געווען 260.000 פראנצויזן, אין פאריז, אויפן לואר, אין דער מזרח-ארמיי העכער 350.000; 30.000 זיינען געווען דערהרגעט און טויזנטער האבן אנגעפולט די שפיטעלער. פון חודש אווגוסט אן האט פראנקרייך ארויסגעשטעלט 700.000 מאן, לכל-הפחות. וואו זשע איז דער גבול? אין אלע באטעס האט זיך געהערט א יללה: „דאס וויל די רעפובליק ווייטער מלחמה האלטן! פאריז געפינט זיך אין די הענט פון די אנהענגער פון דער צעטיילונג!" וואס האט דעמאלט געוואוסט דער פראנצויזישער פויער, און האבן דען א סך געקענט זאגן, וואו עס געפינט זיך ערגיץ עלזאס? דעם פויער האט עס טאקע געהאט אין זין די בורזשואזיע, וואס האט זיך אקעגנגעשטעלט דעם אלגעמיינעם צוואנגס-לימוד. זיינען דען אלע אירע באמיונגען נים אויסן געווען אין משך פון די לעצטע אכציק יאר, צו פארוואנדלען די אייניקלעך פון די פרייוויליקע פון 92טן יאר אין קולים?

צווישן די מאביל-לייט, מיט וועלכע עס האבן צו אפט אנגעפירט פארביסענע רעאקציאנערן, האט זיך באמערקט א ברויזונג. א טייל — האבן געזאגט צו דער לוארער ארמיי: „מיר ווילן זיך נים שלאגן צוליב גאמבעטען." די אפיצירן האבן זיך בארימט, אז זיי האבן קיינמאל נים געשטעלט אין סכנה דאס לעבן פון זייערע מענטשן.

תחילת 1871 האט אין דער פראווינץ געהערשט א פולקומער כאאס. די פונאנדערגעלאזענע גענעראלן-ראטן האבן זיך ווידער אנגעהויבן צונויפזאמלען. די דעלעגאציע האט נאכגעקוקט

די שפיצלעך פונם אינוויניקסטן שונא, געשאָלטן מיט טויטע קללות טיערן, נאָך זיך ניט אנטשלאָסן, פארשטייט זיך, אים צו ארעסטירן. בעת די רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך באמת אנצווויזן אויף דער סכנה פון דער רעאקציע, וואָס הייבט אויף איר קאָפּ, האָט מען זיי פארשטאָפּט דאָס מויל. גאמבעטא, א מידער, א געפאלענער ביי זיך, האָט מיט טרויער געקוקט, ווי די פארטיידיקונג ווערט חרוב ומוחרב. אויף זיינע כסדרדיקע ערקלערונגען, אז מען מוז ארויסטרעטן, האָבן די מענטשן פון שטאָטראט געענטפערט מיט אן אָנגעבלאָזן פלוידעריי. אין יאנואר איז ער אין זיינע טעלעגראמעס דערגאנגען ביז זידלעריי. דאָס אונטערגעבן זיך, דאָס באשטימען ווינוא, דאָס אָפּגעבן די מזרח-ארמיי, דאָס צונויפרופן די פארזאמלונג — זיינען געווען די לעצטע קלעפּ. גאמבעטא האָט, אינגאנצן א צעטראָגענער, געוואָלט אָפּרופן די וואלן, — ער האָט זיך אָבער געבויגן פאר דעם אומפארמיידלעכן, זיך באגרעניצט מיט אָפּנעמען ביי די העכערע באאמטע און אָפיציעלע דעפּוטאטן פון דער אימפעריע דאָס רעכט צו ווערן אויסגעוויילט, פונאנדערגעטריבן די גענעראל-ראטן, באפרייט א טייל מיטגלידער פון די געמישטע קאָמיסיעס. ביסמארק האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, די לייט פון שטאָטראט האָבן זיך דערשראָקן. זשול סימאָן האָט זיך שנעל באוויזן אין באָרדאָ. גאמבעטא האָט אים אויפגענומען שטייענדיקערהייט און אין דער אָנוועזנהייט פון א גרופּע רעפּובליקאנער געוואָרפן אים אין פנים אריין זיין פאראכטונג צו די פארטיידיקונגס-לייט. א צעטומלטער פון די קללות, איז דער דאָזיקער יעזויִט ביי זיך אראָפּגעפאלן, זיך אינגאנצן פארלאָרן און איז בכוח געווען בלויז ארויסצוזאָגן: „נאט, נעמט מיין קאָפּ!" — „וואָס קען איך דען פון אים מאכן," — האָט צו אים אויסגעשריען גאמבעטא, — „א ברעלאָק, צי וואָס?" ארויסגעטריבן פון דער פּרעפעקטור, האָט זיך זשול סימאָן באהאלטן ביי טיערן, האָט צונויפגערופן די רעאקציאָנערע זשורנאליסטן און דיקטירט זיי א קאָלעקטיוון פּראָטעסט. גאמבעטען איז אויף א רגע געקומען אויפן רעיון אים צו ארעסטירן, זעענדיק אָבער, אז די לאגע האָט ניט קיין אויסגאנג, האָט ער באשלאָסן זיך אָפּצורוקן אן א זייט.

אינם טאג פון די וואלן, ווען עס האט זיך געלאזן הערן דאס פייפן, האט די גאנצע דעקאראציע, וואס איז מיט אזוי פיל מי צוגעגרייט געווארן, מיטאמאל זיך פלוצים באוויזן אויף דער בינע; די קאנסערוואטארן זיינען מחנותוויז ארויסגעטראטן מיט רשימות אין די הענט. ווי ווייט עס איז געווען אקטאבער פון זיי, אז זיי האבן אפילו ניט געוואגט ארויסצושטעלן זייערע קאנדידאטן. דער דעקרעט וועגן די, וואס ווערן ניט אויסגעקליבן, איז געווען שרעקלעך בלויז פאר די אינוואלידן פון דער אימפעריע. די קאאליציע האט זיך אבער לגמרי אין זיי ניט געניייטיקט, זי האט מיט גרויס פליים צוגעקליבן א פערסאנאל פון קאריעריסטלעך פונם אדל, דארפישע בעל-גופים און רויבער פון דער אינדוסטריע, וואס זיינען גרייט געווען אויפן ערשטן וואונק אנצונעמען די הארבסטע מיטלען. די גייסטלעכע האבן זייער קונציק פאראייניקט אין זייערע צעטלען הן לעגיטימיסטן, הן ארלעאניסטן, און אזוי ארום געלייגט א יסוד פאר דעם צונויפגיסן זיך. די אפשטימונג האט געגעבן פונקט אזעלכע רעזולטאטן, ווי דער פלעביסציט. די רעפובליקאנער האבן געפרווט א רייד טאן וועגן א בכבודיקן שלום פאר יעדן פרייז און וועגן קיין שום אנדער זאך ניט געוואלט אפילו הערן. די רעאקציאנערע כוואליע האט באהערשט אויך די שטעט; זיי האבן אין בעסטן פאל אויסגעקליבן ליבעראלן. דער קצה איז געווען, אז אין א ים רעאקציע האבן זיך אנגעזען בלויז איינצלנע ליכטיקע פינטעלעך. אויף 750 מיטגלידער פון דער נאציאנאל-פארזאמלונג זיינען געווען 450 מאנארכיסטן מבטן ומלידה. דער פירער פון דער דארפישער באפעלקערונג, דער קיניג פון די ליבעראלן טיער איז אויסגעוויילט געווארן אין דריי און צוואנציק דעפארטאמענטן.

די דאזיקע פארטיי, וואס האט געוואלט שלום פאר יעדן פרייז, האט איבערגעשטיגן טראשון. ער האט אומגעבראכט פאריז; זי — די רעפובליק.

ערשטער קאַפּיטל

„ניט דער ראש פון דער אויספיר-מאַכט,
ניט די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג, וואָס האָבן
איינס דאָס אַנדערע געשטיצט און זיך איינער
אויפן אַנדערן אָנגעלענט,—זיינען לחלוטין ניט
שולדיק געווען אינם פאַריזער אויפשטאַנד".

(דיופאָרס רעדע קעגן דער אַמנעסטיע—מאַי 1876).

די ערשטע שריט פון דער קאָאַליציע קעגן פּאַריז. — די באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע פאַר- אייניקן זיך און פאַרכאַפּן זייערע האַרמאַטן. — די פּרייסן טרעטן אַריין אין פּאַריז.

סאַראַ האַרצווייטאָג! נאָך דעם ווי דער שונא האָט זיך אַריינגעריסן — ווידער די זעלבע „Chambre introuvable"*! חלומען וועגן אַ אויפגעלעבטער אויפדאַסניי פראַנקרייך, וואָס זאָל מיט מעכטיקן שוואונג זיך אַ הייב טאָן צו דער ליכט, און זיך פילן צוריק אָפּגעשליידערט אויף אַ האַלב-יאָרהונדערט אונטער דער הערשאַפט פון די יעזויִטן, פון דעם גראָבן פּריצל און פון דער קירך! די הערצער פון אַ סך זיינען ממש צעריסן געוואָרן. אַ סך האָבן געטראַכט אָפּצופאָרן. עס זיינען געווען איבערפלעכלעכע לייט, וואָס האָבן געטענהט: „דאָס איז אַ פּאַרלאַמענט אויף אַ שעה, בלויז מיט איין פולמאַכט — צו באַשליסן די פראַגע וועגן מלחמה אָדער שלום." יעדער איינער אָבער, וואָס האָט נאָכגעקוקט די פאַרשווערונג, ווער עס האָט געקענט די דאָזיקע שטרויזעס אין די לילענע בגדים, האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזעלכע לייט וועלן ניט אָפּלאָזן פראַנקרייך, כּל-זמן זיי וועלן דערפון ניט אַ תּל מאַכן.

---

* „די אומפאַרבייטלעכע קאַמער" — אַזוי האָט נאַפּאָלעאָן דער III אָנגערופן דעם פּאַרלאַמענט.

בעת די אַנטלאָפֿענע פֿון פּאַריז האָבן, דורכגעדרונגענע מיט פּאַטריאָטיזם, מיט איינגעפֿאַלענע, אָבער מיט גלויבן לייכטנדיקע אויגן, זיך באַוויזן אינם גרויסן טעאַטער אין באָרדאָ, וואו עס איז פֿאָרגעקומען אַ זיצונג, האָט מען זיי באַגעגנט מיט דער פּערציקיעריקער פֿאַרביסענער שנאה. די אָנגעזעענע פּני פֿון די העקן, די האַרטקעפּיקע באַלעבאַטים פֿון די שלעסער, די מושקעטערן אָן געהירן אין די מוחות, די קלעריקאַלע דענדים, די טרעגער פֿון די אידעען פֿון 1815, וואָס זיינען פֿאַרמשפּט געוואָרן צו זיין דריטראַנגיקע לייט אין 1849 — די גאַנצע פּראָווינצער וועלט האָט זיך פֿלוצלונג פֿאַראייניקט, כּדי צו קעמפֿן קעגן פּאַריז, דעם כּופֿר בעיקר, דעם רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט שוין געגעבן פֿראַנקרייך דריי רעפּובליקעס און אַראָפּגעזעצט אַזוי פֿיל געטער. שוין אויף דער ערשטער זיצונג האָט אין זיי געפּלאַצט די גאַל. אַט הייבט זיך אויף אַ זקן, וואָס איז איינזאַם געזעסן אויף אַ באַנק, טיף אין זאַל און בעט אַ וואָרט. פֿון אונטער זיין ברייטן מאַנטל זעט זיך אַרויס דאָס רויטע העמדל. דאָס איז גאַריבאַלדי. קוים האָט מען באַוויזן אַרויסצוזאָגן דעם נאָמען, האָט ער געוואָלט ענטפֿערן, תּיכּף זאָגן, אַז ער לייגט זיינע פֿולמאַכטן, מיט וועלכע עס האָט אים באַערט פּאַריז. אַ געברום פֿאַרדעקט אָבער זיין שטים. ער שטייט אַלץ אויף אַן אָרט, הייבט אויף אין דער הויך די אויסגעדאַרטע האַנט זיינע, וואָס האָט צוגענומען אַ פֿאָן ביי די פּרייסן — אָבער די זידלערייען פֿאַרשטאַרקן זיך. פֿון די טריבונעס לאָזט זיך הערן אַ בייז געמורמל. „אַ כּאַמישע מערהייט! אַ שאַנד פֿאַר פֿראַנקרייך!" — שרייט אויס די הויכע שטים פֿון גאַסטאָן קרעמיע פֿון מאַרסעל. די דעפּוטאַטן קערן זיך אום, דראָען. עס לאָזן זיך ווייטער הערן געשרייען פֿון הסכּמה און אַרויסרופֿן פֿון די טריבונעס אַראָפּ. דער המון פֿאַרלאָזט די זיצונג און אַפּלאָדירט גאַריבאַלדין. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע סאַלוטירט אים, און טיער דראָט בחינם דעם אָפֿיציר, וואָס פֿירט אָן די קאָמאַנדע. צומאָרגנס קלייבט זיך דער המון ווידער צונויף, מאַכט אַ שפּאַלער פֿאַרן טעאַטער־בנין און צווינגט די רעאַקציאָנערע דעפּוטאַטן אויסצוהערן זייערע רעפּובליקאַנישע אויסרופֿן. זיי אָבער, תּקיף ביי זיך, גייען

איבער ביים עפענען די זיצונג אין אַן אַנגריף. אָנווייזנדיק אויף די פאָרשטייער פון פאַריז, שרייט איין דאָרפישער דעפּוטאַט אויס: „זיי זיינען באַפלעקט מיט בלוט פון דעם בירגער-קריג!" א פּאַ-ריזער דעפּוטאַט שרייט: „זאָל לעבן די רעפּובליק!" די דאָרפס-לייט ענטפערן: „איר זייט בלויז א טייל פונם לאַנד!" צומאָרגנס ווערט דאָס טעאַטער ארומגערינגלט מיט מיליטער און די מאַני-פעסטאַנטן ווייט אָפּגערוקט.

דערווייל האָבן די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען זיך א נעם געטאָן, העצן קעגן פּאַריז און אָפּגעלייקנט דערביי אַלץ, אַפילו זיינע ליידן: „די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט געמאַכט פּליטה פאַר די פּרייסן; די איינציקע אויפטוען זיינען געווען דער 31טער אָק-טאָבער און דער 22טער יאַנואַר; זי אַליין איז בלויז שולדיק געווען אין דער מפּלה, וואָרעם זי האָט א תל געמאַכט מיט איר באַסט פון טראָשוס און דיוקראָס גלענצנדע פּלענער." די דאָזיקע רכילות האָבן געבראַכט זייערע פּרות אין דער פּראָווינץ, וואָס איז שוין פון לאַנג-אָן געווען דערצו גרייט. ווי ווייט זי האָט קיין השגה ניט געהאַט וועגן די געשעענישן פון דער באַלאַגערונג, קען מען זען דערפון, אַז זי האָט אויסגעקליבן, — און א טייל א סך מאָל, — אַזעלכע לייט, ווי טראָשו, דיוקראָ, זשול פערי, פּעלטאַן, גאַרניע-פּאַזשעס, עמאַנועל אַראַגאָ, וועלכע פּאַריז האָט אוים רחמנות אפילו קיין איין שטים ניט געשענקט. די פאָר-שטייער פון פּאַריז וואָלטן געווען באַדאַרפט דערציילן וועגן דעם, ווי אַזוי די באַלאַגערונג איז צוגעגאַנגען, געבן אַן אמתע באַלייכ-טונג פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פּערזאָנען, ערקלערן די באַדייטונג פון דער פּאַריזער אָפּשטימונג און אויפהייבן קעגן דער קלערי-קאַליש-מאָנאַרכישער קאָאַליציע די פאָן פון דעם רעפּובליקאַנישן פראַנקרייך. זיי אָבער, אָדער זיי האָבן געשוויגן, אָדער געמאַכט קינדישע פאַרזאַמלונגען, פון וועלכע דעלעקלוז איז אַוועק פּונקט אַזאַ דערשלאָגענער, ווי פון דער מערן-פאַרזאַמלונג. די עפּימענידן פון 48טן יאָר האָבן געענטפערט מיט א שמירעריי אויף דעם קלאַנג פון בלי-זיין פון די שונאים, און דאָס האָבן געטאָן די יינגבטיגע פון די אַלע, וואָס האָבן געזאָלט קומען.

די וואַלן, די דראָונגען, דאָס באַליידיקן גאַריבאַלדין און די פֿאָלקס-פֿאָרשטייער — דאָס אַלץ האָט איינס נאָך דאָס אַנדערע זיך אָראָפּגעלאָזט אויף פּאַריז, וואָס איז באַהערשט געווען פֿון אַ פיבער, וואָס האָט ניט געהאַט גענוג קיין פּראָדוקטן, וועלכן מען האָט צוגעשטעלט מעל ניט אין דער צייט (דעם 13טן פעב-רואַר האָט בעלוויל באַקומען בלויז 325 זעקלעך אַנשטאָט 800).— אָט איז דער שכר פאַר פינף חדשים ליידן און עקשנות. די דאָזיקע פּראָווינץ, צו וועלכער פּאַריז האָט די גאַנצע צייט פֿון דער באַלאַגערונג זיך געווענדט, צו וועלכער עס האָט אויסגע-שטרעקט זיינע הענט, — האָט געשריען צו אים: „דו פֿאַראַכטער!" און האָט פֿון ביסמאַרקן געשטופּט צום קיניג. מילא, גוט, אויב מען וועט דאַרפֿן, וועט פּאַריז אַליין באַשיצן די רעפּובליק פֿון דער כאַמישער פֿאַרזאַמלונג! די אומפֿאַרמיידלעכע סכנה, די ביטערע דערפֿאַרונג פֿון די מחלוקתן בעת דער באַלאַגערונג האָבן פֿאַראייניקט דעם ווילן, צוריקגעגעבן דער גרויסער שטאָט איר קאָלעקטיווע נשמה. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט זיך אָנגעהויבן צונויפֿזאַמלען.

שוין סוף יאַנואַר האָבן עטלעכע רעפּובליקאַנער און קאַריע-ריסטן, וואָס האָבן געשטרעבט צו ווערן דעפּוטאַטן, געפּרוווט אָרגאַניזירן אַ נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, כּדי דורך איר משפּיע צו זיין אויף די וואַלן. אינם ווינטער-צירק איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג אונטערן פֿאָרזיץ פֿון קוּרטי, אַ מעקלער פֿון 3טן באַצירק. דאָ איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ שרעקלעך געמישטע רשימה פֿון קאַנדידאַטן און מען האָט באַשלאָסן, אַז באַם עס וועלן פֿאָרקומען צווייטע וואַלן, זיך צונויפֿצוזאַמלען נאָכאַמאָל, כּדי עפּעס פֿעסטצושטעלן און אויסצוויילן אַ ביוראָ, וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט צונויפֿרופֿן פֿון צייט צו צייט אַלע אָפּטיילונגען פֿון דער גוואַרדיע. די צווייטע פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען דעם 15טן פעברואַר, אין וואָקזאַל-זאַל, אויף דער צאַל-קאַמער גאַס. וועמען האָבן אָבער אינטערעסירט דעמאָלט די וואַלן? אַלע האָבן געלעבט מיט איין געדאַנק: פֿאַראייניקן אַלע כּוחות פֿון פּאַריז, כּדי צו קעמפֿן מיט די פּראָווינצער, וואָס זיינען געווען מלא-

שמחה. נאציאָנאַלע גוואַרדייער זיינען געווען אַלע פּאַריזער מאַנס־ליים. „שאַפן אַ פעדעראַציע פון די גוואַרדיע־באַטאַליאָנען״ — דאָס איז געווען דער קלאָרער, פּשוטער, ריין־פראַנצויזישער געדאַנק, וואָס אַלע האָבן שוין פון לאַנג־אָן ביי זיך געצערטלט. ער האָט געפייערט זיין נצחון אויף דער פאַרזאַמלונג און מען האָט באַשלאָסן צונויפגרופּירן די באַטאַליאָנען אַרום דעם צענטראַלן קאָמיטעט. אַ קאָמיסיע האָט מען איבערגעגעבן אויסצואַרבעטן תקנות. יעדער קרייז, וואָס איז געווען פאַרגעשטעלט אינם זאַל — 18 ביז 20 — זאָל תיכּף באַקומען זיינעם אַ קאָמיסאַר.

ווער זיינען זיי? אַגיטאַטאָרן פון דער באַלאַגערונגס־צייט? סאָציאַליסטן פון קאָרדעריִ? באַרימטע שרייבער? חלילה־וחס!

צווישן די אויסגעוויילטע איז ניטאָ קיין איין מענטש מיט אַ נאָמען, וואָס איז באַרימט. די קאָמיסאַרן: קליינבירגער, קרעמער, וואָס זיינען ווייט פון יעדער פּאַרטיי און על־פּי רוב אויך פון פּאָליטיק. זייערע נעמען: זשענאָטעל, אַלאַוואַן, מאַגע, פּראָנטיע, באַדוא, מאַרטעראָל, מאַיער, אַרנאָלד, פּיקאָנעל, אָדואַנאָ, סאָנסיאָל, דאַקאָסטאַ, מאַסאָן, פּע, וועבער, טרוילע, לאַגאַרד, בוי.

זייער פאָרזיצער קורטי איז באַקאַנט בלויז פון דער פאַרזאַמלונג אין צירק. ער איז אַ רעפּובליקאַנער — אָבער אַ מעסיקער. פונם ערשטן טאָג אָן האָט דער געדאַנק וועגן דער פעדעראַציע זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם, וואָס זי איז באמת געווען — אַ רעפּובליקאַנישע אידעע, ניט קיין סעקטאַנטישע, און במילא אָן אומבאַזיגלעכע. קלעמאַן טאָמאַ האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען און געמאָלדן דער רעגירונג, אַז ער נעמט אויף זיך ניט די אחריות פאַר דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. ווינוּאַ, וואָס האָט אונטערגעשריבן די קאַפּיטולאַציע, האָט אים צייטווייליק פאַרביטן.

דעם 24טן האָט די קאָמיסיע איבערגעלייענט אין וואָקזאַל פאַר צוויי טויזנט פאַרשטייער פון די ראַטעס פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איר פּראָיעקט פון די תקנות און געפאָדערט תיכּף דורכצופירן וואַלן אינם צענטראַל־קאָמיטעט אַריין.

אין דעם טאָג איז די פאַרזאַמלונג געווען אַ שטורמישע, אַן אומרויִקע און אַרויסטראָגן עפּעס אַ באַשטימטן באַשלוס איז געווען אוממעגלעך. יעדער טאָג פון דער פאַרגאַנגענער וואָך האָט געבראַכט פון באָרדאָ אַלץ מער באַליידיקנדיקע און דראָענדיקע ידיעות. הער טיער, דער קבֿרן פון דער רעפּובליק פון 48טן יאָר, איז געוואָרן באַשטימט אַלס ראש פון דער אויספיר־מאַכט, זיינע מיניסטאָרן זיינען געווען: דיופאַר, דעלאַרסי, פּויע־קערטיע, זשול פאַוור, זשול סימאָן, פּיקאַר; די ערשטע דריי זיינען געווען אָנהענגער פון דער בורזשואַזער רעאַקציע, פון לעגיטימיזם, אימפּעריאַליזם, די לעצטע ווידער האָבן אָפּגעגעבן פּאַריז.

דאָס אַרויסגעגעבן שכירות, וואָס איז געווען אַן אומבאַדינגטע זאַך ביזן עפענען די וואַרשטאַטן, האָט מען איצט פאַרביטן מיט נדבות *.

אחוץ דעם אַלעם איז פאָרגעשטאַנען אַ שרעקלעכע דערנידעריקונג: דער טערמין פונם וואָפנשטילשטאַנד, וואָס איז פאַרלענגערט געוואָרן אויף 8 טעג, האָט דעם 26טן זיך באַדאַרפט ענדיקן און די צייטונגען האָבן מודיע געווען, אַז דעם 27טן טרעטן די פּרייסן אַריין קיין פּאַריז.

שוין אַ גאַנצע וואָך צייט האָט דער דאָזיקער קאָשמאַר כּסדר פאַרפאָלגט די פּאַריזער איינוואוינער.

אונטערן דרוק פון די געשעעניש, איז די פאַרזאַמלונג אַריבער צו די ברענענדיקע טאָג־פראַגן. איינער האָט געמאַכט אַזאַ מין פאָרשלאָג: „די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע אָנערקענט פאַר אָנפירער בלויז אירע געוויילטע". דאָס איז געווען פּונקט אַזוי גלייך, ווי דאָס באַפרייען דעם וואַנדאָמער פּלאַץ. אַ צווייטער: „די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פּראָטעסטירט קעגן יעדן פּרווו צו אַנטוואָפענען און איז מודיע, אַז אויב מ'וועט דאַרפן, וועט זי זיך באַנוצן מיט געווער". דער לעצטער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען איינשטימיק. — וואָס זאָל מען אָבער טאָן מיט די פּרייסן, לאָזן

* כּדי צו באַקומען שכירות האָט מען באַדאַרפט מעלדן שריפטלעך און אָנווייזן דערביי, אַז געפינען אַרבעט איז געווען אוממעגלעך (זשול סימאָן).

זיי, ווי אין 1815, שפּאַצירן איבער די פּאַריזער בולוואַרן? דאָס באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגע איז אַן אוממעגלעכע זאַך. די אויפרעגונג איז אין לשער, באַזונדערע אויסגעשרייען גיסן זיך צונויף אין איין קריגערישן בּרום. עטלעכע התראות ווערן פאַר־דעקט דורך די אויסגעשרייען. יאָ! מיט געווער אין די הענט וועט מען זיך אַקעגנשטעלן דעם אַריינטריט פון די פּרייסן. דער פאַר־שלאָג וועט איבערגעגעבן ווערן די־ראָטע קרייזלעך. און נאָכן באַשטימען די צווייטע זיצונג אויפן 3טן מערץ לאָזט זיך די פאַר־זאַמלונג, אַזוי ווי זי גייט און שטייט, צום באַסטיליע־פּלאַץ, און שלעפּט מיט זיך מיט אַ גרויסע צאָל מאָביל־לייט און זעלנער.

אין איין שרעק פאַר זיין פרייהייט, זאַמלט זיך פּאַריז צונויף אַרום זיין רעוואָלוציאָנערן זייל פון אינדערפרי אָן, פּונקט ווי עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַרום דער שטראַסבורג־סטאַטוע אין דעם טאָג, ווען עס האָט געציטערט פאַרן פאָטערלאַנד. מיט דער פאָן און פּויקער בּראַש האָבן געשפּאַנט די באַטאַליאָנען, באַדעקנ־דיק די אַרומצאַמונג און דעם פּיעדעסטאַל מיט קרענץ אימאָרטעלן. פון צייט צו צייט גייט עמעץ פון די פאָרשטייער אַרויף אויפן פּיעדעסטאַל און האַלט אַ פייערדיקע רעדע, דאָס פאָלק ענטפערט אָפּ: „זאָל לעבן די רעפּובּליק!" אָט שניידט זיך אַריין אַ רויטע פאָן צווישן עולם, ווערט נעלם הינטערן דענקמאָל, באַווייזט זיך ביי דער באַלוסטראַדע. עס דערהערט זיך אַ דונער מיט באַגרי־סונגען, וועלכן עס פאַרבייט אַ שטילשווייגן. אָט כאַפּט זיך אַרויף אַ דרייסטער מאַן אויף דעם פּיעדעסטאַל און שטעקט אַריין דאָס הענטל אין דער האַנט פונם גייסט, אונטערן התלהבותדיקן געשריי פונם גאַנצן פאָלק! דאָס ערשטע מאָל, נאָכן 48טן יאָר, פלאַטערט איבערן פּלאַץ די פאָן פון גלייכהייט, וואָס איז ערשט ניט לאַנג דורכגעווייקט געוואָרן מיטן בּלוט פון טויזנטער מאַרטירער.

לויטן באַפעל פון דער רעגירונג קלאַפּט מען אויף אַלאַרם אין די בורזשואַזע קוואַרטאַלן; די באַטאַליאָנען ענטפערן אָבער ניט.

צומאָרגנס גייען די נאַציאָנאַל־גוואַרדייער, זעלנער און מאָביל־לייט ווידער אַהער. בעת זיי באַווייזן זיך מיט גרויסע אימאָרטעלן־קרענץ, שפּילן די טרומייטערס אויף די פיר עקן פון

פּיעדעסטאַל אַ באַגעגענונגס־מאַרש. נאָך זיי גייט די אַרמיי, עס דעפּילירט דער יעגער־פּאָלק. פּרויען, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, וויקלען אויף אַ דרייפאַרביקע פאָן מיט דער אויפשריפט: „די מאַרטירער — פון די רעפּובליקאַנישע פּרויען.“ די פּענער און פלאַגן וויקלען אַרום דעם זייל, פאַרדעקן אים, העננען אַראָפּ איבער דער באַלוסטראַדע. אינאַוונט זעט דער רעוואָלוציע־זייל, וואָס איז באַצירט מיט אימאָרטעלן, מיט בלומען און אַריפלאַמען *, אויס פייערלעך און מרה־שחורהדיק צוזאַמען — אַלס סימבאָל פון דעם טרויעריקן עבר און אַלס סימן פון האָפענונג אויפן עתיד, דער דענקמאָל מיט דעם ריזיקן מאַי־בוים. דעם 26טן ווערט די מאַניפעסטאַציע נאָך שטאַרקער. דעם פּאָליציי־אַגענט, וואָס פאַרצייכנט די נומערן פון די באַטאַליאָנען, כאַפּט מען און מען שליידערט אַריין אין אַ קאַנאַל; דער צערייצטער המון באַגלייט אים ביז דער סענע, וואוהין דער שטראָם טראָגט אים אַוועק. 25 באַטאַליאָנען זיינען אין דעם מוראדיקן טאָג פאַרביי. די ציטונגען זיינען מודיע, אַז מאָרגן טרעט די דייטשע אַרמיי אַריין דורך די עליזעישע פעלדער. די רעגירונג שלעפּט צונויף איר מיליטער אויפן צווייטן ברעג און רייניקט אָפּ דעם אינדוסטריע־פּאַלאַץ. זי פאַרגעסט בלויז אָן די 400 האַרמאַטן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס זיינען צעשטעלט אויפן וואַגראַם־פּלאַץ און אין פּאַסי. די נאָכלעסיקייט פון די קאַפּיטולירטע, ווי עס שרייבט ווינוא, האָט שוין איבערגעגעבן איבעריקע צוועלף טויזנט ביקסן די פּרייסן, ווער ווייס, צי זיי וועלן ניט אויסציען זייערע שפּיציקע פינגער צו די דאָזיקע וואונדערלעכע, אַזוינע טייערע פאַר די פּאַריזער איינוואוינער האַרמאַטן, וואָס טראָגן אויף זיך צייכנס פון די באַטאַליאָנען. אַ רגע האָבן אַלע וועגן דעם אַ טראַכט געטאָן. די באַטאַליאָנען פון פּאַסי און ד'אָטעיל גייען אַוועק די ערשטע; אַרבעטנדיק צוזאַמען מיטן מוניציפּאַליטעט, שלעפּן זיי די האַרמאַטן פון ראַנעל אינם פּאַרק מאָנסאָ. אַנדערע באַטאַליאָנען פון פּאַריז ווערן אָפּגעשיקט צו זייערע האַרמאַטן אין וואַגראַמער פּאַרק און

---

* אַן אַלט־פראַנצויזישע פאָן.

זיי ווערן אַריבערגעפֿירט אין שטאָט אַריין אויפֿן מאָנמאַרטר, לאַווילעט, בעלוויל, אויפֿן וואָגעזן־פּלאַץ, די באַפּרוא, אויף דער איטאַליענישער באַריערע א. אַז. וו.

פֿאַרנאַכט־צו האָט פּאַריז ווידער אויסגעזען ווי באַלאַגערט. דער אַלאַרם, דער סיגנאַל זיך צונויפֿצוזאַמלען, די טרומייטערס האָבן צוגעצויגן טויזנטער באַוואָפֿנטע לייט צו דער באַסטיליע, צו שאַטאָ ק׳אָ, אויף דער ריוואָלי־גאַס. די אָפּטיילונגען, וואָס ווינואַ האָט געשיקט, כּדי צו שטערן די מאַניפֿעסטאַציעס ביי דער באַסטיליע, האָבן זיך פֿאַראייניקט מיטן פֿאָלק. די תּפֿיסה סען־פּעלאַזש איז געוואָרן אויפֿגעבראָכן, בריונעל — באַפֿרייט. צוויי ביינאַכט האָבן פֿערציק טויזנט מאַן זיך געלאָזט צו די עליזעישע פֿעלדער און צו דער אַלעע גראַנד־אַרמע אַנטקעגן די פּרייסן. זיי האָבן געוואַרט ביז באַגינען. אומקערנדיק זיך, שפּאַנען זיך די באַטאַליאָנען פֿון מאָנמאַרטר איין אין די האַרמאַטן, וואָס פֿאַלן זיי אַריין אויפֿן וועג אין די הענט, און פֿירן זיי צו צו דער מעריע פֿונם 8טן קרייז און אויפֿן בולוואַר אָרנאַנאָ.

אויף דעם דאָזיקן ריטערישן אַקט פֿון התלהבֿות האָט ווינואַ געענטפֿערט מיט אַ שענדלעכן טאָג־באַפֿעל. די רעגירונג, וואָס האָט באַליידיקט פּאַריז, האָט געפֿאָדערט, אַז עס זאָל זיך מקריבֿ זיין לטובֿת פֿראַנקרייך. ערבֿ דעם טאָג, איינאָוונט, האָט טיער, אויך מיט טרערן אין די אויגן, אונטערגעשריבן די ראָשי־פּרקים פֿון שלום, און האָט, אַנשטאָט באַלפֿאָרן, געעפֿנט פֿאַר ביסמאַרקן אַ גלייכן וועג קיין פּאַריז. דעם 27טן האָט פּיקאַר אין אַ מודעה, וואָס איז געווען טרוקן, ווי אַ פּראָטאָקאָל, געגעבן צו וויסן, אַז דעם 1טן מערץ וועלן דרייסיק טויזנט דייטשן פֿאַרנעמען די עליזעישע פֿעלדער. דעם 28טן, צוויי אַ זייגער, האָט אין דער מעריע פֿונם 3טן קרייז זיך צונויפֿגעזאַמלט די קאָמיסיע, וועלכע מען האָט איבערגעגעבן אויסצואַרבעטן תּקנות פֿאַרן צענטראַל־קאָמיטעט. זי האָט צונויפֿגערופֿן די באַטאַליאָנען־קאָמאַנדירן און די פֿאָרשטייער פֿון פֿאַרשיידענע מיליטערישע קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך פּלוצלונג געשאַפֿן אין פּאַריז, אַזוי למשל, דער מאָנמאַרטרער קאָמיטעט אויף דער דע־ראָזיע גאַס. די זיצונג, אונטער דעם פֿאָרזיץ

פון בערזשערע פון מאַנמאַרטר טראַגט א דראַענדיקן כאַראַקטער. דאָס רוב רעדט בלויז וועגן קאַמף, פאָדערט אוממאַדינגטע פול־מאַכטן, דערמאַנט אַן דער פאַרזאַמלונג אינם זאַל־וואַקזאַל. עס איז כמעט איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן צו באַגעגענען די פרייסן מיט געווער אין די הענט. דער מער באַנוואַלע, וואָס איז זייער באַאומרויִקט פון זיינע געסט, הייסט אַרומרינגלען די מעריע און עס געלינגט אים, טיילווייז לויט דער אַלגעמיינער הסכמה, טייל־ווייז מיט כּוח, אָפּצורייניקן דעם בנין. *

א גאַנצן טאָג באַוואָפענען זיך די פאַרשטעט, פאַרכאַפּן קאַמפּס־זאַכן. עטלעכע האַרמאַטן ווערן אַוועקגעשטעלט מיט די לאַפעטן, די מאָביל־לייט פאַרגעסן גאָר, אַז זיי זיינען מלחמה־געפאַנ־גענע און נעמען זיך פאַרן געווער. אינאָוונט פאַרכאַפּן זיי די פּעפּי־ניערער קאַזאַרמעס, וואָס זיינען פאַרנומען דורך די מאַטראָסן, און פירן זיי אַוועק אויף דעם באַסטיליע־פּלאַץ צו דער מאַניפעסטאַציע.

ווען ניט די העלדישקייט פון עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געוואַגט צו שווימען קעגן שטראָם, וואָלט די קאַטאַסטראָפע געווען אוממפאַרמיידלעך. דער גאַנצער קאָרדערי־פאַראיין — דער קאָמי־טעט פון צוואַנציק קרייזן, דער אינטערנאַציאָנאַל, די פעדעראַציע פון די אַרבעטער־סינדיקאַטן — האָבן מיט קנאַהדיקער איינגע־האַלטנקייט געקוקט אויף דעם דאָזיקן וואויל־ייִנגערישן קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך אין קיין שום רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קיין אָנטייל ניט גענו־מען. פאַרלאָזנדיק די מעריע פונם 3טן קרייז, קומען עטלעכע באַטאַליאָן־פאַרשטייער, וואָס געהערן זיך אָן צו די גרופּעס פון „קאָרדערי", דערציילן וועגן דער זיצונג און וועגן דער פאַר־צווייפלטער רעזאָלוציע. מען פרוווט זיי אָפּריידן, און עטלעכע דערנער קומען אין וואַקזאַל אַריין אויף א גרויסער פאַרזאַמלונג.

* דער גלח הידיע, דער מחבר פון איין „געשיכטע פון דער קאָמונע", האָט פרעטענדירט אויף באַנעמען די דאָזיקע באַוועגונג מיט אַלע הידורים: „דאָ איז, משמעות, געהען א פאַרשווערונג. ביים ערשטן אויסברוך פון פולווער וועט דער שונא זיך צונויפלויפן מחנותוויז, דער פאָרט וואַלעריאַן וועט אונטערצינדן די בעסטע פאַריזער קוואַרטאַלן און אין דער צייט וועט מען פראַנק און פריי קענען כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער".

מען הערט זיי אויס. אַ סך בירגער שטרענגען זיך אָן ארויסצורופן דעם שׂכל=הישר. דעם 28טן אינדערפרי זיינען דריי גרופּעס פון „קאָרדערי" מוסר מודעה אין אַ מאַניפעסט, אַז זיי באַשווערן מיט בּלעריי חרמות זיך אָפּצוהאַלטן פון אַגרעסיווע מעשׂים. „יעדע אַטאַקע" — זאָגן זיי — „וועט איבערגעבן דאָס פאָלק אין די הענט פון די שׂונאים פון דער רעוואָלוציע, וואָס וועלן דערטרינקען די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען אין טייכן בלוט. מיר געדענקען נאָך די שרעקלעכע יוני=טעג".

דאָס איז בלויז איין שטים און דערצו ניט קיין וואָגיקע; זינט די אַלגעמיינע וואַלן איז דער קאָמיטעט פון די צוואַנציק קרייזן באַשטאַנען בּסך=הכּל פון צוועלף מיטגלידער, דער אינטערנאַציאָנאַל און די סינדיקאַטן זיינען ניט אריין דאָ. די אויסגעווײלטע ווידער אין וואָקזאַל האָבן להיפּוך פאָרגעשטעלט די גאַנצע באַוואָפנטע מאַסע. ס'איז גענוג געווען איין גראַנאַט, וואָס זאָל געוואָרפן ווערן פון מאָנמאַרטר אויף די פּרייסן — די שלאַכט זאָל זיך אָנהייבן. זיי האָבן אָבער דאָס פאַרשטאַנען; און די פּראָקלאַמאַציע פונם 28טן, וואָס איז ארויס אין אַ שוואַרץ רעמל, האָט מודיע געווען אַ נייעם באַפעל: „בּירגער, יעדער אָנגריף וואָלט געהייסן ארויפּוצן די רעפּובליק. ארום אַלע קוואַרטאַלן, וואָס זיינען פאַרנומען דורכן שׂונא, וועט געמאַכט ווערן אַ ריי באַריקאַדעס, כּדי לחלוטין אָפּצוזוימען די דאָזיקע טייל שטאָט. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע צוזאַמען מיט דער אַרמיי וועלן אַכטונג געבן, אַז דער שׂונא זאָל ניט קענען קומען אין באַרירונג מיט דער באַפעסטיקטער טייל שטאָט." עס קומען ניין און צוואַנציק חתימות *

* אַלאַוואוואַן, בוי, פראָנטיע, בורסיע, דאַוויד=בואַסאָן, באַרו גריטק, טעסיע, ראַמעל, באַדואַ, אַרנאַלד, פּיקאָנעל, אָדואַנאָ, מאַסאָן, וועבער, לאַגאַרד, לאַראָק, בערושערע, פּושען, לאַוואַלעס, פלערי, מאַלזשורנאַל, שוטאָ, קאַדאַז, קאַסטיאָני, דיוטיל מאַטע, אָסטען. פון דער קאָמיסיע, וואָס איז געוואָרן אויסגעקליבן דעם 15טן, האָבן בלוי זעכן זיך אונטערגעשריבן אויף דער פּראָקלאַמאַציע, מחמת אַ טייל פון זיי, למשל דאַקאַסטאָ, האָבן זיך דערוויטערט, וואָרעם זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען איז צו וויים אַוועק, אַנדערע ווידער זיינען נים געווען בעתן אונטערשרייבן. די דעלעגאַציעס, די נייע רעוואָלוציאָנערע אָפּטיילונגען האָבן אַרויסגעשטעלט ניינצן נייע פאָרשטייער, וואָס זיינען געווען פונקט אַזוי אומבאַוואוסט, ווי די פריערדיקע. אַ סך נעמען האָט מען אויפגעגעבן מיט פעלערן.

די דאזיקע ניין=און=צוואנציק, וואס זיינען מסוגל געווען צו באַרויִקן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, האָט אַפילו די בורזשואַזיע גוט אויפגענומען, און האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי חידושט זיך גאַר=ניט פון זייער מאַכט.

דעם 1טן מערץ האָבן די פּרייסן געקענט אַריין אין פּאַריז. פּאַריז, וואָס האָט איצט געהערט דעם פּאָלק, איז שוין ניט געווען מער דאָס פּאַריז פון די אַדל=לייט און גרויס=בורזשואַזיע, ווי דאָס איז געווען דעם 30טן מערץ 1815. די שוואַרצע פענער, וואָס זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט איבער די הייזער, די פּוסטע גאַסן, די פאַרמאַכטע געשעפטן, די פאָנטאַנען, וואָס האָבן אויפגעהערט צו שלאָגן, די פאַרהאַנגענע סטאַטועס אויפן שלום=פּלאַץ, דער גאַז, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט אין אָוונט צו ברענען, — דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז די שטאָט האָט זיך ניט געלאָזט נעמען אין קלעם. אַזוי האָט מסתמא אויסגעזען דער גרויסער אַרמיי מאָסקווע בשעתו. די דייטשן, וואָס האָבן זיך צעלייגט צווישן דער סענע און דעם לוווּר, מיט פאַרמאַכטע אַריינגענג און מיט אַ גאַנצער גרעניץ פון באַריקאַדעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די פאַרשטאָט סענט=אָנאָרע, האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ פּאַסטקע. גאַסן=מיידלעך, וואָס האָבן געוואָגט אַריבערצו= טרעטן די גרעניץ, האָט מען עפנטלעך געשמיסן. דאָס קאַפע=הויז אויף די עליזעיִשע פעלדער האָט זיך אַפילו געעפנט פאַר די זיגער, מען האָט עס אָבער צעטראָגן אויף פּיץ=פּיצלעך. בלויז אויף דער פאַרשטאָט סען=זשערמען האָט זיך געפונען איין אַדלמאַן, וואָס האָט פאַרגעלייגט זיין הויז די פּרייסן.

נאָך אַ בלאָסער פון דער איבערגעלעבטער חרפּה, באַקומט פּאַריז אַ פרישן האָגל זילזולים פון באָרדאָ. די פאַרזאַמלונג געפינט ניט קיין מיטגעפיל=ווערטער פאַר פּאַריז, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ ווייטאָגלעכן קריזיס; פאַרקערט, די צייטונגען, מיטן רעגי= רונגס=„אָפיסיעל" בראש, זיינען אש=להבה דערויף, וואָס פּאַריז האָט געקענט גאַר טראַכטן וועגן אַן אָנפאַל אויף די פּרייסן. אינם ביורא שרייבט מען שוין אונטער אַ פאַרשלאָג וועגן אַ זיצונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג מחוץ פּאַריז. דער געזעץ=פּראָיעקט

וועגן וועקסל=טערמינען און דורכגעלאזענעם דירה=געלט האט אנגעזאגט די בשורה וועגן א שלל באנקראטן. נאך א שנעלער אפשטימונג, ווערט דער שלום אנגענומען. עלזאס, א גרויסער טייל לאטארינגיע, א מיליאן זעקס הונדערט און צוואנציק טויזנט פראנצויזן, וואס זיינען אפגעריסן פונם פאטערלאנד, פינף מיליארד, דאס באזעצן די מערב=פראנטן פון פאריז, ביז עס וועט ניט אריינגעטראגן ווערן פינף מאל הונדערט טויזנט מיליאן און דאס פארנעמען די מערב=דעפארטאמענטן, ביז מען וועט ענדגילטיק ניט דעקן דאס געלט, — אט איז דער פרייז, פאר וועלכן ביסמארק האט אונז צוריק געשענקט די „אומפארבייטלעכע קאמער.“

כדי צו בארואיקן פאריז פאר די דערנידעריקונגען, באשטימט טיער אלס גענעראל פון דער נאציאנאלער גווארדיע ד'ארעל דע פאלאדינען, וואס האט אפגערייניקט ארלעאן, דעם גראבן קאמאנדיר פון דער לוארער ארמיי, וועלכן גאמבעטא האט געגעבן דעמיסיע, דעמזעלבן, וואס האט אין א בריוו צום קייזער, וועלכער איז ערשט ניט=לאנג געווארן פארעפנטלעכט, באדויערט, וואס ער האט ניט געקענט זיין אין פאריז דעם 12טן דעצעמבער 1851, כדי צו הרגענען די פאריזער איינוואוינער. צוויי באנאפארטיסטישע סענאטארן, צוויי תלינים — בראש פונם רעפובליקאנישן פאריז, — האט פאריז דעריבער דערפילט, אז אן איבערקערעניש איז אומפארמיידלעך.

דעם 3טן מערץ שיקן צוויי הונדערט באטאליאנען אינם וואקזאל זייערע פארשטייער. דער געזעץ=פראיעקט, וואס איז צונויפגעשטעלט געווארן דורכן צייטווייליקן צענטראל=קאמיטעט, הייבט אן דערפון, וואס ער אנערקענט די רעפובליק „אלס איינציקע אנפירונג לויטן געזעץ און יושר, וואס שטייט העכער פון אלגעמיינער שטימרעכט, וועלכע זי האט געשאפן“. „די דעלעגאטן“ — ווערט געזאגט אינם זעקסטן פאראגראף, — „זיינען מחויב צו פארלויפן יעדן פרווו אראפצוזעצן די רעפובליק“. דער צענטראל=קאמיטעט ווערט צונויפגעשטעלט פון דריי דעפוטאטן אויף יעדן קרייז, וועלכע ווערן געקליבן אן אונטערשייד פון ראנג, דורך די ראטעס, לעגיאנען און שעפן פון די לעגיאנען. די דאזיקע באשלוסן

ווערן אָנגענומען. ביז די נאָרמאַלע וואַלן, באַשטימט די פאַרזאַמ=לונג אַ אויספיר=קאָמיטעט. אין אים גייען אַריין וואַרלען, פענדי, זשאַק דיוראַן, וואָס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן דורך זייערע באַטאַליאָנען. דאָס איבערוויילן אַלע ראַנגען ווערט פּה=אחד אָפּגע=שטימט. עס ווערט געמאַכט אַזאַ מין פאָרשלאָג: „דער סענע=דעפּאַרטאַמענט בילדעט אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק, באָם די פאַרזאַמלונג וועט אַריבערטראָגן די הויפּט=שטאָט מחוץ פּאַריז".

דער דאָזיקער ווייניק דורכגעטראַכטער, אומפאָרזיכטיקער פאָר=שלאָג האָט, דאַכט זיך, אָפּגעשניטן פּאַריז פון גאַנץ פראַנקרייך — דאָס איז געווען אַ אַנטי=רעוואָלוציאָנערישער, אַנטי=פּאַריזער פאָר=שלאָג, וואָס איז געווענדט קעגן דער קאָמונע. ווער=זשע וועט דיך שפּייזן פּאַריז, אַז ניט די פּראָווינץ? און ווער וועט דיך מציל זיין, דאָרפישער ברודער, אַז ניט פּאַריז? פּאַריז לעבט שוין אָבער זעקס חדשים אין איינזאַמקייט; בלויז ער איינער וויל קעמפן ביז לעצט; ער איינער פּראָטעסטירט קעגן דער ראָיאַליסטישער פאַר=זאַמלונג. די איינזאַמקייט, די פּראָווינציעלע אָפּשטימונג, די דאָר=פישע מערהייט — דאָס אַלץ האָט געצוואונגען די מענטשן, וועלכע זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַ וועלט=רעפּובליק, צו מיינען, אַז די רעפּובליק קען זיך באַנוגענען מיט פּאַריז.

צווייטער קאַפּיטל

„מיר האָבן געקוקט מיט דרך־ארץ
אויף דער גרויסער שטאָט, דעם
כּבוד פון פראַנקרייך, וואָס האָט איבער־
געטראָגן פינף חדשים באַלאַגערונג".

(דיופאָרס רעדע קעגן דער אַמנעסטיע —
מאַי 1876).

**די מאַנאַרכיסטן באַשיסן פּאַריז. — עס שאַפט זיך אַ צענ־
טראַל־קאָמיטעט. — טיער גיט אַ סיגנאַל צו שטורעמען.**

אויף דעם פריערישן פּלעביסציט האָט די נאַציאָנאַלע גוואַר־
דיע געענטפערט מיט פעדעראַציע, אויף די דראָונגען פון די
מאַנאַרכיסטן — מיט מאַניפעסטאַציעס אויפן באַסטיליע־פּלאַץ,
אויף דעם פּראָיעקט זיך אונטערצוגעבן, אויף דעם פּאַטש אין פּנים
פון ד'אָרעל — מיט די רעזאָלוציעס פונם 3טן מערץ. דאָס, וואָס
עס האָט ניט געקענט אויפטאָן די סכנה פון דער באַלאַגערונג, —
האָט אויפגעטאָן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג: זי האָט פאַרווירק־
לעכט דעם פאַרבאַנד פון דער קליין־בורזשואַזיע מיטן פּראָלע־
טאַריאַט. די מיטל־בורזשואַזיע איז געווען אויפגערעגט; דאָס
איבערטראָגן די זיצונגען פון דער פאַרזאַמלונג אויף אַן אַנדער
אָרט האָט דערוועקט אין איר דעם שטאָלץ און געצוואונגען ציטערן
פאַר דעם גאַנג פון זייערע מסחרים.

דאָס רוב פון פּאַריזער איינוואוינער האָט געקוקט אָן פאַר־
דרוס אויף דעם אָרגאַניזירן די שוץ. דעם 3טן מערץ האָט דער
אינערן מיניסטער פּיקאַר, אויף פאַרשיידענע אופנים מזלזל געווען
דעם „אַנאָנימען צענטראַל־קאָמיטעט" און גערופן „אַלע גוטע בירּ־
גער צו דערשטיקן זיינע פאַרברעכערישע מאַניפעסטאַציעס", —

קיינער האט זיך אבער ניט אפגערופן, פון ארט זיך ניט גערירט. די באשולדיקונג איז פשוט געווען א לעבערלעכע. דער קאמיטעט האט געהאט זיינע זיצונגען אינמיטן העלן טאג, די באריכטן האבן זיך געדרוקט אין דער פרעסע און די מאניפעסטאציעס האט ער איינגעארדנט בלויז, כדי מציל צו זיין פאריז פון א קאטאסטראפע. דער קאמיטעט האט צומארגנס געענטפערט, אז ער איז ניט אנאנים און איז א פארזאמלונג פון באפולמעכטיקטע מצד די פרייע בירגער, וואס שטרעבן צו פאראייניקן אלע מיטגלידער פון דער נאציאנאלער גווארדיע. די אקטן פונם קאמיטעט זיינען תמיד געווען אונטערגעשריבן. ער ווארפט אפ מיט פאראכטונג דאס רכילות, וואס באשולדיקט אים אין העצן צו רויבערייען און בירגער-קריג. עס האבן געחתמעט אלע, וואס זיינען א טאג פריער אויסגעוויילט געווארן אינם וואקזאל-זאל *.

דעמזעלבן טאג איז קיין פאריז געקומען ד'ארעל און צונויפגערופן די באטאליאן-שעפן. פון צוויי הונדערט און זעכציק זיינען געקומען בסך-הכל דרייסיק מאן. „איך בין געקומען, — האט ער זיך צו זיי געווענדט,—כדי אפצורייניקן די נאציאנאלע גווארדיע פון שעדלעכע עלעמענטן, און ער האט פארעפנטלעכט א באפעל אינם זשאנדארמישן גייסט. דער קאמיטעט האט געענטפערט מיט צעקלעפן אפישן, אין וועלכע ער לאדט איין די בירגער צו גרינדן באטאליאן-קרייזלעך, לעגיאן-ראטן און באשטימען זייערע געוויילטע אינם צענטראל-קאמיטעט.

די קארפן-קעפ פון דער ראיאליסטישער קאאליציע האבן תיכף פארשטאנען, מיט וואס דאס אלץ שמעקט. דערביי האט די קאמיסיע, וואס איז מיטגעווען מיט טיערן אין ווערסאל בעת די שלום-אונטערהאנדלונגען, געמאלט די באדראטע לאגע פון פאריז מיט די העלסטע פארבן. די רעפובליקאנישע שטאט פילט פון טאג צו טאג מער אן אירע ארסענאלן מיט ביקסן און הארמאטן.

---

* ארנאלד, בערזשערע, בוי, קאסטיאני, שאוויער, שוטא, קורטי, דיוטיל, פלערי, פראנטיע, פארטיונע, לאקאר, לאגארד, לאוואלעט, מאלזשורנאל, מאטע, אסטען, פיקאנעל, פענדי, פריודאם, ווערלען, ווארלע, וויאר. בלויז פינף פון די געקליבענע דעם 15טן פעברואר.

אויב מען וועט ניט דערלאנגען קיין שנעלן קלאפ, וועט די באוואַ־פענונג גיך זיך ענדיקן.

וואס זיי האבן יא ניט געזען, דאס איז די קראפט פון זייער שונא. זיי האבן געגלייבט אין די באבע־מעשיות פון זייערע ציַיטונגען, אין דער פחדנות פון דער נאציאנאלער גווארדיע, האבן דיזקראס בארימערייען אנגענומען פאר א גוטער מטבע, בעת ער האט זיך געשוואוירן מיט כל השבועות אינם ביורא פון דער נאציאנאל־פארזאמלונג אין זיין אייביקער שנאה צו די דעמאגאגן, וועלכע זיינען שולדיק געווען, ווי ער האט געזאגט, אינם דורכפאל. די בארימער פון דער רעאקציע זיינען איז זייער גרויס־מאכן זיך און רימען זיך דערגאנגען אזוי וויַיט, אז זיי האבן שוין אליין אנגע־הויבן גלייבן אין דער מעגלעכקייט איינצושלינגען פאריז.

די אונטערנעמונג איז געפירט געווארן מיט קלעריקאלישער פלינקייט, קאנסעקווענט און דיסציפלינירט. די לעגיטימיסטן, די ארלעאניסטן, באנאפארטיסטן, וואס זייער מחלוקת האט געהאט א שייכות בלויז צום נאמען פונם קייזער, האבן אנגענומען א פשרה, וואס טיער האט אויסגעטראכט — דעם אזוי גערופענעם באר־דאער אפמאך, לויט וועלכן אלע פארטייען באקומען א גלייכן אנטייל אין דער מאכט. בכלל, אז קוים איז געגאנגען אין קאמף מיט פאריז, האבן קיין חלוקי־דעות ניט געקענט זיין.

פון די ערשטע טעג מערץ אן האבן זייערע פראווינצער ציַיטונגען אנגעהויבן ברענגען ידיעות וועגן רויב־אנפאלן און שרפות אין פאריז. דעם 4טן מערץ פארשפרייט זיך אינם ביורא פון דער נאציאנאל־פארזאמלונג א אלארמירנדיקע ידיעה, אז עס איז אויס־געבראכן אן אויפשטאנד און די טעלעגראפישע פארבינדונג איז איבערגעריסן; גענעראל ווינוא איז אפגעטראטן אויפן לינקן ברעג. טיער, וואס האט פארשפרייט די דאזיקע ידיעות, האט געשיקט קיין פאריז פיר דעפוטאטן־מערן: ארנא דע ל׳אריעזש, קלעמאנסא, טיראר, אנרי מארטען. זיי האבן איינגעפונען, אז פאריז איז „פולקום רויק" און האבן וועגן דעם מודיע געווען דעם אינערן־מיניסטער; פיקאר האט געענטפערט: „די רויקייט איז בלויז לפנים, מען דארף עפעס טאן," און דער מער פונם 4טן קרייז,

וואַטרען, האָט באַמערקט: „מען דאַרף דעם אַקס אַנכאַפּן פאַר די הערנער — אַרעסטירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט."

ס'איז ניט אַוועק קיין טאָג, די קאַליציע זאָל ניט צערייצן דעם אַקס. לצנות, פּראָוואָקאַציעס, זילזולים האָבן זיך כּסדר געשיט אויף פּאַריז און זיינע פאָרשטייער. בעת עטלעכע מענטשן — מאַלאָן, ראַן, ראַשפּאַר, טרידאָן — האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון שטימען, וואָס האָט געדראָט דעם גורל פון פאַטערלאַנד, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן פון גאַמבעטען און די פאָרשטייער פון עלזאַס און לאָטאַרינגיע, האָט מען צו זיי אַ געשריי געטאָן: „אַ גוטן שליט־וועגס!" דעם 8טן האָט מען וויקטאָר הוגאָ, וועלכער האָט זיך אָנגענומען פאַר גאַריבאַלדיס כּבוד, באַשיט מיט זילזולים. ער גיט זיך אָפּ אין דעמיסיע. דעלעקלוז פאָדערט, אַז מען זאָל איבערגעבן צום געריכט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרטיידיקונג; מען ענט־פערט אים מיט זידלערייען. דעם 10טן זאָגן פיר הונדערט זיבן־און־צוואַנציק דאָרפישע דעפּוטאַטן זיך אָפּ צו נעמען אָנטייל אין די זיצונגען אין פאַריז. זיי ווילן עפּעס מער נאָך, די הויפּטשטאָט זאָל ענדגילטיק אַריבערגעטראָגן ווערן קיין בורזש אָדער פאָנ־טענבלאָ. טיער חנפעט זיי: „קיינמאָל האָט נאָך די פאַרזאַמלונג ניט באַקומען קיין ברייטערע פולמאַכטן, זי האָט אַפילו קיין אַרכיוו ניט געהאַט. ווען איר זאָלט וועלן, וואָלט איר געקענט צונויפשטעלן אַ קאָנסטיטוציע." מיט נויט־שוויים האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַקומען אַ הסכּמה, אַז די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן אין ווערסאַל, וואָס איז באַקוועמער פאַר דער פאַרטיידיקונג. דערמיט גופא האָט ער אַרויסגערופן די קאָמונע, מחמת פאַריז האָט ניט געקענט בלייבן אָן אַ רעגירונג און מוניציפּאַליטעט.

אַזוי אַרום האָט מען געפונען אַ שלאַכטפעלד, און דער יאוש האָט געשאַפן אַן אַרמיי. די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן, אַז אַלע וועקסלען, וואָס דער טערמין זייערער האָט זיך געענדיקט צווישן דעם 13טן אַווגוסט און דעם 13טן נאָוועמבער 1870, דאַרפן געצאָלט ווערן און עס ווערט צו זיי צוגערעכנט פּראָצענט אין זיבן חדשים אַרום נאָכן טערמין; בכן האָט מען אין דריי

טעג ארום, דעם 13טן מערץ, געמוזט צאלן לויט די התחייבות, וואס זייער טערמין איז אוועק דעם 13טן אווגוסט 1870. דעם דאזיקן באשלוס איז אוממעגלעך געווען ממש אויסצופירן, מחמת מיט זיבן חדשים צוריק נאך האבן אלע געשעפטן זיך אפגעשטעלט און ס'איז ניט געווען וואו צו דיסקאנטירן; די באנק האט אירע אפטיילונגען נאך ניט געעפנט. עטלעכע דעפוטאטן פון פאריז זיינען אוועק א שמועס טאן וועגן דעם מיט דיופאר, וואס האט דורכגעמאכט די גאנצע באלאגערונג — מען האט אבער מיט אים בשום אופן זיך ניט געקענט צונויפריידן, מחמת דאס איז געווען דער אמתער דיופאר פון 1848. עס איז געבליבן נאך א פראגע וועגן דעם ניט-באצאלטן דירה-געלט, א פראגע, וואס איז געווען פאר גאנץ פאריז א צרה. מיליער בעט זיך רחמים, די פארזאמלונג זאל יושרדיק די פראגע ערליידיקן. קיינער ענט-פערט ניט. דריי מאל הונדערט טויזנט ארבעטער, מאדעליסטן, קליינע פאבריקאנטן און סוחרים, וואס האבן זייערע אפשפא-רונגען פארלארן בעת דער באלאגערונג און האבן דערווייל קיין פרוטה נאך ניט פארדינט, זיינען אפגעגעבן געווארן אינם רשות פון די באלעבאטים און דעם רוין. פונם 13טן ביזן 17טן מערץ אן זיינען פראטעסטירט געווארן הונדערט פופציק טויזנט וועקסלען. די גרויסע האנדלס-שטעט האבן ארויסגעשטעלט פאדערונגען. קיין ענטפער איז ניט געווען.

נאכדעם, ווי די נאציאנאל-פארזאמלונג האט אנגעלאדן די מינע, האט זי באשטימט די קומענדיקע זיצונג אויפן 20טן מערץ, באקומענדיק פריער א באשטעטיקונג פון טיערן, אז מען וועט דעם טאג קענען זיך צונויפזאמלען אין ווערסאל, „אן שום מורא פאר גאסן-עקסצעסן". דאס קליינע מענטשעלע האט אויך געהאט זיין צאל-טאג.

פאריז איז אבער ניט אפגעטראטן פאר די אלע דראונגען-פיקאר, וואס האט געוואלט אנווארפן אן אימה, האט זיך געווענדט צו קורטין מיט את-א-די ווערטער: „די מיטגלידער פונם צענטראל-קאמיטעט שטעלן איין דאס לעבן". קורטי זאל האבן צוגעזאגט

ארויסצוגעבן הארמאַטן. דער קאָמיטעט האָט זיין הסכּמה אויף קורטיס האנדלונג ניט געגעבן.

פונם 6טן אָן האָט ער געפירט די זיצונגען אין קאָרדערי, אומאָפּהענגיק לחלוטין פון די איבעריקע דריי געשפּענסטיקע גרופּן. דער קאָמיטעט האָט אינגיכן באַוויזן זיין פּאָליטישע רייפ־קייט, בעת ער האָט געמאַכט אַ תּל פון אַלע אונטערשיסעלעך פון אַ געוויסן ראַול־די־ביסאָן, אַן אַלטן אָפיציר פון די קאָלאָניאַלע ארמייען, אַן אָנטיילנעמער פון טונקעלע אַוואַנטורעס, וואָס האָט געפירט דעם פּאַרזיץ אין וואָקזאַל דעם 4טן און געשטרעבט צו שאַפן אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון אויבן מיט דער הילף פון די באַטאַליאָן־קאָמאַנדירן. די דריי דעלעגאַטן, וואָס דער קאָמיטעט האָט געשיקט, האָבן געפונען אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד דער דאָרטיקער גרופּע. דער עיקר פּאַרעקשנט איז געווען איין באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר באַרבערע; נאָר פּאַר־דאָס האָט אַ צווייטער, פּאָלטאַ, מיטגעריסן מיט זיך די גאַנצע פאַר־זאַמלונג מיט די ווערטער: „איך גיי צום פאָלק!" דאָס צונויפגיסן זיך איז פאָרגעקומען דעם 10טן, אינם טאָג פון דער אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג פון די דעלעגאַטן. דער קאָמיטעט האָט פאָרגעשטעלט זיין רעפּעראַט, און בשעת־מעשה דערציילט אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט אין משך פון דער וואָך: דאָס באַשטימען ד׳אָרעלן, די מעשה מיט קורטין. „די געשעענישן האָבן אונז געמאַכט פאַר די, וואָס מיר זיינען איצט; די כּסדרדיקע אָנפאַלן פון דער פּרעסע, וואָס איז פיינטלעך געשטימט צו דער דעמאָקראַטיע, זיינען פאַר אונז געווען אַ גוטע לעקציע; די דראָונגען פון דער רעגירונג האָבן אונז באַשטעטיקט, אַז מיר זיינען אָן אומבאַזיגלעכע פעסטונג, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן קעגן יעדן פּרוּוו אַראָפּצוזעצן די רעפּובליק". די דעלעגאַטן איז פאַרגעלייגט געוואָרן זיך צוצו־איילן מיט די וואָלן אינם צענטראַל־קאָמיטעט. דערנאָך איז צונויפ־געשטעלט געוואָרן דער אויפרוף צו דער אַרמיי.

שוין מיט עטלעכע טעג צוריק האָט די רעגירונג אָנגעהויבן צו שיקן איבער דער פּראָווינץ די 220.000 מאַן, וואָס זיינען אַנטוואָפנט געוואָרן דורך דער קאַפּיטולאַציע און האָבן על־פּי רוב געהערט צום רעזערוו, וואָס האָט געדאַרפט ווערן באַפרייט; זיי

האבן פארביטן זעלנער פון דער צפונדיקער און לוארער ארמיי. פאריז האט מיט אומרו געקוקט אויף די דאזיקע אפטיילונגען, וואס די רעאקציאנערע פרעסע האט אויף אים אנגערייצט. דער איבערוף פון דער פארזאמלונג האט געזאגט צו זיי: „זעלנער, זין פון פאלק, לאמיר זיך פאראייניקן און מציל צו זיין די רעפובליק. די קיניגן און קייזארים האבן אונז גענוג שלעכטס געטאן". צופארגנס האבן די זעלנער באשיצט די דאזיקע מודעה פון דער פאליציי.

דער 11טער איז געווען פאר פאריז אן אומגליקלעכע דאטע. עס האט זיך גלייכצייטיק דערוואוסט, אז עס איז אוים הויפטשטאט, און אז עס ווארט אויף אים א באנקראט. ווינוא האט אפגעשטעלט זעקס רעפובליקאנישע צייטונגען, פון זיי פיר: „די שטים פון פאלק", „דער לאזונג", „דער פעטער דיושען" און „דער נקמה־נעמער", וואס פלעגן זיך צעגיין ביז צוויי מאל הונדערט טויזנט עקזעמפלארן. דאס מיליטערישע געריכט, וואס האט געמשפט די באשולדיקטע אין פראצעס פון 31טן אקטאבער, האט פארמשפט עטלעכע און בתוכם פלוראנסן און בלאנקין צו טויט־שטראף. דאס איז געווען א דרייפאכיקער קלאפ, וואס האט אלעמען געטראפן, אזוי די בורזשוא, ווי די רעפובליקאנער מיט די רעוואלוציאנערן. די באַרדאָער פארזאמלונג, וואס איז געווען א טויט־קלאפ פאר פאריז, וואס איז אים געווען פרעמד הן לויטן געפיל, הן לויטן גייסט און שפראך, האט אויסגעוויזן צו זיין א רעגירונג פון פרעמדלענדער. די לעצטע ספקות זיינען פארשוואונדן. א דעפוטאט, דער מער פונם 8טן קרייז — קלעמאנסא, איז שוין פון עטלעכע טעג אן געווען פארנומען מיט איבערגעבן די הארמאטן, וועלכע האבן זיך געפונען אויפן מאנמארטר, און האט געפונען אפילו אפיצירן, וואס זיינען גרייט געווען אים דערינען צו העלפן. עס האט זיך אנטקעגנגעשטעלט דער קאמיטעט פון רי דע ראזיע; אלם דער באדייטנדסטער פון די קאמיטעטן לויט זיין לאגע און צאל הארמאטן, האט ער זיך באצויגן צום צענטראל־קאמיטעט ווי צו זיינם גלייכנם, און האט זייער שפעט ערשט אנגעהויבן אהינשיקן זיינע דעלעגאטן. בעת ד'ארעל האט געשיקט געשפאנטע

וועגן אויפן מאַנמאַרטר, האָבן די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער ניט אַרויסגעגעבן די האַרמאַטן און זיי איבערגעפירט אויף די בערג־לעך, וואו דער קאָמאַנדיר פּוליזאַק, וועלכער איז שפּעטער געפאַלן אין די רייען פון דער ווערסאַלער אַרמיי, האָט אויפגעבויט עפּעס אַ מין ברוסטווער. דער קאָמיטעט פון רי דע־ראָזיע האָט צעשטעלט וואַכלייט; די האַרמאַטן האָט מען כּסדר צוגעשיקט און זייער צאָל האָט דערגרייכט ביז הונדערט זיבעציק. די רעוואָלוציע, וואָס האָט קיין צייטונגען ניט געהאַט, האָט זיך איצט דורכגעשמועסט דורך מודעות פון כּל המינים פאַרבן און ריכטונגען; פלוראַנס, בלאַנקי, וואָס זיינען פאַרמשפּט געוואָרן הינטער די אויגן, האָבן צעקלעפּט פּראָטעסטן. די מעסיקע גרופּעס האָבן אויף אַזאַ אופן פּראָטעסטירט קעגן דעם דעקרעט וועגן די צאָל־טערמינען. די נייע קאָמיטעטן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין די דעמאָקראַטישע קרייזן. דער ראש פונם 8טן קרייז איז געווען דער גיסער דיוואַל, אַ מענטש מיט אַ קאַלטער און מעכטיקער ענערגיע. די אַלע קאָמיטעטן האָבן מבטל געמאַכט ד'אָרעלס באַפעלן און געהאַט די פאַקטישע ממשלה איבער דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

ווינוא האָט געזאָגט, פונקט ווי וואַטרען: „מיר וועלן אַרעס־טירן דעם צענטראַל־קאָמיטעט, און ס'איז דאַכט זיך קיין לייכטערע זאַך ניט געווען, מחמת אַלע מיטגלידער פונם קאָמיטעט האָבן אויף די מודעות אָנגעגעבן זייערע אַדרעסן. פּיקאַר האָט געענט־פערט: „איך האָב ניט קיין פּאָליציי, אַרעסטירט אַליין". ווינוא האָט געענטפערט: „דאָס געהער ניט צו מיר". מען האָט אים גע־געבן צו הילף דעם גענעראַל וואַלענטין, אַ ליבהאָבער פון אַ גראָב־אַפּרעכענען זיך. דעם 15טן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט גאַנץ רויִק זיך צונויפגעזאַמלט אויף דער דריטער אַלגעמיינער זיצונג אינם וואָקזאַל. דאָרט זיינען געווען פאָרשטייער פון צוויי הונדערט פופצן באַטאַליאָנען. גאַריבאַלדי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. איין רעדנער האָט אַריינגעבראַכט די פאַרזאַמלונג אין התלהבות; דאָס איז געווען לוליע, אַן אַלטער פלאָט־אָפיציר, אַ שיכּור, וואָס האָט נאָך פאַרמאָגט אין זיך שפּורן פון מיליטערישער דיסציפּלין און וואָס האָט

אין די מאָמענטן, ווען זיין מוח איז ניט געווען פאַרנעפּלט פון בראַנפן, באַמת פאַרחידושט מיט די בליצן פון זיין שכל. אים האָט מען עס באַשטימט אַלס שעף איבער דער אַרטילעריע. דערנאָך האָט מען געמאָלדן די נעמען פון די אויסגעוויילטע אינם צענטראַל-קאָמיטעט — זיי זיינען געווען ביז דרייסיק מאַן; אַ טייל קרייזן האָבן נאָך ניט געהאַט געשטימט. דאָס איז געווען — אַ געזעצלעכער צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט אַריינטרעטן אין שטאָטראַט. אַ סך פון די געוויילטע האָבן געהערט צו דער פּריערדיקער קאָמיסיע. די איבעריקע זיינען געווען פּונקט אַזוי אומבאַקאַנט, פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אוודאי בלויז אין זייערע משפּחה-אָדער באַטאַליאָן-ראַטן. די פּראָגרעסיווע לייט האָבן קיין וואָרט פאַר זיך ניט געפאָדערט. דער קאָרדעריע-קלוב און די בלאַנקיסטן האָבן ניט געוואָלט צולאָזן, אַז די דאָזיקע פאַראייניקונג, דער קאָמיטעט, די אנשי-בלי-שם זאָלן פאַרכאַפּן די מאַכט.

זיי וועלן, אמת, ניט אַרוסטרעטן אין נאָמען פון עפּעס אַ פּראָגראַם. דער צענטראַל-קאָמיטעט איז ניט קיין פּאַרטיי-אָנפירער; ער קען ניט אויסאַרבעטן קיין אידעאַל. בלויז דער פּשוטער געדאַנק פון זעלבסטשוץ קעגן דער מאָנאַרכיע האָט געקענט צונויפזאַמלען אַזוי פיל באַטאַליאָנען. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע שאַפט אַ שוץ-פעסטונג קעגן אַ מלוכה-איבערקערעניש; דער צענטראַל-קאָמיטעט איז בסך-הכּל בלויז אַ וואַכמאַן.

אין דער לופטן פילט זיך, אַז דאָס געוויטער דערנענטערט זיך; קיינער ווייס ניט, וואָס עס וועט זיין. די קליינע גרופּע פונם אינטערנאַציאָנאַל רופט צונויף די דעפּוטאַטן-סאָציאַליסטן, כּדי אויפצוקלערן די לאַגע. קיינער טראַכט ניט וועגן קיין אָנגריף. ניט קוקנדיק דערויף, מעלדעט דער צענטראַל-קאָמיטעט, אַז דאָס פאָלק וועט קיינמאָל ניט לאָזן פאַלן דעם ערשטן שאָס, אַז עס וועט זיך בלויז פאַרטיידיקן בעת אַן אָנפאַל.

דער אָנפאַלער איז געקומען דעם 5טן, — דאָס איז געווען טיער. ער האָט געהאַפּט אומבאַמערקט צו געווינען צוריק פּאַריז, מיט דער הילף פון גוטע זעלנער, וואָס שטייען אין ווייט פון די

פּאַריזער איינוואוינער; ס'איז אָבער ניט געווען ווען, מחמת דער ביי=באַשערטער 20טער האָט זיך דערנענטערט. ער האָט קוים באַוויזן צו קומען, ווי ער איז געוואָרן באַלאַגערט און אַרויסגערופן אויף אייליקע מיטלען. עס האָבן זיך אַריינגעמישט די בערזע=לייט. דיזעלבע, וואָס האָבן צוגעאײַלט די מלחמה, כּדי אָפּצופּרישן זייערע אַפּערעס, האָבן געטענהט*: „קיין שום פינאַנץ=אָפּעראַציעס זיינען ניט מעגלעך, אויב איר וועט ניט מאַכן אַ סוף צו די דאָזיקע געמיינע לייט.״ מאַכן אַ סוף צו זיי! די ביי=באַשערטע ווערטער פון יוני 48טן יאָר האָבן אויסטערליש געקלונגען אין מערץ פון 71טן יאָר.

היתכן? פאַר די פּרייסן אין די אויגן, בעת פראַנקרייך צאַפּלט זיך קוים, בעת בלויז דורך אַרבעט קען עס אויפגעריכט ווערן, שטעלט איר, רעגירער פון פראַנקרייך, אַליין עס בידים אין סכּנה פון בירגער=קריג, שטעלט איין דאָס לעבן פון אַזוי פיל אַרבעטער! זייט איר לכל=הפּחות זיכער, אַז איר וועט צו זיי מאַכן אַ סוף? די מורדים פון 1848 זיינען כּמעט אָן געווער אין משך פון דריי טעג געווען די זיגער איבער די בעסטע גענעראַלן פון אַפריקע; אין 1871 איז ביי אייך בלויז ווינוא, אַ דעוויזיע, וואָס די פּרייסן דולדן, דריי טויזנט פּאָליציי=לייט און זשאַנדאַרמען, פופצן טויזנט שטאַרק אויסגעמאַטערטע מענטשן קעגן דעם פאַרבאַנד פון די באַטאַליאָנען מיט גוטע ביקסן און האַרמאַטן, וועלכע הערשן איבער די הייכן. זיבן צי אַכט טויזנט, וואָס זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון לואַר און צפון, האָבן תּיכּף בעתן ערשטן דורכקוק שיִר ניט געמאַכט קיין מרידה. שלעכט דערנערטע, שלעכט איינגעאָרדנטע מיט דירות, בלאָנדזשען זיי אַרום איבער די אויפערלעכע בולוואַרן; די פּאַריזערינס טראָגן זיי אין די באַראַקן אַריין, וואו זיי פרירן, זופּ מיט קאָלדרעס.

ווי אַזוי אַנטוואָפנט מען מיט אַזאַ ערב=רב הונדערט טויזנט

---

* אַ טייל בערזע=שפּעקולאַנטן, מיינענדיק, אַז ס'איז געגוג זעקס וואָכן, כּדי צו באַנייען די שפּעקולאַציעס זייערע, האָבן געזאָגט: מען טאָר ניט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט; ס'איז גענוג מקריב צו זיין 50 טויזנט מאַן — און דער האָריזאָנט וועט זיך אויסלייטערן, די געשעפטן פאַרבעסערן — טיער אַנקעטע וועגן 4טן סעפּטעמבער.

מאַן? כּדי צו פאַרכאַפּן די האַרמאַטן, מוז מען נאָך אַנטוואָפענען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. די קאָאַליציע האָט חוזק געמאַכט פון די מאָנמאַרטרער באַפעסטיקונגען, פון די פינף-און-צוואַנציק מיטגלידער פון רי-דע-ראָזיע, זי האָט געמאָלדן דאָס צונעמען די האַרמאַטן אויף זייער אַ פּשוטן אופן. זיי האָט מען באמת שלעכט אָפּגעהיט. ס'איז אָבער גענוג געווען אויסצוגראָבן פּופציק קיזלשטיינער, אַז ס'זאָל אוממעגלעך ווערן זיי איבערצופירן. ס'איז גענוג געווען צו זיי זיך צוצורירן — און גאַנץ פּאַריז וואָלט זיך צונויפגעלאָפן. טיערן האָט מען תיכּף נאָך זיין קומען דערלאַנגט אַזאַ מין לעקציע. וואַטרען האָט צוגעזאָגט צוצושטעלן די האַרמאַטן פון דער זייט פון וואָגעזן-פּלאַץ; די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער האָבן אַראָפּגענומען די האַרמאַטן פון די לאַפעטן און די בירגער פון טורנעל-גאַס האָבן זיך גענומען אויסגראָבן די שטיינער פון ברוק.

אָנפאַלן ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען אַ משוגעת. טיער האָט ניט באַמערקט, ניט דעם עקל פון אַלע קלאַסן, ניט די אויפרעגונג פון די פאָרשטעט. אויסוואַרטן און אַנטוואָפענען פּאַריז דורך הנחות; נייטראַליזירן „דאָס דאָרף" דורך דער גרויסער שטאָט איז געווען אַ זאַך, אויף וועלכער ער איז פּאָליטיש ניט געווען פעיק. זיין פאַראַכטונג צום פאָלק האָט שוין גורם געווען דאָס איבעריקע. דער טערמין פון 20טן מאַכט אים אַזוי ענג, אַז ער טוט שוין אַלץ אָן קאָפּ, ער רופט צונויף דעם 17טן אַ ראַט, ניט האַלטנדיק זיך אַפילו קיין עצה מיט די מערן, ווי פּיקאַר האָט עס געהאַט צוגעזאָגט, און ניט נעמענדיק אין אַכט די מעלדונג פון די קאָמאַנדירן פון די בורזשואַזע באַטאַליאָנען, וואָס האָבן דעמזעלבן אָוונט מודיע געווען, אַז זיי קענען זיך אויף זייערע מענטשן ניט פאַרלאָזן, — די דאָזיקע רעגירונג, וואָס איז ניט בכּוח געווען צו אַרעסטירן די פינף-און-צוואַנציק מאַן פונם צענטראַל-קאָמיטעט, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל פאַרכאַפּן די צוויי הונדערט און פופציק האַרמאַטן, וואָס גאַנץ פּאַריז האָט זיי געהיט.

דריטער קאַפּיטל

„ובכן האָבן מיר געטאָן בלויז דאָס, וואָס אונזער חוב האָט געהייסן; דער פּאַריזער אויפשטאַנד איז לחלוטין דורך קיין זאַך ניט אַרויסגערופן געוואָרן".

(דריפּאָר, מאַי 1876).

דער 18טער מערץ.

דאָס אויספירן דעם געדאַנק איז געווען פּונקט אַזאַ אומזין ווי דער געדאַנק גופא.

דריי אַ זייגער אינדערפרי, דעם 18טן מערץ, לאָזן זיך די שנעל צונויפגעשטעלטע אָפּטיילונגען, און לעבנסמיטל, און די רוק־זעק, אין אַלע זייטן: צו די הייכן שאָמאָן, אין בעלוויל, אין דער פאַרשטאָט טאָמפּל, צו באַסטיליע־צו, צום שטאָטראַט, אויפן פּלאַץ פון הייליקן מיכאל, צו לוקסעמבורג, אין 18טן קרייז אריין, צו די אינוואַלידן. גענעראַל סיוסביעל, וואָס פירט אָן מיט צוויי בריגאַ־דעס — אַן ערך זעקס טויזנט מאַן — גייט צום מאָנמאַרטר צו. די פאַרשטאָט שלאָפט נאָך. פּאַטיורעלס בריגאַדע פאַרנעמט די לאַ־גאַלעט־מיל און איין שאַס אַפּילו. לעקאָנטס בריגאַדע גייט צו צום סאָלפערינע־טורעם און טרעפט דאָרט בלויז איין וואַכמאַן, טיורפּענען. ער פאַרשטעלט זיי דעם וועג מיטן באַגנעט. די וואַנ־דאַרמען דערהרגענען אים און לאָזן זיך צום פּאָסטן אויף דער דע־ראָזיע־גאַס, פאַרכאַפּן אים און וואַרפן די גוואַרדייער אין די קעלערס פונם טורעם. אויף די וואַלן פון שאָמאָן, אין בעלוויל פאַרכאַפּט מען אויך אויף אַזאַ אופן די האַרמאַטן. די רעגירונג טריומפירט אויף דער גאַנצער ליניע. ד'אַרעל צעשיקט אין די

צייטונגען אַ זיגרייכע פּראָקלאַמאַציע; זי ווערט אָפּגעדרוקט אין אַ טייל אָוונט=בלעטער.

עס פעלן בלויז אויס פערד און צייט אויסצונוצן דעם נצחון. ווינואַ האָט כמעט פאַרגעסן דעריינען. ערשט אַכט אַ זייגער האָט מען זיך גענומען שפּאַנען די פערד אין האַרמאַטן, אַ סך פון זיי האָבן זיך אויסגעוויזן פאַר קאַליע געמאַכט און אָן פאָדערשטע טיילן.

אָט האָבן די פאָרשטעט זיך אויפגעכאַפּט. עס עפענען זיך די געוועלבער, אין די מילך=און וויין=געשעפטן רעדט מען שטילערהייט. מען ווייזט איינער דעם אַנדערן אָן אויף די זעלנער, אויפן מאַשינען=געווער, וואָס איז אָנגעשטעלט אויף די געדיכט=באַפעלקערטע גאַסן און אויף די פרישע אויפרופן אויף די ווענט מיט טיערס און די מיניסטאָרנס חתימות. די מודעות דערציילן וועגן דעם שטילשטאַנד אינם מסחר, וועגן די אָפּגערופענע באַשטעלונגען, וועגן די אָפּגעפלאָסענע קאַפּיטאַלן.

„בירגער פון פאַריז, די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו טאָן עפּעס אין אייערע אינטערעסן. ערלעכע בירגער, טיילט אייך אָפּ פון די אויסוואורפן, שטיצט די רעגירונג. איר וועט דערמיט העלפן דער רעפּובליק!" — זאָגן די הערן פּויע=קערטיע, דע=לאַרסי, דיופאָר און אַנדערע רעפּובליקאַנער. די אויפרופן ווערן פאַרענדיקט מיט דער פראַזע פון 51טן יאָר: „די שולדיקע וועלן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דער גערעכטיקייט".

אַ פולקומע אָרדענונג, מיטן אויגנבליק, אַן אומבאַרירלעכע מוז איינגעשטעלט ווערן אָן שום תירוץ. מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן אָרדענונג — הייסט עס בלוט וועט זיך גיסן.

פּונקט ווי אין די רעוואָלוציע=טעג, האָבן די פרויען זיך אַ לאָז געטאָן די ערשטע.

די פרויען פון 18טן מערץ, פאַרהאַרטעוועט פון דער באַלאַגערונג (אויף זיי האָט זיך די נויט טאָפּלט אָפּגערופן), האָבן זיך ניט דערוואַרט אויף זייערע מענער.

זיי רינגלען אַרום די האַרמאַטן און פאַרפירן אַ שמועס מיט די אַרטילעריסטן: „ווי שעמסטו זיך ניט! וואָס טוסטו!" די זעלנער שווייגן. צייטנווייז בלויז רופט זיך אָפּ איינער פון די

אונטעראַפּיצירן: „צעגייט אייך, גוטע פרויען, צעגייט אייך!” די שטים איז ניט קיין בייזע, בלייבן זיי. פּלוצלונג הייבט מען אָן שפּילן אַ זאַמל־מאַרש. די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער האָבן געפונען צוויי פויקן אויף דעם פּאָסטן פון דער דודאָוויל־גאַס, מאַכן זיי אַ גאַנג איבערן 18טן קרייז. אַכט אַ זייגער אַן ערך לאָזן זיך 300 אָפיצירן מיט זעלנער איבערן אָרנאַנאָ־בולוואַר. עס גייט זיי אַנטקעגן אַ פּלוטאָן פון 88טן פּאָלק, מען שרייט צו זיי: „זאָל לעבן די רעפּובליק!” זיי שליסן זיך אָן.

דער פּאָסטן פון דער דעזשאַן־גאַס גייט זיי נאָך. זיי דרייען איבער די ביקסן מיט די קאָלבעס אַרויף און עס מישן זיך אויס די זעלנער מיט די נאַציאָנאַל־גוואַרדייער, וועלכע גייען צוזאַמען איבער דער מילער־גאַס צו די מאָנמאַרטרער הייכן, וואָס זייערע נעענטסטע שיפּועס זיינען פאַרנומען דורך די זעלנער פון 88טן פּאָלק. דערזען זייערע חברים צווישן די גוואַרדיע־לייט, לאָזן זיי איין דעם עולם צו זיך מיט צייכנס און זאָגן זיי צו פריי דורכצולאָזן. גענעראַל לעקאָנט באַמערקט די סיגנאַלן, הייסט אַריינשליידערן די זעלנער אינם סאָלפערינאָ־טורעם מיט די ווערטער: „אייער לידל איז געענדיקט” און פאַרבייט זיי מיט פּאָליציי.

די פאַרטרעטער באַווייזן קוים צו געבן עטלעכע שאָסן. די גוואַרדייער און זעלנער גייען פאַרביי דעם ברוסטוועור. פון קעגנאיבער, פון דער דע־ראָזיע־גאַס, שטראָמט אַ גרויסער עולם גוואַרדייער מיט ביקסן, וואָס זיינען איבערגעדרייט מיט די קאָלבעס אַרויף, אין דער באַגלייטונג פון פרויען און קינדער. לעקאָנט איז אַרומגערינגלט. ער גיט דריי מאָל אַ באַפעל צו שיסן. די זעלנער רירן זיך ניט פון אָרט און האַלטן די ביקסן אַראָפּגעלאָזן צו די פיס. דער המון זאַמלט זיך צונויף, שליסט זיך צונויף מיט די זעלנער און אַרעסטירט לעקאָנטן מיט זיינע אָפיצירן.

די זעלנער, וואָס ער האָט אַרעסטירט אין טורעם, פאָדערן מען זאָל אים דערשיסן. די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער גיט זיך מיט גרויס מי איין אים צו באַפרייען פון המון, וואָס האָט אים אָנגעזומען פאַר ווינואַן. מען פירט אים אָפּ צוזאַמען מיט די אָפיצירן

אין שאטא=רוזש, דער הויפט=קווארטיר פון די מאנמארטרער באטאליאנען.

דא פאדערט מען פון אים, אז ער זאל אפרייניקן די הייכן פון חייל.

ער שרייבט אונטער אן לאנגע שהיות דעם באפעל, פונקט ווי עס האט עס געטאן ברעא אין 1848. *

דער באפעל איז נוגע די אפיצירן און זעלנער, וואס פאר=נעמען נאך די דע=ראזיע=גאס. די זשאנדארמען לייגן אוועק דאס געווער און שרייען: „זאל לעבן די רעפובליק!" דריי הארמאטן=שאסן מיט קאלט פייער זיינען מודיע פאריז, אז די מאנמארטרער הייכן געפינען זיך צוריק אין זיינע הענט.

לינקס פון לעקאנטן פירט אן גענעראל פאטיורעל. בחינם באמיט ער זיך ארופצוברענגען דורך דער לעפיק=גאס עטלעכע הארמאטן פון דער לא=גאלעט-מיל. דער המון שטעלט אפ די פערד, שניידט איבער די שטריק, שטויסט אפ די זעלנער און מען פירט אויף די הענט ווידער צוריק די הארמאטן אויף די וואלן. די זעלנער, וואס היטן אפ דעם אונטערשטן טייל גאס, דעם פלאץ בלאנש, האבן איבערגעדרייט די ביקסן מיט די קאלבעס ארויף. אויף דעם פלאץ פיגאל הייסט גענעראל סיוסביעל שיסן אין המון, וואס האט זיך צונויפגעזאמלט אויף דער אודאן גאס.

דערשראקענע פון די געשרייען פון פרויען, טרייבן די רייטער צוריק הינטערווייליקעבטס זייערע פערד; מען שיט אויף זיי א האגל זילזולים, איין קאפיטאן לאזט זיך פאראויס מיט דער בלאנקער שווערד, מאכט א וואונד א גווארדייער און פאלט א גע=טראפענער פון קוילן. די זשאנדארמען, וואס האבן ביז איצט זיך באהאלטן הינטער די באריקאדן פון בולוואר, הייבן אן שיסן —

* דער דאזיקער באפעל, וואס האט געהייסן דער אפטיילונג דעפילירן צווישן די נאציאנאלע גווארדייער, איז אויפגעשריבן געווארן דורך א קאפיטאן מיט א בליישטיפט. לעקאנט האט אים געחתמעט מיט א פעדער און קיין איין ווארט ניט געביטן. כדי כאטש מציל צו זיין א ביסל דעם כבוד פון דעם גענעראל, וואס איז אזוי פחדנותדיק געשטארבן, האט דאס מיליטערישע געריכט געלייקנט דעם פאקט.

מען שטויסט זיי ארויס. גענעראל סיסבייעל מאכט פליטה. ווינוא, וואס האט שוין פלומרשט געהאט פארנומען א פאזיציע אויף דעם קלישי־פלאץ, ווערט נעלם. די געפאנגענע זשאנדארמען, א מאן 60, בירט מען אפ אין דער מאנמארטרער מעריע. *

אויף די שאמאנער הייכן, אין בעלוויל, אין לוקסעמבורג שטעלט דאס פאלק אויך אפ און שלאגט אפ זיינע הארמאטן.

גענעראל לעפלא, וואס פירט אן אויף דעם באסטיליע־פלאץ, ווערט קוים ניצול פון געפאנגענשאפט, זיינע זעלנער שליסן זיך אן אן דעם פאלק.

פלוצלונג ווערט א רגע שטיל. פונם ארלעאנישן וואקזאל ציט זיך א לוויה־פראצעסיע, נאך דער מטה גייט א זקן, וואס איז ארומגערינגלט מיט מלווים: דאס איז וויקטאר הוגא, ער באגלייט דעם קערפער פון זיין זון קארל אויפן בית־הקברות פער־לאשעז. די פעדעראליסטן סאלוטירן און צענעמען די באריקאדעס, כדי צו מאכן א וועג פאר דעם רום און טויט.

ארום עלף האט דאס פאלק אפגעשטויסן דעם אנפאל אויף אלע פונקטן, פארהיט כמעט אלע זיינע הארמאטן (מיט וועגעלעך האט מען אוועקגעפירט אן ערך צען) און פארכאפט טויזנטער ביקסן, די פאראייניקטע באטאליאנען זיינען אויף די פיס; די פארשטעט מאכן א תל פונם ברוק.

אין די קווארטאלן פונם צענטער רופט מען שוין אויף אלארם פון זעקס אינדערפרי אן לויטן באפעל פון ד'ארעל־דע־פאלאדין, אבער בחינם. די באטאליאנען, אין אמאליקע צייטן טראשום הייסע אנהענגער, שטעלן איצט ניט ארויס אפילו קיין צוואנציק מאן. גאנץ פאריז זאגט, לייענענדיק דעם אויפרוף: „דאס איז א מלוכה־איבערקערעניש!" האלב־טאג הייסן ד'ארעל מיט פיקארן רופן אויף אלארם: „די רעגירונג רופט אייך צו פאר־טיידיקן אייער היים, אייער משפחה, אייער פארמעגן. עטלעכע משוגעים שטעלן אן, אונטער דער אנפירונג פון געהיימע פירער,

---

* דעמאלט איז עס געווען דער פלאץ דעזי־אבעס.

אויף פאַריז די לופעס פון אַט=אַדי הארמאַטן, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן פון די פּרייסן". היות די באַשולדיקונג אין ניט איידעלן באַגיין זיך מיט די פּרייסן רירט קיינעם ניט, באַשליסט דאָס מיניסטעריום פה=אחד זיך אַרויסצוזאָגן: „מען פאַר=שפּרייט אומזיניקע קלאַנגען, אַז די רעגירונג גרייט פּלומרשט אָן איבערקערעניש... זי האָט געוואָלט און וויל בלויז איין זאַך — מאַכן אַ סוף צו דעם קאָמיטעט פון מורדים, וואָס זיינע מיטגלי=דער זיינען פאַרשטייער פון קאָמוניסטישע אידעען; זיי וואָלטן פאַריז איבערגעגעבן צו רויב און פראַנקרייך געמאַכט אַ קבר". נעבעכדיקע יללות פון די יוני=טעג! די באַטאַליאָנען פון אָרדענונג, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַדייטנדיקע קראַפט, שטעלן אַרויס פון 500 ביז 600 מאַן.

טיער און די איבעריקע מיניסטאָרן אַנטלויפן אין אויסערן=מיניסטעריום. טיער דערוויסט זיך וועגן דער מפלה פונם מילי=טער און הייסט אָפּציען די חילות פונם מאַרס=פעלד. די בורזשו=אַזע באַטאַליאָנען האָבן אים פאַרלאָזן, האָט ער גענומען ריידן וועגן אָפּרייניקן פאַריז און פאָרמירן אַ נייע אַרמיי אין ווערסאַל. דאָס איז געווען אַן אַלטע המצאה פון די זשיראָנדיסטן, וואָס זיי האָבן פאָרגעלייגט קאַרל דעם V, לוי=פיליפּן, דער פאַרזאַמלונג פון 48טן יאָר און וועלכע עס האָט בלויז געלונגען אויסגעפירט דער עסטרייכישער גענעראַל ווינדישגרעץ. אַ סך מיניסטאָרן שטעלן זיך אַנטקעגן דעם פּלאַן און פאָדערן, אַז אַזעלכע וויכטיקע פונקטן, ווי דער שטאָטראַט, די קאַזאַרמעס, וואָס דעראָים בריגאַדע האָט פאַרנומען, און די מיליטערישע שול זאָל ווערן אָפּגעהיט און עס זאָל פאַרנומען ווערן אַ פּאָזיציע ביי טראָקאַדעראָ. דאָס קליינע מענטשעלע האָט אָבער שוין אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָפּ, ער הערט אויס בלויז מיינונגען, וואָס זיין יאוש דיקטירט אים, און באַשליסט אָפּצורוימען די גאַנצע שטאָט — אפילו די דרום=פאָרטן, וואָס די פּרייסן האָבן מיט צוויי וואָכן צוריק רעסטאַווירט. אַן ערך דריי אַ זייגער דעפּילירן דורך די באַטאַליאָנען פון גראָ=קאַיו, מיט פּויקער און טרומייטער אָן דער שפּיץ, פאַרן מיניס=טעריום. די מיניסטאָרן מיינען פאַר גרויס אימה, אַז זיי זיינען

פאַרלאָרן *. טיער אַנטלויפט דורכן הינטערשטן אַריינגאַנג גלייך קיין ווערסאַל. ער פאַרלירט זיך אויף אַזוי ווייט, אַז ער גיט אָפּ אויף דער סעווער בריק אַ שרעקלעכן באַפעל אָפּצורייניקן מאָן־וואַלעריאַן.

בשעת זיין אַנטלויפן האָבן נאָך די פאַרבאַנד־באַטאַליאָנען קיין זאַך ניט געטאָן. דער פרימאָרגנדיקער אָנפאַל האָט אומגעריכט געטראָפן ניט נאָר פאַריז, נאָר אויך דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

ערב דעם טאָג, אינאָוונט, האָט ער זיך צעלאָזן, באַשטימט די קומענדיקע זיצונג אויפן 18טן, עלף אַ זייגער אינאָוונט אין דער שול פון דער באַפרוּאַ־גאַס, הינטער דעם באַסטיליע־פּלאַץ, מחמת דאָס שטענדיקע אָרט פון די פאַרזאַמלונגען אויף קאָרדערי, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון דער פּאָליציי, איז שוין ניט געווען זיכער. בעת די וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאָכן 15טן מערץ, האָט מען דעם קאָמיטעט דערגאַנצט מיט עטלעכע נייע מיטגלידער און מען האָט באַשטימט אַ פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט.

בעת דער ידיעה וועגן דעם אָנפאַל, לאָזן זיך אַ טייל אויף דער באַפרוּאַ־גאַס, אַנדערע ווידער איילן זיך צונויפצורופן די באַטאַליאָנען פון זייערע קוואַרטאַלן. אַרום צען אַ זייגער האָבן זיך שוין באַוויזן צונויפצוקלייבן ביז 12 מיטגלידער, מען פאַרוואַרפט זיי מיט פראַגן, פאָדערונגען, מען פאַרשטעלט דעם וועג מיט געפאַנגענע, וואָס מען האָט אָנגעבראַכט פון אַלע זייטן. זיכערע ידיעות באַקומען זיך ערשט אַ זייגער צוויי. וואַרלען — באַלע־באַטעוועט אין באַטיניאָל, בערזשערע — אין מאָנמאַרטר, דיוואַל — אין פאַנטעאָן, פענדי — אינם 3טן קרייז, פאַלטאָ — אויף דער דע־

---

* אין דער אַנקעטע זאָגט טיער תחילת: „מען האָט זיי געלאָזן דורכ־דעפילירן" און מיט צוואַנציק שורות ווייטער: „מען האָט זיי אָפגעשליידערט". גענעראַל לעפלאָ האָט ניט פאַרבאָרגן דעם פחד פון דעם ראַט. „די מינוט האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַ קריטישע און איך האָב געזאָגט: „מיר זיינען פאַרלאָרן, מען וועט אונז נעמען..." ס'איז באמת גענוג געווען די באַטאַליאָנען זאָלן אַריין אין פּאַלאַץ, און מיר וואָלטן פונם ערשטן ביזן לעצטן געווען אין זייערע הענט. דריי באַטאַל־יאָנען זיינען אָבער דורכגעגאַנגען און גאָרניט געטאָן".

סעוור=גאַס, ראַנוויע און בריונעל האָבן צום קאָמיטעט ניט געהערט, איז זייער אַרבעט געווען צו אַגיטירן אינם צענטן קרייז און אין בעלוויל. מען וואַרפט אָן דעם באַוואוסטן פּלאַן פון קאָנצענטרירן די באַטאַליאָנען אַרום דעם שטאָטראַט. די מיטגלידער פונם צענטראַל=קאָמיטעט שפּרייטן זיך פונאַנדער אין אַלע זייטן, כּדי איבערצוגעבן די באַפעלן. די באַטאַליאָנען זיינען, אמת, גרייט, זיי רירן זיך אָבער ניט פון אָרט; ניט וויסנדיק וועגן זייער פולקומען נצחון און מורא האָבנדיק פאַר אַ צווייטן אָנפאַל, בויען די רעוואָלוציאָנערע קוואַרטאַלן שנעל אויף באַריקאַדעס. קיינער פאַרלאָזט ניט דעם מאָנמאַרטר; ער זעט אויס ווי אַ ריזיקער מילבן=באַרג, איז פול מיט גוואַרדייער, וואָס ברענגען ניים, און מיט זעלנער, וואָס פאַר זיי קלייבט מען אויפן אָרט צונויף עסן, וואָרעם זיי האָבן פון אינדערפרי אָן נאָך אין מויל ניט געהאַט. אַקעגן האַלב פיר אַ זייגער באַקומט דער באַאָבאַכטונגס=קאָמיטעט, וואָס געפינט זיך אויף דער קליניאַנקור=גאַס, אַ ידיעה, אַז גענעראַל לעקאָנט איז אין גרויס סכּנה; אַ חברה זעלנער האָט אַרומגערינגלט שאַטאָרוזש און פאָדערט, מען זאָל אים תּיכּף טייטן. די מיטגלידער פון קאָמיטעט פערע, בערזשערע, זשאַקליאַר שיקן כּהרף=עין דעם קאָמאַנדיר פון שאַטאָ=רוזש אַ באַפעל, ער זאָל אָפּהיטן דעם געפאַנגענעם. בשעת דער באַפעל קומט אָן אויפן אָרט, האָט מען שוין לעקאָנטן אַוועקגעפירט.

דער גענעראַל האָט שוין לאַנג געהאַט געפאָדערט, אַז מען זאָל אים אָפּפירן אינם צענטראַל=קאָמיטעט. די וואַך=קאָמאַנדירן זיינען שטאַרק באַאומרויִקט פון די געשרייען, ווילן פון זיך אַראָפּוואַרפן די אחריות און, וויסנדיק בלויז וועגן דעם קאָמיטעט אויף דער דע=ראָזיע=גאַס, באַשליסן זיי אַהין צו שיקן דעם גענעראַל מיט זיינע אָפיצירן. אַן ערך פיר אַ זייגער קומען זיי אָן אַהין, אַרומגערינגלטע פון דעם אויפגערייצטן המון. קיינער וואַגט אָבער נאָך ניט צו אַטאַקירן. דעם גענעראַל זעצט מען איין אין אַ קליין צימער פון אונטערשטן שטאָק, אַז אַלע זאָלן אים קענען זען; די אָפיצירן ווידער—אויפן ערשטן שטאָק, וואו עס געפינען זיך אַ סך פון זייערע חברים, אויך געפאַנגענע. עס הזרן זיך ווידער איבער

די סצענעס פון שאַטאָ־רוזש. די צערייצטע זעלנער שרייען: „אַ טויט זיי! אַ טויט!" די אָפיצירן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַר־דיע באַמיען זיך מיט אַלע כּוחות צו פאַרשטעלן פון זיי די טיר, און שרייען: „וואַרט־זשע כאָטש אויפן קאָמיטעט!" וואָסער קאָ־מיטעט? דער צענטראַל־קאָמיטעט געפינט זיך אויפן צווייטן עק פּאַריז; דער קאָמיטעט פון דער דע־ראָזיע־גאַס איז צעזייט און צעשפּרייט; אַ טייל געפינען זיך אין אויפזיכט־קאָמיטעט אויף דער קליניאַנקור־גאַס, אַנדערע ווידער אין דער מעריע, וואו דער קאָמענדאַנט דאַרדעל, ראַאול ריגאָ און פּאַסקאַל גרוסע האַלטן זיך אין איין אַרומרייסן מיטן מער קלעמאַנסאָ, וואָס איז זייער ניט צופרידן פונם גאַנצן עסק. אַרום האַלב פיר אַ זייגער דערהערט זיך אַ מוראַדיקער רעש. דער ווילד־געוואָרענער המון פּליט העגדום־פּענדום אַרום, ווי אַ הוראַגאַן, שליידערט אַרוים פון זיך אַ ווייס־בערדיקן מאַן און טרייבט אים־צו צו אַ הויז; דאָס איז קלעמאַן טאָמאַ, דער תּליון פון 48טן יאָר, דער באַליידיקער פון די רעוואָ־לוציאָנערע באַטאַליאָנען, וואָס איז אַ סך מער שולדיק אינם מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, ווי דיוקראָ. מען האָט אים דערקענט און אַרעסטירט אויף דער דע־מאַרטיר־גאַס, וואו ער האָט באַקוקט אַ באַריקאַדע; ער האָט זיך געלאָזט אַרויף אויפן באַרג, באַגלייט פון אַ בלוטדאָרשטיק זידן. די איראָניע פון גורל! דער קראָקאָדיל האָט געפונען אַ מעגלעכקייט צו לויפן, און אַט־אַ־די זשאַבע איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די נקמה־נעמער.

דאָס באַווייזן זיך פון קלעמאַן טאָמאַ האָט איבערגעפולט דאָס מעסטל. עס דערהערט זיך אַ מוראַדיק קול: „אַ טויט זיי!" די אָפיצירן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע זיינען קעגן דעם; קאַפּיטאַן ערפּען־לאַקרואַ, אַ גאַריבאַלדיער, אַ גבר, כאַפּט זיך אָן פאַרן אושאַק פון דער טיר, מען דערלאַנגט אים אָבער קלעפּ פון אַלע זייטן און דער המון רייסט זיך אַריין אינעווייניק. מען כאַפּט קלעמאַן טאָמאַן און מען שלעפּט אים אַוועק אין גאָרטן הינטערן הויז; מען שיסט אין אים און ער פאַלט טויט. ער האָט ניט

באוויזן אויסצוהויכן די נשמה, ווי די זעלנער פונם 88טן פאָלק צעקלאַפּן דאָס פענסטער פונם צימער, וואו עס געפינט זיך גענעראַל לעקאָנט, שלעפּן אים ארויס אין גאָרטן און דערשיסן אים. דער באַסט ווערט געשטילט. עס זיינען נאָך געבליבן 10 אָפיצירן, אָבער זיי דראָט שוין קיין זאַך ניט. מען פירט זיי אוועק אין שאַטאָ-רוזש און צו פאַרנאַכט-צו לאָזט מען זיי פריי.

אין דערוועלבער צייט כאַפּט דער המון אַ גענעראַל אין זיין פּאַראַד-מונדיר אויפן אָרלעאַנישן וואָקזאַל. מען מיינט, אַז מען האָט געכאַפּט ד'אָרעלן, — צום סוף איז עס גאָר שאַנסי. דער רעזולטאַט פון דעם מיספאַרשטענדעניש האָט געקענט זיין אַ שטערב-לעכער פאַר דעם געפאַנגענעם. די אָפיצירן, די פעדעראַליסטן, די געהילפן פונם מער פון 14טן קרייז, לעאָן מעיע, — נעמען זיך פאַר אים אָן, באַשיצן אים און באַהאַלטן אים אין דער שטאָטישער תפיסה, וואו עס געפינט זיך שוין גענעראַל לאַנגוריאָן, וואָס איז אויך ארעסטירט. באַפרייען די גענעראַלן איז איצט געווען נאָך געפערלעך, דעם דעפּוטאַט טיורקע אָבער, וואָס האָט באַגלייט שאַנסין, באַפרייט מען תיכף.

ביסלעכווייז גייען די פעדעראַליסטן איבער אין אָנגריף. בריונעל רינגלט ארום די קאַזאַרמע פון פּרינץ אייזשען, וואָס איז פאַרנומען דורכן 120טן פוסגייער-פּאָלק, וועלכער האָט אויך חשק זיך אָנצושליסן אָן דעם פּאָלק. מען ברעכט אויף די טירן. דער קאָמאַנדיר, אַן ארומגערינגלטער דורך אָפיצירן, מאַכט אַ קריגע-רישן אָנשטעל, — בריונעל הייסט זיי אַלע נעמען; פון דאַנען לאָזט ער זיך אראָפּ דורך דער טאַמפּל-גאַס צום שטאָטראַט, פענדי גייט אויך אהין דורך די וויעל-די-טאַמפּל און ראַנוויע דורך אַ ברעגיקער גאַס.

פינף אַ זייגער איז די נאַציאָנאַלע דרוקעריי פאַרנומען; זעקס — מאַכט מען אַ לאָך אין די טירן פון די נאַפּאָלעאָן-קאַזארמעס. מען דערלאַנגט אַ שאָס דורכן לאָך, דריי פּערזאָן פאַלן טויט, די פוסגייער שרייען פון די פענסטער: „זאָל לעבן די רעפּובליק!

דאָס האָבן די זשאַנדאַרמען געשאָסן!" דערנאָך עפּענען זיי די טויערן און גיבן אָפּ זייערע ביקסן! *

האַלב 8 אַ זייגער איז דער שטאָטראַט אַרומגערינגלט. די זשאַנדאַרמען, וואָס פאַרנעמען אים, אַנטלויפן דורך דעם קעלער־שטאָק פון דער לאָבאָ־קאַזאַרמע. האַלב 9 אַ זייגער באַהאַלטן זיך זשול פערי מיט פאַוורען, וואָס זיינען פאַרלאָזן געוואָרן פונם מיליטער און האָבן ניט קיין שום אָנווייזונגען פון דער רעגירונג. תיכּף נאָכדעם באַווייזט זיך בריונעלס אָפּטיילונג אויפן פּלאַץ און פאַרנעמט דאָס פינסטערע און פאַרלאָזענע קאָמונאַלע הויז. בריונעל הייסט אָנצינדן דעם גאַז און אַרויסהענגען אַ רויטע פאָן אויפן טורעם פון די פייערלעשער.

די באַטאַליאָנען האַלטן כּסדר אין צוקומען. בריונעל בויט באַריקאַדן אויף דער ריוואָלי־גאַס, אויף דער ברעגיקער גאַס, פאַרנעמט די אַריינגענג, שטעלט פונאַנדער די וואַכליט, צעשיקט שטאַרקע פּאַטרולן. איינער פון זיי רינגלט אַרום די לוווּר־מעריע, וואו עס קומט פאָר אַ באַראַטונג פון די מערן. כּדי ניט אַריינצופאַלן אין געפאַנגענשאַפט, שפּרינגט זשול פערי אַרויס דורכן פענסטער.

דערשראָקענע פון דעם חוצפּהדיקן אָנפאַל, האָבן אַ סך מערן מיט זייערע געהילפן נאָך בייטאָג זיך צונויפגעזאַמלט אין דער בערזע־מעריע און געוואַרט אויף פאַראָרדענונגען און באַגייסטערונג פון אויסן. פיר אַ זייגער שיקן זיי אַ דעלעגאַציע צו דער רעגירונג. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז טיער האָט געמאַכט פּליטה. פּיקאַר באַגלייט די דעפּוטאַציע. ד'אָרעל וואַשט זיך אָפּ די הענט פון אַלעם און וואַרפט אַרויף די גאַנצע שולד אויף די אַדוואָקאַטן. דערווייל מוז מען ביז נאַכט אָננעמען עפּעס אַ באַשלוס.

ביני־לביני האָבן די באַטאַליאָנען פון די פעדעראַליסטן פון באַטיניאָל און מאָנמאַרטר, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן דורך

* ווינוא, וואָס זאָגט שקר, ווי דער ביולעטען, דערציילט אין זיין בוך „דער וואָפנשטילשטאַנד און די קאָמונע": דער גענעראַל האָט צונויפגעזאַמלט זיינע מענטשן און מיט דער בלאַנקער שווערד מוטיק זיך געשטעלט בראש פון זיינע זעלנער.

וואַרלענע, אַרנאָלדן און בערעזשערע, — אַרומגערינגלט דעם שטאָטראַט און פאַרנומען דעם וואַנדאָמער פּלאַץ. וואַשעראָ, וואַטרען און אַנדערע פאַרביסענע רעאַקציאָנערן פאָדערן, אַקעגנצושטעלן זיך פאַר יעדן פּרייז, ווי די אַרמיי וואָלט געשטאַנען אינגאַנצן צו זייער דינסט. אַנדערע, אַ ביסל געזעצטערע, זוכן אַן אויסוועג. זיי מיינען, אַז זיי וועלן אַלץ ברענגען אין אָרדענונג, אויב זיי וועלן באַשטימען עדמאָנד אַדאַמען אַלס פּרעפעקט פון דער פּאָליציי, דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אינם קאַמף קעגן די יונישע מורדים; און אַלס גענעראַל פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע דעם פּאָלקאָווניק לאַנגלואַ, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ אינטערנאַציאָנאַליסט, וועלכער איז דעם 31טן אָקטאָבער אינדערפרי געווען פאַר דער באַוועגונג — און אינאָווענט קעגן. דער דאָזיקער פאַרביסענער בורזשואַ איז, אונטער דער מאַסקע פון אַ ענטוזיאַסט, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט פאַר דער בייל, וואָס ער האָט באַקומען ביי ביוזאַנוואַל. אַקעגן זיבן אַ זייגער קומען טיראַר, מעלין, טאָלען, עריסאָן, וואַשעראָ, פּייראַ און מיליער צו זשול פאַווּרען און טראָגן אים אונטער דעם פּיקחותדיקן באַשלוס. ער צווינגט זיי צו וואַרטן, ציטערט אויף, ווען ער דערזעט מיליערן, און רייסט זיי איבער אינמיטן: „ס'איז אמת, אַז מען האָט דערשאָסן די גענעראַלן?“ נאָכדעם, ווי מען ענטפערט אים, אַז יאָ, שרייט ער אויס: „מיט מערדער שליסט מען ניט קיין אָפּמאַכן!“ וואַשעראָ, וואַטרען זיינען באַצויבערט פון דער דאָזיקער פעסטקייט און זיי זאָגן עס פאַר אים אַרויס. מען ברענגט אַ ידיעה „דער שטאָטראַט איז פאַרלאָזן“. זשול פאַוור לאָזט אָפּ די מערן; זיי לאָזן זיך צו דער לוור=מעריע, וואו דער הויפּט=סעקרעטאַר פון דער צענטראַל=מעריע לייגט זיי פאָר צו פאַרנעמען דעם שטאָטראַט. די זעלבע רגע באַווייזט זיך אַ פּאַטרול פון די פעדעראַליסטן. די מערן האָבן ניט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי זיך אומצוקערן אין דער בערזע=מעריע, וואָס ווערט אַגב אויך זייער הויפּט=קוואַרטיר.

די ניצול=געוואָרענע מיטגלידער פון דער רעגירונג: דיופאָר, זשול סימאָן, פּאָטיואָ, פּיקאַר, לעפלאָ, קלייבן זיך געהיים צונויף אויף דער אַבאַטוטשי=גאַס, וואו זשול פאַוור איז זיי מודיע וועגן

דעם פּרוּוו פֿון די מערן. זיי באַשליסן צו געבן ד׳אָרעלן דעמיסיע און איבערגעבן זיינע פֿולמאַכטן לאַנגלואַן, וואָס זיין זשעסטיקולירן ווירקט אויף זיי באַרויִקנדיק, און זיי באַשטימען אים אַלס הויפּט=קאָמאַנדיר פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. לאַנגלואַ איז מסכּים און האַלבע נאַכט ברענגט ער די גוטע בשׂורה אין דער בערזע=מעריע, זאָגט צו, אַז די רעגירונג וועט געבן דאָריאַנען אַן אָרט אין דער צענטראַל=מעריע, וועט אַריינטראָגן אין דער פֿאַרזאַמלונג אַ פּראָיעקט פֿון אַ מוניציפּאַל=געזעץ און מיט די ווערטער: „איך גיי אויף מאַרטירעריי!" גייט דער דאָזיקער נייער לאַפּאַיעט אונטערן שוץ פֿון די דעפּוטאַטן לאָקרואַ און קורנע, אין שטאָט=ראַט אַריין. דער פּלאַץ איז באַלעבט, ווי אינמיטן העלן טאָג. דורך די פֿענסטער פֿון שטאָטראַט זעט מען, אַז דאָרט קאָכט דאָס לעבן, אָבער קיין זאַך דערמאָנט ניט אָן דער מהומה, וואָס עס איז געווען. די וואַכלייט לאָזן דורך בלויז אָפֿיצירן אָדער מיטגלי=דער פֿונם צענטראַל=קאָמיטעט. די מיטגלידער זיינען געקומען אַהער, איינער נאָכן אַנדערן, אַרום עלף, און אַ מאָן צוואַנציק, דערשראָקענע און אומאַנטשלאָסענע, מאַכן זיי אַ זיצונג אין דעם זעלבן זאַל, וואו טראָשו פֿלעגט איינאָרדענען זיינע זיצונגען. קיינער פֿון זיי האָט ניט געטרוימט וועגן דער מאַכט, וואָס ליגט זיך איצט ווי אַ שווערע משׂא אויף זייערע אַקסלען. אַ סך זאָגן זיך אָפּ צו נעמען אָנטייל אין די זיצונגען אין שטאָטראַט און האַלטן אין איין חזרן: „מיר זיינען ניט באַרופֿן צו רעגירן". נאָך יעדן ניי=צוגעקומענעם הערט זיך אַלץ ווייטער דער סיכסוך. לסוף גיט זיך עדואָרד מאָראָן איין צו מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אין דער מהומה. פֿאַרלאָזן די געוואונענע פּאָזיציעס איז אוממעגלעך, — האָט מען דעריבער באַשלאָסן צו פֿאַרבלייבן ביז די וואַלן, וואָס קענען זיך בסך=הכּל ציען צוויי=דריי טעג. אין דער איצטיקער רגע דאַרף מען טראַכטן וועגן אָפּשלאָגן אַ מעגלעכע אַטאַקע. לוליע, וואָס איז דאָ דערביי און לעבט גראָד איבער איינע פֿון זיינע ליכטיקע מינוטן, איז ערוב פֿאַר אַלץ און דערמאָנט אָן דעם באַשלוס אינם וואָקזאַל. מען באַשטימט אים פֿאַר קאָמאַנדיר פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און דערמיט טוט מען אַ מוראַדיקן פֿעלער; בריונעל

ווידער, וואָס האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן, בלייבט אינם שטאָטראַט. צוויי בייטאָג קומט אָן לאַנגלואַ. ער האָט שוין אָפּגעשיקט זיין אויפרוף אין „אָפיסיעל״. „ווער זייט איר?״ — פרעגן אים די וואַכלייט. — „אַ גענעראַל פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע״, — ענטפערט דער בראַווער גענעראַל, — „דער צענטראַל-קאָמיטעט וועט זיך ניט אָפּזאָגן מיך אָנצונעמען״. — „ווער האָט אייך באַשטימט?״ — „די פאַרזאַמלונג! מיין נאָמען״, — האָט ער צוגעגעבן — „איז אָן ערבות פון שלום״. עדואַרד מאָראָ ענטפערט אָבער: „די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע באַשטימט אַליין איר שעף; דער טיטל, וואָס איז אייך געגעבן געוואָרן דורך דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז אָנגעפאַלן אויף פאַריז, קען בשום אופן ניט דינען אַלס ערבות פון שלום״. לאַנגלואַ שווערט, אַז ער האָט גענומען אויף זיך די אָנפירונג בלויז, כדי צו שטילן דעם סיכסוך. „זייער פיין״ — ענטפערט דער קאָמיטעט, — „מיר ווילן אָבער ליבערשט אַליין באַשטימען אונזערע קאָמאַנדירן, מאַכן מוניציפאַלע וואַלן, פעסטשטעלן גאַראַנטיעם קעגן די מאָנאַרכיסטן. אויב איר זייט מיט אונז, וואַרפט אייך אונטער דער פאָלקס-אָפּשטימונג״. לאַנגלואַ און לאַקרואַ האַלטן ווייטער אין איין זאָגן, אַז עס עקסיסטירט בלויז איין געזעצלעכע מאַכט, און די דאָזיקע מאַכט — איז די נאַציאָנאַלע-פאַרזאַמלונג; זי וועט קיינמאָל ניט באַשטעטיקן אַ זאַך, וואָס שטאַמט פון אַ מורדים-קאָמיטעט. די דאָזיקע פאַרטיידיקונג, אינם גייסט פון די דאָרפישע דעפּוטאַטן פון דער פאַרזאַמלונג, ברענגט אַלעמען ארויס פון די כלים. „איר אָנערקענט דעם צענטראַל-קאָמיטעט, צי ניין?״ — „ניין״, — ענטפערט לאַנגלואַ און גייט אַוועק נאָך זיין אויפרוף.

די נאַכט גייט פאַרביי רויִק. פאַר דער פרייהייט איז די דאָזיקע רו אַ טויט-קלאַפּ. דורך די דרומדיקע טויערן עוואַקויִרט ווינואַ אין ווערסאַל די פּאָלקן, די אַרטילעריע און דעם טאַבאָר. די זעלנער גייען קוים און שעלטן מיט טויטע קללות די זשאַנדאַרמען. דער גענעראַל-שטאַב, ווי דאָס האָט געפאָדערט די טראַדיציע, האָט פאַרלאָרן אינגאַנצן דעם קאָפּ און פאַרגעסן אין פאַריז דריי פּאָלקן, זעקס באַטאַרייעס און אַלע קאַנאָניר-שיפלעך, וואָס

זיי צו ראַטעווען איז געווען גענוג צו לאָזן זיי מיט שטראָם. ס'איז גענוג געווען אַ ליאַדע דעמאָנסטראַציע מצד די פעדעראַליסטן, כדי אָפּצושטעלן די באַוועגונג. דער געדאַנק צו פאַרמאַכן די טויערן איז אָבער ניט איינגעפאַלן דעם קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע ליוליע, ער האָט געלאָזן פאַר דער אַרמיי אַלע דורכגענג און שפּעטער אַליין זיך דערמיט געריכט פאַרן מיליטערישן געריכט.

פערטער קאַפּיטל

„אונזערע צעבראָכענע הערצער
שרייען צו אייערע".

די מערן פון פּאַריז מיט זייערע געהילפן און די דעפּוטאַטן
פון סענע צו דער נאַציאָנאַלער
גוואַרדיע און צו אַלע בירגער.

דער צענטראַל־קאָמיטעט רופט צונויף די וויילער. — די מערן פון פּאַריז און די דעפּוטאַטן פון דער סענע שטייען אויף קעגן אים.

דעם 19טן אינדערפרי ווערט ערשט פּאַריז געוואָר וועגן זיין נצחון. סאַראַ גוואַלדיקער שינוי! ער איבערראַשט אפילו נאָך די אומצאָליקע דעקאַראַציעס פון דער דאָזיקער דראַמע, וואָס ציט זיך שוין זיבן חדשים. אַ רויטע פאָן פלאַטערט איבערן שטאָטראַט. צוזאַמען מיט די פרימאָרגן־נעפּלען האָט זיך אויסגעדעמפּט די אַרמיי, די רעגירונג און די אַדמיניסטראַציע. בראש פון פּאַריז האָט זיך אוועקגעשטעלט אַ צענטראַל־קאָמיטעט; ער איז אַרויס פון דער טיף פון דער סענט־אַנטואַנישער פאָרשטאָט, פון דער חושכדיקער באַפּרואַ־גאַס און האָט זיך אָפן אַוועקגעשטעלט פאַר דער גאַנצער וועלט. דעם 4טן סעפּטעמבער איז די אימפּעריע פאַרשוואונדן און די לינקע דעפּוטאַטן האָבן שוין איבערגענומען בלויז די פאַרלאָזענע מאַכט.

דער כבוד, די רעטונג פונם קאָמיטעט איז געווען אין זיין איינשטימיק שטרעבן צוריקצוגעבן די מאַכט פּאַריז. ווען ער זאָל געווען זיין אַ סעקטאַנטישער, וואָס איז מסוגל בלויז אויף דעקרעטן, וואָלט די באַוועגונג געקומען צו די רעזולטאַטן פונם 31טן

אקטאבער. צום גליק אבער, איז ער באשטאנען פון פנים-חדשותן, אן א פארגאנגענהייט און אן פאליטישע פרעטענזיעס, פון מענטשן, וואס האבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט סיסטעמען און וועלכע זיינען קודם-כל געווען פארנומען מיט ראטעווען די רעפובליק. בלויז איין געדאנק האט אים געגעבן דעם שטיצפונקט אויף דער דאזיקער קאפשווינדלדיקער הייך, אבער דאס איז געווען א ריכטיקער, אמת פאריזער געדאנק: פאריז מוז אפהיטן זיין מוניציפאליטעט.

דאס איז געווען די באליבטע טעמע פון די לינקע אין דער צייט פון דער אימפעריע. אויפן דאזיקן באדן האבן זשול פערי מיט פיקארן געוואונען די סימפאטיעס פון דער פאריזער בורזשו-אזיע, וואס איז ביי זיך אראפגעפאלן צוליב דער אבציקיעריקער אפוטרופסות און איז געווען מלא חימה פון אסמאנס באלעבאטעווען. דאס פאלק ווידער האט אין דעם מוניציפאלן ראט איינגעזען די קאמונע, איר פריערדיקע דערנערערין, די באשיצערין פון אונטער-דריקטע, די פארטיידיקערין אין נויט

האלב ניין א זייגער קומט פאר די זיצונג פונם צענטראל-קאמיטעט. דעם פארזיץ פירט עדואַרד מאָרא, א האנדלס-קאמיסיאנער, וועלכן קיינער האט ניט געקענט און וואס איז פון איצט אן געווארן די נשמה פונם קאמיטעט. „איך", — האט ער געזאגט, — „האב ניט געהאלטן, אז מען דארף פירן די זיצונגען אין שטאטראט, קוים אבער געפינען מיר זיך שוין דא, דארף מען וואס גיכער אויפקלערן דעם מצב, זאגן פאריז וועגן אונזערע כוונות: דורכפירן ווי צומגיכסטן די וואלן, באזעצן די געזעלשאפט-לעכע שטעלעס, פארהיטן די שטאט פון סורפריזן".

אנדערע ווידער זאגן: „מען דארף גיין אויף ווערסאל צעטרייבן די פארזאמלונג און צווינגען גאנץ פראנקרייך זיך ארויסצוזאגן". „ניין" — ענטפערט דער מחבר פונם פארשלאג אינם וואקזאל-זאל, — „מיר זיינען באפולמעכטיקט בלויז צו פאר-שטארקן די רעכט פון פאריז. אויב די פראווינץ האלט זיך ביי אונזער מיינונג, זאל זי אונז נאכטאן".

א טייל ווילן ליקווידירן די רעוואלוציע ביזן אנהייב פון די וואלן. אנדערע זיינען מחולק אין דער דאזיקער אומבאשטימטער פארמול. דער קאמיטעט באשליסט תיכף צוצוטרעטן צו די וואלן און לייגט פאר מאראן צונויפצושטעלן אן אויפרוף. ווען מען שרייבט אים אונטער, קומט דיוואל אן: „בירגער!" — זאגט ער: — „מען האט אונז מודיע געווען, אז דאס רוב מיטגלידער פון דער רעגירונג איז נאך אין פאריז. אינם ערשטן און צווייטן קרייז גרייט זיך א ווידערשטאנד, די זעלנער גייען אוועק אין ווערסאל. מען דארף אננעמען שנעלע מיטלען: פארכאפן די מיניסטארן, צעטרייבן די פיינטלעכע באטאליאנען, שטערן דעם שונא זיך אפצורוימען".

און באמת טאקע, האבן זשול פאוור און פיקאר נאר־וואס געהאט פארלאזן פאריז. זשול סימאן, זשול פערי, דיופאר, לעפלא, פאטיוא זיינען אנטלאפן שוין ביינאכט. די מיניסטארן זיינען אריבערגעפארן פראנק־און־פריי; לאנגע רייען מיליטער־לייט שלעפן זיך נאך דורך די טויערן אויפן לינקן ברעג. דער קאמיטעט האלט נאך ביים אונטערשרייבן זיך, איז ניט מדקדק אין הלכות פארזיכטיקייט, דורך פארמאכן די טויערן, און פארטיפט זיך אינגאנצן אין ארבעט איבער די וואלן. ער זעט ניט און בכלל זען זייער ווייניק, אז צווישן פאריז און ווערסאל צעפלאקערט זיך א קאמף אויף לעבן און טויט.

דער קאמיטעט האט צעטיילט צווישן זיך די ארבעט, געשיקט די דעלעגאטן פארכאפן פארשיידענע מיניסטעריומס און אלערליי קאנצעלאריעס. א סך דעלעגאטן — ניט מיטגלידער פונם קאמיטעט — זיינען שוין באוואוסטע טיכטיקע לייט. פון זיי ווערן זוארלען און זשורד געשיקט אין פינאנץ־מיניסטעריום, עד — אינם קריגס־מיניסטעריום, דיוואל און ראול ריגא — אין דער פאליציי־פארוואלטונג, בערזשערע — אויפן פלאץ, עדוארד מאראן האט מען איבערגעגעבן די אויפזיכט איבערן „אפיסיעל" און איבער דער דרוקעריי, אסין — דאס פארוואלטן מיט דעם שטאטראט. ווען עמעץ פון די קאמיטעט־לייט האט אנגעהויבןריידן וועגן פארגרעסערן דאס שבירות, האבן די קלוגע זיינע פראטעסטירט. „בעת מען ארבעט אן א קאנטראל און גרענעצן", — זאגט מאראן, —

„איז אוממעגלעך צו נעמען וועלכע עס איז שכירות. ביז איצט האָבן מיר זיך דורכגעלעבט אויף אונזערע דרייסיק סו, וועלן מיר ווייטער אויך לעבן". דער קאָמיטעט האָט זיך ערקלערט אַלס שטענדיקער און באַשטימט אַ ווייטערדיקע זיצונג אויף איינס בייטאָג.

אויף די גאַסן לאָזט זיך הערן אַ פריילעך געמורמל.

די זון שמייכלט פרילינגדיק צו די פּאַריזער איינוואוינער.

דאָס איז דער ערשטער טאָג האָפענונג נאָך אַכט שווערע חדשים. ארום די באַריקאַדן פון שטאָטראַט, אויפן מאָנמאַרטער־באַרג, אויף אַלע בולוואַרן שטופּן זיך נייגעריקע. וואָר־זשע רעדט דאָ וועגן אַ בירגער־קריג? בלויז דער „אָפיסיעל". ער האָט זיינס אַ באַזונדערע מאַניר צו ריידן וועגן די געשעענישן: „די רעגירונג האָט אַלץ געטאָן פאַרן וואָפנשטילשטאַנד"; דערנאָך גייט אַ פּאַר־צווייפלטער אויפרוף צו דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע: „עפּעס אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געטאָן צענטראַלער, האָט קאַלטבלוטיק דערהרגעט די גענעראַלן קלעמאַן טאָמאַ און לעקאָנטן. ווער זיינען די מיטגלידער פונם דאָזיקן קאָמיטעט? קאָמוניסטן, באָנאַפּאַרטיסטן, פּרייסן? נעמט איר אויף זיך די אחריות פאַר זייערע רציחות?" די דאָזיקע יללות פון די פּליטים ווירקן בלויז אויף עטלעכע ראָטעס פון צענטער. אָט באַווייזט זיך אָבער אַ שלעכטער סימן: די יונגע בורזשואַ פון דער פּאָליטעכנישער שול הייבן זיך אָן צונויפצוזאַמלען ארום דער מעריע פון צווייטן קרייז; ס'איז באַוואוסט, אַז אויך די סטודענטן פון די שולן, וואָס זיינען ביז איצט געוועזן דער אוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע, האָבן זיך אויך ארויסגעזאָגט קעגן דעם קאָמיטעט.

דאָס איז דאָך אָבער אַ רעוואָלוציע פון די פּראָלעטאַריער. ווער זיינען זיי? וואָס ווילן זיי? צווי אַ זייגער רינגלט ארום דער עולם דעם אויפרוף פונם קאָמיטעט, וואָס איז ארויס פון דער נאַציאָנאַלער דרוקעריי: „בירגער! די פרידלעכע און פעסטע אין אירע כוחות באַפעלקערונג פון פּאַריז האָט אָן שרעק און רויק צוגעקוקט צו די מעשים פון די ווילד־געוואָרענע געמיינע לייט, וואָס האָבן באַשלאָסן אויסצושטרעקן זייער האַנט אויף דער רעפּובליק... זאָל פּאַריז און צוזאַמען מיט אים גאַנץ פראַנקרייך

ליגן א יסוד פאר דער רעפובליק מיט אלע אירע פאלגן; בלויז די דאזיקע פארם פון רעגירן וועט פארעיריקן די תקופה פון אריינרייסן זיך און פון בירגער־מלחמות. די באפעלקערונג פון פאריז ווערט לויט די סעקציעס איינגעלאדן צו די וואלן אין דער קאמונע". און ער ווענדט זיך צו דער נאציאנאלער גוואַרדיע: „איר האט אויף אונז ארויפגעלייגט דעם חוב פון ארגאניזירן די פארטיידיקונג פון פאריז און אייערע רעכט. דערמיט שעפן זיך אויס אונזערע פולמאכטן און מיר גיבן אייך זיי אפ צוריק... גרייט נאר צו און פירט דורך אייערע וואלן אין דער קאמונע אריין. ווארטנדיק אויף די וואלן, האבן מיר אין נאמען פון פאלק אפגעהיט דעם שטאטראט". עס קומען צוואנציק חתימות *, וואס זיינען, אחוץ צוויי אדער דריי: אסים, ווארלענס, לוליעס, באקאנט בלויז פון די מודעות פון די לעצטע טעג. זינט דעם בארימטן פרימארגן פון 10טן אווגוסט 1792 איז נאך אין פאריז ניט געווען קיין פאל, אז בראש פון דער אנפירונג זאלן שטיין אזוי פיל מענטשן אן א פאליטישן נאמען. און דאך שעצט מען זייערע אויפרופן, זייערע באטאליאנען ארבעטן גאנץ פריי, פארנעמען אן שום ווידערשטאנד אלע וויכטיקע פונקטן: איינס א זייגער — דאס פינאנץ־מיניסטעריום און דאס אינערן־מיניסטעריום, צוויי א זייגער— דאס פלאט־און קריגס־מיניסטעריום, די טעלעגראפן, די רעדאקציע „אפיסיעל", די פאליציי־פארוואלטונג. דאס אלץ קומט פאר צוליב דעם, וואס זייער ערשטער שריט איז געווען א גוטער. וואס קען מען פארווארפן א רעגירונג, וואס רעדט שוין וועגן איר אונטער־גאנג תחילת איר אויפגאנג? דער וואלד ביקסן וואקסט אלץ מער ארום איר, צוואנציק טויזנט מאן האבן מיט ברויט, וואס איז אויפגעשטאכן געווארן אויף די פיקעס, זיך געמאכט זייער

* אסי, ביליארע, באביק, פעררא, עדואַרד מאָרא, דיופאן, ווארלען, בורסיע, מארטיע, גויע, לאוואלעט, פ. זשורד, רוסא, לוליע, בלאנשע, זש. גראלאר, בארו, זשערעס, פאבר, גוזשערע, — דאס זיינען אלץ מיטגלידער, וואס האבן אנטייל גענומען אין דער בייטאגיקער זיצונג און האבן זיך אונטערגעשריבן. שפעטער האט דער קאמיטעט באשלאסן צו חתמענען אלע מודעות מיט די נעמען פון אלע מיטגלידער, — הן די אנוועזנדיקע, הן די אפוועזנדיקע.

ביוואַק אויפֿן פּלאַץ פֿון שטאָטראַט. פּופּציק לופֿעס פֿון האַרמאָטן און מאַשינען־געווער זיינען אָוועקגעשטעלט אונטן ביים אַריינגאַנג און דינען אַלס שוץ פֿאַרן קאָמונאַלן הויז. די הייף, די טרעפּ זיינען פֿול מיט גוואַרדייער, וואָס עסן מיטאָג. דער גרויסער טראָן־זאַל איז פֿול מיט אָפֿיצירן, גוואַרדייער, ציוויל־לייט. אינם זאַל, ליוקס, איז דער הויפּטשטאַב — דאָ הערט דאָס גערויש אויף. דאָס צימער, וואָס גייט אַרויס צו דער סענע, איז דער וואָרטזאַל פֿונם קאָמיטעט. דאָ שרייבן ביז 50 מאַן ביי אַ לאַנגן טיש. עס הערשט אַ שטילקייט, אַ דיסציפּלין. פֿון צייט צו צייט עפֿנט זיך די טיר, וואָס איז באַוואַכט דורך צוויי וואַכלייט, און לאָזט דורך אַ קאָמיטעט־מיטגליד, וואָס טראָגט אַ באַפֿעל אָדער אַן אויפֿרוף.

די זיצונג האָט זיך אויפֿדאָסניי אָנגעהויבן. באַביק פֿאָדערט, אַז דער קאָמיטעט זאָל פּראָטעסטירן קעגן דעם טויטן קלעמאַנטאָמאַן מיט לעקאָנטן, צו וועלכן ער האָט לחלוטין קיין שום שייכות ניט. „ס׳איז זייער וויכטיק,״ — זאָגט ער, — „אַז דער קאָמיטעט זאָל זיך באַפֿרייען פֿון דער אחריות״. מען ענטפֿערט אים: „היט אייך צו פֿאַרמשפּטן דאָס פֿאָלק אָדער האָט מורא, ער זאָל אייך ניט אַמאָל פֿאַרמשפּטן״. — רוסאָ זאָגט: „די צייטונג „אָפֿיסיעל״ איז מודיע, אַז דאָס דערשיסן איז פֿאָרגעקומען פֿאַר אונז אין די אויגן. מיר מוזן איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו די דאָזיקע רכילותן. דאָס פֿאָלק און די בורזשואַזיע האָבן אין דער דאָזיקער רעוואָלוציע איינס צו דאָס אַנדערע אויסגעשטרעקט די הענט. דער דאָזיקער פֿאַרבאַנד מוז ווערן פֿאַרפֿעסטיקט. פֿאַר אייך איז נייטיק, אַז אַלע זאָלן נעמען אָנטייל אין די וואַלן״. — „גלענצנד! אדרבא, פֿאַרלאָזט דאָס פֿאָלק צוליב דער בורזשואַזיע; וועט עס פֿון אייך אָוועק, און איר וועט דעמאָלט זען, ווער עס איז דער שאַפֿער פֿון דער רעוואָלוציע — דאָס פֿאָלק צי די בורזשואַזיע?״ * דער קאָמיטעט באַשליסט אויפֿצוקלערן דעם אמת דורך אַן אָפֿיצעלן קאָמוניקאַט אין דער צייטונג „אָפֿיסיעל״.

* די פּראָטאָקאָלן פֿון די זיצונגען פֿונם צענטראַל־קאָמיטעט זיינען קיינמאָל ניט געוואָרן פֿאַרעפֿנטלעכט. איינער פֿון די טעטיקסטע מיטגלידער האָט אָבער גאָבדערציילט דעם גאַנג פֿון די הויפּט־זיצונגען. די געבראַכטע פּרטים

מאראַ לייגט פאר און לייענט איבער דעם פראָיעקט פון אַ מאַניפעסט, וואָס ווערט אָנגענומען.

דער קאָמיטעט באַטראַכט די צייט און די פאָרם פון די וואַלן; פלוצלונג איז מען אים מודיע, אַז אין דער מעריע פונם 3טן קרייז איז צונויפגערופן געוואָרן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון די באַטאַליאָן־קאָמאַנדירן, מערן און סענע־דעפּוטאַטן. דעם קאָמיטעט זאָגט מען, אַז די פאַרזאַמלונג איז מסכים צונויפצורופן די וויילער.

„אויב די מעשה איז אַזוי", — זאָגט מאַראַ, — „דאַרף מען זיך מיט זיי דורכשמועסן, כּדי צו מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג". אַנדערע ווידער דערמאָנען זיך אָן די צייטן פון דער באַלאַגערונג און פאָדערן פּראָסט־פּשוט, אַז איינער פון די באַטאַליאָנען זאָל אַרומרינגלען די מעריע און די גאַנצע חברה אַרעסטירן. גרעליע זוכט אַן אויסוועג. באַביק זאָגט: „אויב מיר ווילן מיטרייסן פראַנקרייך, דאַרף מען עס ניט שרעקן. מאַלט אייך, וואָסער איינדרוק עס וועט מאַכן דער אַרעסט פון די דעפּוטאַטן און מערן, און וואָסער איינדרוק — דער הסכם". אַרנאָלד: „ס'איז זייער וויכטיק צו באַקומען אַ באַדייטנדיקע צאָל שטימען. גאַנץ פּאַריז וועט קומען צו די וואַל־קעסטלעך, אויב די פאָרשטייער מיט די מערן וועלן זיך מיט אונז פאַראייניקן". „זאָגט בעסער" — שרייט איין אויפגערעגטע שטים, — „אַז איר טויגט ניט פאַר אייער ראָלע און אַז אייער איינציקע דאגה איז — ווי אַזוי פון איר פּטור צו ווערן".

סוף־כּל־סוף שיקט מען אַרנאָלדן אין דער מעריע אַריין. אינדערפרי האָט טיער איבערגעגעבן די מערן דאָס ציטוויליקע פאַרוואַלטן איבער פּאַריז און אַ סך פּאַריזער דעפּוטאַטן האָבן זיך

זיינען גענומען פון זיינע נאָטיצן, וואָס די חברים זיינע האָבן דורכגעקוקט. די באַריכטן פון „פּאַרי־זשורנאַל", מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די רעאַקציאָנערע היסטאָריקער, זיינען ניט פול, ניט פּינקטלעך, אָפטמאָל געבויט אויף פאַנטאַזיע און עם־האַרצישע אויפדעקונגען. אין די דאָזיקע באַריכטן איז די גאַנצע צייט אַסי פאָרזיצער און אים ווערט צוגעשריבן איינע פון די הויפּט־ראָלן. דאָס איז דערפאַר, ווייל בעת דער אימפּעריע איז אַסי גערעכנט געוואָרן אַלס אָנפירער פונם שטרייק אין קרעזאָ. אין דער אמתן אָבער האָבן זיך די פאָרזיצערס געביטן ביי יעדער זיצונג און אַסי האָט קיינמאָל קיין השפּעות ניט געהאַט, ניט אינם קאָמיטעט, ניט אין דער קאָמונע, וואָס האָט אים געהייסן אַרעסטירן.

אַן זיי אַנגעשלאָסן. לאַנגלוא, וואָס איז אַזש ווילד פון דער מפּלה, וואָס זיין גענעראַלשאַפט האָט געהאַט, באַשיט מיט זילזולים די „מערדער"; שעלכער לייגט אין חרם אריין דעם שטאָטראַט. אַנרי בריסאָן מעלדעט, אַז די פאַרזאַמלונג וועט ניט מסוגל זיין איינצוהאַלטן די אָרדענונג; דער גראַווירער טאָלען צוקט מיט די אַקסלען, בעת מען דערציילט אים וועגן דעם קאָמיטעט, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון עפּעס אַרבעטער. אַ טייל, ווייניקער אויפגערייצטע, האָבן מורא געהאַט די פרייסן זאָלן זיך אַמאָל ניט אַריינמישן אינם עסק און אַלס פּועל-יוצא דערפון זאָל ניט צוריק אויפגעשטעלט ווערן די אימפּעריע. די אמתע סאָציאַליסטן, ווי מיליער, מאַלאָן און די פאָרשטייער פון דער קאָמונע, האָבן מורא געהאַט ווידער פאַר אַ דורכפאַל פון די פּראָלעטאַריער.

אין דער מעריע פונם 3טן קרייז, וואו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ סך באַטאַליאָן-קאָמאַנדירן, וואָס זיינען פאַרלאָזט געוואָרן פון זייערע אונטערוואָרפענע לייט און האָבן דעריבער געהאַט גרויס תּרעומות אויפן צענטראַל-קאָמיטעט, נעמט מען אויף אַרנאָלדן גאָר ניט פרייגלדיק; אַ טייל פון זיי, וואָס קענען גאָר-ניט באַהערשן זייער בּאַסט, זאָגן זיך אָפּ בכלל צו הערן עפּעס וועגן דעם צענטראַל-קאָמיטעט. סוף-כל-סוף באַשליסט מען צו שיקן דעלעגאַטן אין שטאָטראַט אַריין, מחמת ווי די מעשה זאָל ניט זיין, צי דאָס פאַרשאַפט יאָ נחת, צי ניט, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז די מאַכט געפינט זיך אין זייערע הענט.

בּיני-לבּיני באַשטימט זיך דער צענטראַל-קאָמיטעט די וואַלן אויפן 3טן מערץ, גיט אַרויס אַ דעקרעט וועגן אָפּשאַפן דעם באַלאַגערונגס-צושטאַנד, איז מבטל די מיליטערישע געריכטן און פאַרעפנטלעכט אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פּאָליטישע פאַרברעכנס און עבירות.

אַכט אַ זייגער אינאָוונט קלייבט ער זיך ווידער צונויף, כּדי אויפצונעמען די דעפּוטאַטן פון דער פאַרזאַמלונג אינם 3טן קרייז. די דעפּוטאַטן זיינען: מיליער, קלעמאַנסאָ, טאָלען, קורנע, לאָקרוא; די מערן: באָנוואַלע און מאָטיו; די געהילפן פון די מערן: מאַלאָן, מיורא, זשאַקלאַר, לעאָ מעליע.

דער ערשטער רעדט קלעמאנסא, דער יונגער מער פון מאנמארטר. ער האט פארשטאנען די קאמפליצירטע געפילן פון זיינע חברים און דערציילט וועגן זיי לעבעדיק. די לאגע פון צענטראל=קאמיטעט איז א פאלשע, דער מאטיוו פון אויפשטאנד איז א ניט=געזעצלעכער, די הארמאטן האבן געהערט צו דער מלוכה. ער דערמאנט וועגן זיינע פילמאליקע פרוון אינם קאמיטעט אויף דער דע=ראזיע גאס, קלאגט אויף דעם, וואס מען האט אים ניט געהארכט, רעדט וועגן דעם דערשיסן די גענעראלן, וואס האט אויפגערעגט די געזעלשאפטלעכע מיינונג. ער גייט אזוי ביזן סוף און זאגט, אז דער צענטראל=קאמיטעט איז ניט דער מושל איבער פאריז, אז א סך באטאליאנען זאמלען זיך ארום די מערן און דעפוטאטן; אינגיכן, זאגט ער, וועט דער קאמיטעט זיין צו שפאט און געלעכטער און פון זיינע דעקרעטן וועט מען מאכן חוכא=וטלולא. ער לאזט צו דעם געדאנק וועגן דער געזעצלעכקייט פון וועלן צוריקשטעלן די הויפטשטאט, דריקט אוים זיין באדויערן, וואס די רעגירונג האט ארויסגערופן א גערעכטן צארן, זאגט אבער אפ פאריז אין דעם רעכט מורד צו זיין אין פראנקרייך; דארף דעריבער פאריז אנערקענען די רעכט פון דער פארזאמלונג. ובכן בלייבט דעם קאמיטעט איין אויסוועג: מאכן אן ארט פאר די דעפוטאטן און מערן, וואס האבן באשלאסן זיך צו דערשלאגן ביי דער פארזאמלונג אלע פאדערונגען, וואס פאריז האט ארויס=געשטעלט.

שטימען פון קאמיטעט רייסן אים אפטמאל איבער. ווי הייסט? מען האט נאך די העזה צו ריידן וועגן אויפשטאנד! ווער האט ארויסגערופן די בירגער=מלחמה, ווער איז אנגעפאלן? די נאציאנאלע גווארדיע האט דאך מער ניט ווי אפגעשלאגן דעם ביינאכטיקן אנפאל און אפגענומען די הארמאטן, וואס זי האט געקויפט; דער צענטראל=קאמיטעט ווידער האט זיך בלויז אונטער=געווארפן דעם פאלק און פארנומען דעם פארלאזענעם שטאטראט.

איינער פון די קאמיטעט=מיטגלידער זאגט: „דער צענטראל=קא=מיטעט האט באקומען א געזעצלעכן אימפעראטיוון מאנדאט. דער דאזי=קער מאנדאט פארווערט אים צו דערלאזן, אז די רעגירונג אדער די

פארזאמלונג זאלן פוגע זיין אן די פרייהייטן און אן דער רעפובליק.
די פארזאמלונג האט קיין איין טאג ניט דורכגעלאזט, אז זי זאל
ניט פרווון צעשטערן די רעפובליק. אלס ראש פון דער נאציאנא=
לער גווארדיע האט זי באשטימט א מענטשן, וואס איז אלס גענע=
ראל געווען דיסקרעדיטירט ביים פאלק; זי האט ביי פאריז אפ=
גערויבט די באדייטונג פון א הויפטשטאט, האט געטאן כל הפכלנות
צו מאכן א תל פונם מסחר. זי האט געלאכט פון אונזערע יסורים,
געלייקנט דאס מסירת=נפש, די מוטיקייט און די איבערגעגעבנקייט,
וואס פאריז האט ארויסגעוויזן בשעת דער באלאגערונג, האט
אויסגעפייפט אונזערע באליבטע דעלעגאטן: גאריבאלדין, הוגאן.
די פארשווערונג קעגן דער רעפובליק זעט מען באשיינפערלעך.
מען האט אנגעהויבן דערפון, וואס מען האט פארמאכט דאס מויל
דער פרעסע און פארענדיקן האט מען געהאפט מיט אנטוואפענען
אונזערע באטאליאנען. יא! מיר האבן זיך בלויז פארטיידיקט. ווען
מיר זאלן נאך בייגן די קעפ פאר דעם נייעם אופן פון שענדן
אונז, — וואלט די רעפובליק שוין אינגאנצן געווען פארלארן.
איר האט אונז דא גערעדט וועגן דער נאציאנאלער פארזאמלונג,
וועגן פראנקרייך. וואס שייך דער פארזאמלונג — האבן זיך שוין
אירע פולמאכטן געענדיקט; פראנקרייך ווידער — זיינען מיר ניט
אויסן איר צו דיקטירן אונזערע געזעצן — מיר האבן שוין
צופיל געליטן פון אירע תקנות, — אבער מיר ווילן ניט מער
ליידן קיין געפעלשטע דורך דער אדמיניסטראטיווער מאכט פלע=
ביסציטן, וואס שטעלן אוועק בראש פון דעם לאנד דארפישע רעאק=
ציאנערן. איר זעט, אז ס׳איז ניטא נאך וואס אויפצווייזן מיט
ראיות, וועלכע פולמאכטן עס זיינען געזעצלעכער. מיר זאגן אייך:
די רעוואלוציע איז פארגעקומען, אבער קיין אוזורפאטארן זיינען
מיר ניט. מיר רופן צונויף פאריז, אז עס זאל אויסקלייבן זיינע
פארשטייער. ווילט איר אונז העלפן דורכפירן די וואלן? וועלן
מיר די הילף אייערע אננעמען מיט דאנק!"

בשעת מען דערמאנט די אווטאנאמע קאמונע, די פעדע=
ראציע פון די קאמונעס, מישט זיך אריין מיליער. אים האט פאר=
פאלגט הן די רעגירונג פון דער אימפעריע, הן די רעגירונג פון

דער פאַרטיידיקונג, אים, דעם קעמפער פאַרן סאָציאַליזם, דעם קאַלטן, גלייכגעוויכטיקן, איינזייטיקן, מיט אַ טרויעריק געזיכט, אויף וועלכן עס פלאַמט אַמאָל בלויז אויף אַ פּייערל פון התלהבות. „היט אייך!“ — זאָגט ער, — „אויב איר וועט אַרויסהענגען די פאָן, וועט די רעגירונג אָנרייצן אויף פאַריז גאַנץ פראַנקרייך, — און איך זע פאָר אין דער צוקונפט שרעקלעכע יוני־טעג. די שעה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע האָט נאָך ניט אויסגעשלאָגן. מען דאַרף זיך פון איר אָפּזאָגן אָדער אומקומען און מיטשלעפּן אין דעם פאַלן אַלע פּראָלעטאַריער. פּראָגרעס ווערט דערגרייכט אויף אַ פאַמעלעכערן אופן. פאַרלאָזט־זשע דעריבער די הייכן, אויף וועלכע איר האָט אייך אויפגעהויבן. אייער אויפשטאַנד, וואָס איז היינט זיגרייך, קען מאָרגן ווערן באַזיגט. נוצט אויס די באַוועגונג וואָס בעסער און האָט ניט קיין מורא פאַר באַנוגענען זיך מיט ווייניק; איין הנחה איז אַ געווער אויף צו באַקומען אַ צווייטע. איך באַשווער אייך אָפּצוטרעטן אייער אָרט דער פאַרזאַמלונג פון די דעפּוטאַטן און מערן; אייער צוטרוי וועט ניט ווערן אָפּגענאַרט“.

עס טרעט אַרויס בורסיע: „היות מען האָט דאָס ערשטע מאָל דאָ דערמאָנט וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, מעלד איך, אַז מיר זיינען ניט באַפולמעכטיקט זי צו פאַרווירקלעכן (שטימען פונם קאָמיטעט: יאָ! יאָ! ניין! ניין!). מען האָט גערעדט וועגן דער פעדעראַציע, וועגן פאַריז, ווי וועגן אַ פרייער שטאָט. אונזער אויפגאַבע איז אַ סך אַ פּשוטערע, זי ווערט אויסגעשעפּט דורך די וואַלן. דאָס פאָלק וועט אַלזאָ אַליין באַשליסן וועגן זיין ווייטערדיקן גורל. די פאָדערונג אָפּצוטרעטן דאָס אָרט די דעפּוטאַטן און מערן לאָזט זיך ניט אויספירן. זיי זיינען ניט פּאָפּולער און האָבן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג קיין שום אויטאָריטעט ניט. די וואַלן וועלן פאָרקומען מיט זייער הילף אָדער אָן איר. ווילן זיי אונז העלפן, שטרעקן מיר זיי אויס די הענט. באָס ניט, וועלן מיר זיך באַגיין אָן זיי און אויב זיי וועלן זיך פּרוּוון אַנטקעגנשטעלן, וועלן מיר זיי קענען מאַכן אומשעדלעך“.

די דעלעגאַטן שטעלן זיך אַנטקעגן. דאָס מחלוקת ווערט שטורמיש. „אין וואָס־זשע באַשטייען סוף־כל־סוף אייערע פאָדע־

רונגען? — זאָגט קלעמאַנסאָ. וועט איר זיך ניט באַנוגענען מיט באַפּולמעכטיקן אונז צו פאָדערן ביי דער פאַרזאַמלונג צו גרינדן אַ מוניציפּאַלן ראַט?" אַ סך פונם קאָמיטעט: „ניין! ניין!" „מיר ווילן", — זאָגט וואַרלען, — „ניט בלויז אַ געוויילטן מוניציפּאַליטעט, נאָך אויך ערנסטע מוניציפּאַלע פרייהייטן, דאָס אָפּשאַפן די פּאָליציי־פּרעפעקטור; פאַר דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע — רעכט צו באַשטימען אירע קאָמאַנדירן און זיך צו רעאָרגאַניזירן. מיר פאָדערן צו פּראָקלאַמירן די רעפּובליק אַלץ געזעצלעכע מאַכט, שענקען לגמרי די חובות פון דירה־געלט, וואָס די אומפאַרמעגלעכע לאָקאַטאָרן זיינען שולדיק, אַ יושרדיק געזעץ וועגן די וועקסלען, פאַרווערן דעם מיליטער איבערצוטרעטן די פּאַריזער טעריטאָריע".

מאַלאָן מאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג: „איך טייל מיט אייך, מעגט איר מיר גלויבן, אַלע אייערע שטרעבונגען, די לאַגע איז אָבער אַן אומגעהייער געפערלעכע. ס'איז קלאָר, אַז די פאַרזאַמלונג וועט ניט וועלן אויסהערן קיין זאַך, כּל־זמן דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט זיין דער באַלעבאָס איבער פּאַריז. אויב פּאַריז וועט זיך אָבער אומקערן צו זיינע געזעצלעכע פאָרשטייער, קענען זיי באַקומען אַמאָל הן דעם מוניציפּאַלן ראַט, הן די וואַלן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און אַפילו דאָס מבטל מאַכן דאָס געזעץ וועגן די וועקסלען. וואָס שייך דער פאָדערונג וועגן דער אַרמיי, — קענען מיר ניט האָפן, אַז זי זאָל ווערן אויסגעפירט".

„הייסט עס, אַלזאָ, אַז איר ווילט אַ נייעם 31טן אָקטאָבער!"

דאָס מחלוקת דויערט ביז האַלב עלף, דער קאָמיטעט פאַרטיידיקט זיין רעכט דורכצופירן די וואַלן, די דעלעגאַטן ווידער — זייערע פאָדערונגען זיי צו פאַרבייטן. לסוף, איז דער קאָמיטעט מסכּים צו שיקן אין דער מעריע פונם 2טן קרייז פיר מאַן: וואַרלענען, כאַראַן, זשורדן און אַרנאָלדן.

זיי געפינען דעם גאַנצן גענעראַל־שטאַב פון ליבעראַליזם און ראַדיקאַליזם אין פולן קאָמפּלעט, דעפּוטאַטן, מערן און געהילף־מערן; דאָ איז פאַראַן לוי בלאַן, שעלכער, קאַרנאָ, פלאָקע, טיראַר, דעמאַרע, וואַטרען, דיובאַיל, אַן ערך אַ מאַן זעכציק. און דאָ האָט

די פאלקסזאך עטלעכע ערלעכע פארטיידיקער, אלע זיינען זיי אבער שטארק איבערגעשראקן פון דעם שפרונג, וואס איז געמאכט געווארן אין דער אומבאוואוסטקייט. עס פירט דעם פארזיץ דער מער פונם 2טן קרייז טיראר, א ליבעראל-א בעל-גאווה, איינער פון יענע, וואס האט געשמידט פאריז און עס איבערגעגעבן אין טראשום הענט אריין. ער האט פאר דער קאמיסיע פון די דארפישע רעאקציאנערן פארגעשטעלט אין אן ארומגעשניטענער און פאר-קריפלטער פארם דעם גאנג פון דער זיצונג, אויף וועלכער די בורזשואזיע האט אנטפלעקט איר גאנץ מיאוס וועזן. אט איז דער הוילער אמת.

די דעלעגאטן: „דער צענטראל-קאמיטעט איז גרייט זיך צו פאראייניקן מיטן מוניציפאליטעט, אויב דער לעצטער איז מסכים דורכצופירן וואלן". שעלכער, טיראר, פיירא, לוי בלאן און אלע ליבעראלן פה-אחד: „דער מוניציפאליטעט וועט ניט אריינגיין אין קיין שום באציונגען מיטן צענטראל-קאמיטעט. עס עקסיסטירט בלויז איין געזעצלעכע מאכט: די פארזאמלונג פון די מערן, וואס זיינען באשטימט געווארן דורך די רעגירונגס-דעלעגאטן".

די דעלעגאטן: „מיר וועלן זיך וועגן דעם ניט אמפערן. דער צענטראל-קאמיטעט עקסיסטירט. אונז האט באפולמעכטיקט די נאציאנאלע גווארדיע. דער שטאטראט איז אין אונזער האנט, ווילט איר מאכן וואלן?"

— אבער וואסער פראגראם האט איר?

וואלען אנטוויקלט עס. מען פאלט אויף אים אן פון אלע זייטן. פיר פערזאן זיינען מחוייב אויסצושטיין א דראנג פון צוואנ-ציק. דער שטארקסטער מאטיוו פון די אלטע מורדים פון די 1830, 1848 און 1870 איז דאס, וואס פאריז קען ניט אליין בא-שטימען זיינע וואלן און מוז ווארטן אויף אן ערלויבעניש מצד דער פארזאמלונג.

די דעלעגאטן: „דאס פאלק האט רעכט זיך צונויפצורופן. דאס איז זיין רעכט, בנוגע וועלכן עס קענען קיין שום ספקות ניט זיין און עס האט ניט איינמאל שוין אין די טעג פון גרויסער

סכנה זיך דערמיט באנוצט. עס איז איצט אויך געקומען אזא שעה, מחמת די פארזאמלונג אין ווערסאל שטרעבט צו א מאנארכיע".

א גאנצער רעגן פון קעגנזייטיקע באשולדיקונגען: — „איר שטייט פאר א קראפט", — זאגן די דעלעגאטן. — „היט אייך ארויסצורופן א בירגער-מלחמה מיט אייער עקשנות". „דאס ווילט איר א בירגער-מלחמה", — ענטפערן די ליבעראלן.

האלבע נאכט גייען מארא מיט ארנאלדן אוועק אין כעס. זייערע מיטברידער זיינען גרייט מיטצוגיין, די געהילפן פון די מערן בעטן זיך אבער רחמים זיי זאלן בלייבן, כדי אלע מיטלען פון שליסן א שלום זאלן ווערן אויסגענוצט.

„מיר זאגן צו", — זאגן א טייל מערן און דעפוטאטן, — „אנצווענדן אלע אונזערע כוחות זיך צו דערשלאגן מצד דער רעגירונג מוניציפאלע וואלן אין דעם קירצסטן טערמין". „זייער גוט", — ענטפערן די דעלעגאטן, — „מיר וועלן אבער בלייבן ביי אונזערע פאזיציעס, מיר מוזן האבן אן ערבות". די דעלעגאטן און די מערן שפארן זיך איין, פאדערן, אז פאריז זאל זיך אפגעבן צו זיי אין די הענט אריין אויף זייער ערנווארט. זשורד וויל אוועקגיין, אבער עטלעכע געהילפן פון די מערן האלטן אים אפ. איין רגע דאכט זיך, אז א הסכם איז מעגלעך; עס ווערט פארגעלייגט אזא מין פארמול: „דער קאמיטעט וועט איבערגעבן די אדמיניסטראטיווע מאכט די מערן, וואס וועלן פארנעמען א טייל שטאטראט; דער קאמיטעט, וואס וועט ווייטער דארטן בלייבן, וועט האלטן ביי זיך אין די הענט בלויז די אנפירונג פון דער נאציאנאלער גווארדיע און די זיכערהייט-שוץ פון דער שטאט. עס בלייבט בלויז איבער צו פארפעסטיקן דעם הסכם אין א געמיינזאמער פראקלאמאציע, — אבער דא צעפלאקערט זיך אויפדאסניי דער סיכסוך, בעת מען טרעט צו צו פארמולירן דעם ענין. די דעלעגאטן פונם צענטראל-קאמיטעט ווילן, עס זאל פראסטפשוט געזאגט ווערן: „די דעפוטאטן, מערן און זייערע געהילפן, בהסכם מיטן צענטראל-קאמיטעט". די דאזיקע הערן אבער ווילן באהאלטן זייער ארויסטריט. טיראר, שעלכער טרעטן ארויס קעגן די דעלעגאטן. אגב קומט פאר א קאמישער עפיזאד. פלוצלונג

הייבט זיך אויף אויף זיינע קליינטשינקע אפּזאצלעך, ווי א קוקו, וואס שפּרינגט ארויס פון א זייגער, לוי בלאַן, וואס האט די גאנצע צייט געשוויגן, הייבט אן גוואלדיק צו זשעסטיקולירן, קערט זיך אום צו זיינע מאנירן פונם 16טן מערץ פון 48טן יאר און שרייט אויס א קללה: „איר זייט אויפגעשטאנען קעגן דער פריי־געוויילטער נאציאנאלער פארזאמלונג", — דאס זיינען געווען טיערס ווערטער — „מיר זיינען געזעצלעכע באפולמעכטיקטע, מיר קענען ניט מסכים זיין צו פאראייניקן זיך מיט די מורדים. מיר ווילן זייער שטארק פארכאפּן, ס'זאל ניט קומען צו קיין בירגער־מלחמה, מיר ווילן אבער ניט זיין אייערע געהילפן אין פראנקרייכס אויגן". זשורד ענטפערט דעם מענטשל, אז אן אפמאך, וואס דארף אויפ־גענומען ווערן אפן, דארף געמאכט און אנערקענט ווערן אפן און, נאכ־דעם ווי ער איז זיך מייאש אינם ערפאלג, פארלאזט ער די פארזאמלונג.

צווישן דער בלום פון דער ליבעראלער בורזשואזיע, אמאליקע גלות־לייט, אדוואקאטן, אלטע רעוואלוציאנערן, האט זיך ניט גע־פונען קיין איין אומצופרידענע שטים: „לאמיר מאכן א סוף צו דעם שטארקן מחלוקת, איר, דער צענטראלער קאמיטעט, זייט מסכים מיט פאריז, און מיר, צו וועלכע עס הערט זיך צו דאס רעפּובליקאנישע פראנקרייך, וועלן פעסטשטעלן און פונאנדער־טיילן אונזערע קעגנזייטיקע פאדערונגען. איר ברענגט מיט זיך קראפט, באגייסטערונג; מיר וועלן אייך געבן די ערפארונג פון דער אומברחמנותדיקער ווירקלעכקייט. מיר וועלן וועגן דעם מודיע זיין דער פארזאמלונג, וועגן אט־א־דעם פּראקטישן אליאנס, וואס נעמט גלייך אין אכט די רעכט פון דער שטאט און פונם גאנצן פאלק. און בעת פראנקרייך וועט דערזען דאס אויפגעשטאנענע פאריז, אין וועלכן די אידעע און די מאטעריעלע קראפט זיינען גלייך, אין וועלכן די נאציאנאלע גוואַרדיע... וואס זיינען פול מיט כוחות, האבן זיך פאראייניקט מיט אלטע געאכפערטע נעמען, שאפנדיק אזוי ארום א זיכערן פאנצער קעגן די ראיאליסטן און קלעריקאלן — וועט די שטים פון פאריז זיך דערהערן אין ווערסאל און די פארזאמלונג וועט געצוואונגען זיין זיך בייגן פאר זיין ווילן". וואס האבן אבער די מענטשעלעך, וועלכע האבן ניט געהאט גענוג מוט

אין זיך ארויסצורייסן פאריז פון טראשום הענט, געקענט שוין געבן.

ווארלען, אן איינזאמער, האט איצט געמוזט אויסהאלטן דעם דראנג פון דער גאנצער כנופיא. א פארמאטערטער, אן כוחות — דער קאמף האט געדויערט פינף שעה — טרעט ער סוף־כל־סוף אפ מיט כלערליי תירוצים. ערשט אויף דער לופט באהערשט אים צוריק זיין געוויינלעכער שכל־הישר און נאכדעם ווי ער קומט צוריק אין שטאטראט אריין, זאגט ער צו זיינע חברים, אז איצט האט ער גלענצנד תופס געווען די גאנצע קונץ פון דער פאסטקע און ער ראט זיי אפצוווארפן די פארערונג פון די מערן און דעפוטאטן.

פינפטער קאַפּיטל

„איך האָב געמיינט, אַז די
פּאַריזער מורדים וועלן ניט מסוגל
זיין צו פירן זייער שיף".
(זשול פאַוור. די אַנקעטע
וועגן דעם 18טן מערץ).

דער צענטראַל־קאָמיטעט לאָזט וועגן זיך הערן, רעאָרגאַ־ניזירט די געזעלשאַפטלעכע אַמטן און באַהערשט פּאַריז.

צו קיין הסכם איז ניט געקומען. פון די פיר דעלעגאַטן האָט אָפּגעטראָטן בלויז איינער און דערצו אין דער לעצטער רגע, צוליב זיין גרויס מידיקייט. ובכן זיינען דער מער באַנוואַלע מיט צוויי געהילפן געקומען פאַרנעמען דעם שטאַטראַט. די מיטגלידער פונם קאָמיטעט האָבן אָבער תיכּף ביי זייער אַריינקום, דעם 20טן אינדערפרי, אויסגעשריען פּה־אחד: „מיר האָבן מיט אייך קיין אָפּמאַכן ניט געשלאָסן!" באַנוואַלע זאָגט: „די דעפּוטאַטן וועלן היינט פאָדערן מוניציפּאַלע פרייהייטן; די מערן וועלן זיי אונטערשטיצן. זייערע אונטערהאַנדלונגען וועלן קיין שום רעזולטאַטן ניט ברענגען, אויב דאָס פאַרוואַלטן איבער פּאַריז וועט ניט אומגעקערט ווערן צוריק די מערן. איר מוזט היטן די התחייבותן פון אייערע דעלעגאַטן, אויב איר ווילט ניט מאַכן, אַז אַלע באַמיִונגען אייך מציל צו זיין זאָלן ניט גיין לאיבוד". דער קאָמיטעט: „אונזערע דעלעגאַטן זיינען ניט באַפולמעכטיקט אָנצוּוואַרפן אונדז התחייבותן. מיר ווילן ניט מען זאָל אונדז מציל זיין!" עס נעמט אַ וואָרט אַן אומבאַקאַנטער מענטש, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט אַריין: „איך בין פון קאָרדערי. דער קאָמיטעט פון די צוואַנציק קרייזן, דער אינטערנאַציאָנאַל באַשווערן דעם צענטראַל־קאָמיטעט

למען־השם צו בלייבן אויף דער וואך ביז די וואלן". א צווייטער זאגט: „אויב דער קאמיטעט וועט אפטרעטן זיין ארט, וועט די רעוואלוציע זיין אנטוואפנט. מיר וועלן בלייבן, איך פראטעסטיר אבער קעגן דעם אריינמישן זיך פון קארדערי. אונז קען באפעלן בלויז די נאציאנאלע גווארדיע. אויב דער אינטערנאציאנאל איז היינט מיט אונז, טארן מיר אבער ניט פארגעסן, אז ניט תמיד איז אזוי געווען".

דער סיכסוך הייבט זיך ווידער אן. באנוואלע מעלדעט, אז ער איז געקומען פארנעמען דעם שטאטראט און ניט פירן קיין מחלוקת, און גייט אוועק.

זיין עקשנות באשטעטיקט שוין גאר אלע חשדים. הינטער די פלייצעס פון די מערן האט דער קאמיטעט געזען די גאנצע אכזריותדיקע רעאקציע, וואס האט זיך אנגערוקט. „די דאזיקע מענטשן ווילן אונז ארויסגעבן", — האבן געטראכט אפילו אלע, וואס זיינען א טאג פריער גרייט געווען שלום צו שליסן. ווי די מעשה זאל ניט זיין, איז פאדערן פונם קאמיטעט ארויסצוגעבן דעם שטאטראט געווען גלייך, ווי פאדערן פון אים דאס לעבן. סוף־כל־סוף האט ער זיך אפגעשניטן אלע וועגן.

דער „אפיסיעל" איז דאס ערשטע מאל געווען אין די הענט פונם פאלק, די מודעות האבן אנגעהויבן ריידן:

„די וואלן אינם מוניציפאל־ראט וועלן פארקומען דעם קומענדיקן מיטוואך, דעם 22טן מערץ" — האט געמאלדן דער צענטראל־קאמיטעט. און אין מאניפעסט: „אלס קינד פון דער רעפובליק, וואס האט אויף איר פאן אויפגעשריבן דאס גרויסע ווארט: „ברידערלעכקייט", איז ער מוחל אלע רכילות־לייט זייערע חטאים, ער וויל אבער קלאר מאכן דעם ענין פאר ערלעכע לייט, וואס האבן מחמת אומווּיסן אנגעהויבן אין די רכילות צו גלייבן...

דער קאמיטעט איז ניט געווען קיין געהיימער, זיינע מיטגלידער האבן תמיד ארויסגעשטעלט זייערע נעמען אויף די מודעות. דער קאמיטעט איז ניט געווען קיין כאפטע אומבאקאנטע מענטשן, מחמת ער איז באשאפן געווארן פון פרייע וואלן פון צוויי הונדערט און פופצן באטאליאן... ער איז ניט שולדיק געווען אין די אומ־

רוען. מחמת די נאציאנאלע ארמיי האט קיין גוואלדטאטן ניט אפגעטאן... און דאך האבן קיין פראוואקאציעס ניט געפעלט... די רעגירונג האט בארעדט פאריז, וואס אין דער קארט שטייט, און אויפגעהעצט קעגן אים די גאנצע פראווינץ... זי האט געוואלט אונז אנווארפן א גענעראל... זיך באמיט אונז צו אנטוואפענען... האט געזאגט צו פאריז: „דו האסט זיך ארויסגעוויזן אלס העלד, מיר האבן פאר דיר מורא און דעריבער רייסן מיר אראפ פון דיר דעם קראנץ פון קרוינשטאט"... וואס-זשע האט אויף די אנפאלן געענטפערט דער צענטראל-קאמיטעט? ער האט געגרינ-דעט א פעדעראציע, האט געפריידיקט מעסיקייט, גרויסמוט... דער גרעסטער פארוואורף איז געווען, וואס אונזערע נעמען זיינען געווען אומבאקאנט. הם! א סך נעמען זיינען אונז געווען באקאנט, גוט באקאנט, און די דאזיקע באקאנטשאפט איז פאר אונז געווארן א גורל-זאך... זיך קונה-שם זיין איז זייער א לייכטע זאך: ס'איז גענוג עטלעכע מליצות און א ביסל נידערטרעכטיקייט דערויף, — די בעסטע ראיה דערצו איז דער נאענטער עבר... נאכדעם ווי מיר האבן דערגרייכט דעם ציל, האבן מיר געזאגט צום פאלק, וואס האט אונז אויף אזוי פיל געשעצט, אז עס האט זיך אונ-טערגעווארפן אונזער מיינונג, הגם מיר האבן זייער אפט אפגע-האלטן זיין אומגעדולד: „מיר גיבן דיר צוריק די פולמאכטן, וואס דו האסט אונז געגעבן; דארט, וואו עס הייבן זיך אן אונזערע פערזענלעכע אינטערעסן, ענדיקט זיך אונזער חוב; דערפיל דיין ווילן, מיין הער! דו האסט זיך באפרייט. אומבאוואוסטע מיט עטלעכע טעג צוריק, וועלן מיר צוריק אומבאקאנט זיך אומקערן אין דיינע רייען און דערוויזן די רעגירונג, אז מען קען מיט א שטאלץ-אויפגעהויבענעם קאפ אראפ פון די טרעפ פון שטאט-ראט, מיט דער האפענונג, אז אונטן וועט דיך באגעגענען דאס דריקן פון דיין שטארקער און ערלעכער האנט".

אין איין ריי מיט דער דאזיקער פראקלאמאציע, וואס איז פול געווען מיט אזוי פיל נייער אייגנארטיקער מליצה, האבן די דעפוטאטן און מערן צעקלעפט עטלעכע טרוקענע און בלאסע שורות, אין וועלכע זיי האבן מבטיח געווען צו פאדערן פון דער

פארזאמלונג וואלן פון אלע קאמאנדירן פון דער נאציאנאלער גווארדיע און דאס איינשטעלן א מוניציפאל-ראט.

אין ווערסאל האבן זיי געפונען א חברה משוגעים. די באמטע, וואס זיינען אנטלאפן פון אונטער דער מאכט פון טעראר פון פאריז, האבן פארשפרייט שרעקלעכע קלאנגען. מען האט דערציילט וועגן פינף צי זעקס אויפשטאנדן אין דער פראווינץ. די קאאליציע איז געווען פול מרה-שחורה. פאריז — דער זיגער, די רעגירונג — געמאכט פליטה, דאס איז גאר עפעס אנדערש פון דער הבטחה. די דאזיקע פארשווערער, וואס זיינען אויפגעריסן געווארן דורך דער מינע, וועלכע זיי אליין האבן אנגעלאדן און אונטערגעצונדן, האבן געשריען וועגן פארשווערונג, געגרעדט וועגן דעם אנטלויפן אין בורזש. פיקאר האט, אמת, טעלעגראפירט אין דער פראווינץ: „די ארמיי, אין באשטאנד פון פערציק טויזנט מאן, ווערט אראפגעצויגן צו ווערסאל צו", — אנשטאט דער ארמיי האבן זיך אבער אנגעטראפן בלויז באנדעס, — ווי זשול סימאן האט זיך אויסגעדריקט, — וואס האבן אגב שוין אפילו ניט סאלוטירט די אפיצירן, וועלכע האבן אויף זיי געקוקט מיט באסט. עס זיינען געווען זעלנער, וואס האבן בפני כל עם ועדה געלאזט הערן, אז זיי זיינען גרייט צו קעמפן מיט זייערע פאריזער ברידער. * מיט גרוים מי האט זיך ווינוא בלויז איינגעגעבן צו צעשטעלן אויף די וועגן אין שאנטיליאן און סעוור עטלעכע וואכן.

די נאציאנאלע פארזאמלונג, וואס איז צונויפגעשטעלט געווארן פון בוטאפארישע עפעקטן, האט תמיד געארבעט אויף טעאטער-ברעטער, די איצטיקע זיצונג איז אפילו פארגעקומען אין א טעאטער-זאל. דער פרעזידענט גרעווי, וועלכן די רעאקציאנערן האבן שטארק געאכפערט (דעם 4טן סעפטעמבער אינאווונט האט ער זיך באמיט אויפצוהעצן דאס גרוזעצגעבערישע הויז קעגן שטאטראט און האט אין משך פון דער גאנצער מלחמה געקעמפט קעגן דער דעלעגאציע), — האט אנגעהויבן פון אנפאלן אויף דער פארברעכערישער מרידה, „וועלכע האט ניט קיין שום פארענט-

---

* זשול פאוור. די פארלאמענטארישע אנקעטע.

פערונג". אנשטאט א קאלעקטיוון מאניפעסט, האבן די פאריזער דעפוטאטן פארגעלייגט א ריי אפגעריסענע באשלוסן, וואס האבן זיך איינס צו דאס אנדערע ניט געקלעפט, אן אן אלגעמיינעם קוק, אן א הקדמה, וואס וואלט זיי קלאר געמאכט. איין פראיעקט לייגט פאר צונויפרופן די פאריזער וויילער אין גאר א קורצן טערמין, א צווייטער — באשטעטיקט דאס רעכט אויסצוויילן קאמאנדירן פאר דער נאציאנאלער גווארדיע. בלויז איין מיליער האט דערמאנט וועגן די צאל-טערמינען און האט פארגעלייגט זיי אפצולייגן אויף זעקס חדשים.

אחוץ אויסרופן און האלב פארטויבטע זילזולים אויפן אדרעס פון פאריז האט מען נאך קיין פארמעלע תביעה ניט געפאדערט. אויף דער אוונט-זיצונג איז ארויסגעטראטן טראשו און — א, די סצענע איז ווערט שעקספיר זאל זי באשרייבן! — דער דאזיקער מנוול, וואס האט איבערגעגעבן די גרויסע שטאט אין ווילהעלמס הענט אריין, — ווארפט ארויף די גאנצע בגידה אויף די רעוואלוציאנערן, באשולדיקט זיי, אז זיי האבן אמאל צען ריזיקירט, פאריז זאל ניט ארייננפאלן צו די פרייסן אין די הענט אריין. די דאנקבארע פארזאמלונג האט זיין רעדע באגעגנט מיט אפלאדיסמענטן, דער געוועזענער פראקוראר טיורקע, וואס איז מיט א טאג פריער געווען א שעה ארעסטירט, האט דערציילט וועגן דעם ארעסט פון די גענעראלן שאנזי און לאנגוריאן. „איך האף, אז זיי וועלן ניט געטויט ווערן!" — האט געזאגט דער דאזיקער צבועק.*

אין דער דאזיקער קריטישער שעה האבן די קאנסערוואטארן, וועלכע האבן א ווײַלע זיך אפגעריסן פון זייערע טרוימען, זיך שנעל גענומען באפרייען פון דער רעוואלוציע; זיי האבן ארומגערינגלט טיערן, באנייט די קאאליציע פון 1848 — 1849, וועלכע בעריע האט אזוי גוט כאראקטעריזירט:

* ביידע גענעראלן זאגן עדות אין דער פארלאמענטארישער אנקעטע, אז מען אי זיך מיט זיי זייער איידל באגאנגען. נאכדעם, ווי די הבטחה ניט צו דינען קעגן פאריז איז געווארן שריפטלעך באשטעטיקט דורך שאנזי, האט דער צענטראל-קאמיטעט זיי געלאזט פריי.

„מיר זיינען קודם־כל מאנארכיסטן און וואַרטן בלויז, ווען אונזער שעה וועט שלאָגן, איצט אָבער איז וויכטיק צו פּאַראַי־ניקן זיך, כּדי צו שאַפן אַ שטאַרקע ארמיי, וואָס איז מסוגל אָפּצו־שלאָגן דעם סאָציאַליזם". ובכן האָט טיער מיט זיינע מיניסטאָרן, וואָס האָבן נאָר־וואָס געהאַט מציל געווען זייערע פּעלערבלעך, זיך ווידער געקענט פאַרנעמען מיט זייער „הויכער" מיסיע. וועט די פּראָווינץ דען ניט קומען זיי צו הילף, ווי אין יוני 1849? וועלן דען די פּראָלעטאַריער אָן פּאָליטישער בילדונג, אָן אַדמיניסטראַציע, אָן געלט — קענען „פּאַררעכטן זייער שיף?"

אין יאָר 1831 האָבן די פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען אין ליאָן געווען ביי דער מאַכט אין משך פון צען טעג, ניט געקענט זיך קיין עצה געבן מיט דער מאַכט, — היינט ווי אַזוי־זשע וועלן זיי זיך אַן עצה געבן אין פּאַריז?! אַלע נייע מאַכטן האָבן געפּלעגט באַקומען די ריזיקע אַדמיניסטראַטיווע מאַשין אַ ניט־געררירטע און גרייטע צו אַרבעטן לטובת דעם זיגער. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געפונען די רעדער צענומען. לויט אַ סיגנאַל פון ווערסאַל האָבן דאָס רוב באַאַמטע פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס. די שטאָט־שטייערן, די השגחה איבער די וועגן, דער באַלייכטונג, די מערק און די לאַגערס, די געזעלשאַפטלעכע צדקה־אַנשטאַלטן, אַלע פאַרדיינונגס־און אָטעם־אָרגאַנען פון דער שטאָט מיט 1.600.000 נפשות — דאָס אַלץ האָט מען באַדאַרפט אָרגאַניזירן. אַ טייל מערן האָבן מיטגעפירט מיט זיך די חתימות, די חשבונות און די קאַסעס פון זייערע מעריעס. דאָס מלחמה־מיניסטעריום איז פאַרלאָזן אָן אַ פּרוטה, אין די שפּיטעלער און אַמבולאַטאָריעס איז פאַראַן 6.000 חולאים. ביז די היטער פון בית הקברות איינגעשלאָסן איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס איז אַדאַנק טיערן ניט געוואָרן צעדרייט.

ווי איז צו דעם, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקענט די קראַפט פון פּאַריז, די אומגעהייערע טיפקייט פון זיין געפיל, זיין וואונדער־לעכע שטייפקייט. פון אַלע זייטן איילט מען אינעם צענטראַל־קאָמי־טעט. די קרייז־קאָמיטעטן שטעלן צו אַ פּערסאָנאַל פאַר די מעריעס,

די קליין=בורזשואזיע לייגט פאר איר פראקטישע דערפארונג. די הויפט=אמטן ווערן בהרף=עין באזעצט מיט טיכטיקע און פארשטענדיקע מענטשן, וואס האבן דערוויזן, אז די דאזיקע מעלות זיינען גלייך צו רוטין. די באאמטע, וואס זיינען געבליבן אויף די פאסטנס כדי אריבער=צופירן די געלט=פאנדן אין ווערסאל, זיינען אינגיכן אנטדעקט געווארן.

דער צענטראל = קאמיטעט איז מנצח נאך איינע, א סך א שטארקערע סכנה. 300.000 ארבעטסלאזע, און שום מיטלען צו עקסיסטירן, ווארטן טאג=טעגלעך אויף די 30 סו, פאר וועלכע זיי לעבן שוין אזוי 7 חדשים צייט. דעם 19טן קומען די דעלע=גאטן ווארלען און זשורד אין פינאנץ=מיניסטעריום. אין די שטאט=קאסעס איז דעמאלט געווען פיר מיליאן מיט זעקס טויזנט פראנק, די שליסלען זיינען אבער געווען אין ווערסאל. צוליב די אונטער=האנדלונגען מיט די מערן, ווילן די דעלעגאטן ניט ברעכן קיין שלעסער, און ווענדן זיך צו ראטשילדן מיט א בקשה, אז ער זאל פאר זיי עפענען א קרעדיט אין דער באנק. ער הייסט זיי ענטפערן, אז ער וועט ארויסגעבן 500.000 פראנק. דער צענטראל=קאמיטעט נעמט זיך ענערגיש פאר דער ארבעט און שיקט אין באנק אריין דריי דעלעגאטן, וועלכע מען זאגט, אז עס וועט איבערגעגעבן ווערן צו דער דיספאזיציע פון זשורדן און ווארלענען א גאנצער מיליאן פראנק. זעקס א זייגער אינאוונט ווערן ביידע דעלעגאטן אויפגענומען פון פארוואלטער. „איך האב געווארט אויף אייער קומען", — זאגט הער רוילאן, — „ביי יעדער חילוף פון א רעגירונג קומט די באנק צו הילף דער נייער מאכט. איך בין ניט בארופן צו משפטן וועגן די געשעענישן. די פראנצויזישע באנק פארנעמט זיך ניט מיט קיין פאליטיק. די פאקטישע רעגירונג — זייט איר. אויף היינט אסיגנירט אייך די באנק א מיליאן. זייט בלויז אזוי גוט צו דערמאנען אין אייער קבלה, אז די סומע איז געפאדערט געווארן אויפן חשבון פון דער שטאט". די דעלעגאטן טראגן אוועק דעם מיליאן פראנק אין באנקנאטן; מען דארף זיי אויסטוישן, — די באאמטע פונם פינאנץ=מיניסטעריום זיינען אבער נעלם געווארן; בלויז אדאנק עטלעכע פון זיי, וואס זיינען געווען אנהענגער פון דער נייער מאכט, געלינגט די סומע צו רעאליזירן. צען א זייגער

זיינען ווארלען און זשורד מודיע דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אַז אין אַלע קוואַרטאַלן ווערט געטיילט שבירות. *

די באַנק האָט געהאַנדלט קלוג. דער קאָמיטעט האָט זיך פעסט איינגעשטעלט אין פּאַריז. די מערן און די דעפּוטאַטן זיינען בכוח געווען צונויפצוזאַמלען קוים פון 300 ביז 400 מאַן. דער קאָמיטעט איז אויף אַזוי פיל געווען זיכער אין זיינע כוחות, אַז ער האָט געהייסן צענעמען די באַריקאַדעס. אַלץ גייט צו אים: דער גאַרניזאָן פון ווענסען ליגט פריוויליק זיך פאַר צוזאַמען מיט דער פעסטונג. זיין נצחון ווערט שוין אַפילו געפערלעך, מחמת ער פאַרפליכט אים צו צעטיילן זיין מיליטער, כדי צו פאַרנעמען די פאַרלאָזענע דרומדיקע פּאָרטן.

דעם 19טן און 20טן הייסט לוליע, אויף וועלכן מען האָט אַרויפגעלייגט די מיסיע, פאַרנעמען די פאָרטן ד'איוורי, ביסעטר, מאָנרוזש, וואַנוו, איסי. דער לעצטער ווערט פאַרנומען מאָן־וואַלעריאַן, דער דאָזיקער שליסל פון פּאַריז, ובכן אויך פון ווערסאַל. דעם 18טן אינאָוונט, נאָך טיערס באַפעל זיך צו עוואַקויִרן, האָט מען דאָרט איבערגעלאָזט בסך־הכל צוואַנציק ביקסן מיט ווענסענער יעגער־לייט, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן פאַר זייער מאַניפעסטירן ביי באַסטיליע. דעמזעלבן אָוונט האָבן זיי אויפגעבראָכן די שלעסער און זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. די גענעראַלן און דעפּוטאַטן בעטן זיך ביי טיערן ווידער צו פאַרנעמען מאָנוואַלעריאַן. ער זאָגט פאַרעקשנט אָפּ, באשר די פעסטונג האָט כלומרשט ניט קיין שום סטראַטעגישע באַדייטונג. דעם גאַנצן 19טן ליידן זיי מפּלות. לסוף צווינגט אים ווינוא, וואָס ווערט

---

* די לינקע האָבן איינגעזען אין דעם אַ באָנאַפּאַרטיסטישן מאַנעוור; זיי האָבן געשריבן און געשריען פון דער טריבונע: „דער באָנאַפּאַרטיסטישער דירעקטאָר פונם פראַנצויזישן באַנק האָט מציל געווען דעם צענטראַל־קאָמיטעט! אָן דעם מיליאָן, וועלכן ער האָט מאָנטאָג באַקומען, וואָלט ער זיך געווען אונטערגעגעבן". אַלס ענטפער קענען דינען צוויי פאַקטן: דעם 19טן האָט דער קאָמיטעט נעקענט נעמען אין פינאַנץ־מיניסטעריום 1.600.000 פראַנק, אַחוץ דעם, איז אין דער שטאָט־קאַסע געווען 1.200.000 פראַנק; דעם 21טן האָבן די שטאָט־שטייערן געגעבן אַ האַלבן מיליאָן פראַנק.

צוגעדריקט צו דער וואנט דורך די דעפוטאטן, ארויסצוגעב א באפעל דעם 20טן, איינס א זייגער בייטאג. אן אפטיילונג, וואס איז אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל נאעל ארויסגעשיקט געווארן און וואס האט לויט זיין הבטחה אן שום ספק געזאלט בייטן זיין אופן פון שיסן, פארנעמט די פעסטונג דעם 21טן, צוועלף א זייגער. ערשט צו אוונט צו, אכט א זייגער, קומען אן באטאליאנען פון טערן. אלס פארלאמענטאריער דינט דער קאמענ־דאנט אליין; ער זאגט, אז ער האט ניט קיין באפעל אנצופאלן און אים געלינגט איבערצוציען די אפיצירן, אז זיי זאלן אפטרעטן. דערווייל האט לוליע, וואס האט אפגעגעבן א באריכט דעם צענטראל־קאמיטעט, אנגערופן אויך די יעניקע באטאליאנען, וועלכע האבן, לויט זיינע ווערטער, פארנומען די מאן־וואלעריאנער פעסטונג.

זעקסטער קאַפּיטל

„דער געדאַנק, אַז איך דאַרף
זיין אַן עדות פון אַ בלוט-באַר,
האָט מיר פאַרשאַפט יסורים".

(זשול פאַוור. — אַנקעטע
וועגן 4טן סעפטעמבער).

די מערן, די דעפּוטאַטן, די זשורנאַליסטן, די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג — אַלע וואַרפן זיך אויף פּאַריז. — די רעאַקציע קומט אויפן וואַנדאָמער פּלאַץ און באַקומט איר פּסק.

דעם 21טן ווערט די לאַגע זייער קלאָר.

אין פּאַריז — איז דער צענטראַל-קאָמיטעט, מיט אים זיינען אַלע אַרבעטער, אַלע אָרנטלעכערע און באַוואוסטזיניקע עלעמענטן פון דער קליין-בורזשואַזיע. ער זאָגט: „איך האָב בלויז איין ציל: וואַלן. איך נעם צו יעדע הילף, איך פאַרלאָז אָבער דעם שטאָט-ראַט ניט פריער ווי די וואַלן וועלן ווערן אינגאַנצן דורכגעפירט".

אין ווערסאַל — איז די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג. אַלע מאָנאַר-כיסטן, די גאַנצע העכערע בורזשואַזיע, אַלע פעאָדאַלן.

זיי שרייען: „פּאַריז — איז די נעסט פון מורדים, דער צענטראַל-קאָמיטעט — אַ כאַפּטע רויבער".

צווישן פּאַריז און ווערסאַל — עטלעכע דעפּוטאַטן, מערן, זייערע געהילפן. אַרום זיי דרייען זיך בורזשואַ, ליבעראַלן — די דערשראָקענע טשערעדע, וואָס מאַכט אַלע רעוואָלוציעס און נעמט אויף די אימפּעריע. די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג פאַראַכט זיי, דאָס פאָלק האָט צו זיי ניט קיין צוטרוי, און זיי שרייען צום צענטראַל-

קאמיטעט: „אוזורפאטארן!", צו דער נאציאנאל-פארזאמלונג: „איר וועט אלץ אומברענגען!"

דער 21טן מערץ וועט בלייבן אין זכרון, מחמת דעמאלט טאקע האבן זיך דערהערט די אלע קולות.

דער צענטראל-קאמיטעט מעלדעט: „פאריז איז ווייט פון אפטיילן זיך פון פראנקרייך; פאר איר האט ער געדולדעט די אימפעריע, די רעגירונג פון נאציאנאלער פארטיידיקונג, אלע אירע בגידות און אלע אירע געמיינקייטן. היינט טראכט ער אפילו ניט עס צו פארלאזן, נאר זאגט צו אים, ווי אן עלטערער ברודער: „קען זיך האלטן, ווי איך, טרעט ארוים קעגן אונטערדריקונג, ווי עס טרעט ארוים איך". דער „אפיסיעל" זאגט דאס ערשטע מאל אין איינעם פון זיינע גלענצנדע ארטיקלען, אין וועלכע מארא, ראזשאר, לאנגע מאכן קלאר די באדייטונג פון דער נייער רעוואלוציע:

„די פראלעטאריער פון דער הויפטשטאט האבן אין דער רגע פון שוואכקייט און בגידה פון די רעגירנדיקע קלאסן תופס געווען, אז עס איז געקומען די צייט צו ראטעווען די לאגע דורך נעמען אין זייערע הענט דאס אנפירן מיט די געזעלשאפטלעכע ענינים... זיי האבן נאר וואס איבערגענומען די מאכט און שוין איילן זיי זיך צונויפצורופן דאס פאלק פון פאריז אין וואל-פארזאמלונגען... אין דער געשיכטע איז ניטא קיין ביישפיל פון א צייטווייליקער רעגירונג, וואס זאל אזוי זיך איילן צו לייגן די פולמאכטן... צוליב אזא אויפפירן זיך אן שום פניות, אנטשטייט ניט-ווילנדיק א פראגע, ווי אזוי קען די פרעסע באשיטן מיט זילזולים, לשון-הרע און רכילות אזעלכע בירגער? די ארבעטער, את-א-די, וואס פראדוצירן אלץ און האבן פון קיין זאך ניט קיין הנאה... שוין-זשע וועלן זיי תמיד... זיין א קעגנשטאנד פאר באליידיקונגען? שוין-זשע וועט מען זיי קיינמאל ניט ערלויבן צו ארבעטן אויף זייער באפרייונג, ניט אויפהייבנדיק קעגן זיך א גאנצן כאר טויטע קללות?... שוין-זשע וועט די בורזשואזיע, זייער עלטערע שוועסטער, וואס האט זיך מיט דריי פערטל יארהונדערט צוריק באפרייט, ניט פארשטיין, אז ס'איז געקומען די צייט, דער פראלעטאריאט זאל זיך שוין אויך

באפרייען?.. צו וואס=זשע זאגט זי אזוי עקשנותדיק אים אפ אין זיין געזעצלעכער זאך?

דאס איז געווען די ערשטע סאציאליסטישע ערקלערונג פון דער רעוואלוציע, א טיף=אמתדיקע, רירנדיקע און פאליטישע. די באוועגונג, וואס האט תחילת געטראגן א כאראקטער פון רעפובּ=ליקאנישער שוץ, האט באקומען א סאציאליסטישע פארפארבונג בלויז אדאנק דעם, וואס עס האבן מיט איר אנגעפירט ארבעטער.

דעמזעלבן טאג האט דער קאמיטעט פארבאטן צו פארקויפן זאכן, וואס זיינען געווען פארזעצט אין לאמבארד, האט אויף א חודש פארלענגערט די צאלונגען, פארווערט די באלעבאטים ארויסצוווארפן זייערע לאקאטארן אזש ביז א נייער פאראָרדענונג. מיט דריי שורות האט ער איינגעשטעלט יושר, באזיגט ווערסאל און איינגענומען פאריז.

בפני כל עם ועדה, וואס האט זיך זעלבסטבאשטימט אין זיין פראגרעסיווער באוועגונג, מעלדן די דעפוטאטן און מערן אט= וואס: „מען דארף ניט קיין וואלן, אלץ גייט צו גלענצנד". „מיר האבן געוואלט", — זאגן זיי אין זייערע פלוג=בלעטלעך, — אז די נאציאנאלע גווארדיע זאל ווערן אפגעהיט און בלייבן, און מיר ווילן זיך עם דערשלאגן. מיר האבן געוואלט, אז פאריז זאל צוריקשטעלן זיין מוניציפאלע פרייהייט, און מיר ווילן זיך עם דערשלאגן. אייערע פארלאנגען זיינען איבערגעגעבן געווארן דער נאציאנאל=פארזאמלונג, די נאציאנאל=פארזאמלונג האט זיי באפרידיקט דורך אן איינשטימיקן באשלוס, וואס גא= ראנטירט מוניציפאלע וואלן... ווארטנדיק אויף די דאזיקע וואלן, וואס קענען די איינציקע זיין געזעצלעכע, מעלדן מיר, אז קיין אנטייל אין די וואלן, וואס זיינען באשטימט אויף מארגן, וועלן מיר ניט נעמען, און מיר פראטעסטירן קעגן זייער אומגעזעצ= לעכקייט".

די דאזיקע מעלדונג איז געווען דרייפאך פאלש. די נאציא= נאל=פארזאמלונג האט קיין ווארט אפילו ניט דערמאנט וועגן דער נאציאנאלער גווארדיע; זי האט קיין שום מוניציפאלע

פרייהייטן ניט צוגעזאָגט; אַ סך פון די אונטערשריפטן זיינען געווען געפעלשטע.

די בורזשואזע פרעסע האָט זיי נאָכגעטאָן. פון דעם 19טן אָן האָבן די פאַרקויפטע בלעטלעך, די ליבעראַלע ציַיטונגען, מיט וועלכע טראָשו האָט זיך באַנוצט, כדי צו צווינגען פאַריז זיך אונטערצוגעבן, די געדונגענע שמירער פון אַלע ווערסאַלע פאַר־טייען, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט, ווי אין יוני 1848, קעגן די אַרבעטער, — ניט אויפגעהערט צו באַשפּייען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. צוליב דעם טייטן די גענעראַלן האָבן זיי באַשאָפן אַזאַ ווילדע לעגענדע וועגן דעם המון, וואָס רייסט אויף שטיקער די מתים, טרעט זיי מיט די פיס, — אַז ממש אַ שרעק. זיי האָבן געזאָגט, אַז די געזעלשאַפטלעכע קאַסעס מיט פּריוואַט פאַרמעגן זיינען געוואָרן צערויבט, אַז די פאַרשטעט זיינען פאַרגאָסן מיט פּרייסיש גאָלד, אַז די מיטגלידער פונם צענטראַל־קאָמיטעט האָבן אַ תל געמאַכט פון די געריכטלעכע אַקטן. אַ טייל רעפּובליקאַנישע ציַיטונגען זיינען אויך געווען מלא חימה אויף דער מעשה מיט די גענעראַלן און פאַרגעסן דערביי, אַז דעם 14טן יולי זיינען דער קאָמענדאַנט פון באַסטיליע און דער בירגערמייסטער ביי ענלעכע אומשטענדן אומגעבראַכט געוואָרן. זיי האָבן אויך געזען הינטער דער באַוועגונג גאָלד, אָבער באָנאַפּאַרטיסטיש גאָלד און די בעסטע פון זיי, וואָס זיינען איבערצייגט געווען, אַז די רעפּובליק דאַרף געהערן זייערע פּאַטראָנען, האָבן געזאָגט אויפן אַדרעס פונם פּראָ־לעטאַרישן קאָמיטעט: „די דאָזיקע מענטשלעך מאַכן אונז אָן בושות און חרפות". דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט די אַלע שמועסן נים געשטערט און האָט אפילו געשיצט זיינע באַליידיקער. בעת אָן אויפגערעגטער המון האָט דעם 19טן חרוב געמאַכט די קיאָסקן פון די ציַיטונגען „גאָלוא" און „פיגאַראָ", האָט דער קאָמיטעט ערקלערט אין „אָפיסיעל", אַז ער וועט צווינגען צו אַכטן די פרייהייט פון דער פרעסע און „האָפט, אַז די ציַיטונגען וועלן האַלטן פאַר זייער חוב צו אַכטן די רעפּובליק, דעם אמת און יושר". אויסנוצנדיק די דאָזיקע טאָלעראַנץ, אויפגערעגטע דורך דעם ווידערשטאַנד פון די מערן און דעפּוטאַטן, האָבן די רעאַק־

ציאנערן באשלאסן צו מאניפעסטירן זייער כעס און האבן דעם 21טן ארויסגעלאזט א קאלעקטיווע מעלדונג, וואס איז צונויפגע-שטעלט געווארן ביי פרינץ נאפאלעאנס א פריינד, אין וועלכער זיי האבן איינגעלאדן די וויילער צו האלטן פאר אומגילטיק דעם ניט-לעגאלן רוף פונם שטאטראט.

אומלעגאלקייט! אט ווי אזוי די לעגיטימיסטן האבן אוועק-געשטעלט די פראגע, נאכדעם ווי זיי האבן אין משך פון צוויי יאר דורך פרעמדע באגנעטן זיך געריסן צו דער מאכט, די אר-לעאניסטן, וואס האבן זיך אויפגעהויבן אויף די באריקאדעס, די באנדיטן פון דער דעצעמבער-איבערקערעניש, וועלכע האבן זיך אומגעקערט אהיים אדאנק דעם אויפשטאנד. און וואס איז געווען? אויב די מעכטיקע פון דער וועלט, וואס שאפן אלע געזעצן, באגייען זיך תמיד אומגעזעצליך, — ווי אזוי זשע זאלן זיך באגיין ארבעטער, קעגן וועלכע די געזעצן זיינען געשריבן געווארן?

די דאזיקע טאפלטע אנפאלן מצד די מערן, דעפוטאטן און מצד די צייטונגען האבן צוגעגעבן מוט די פלוידערער פון דער רעאקציע. די דאזיקע מחנה פראנק-פילערן *, וואס האבן בעת דער באלאגערונג פארסמט די לופט אין די קאפע-הייזער פון בריסל און אויף די היי-מארקעט-טראטוארן **, — געדרשנט צוויי טעג נאכאנאנד אויף די גלענצנדע בולווארן, פאדערנדיק ארדענונג און באנייונג פון דער ארבעט. דעם 21טן ארום איינס א זייגער בייטאג האבן א הונדערט מאן פון די „ארבעטער" זיך באוויזן אויפן בערזע-פלאץ, זיינען דורך מיט א פלאטערנדיקער פאן פארביי דעם הייליקן טויער מיט אויסגעשרייען: „זאל לעבן די נאציאנאלע פארזאמלונג!" און איז צוגעקומען צום וואנדאמער פלאץ לעבן בנין פון גענעראל-שטאב, שרייענדיק: „נידער מיטן קאמיטעט!" דער קאמענדאנט בערזשערע האט געפרובירט זאגן צו זיי: „שיקט

---

* פראנק פילערן — דאס זיינען די אנטלאפענע פון פאריז בעת דער באלאגערונג אלס קעגנזאץ צו די פראנק-טירערן (ד. ה. פרייע שיסער).

** אן ארט אין לאנדאן, וואו די גאלדענע יונגעס און לעבע-דאמען קומען זיך צונויף.

אונז דערלעגאַטן! — „ניין, ניין! מיר דאַרפן ניט קיין דעלעגאַטן! איר וועט זיי דערהרגענען!" די פעדעראַליסטן האָבן פּאַרלאָרן דאָס געדולד און געהייסן אָפּרייניקן דעם פּלאַץ. די בערזע=לייט האָבן באַשלאָסן זיך צונויפצוקומען אויף צומאָרגנס נאָכאַמאָל פאַרן בנין פון דער נייער אָפּערע.

די זעלבע שעה האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג איינגעאָרדנט איר מאַניפעסטאַציע. איר „אָפיסיעל" האָט געשריבן, „אַז מען האָט אַנטדעקט אַ זיכערן באַווייז פון שאַכער=מאַכער מצד די מורדים מיט די געמיינסטע אַגענטן פון דער אימפּעריע און דעם שונאס פּלענער". פּיקאַר האָט דורכגעלייענט דעם אויפרוף, וואָס איז געשריבן געוואָרן פאַרן פאָלק און מיליטער, וועלכער איז געווען פול מיט שקרים און טויטע קללות אויפן אַדרעס פון מיליטער; מיליער האָט זיך ערלויבט צו באַמערקן, אַז עס זיינען דאָרט פאַרהאַן אומגעלונגענע אויסדרוקן; מען האָט אים אויסגעפייפט. לאַנגלואַ און זיינע פריינד האָבן געוואָלט, אַז דער אויפרוף זאָל זיך ענדיקן מיט די ווערטער: „זאָל לעבן די רעפּובליק!" דאָס רוב איז קעגן. קלעמאַנסאָ, בריסאָן, אַפילו לוי בלאַן בעטן זיך רחמים ביי דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג תיכּף דורכצוקוקן זייער פּראָיעקט וועגן מוניציפּאַלן געזעץ, אַנטקעגנשטעלן זייערע וואַלן די וואַלן פונם קאָמיטעט, וואָס זיינען באַשטימט אויפן צווייטן טאָג. „גיט אונז צייט דורכצושטודירן דעם ענין", — ענטפערט שאַרף הער טיער, — „מען קען ניט רעגירן איבער פּאַריז, ווי איבער אַ שטאָט מיט דריי טויזנט נפשות". „צייט!" — שרייט אויס קלעמאַנסאָ: — אָט=אָ=דאָס פעלט אונז אַלע טאָקע אויס! — „אויב אַזוי", — זאָגט ווייטער טיער, — „איז וואָס זשע טויגן אונז די אַלע הנחות? וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן זיי אַגב פאַר פּאַריז? ווער וועט זיי הערן אין שטאָטראָט? האַלט איר דען, אַז דאָס אָננעמען דעם געזעצפּראָיעקט קען אַנטוואָפענען די פּאַרטיי פון רציחה, די פּאַרטיי פון רוצחים? דערנאָך האָט ער איבערגעגעבן זשול פאַווען דורכצופירן די פייערלעכע עקזעקוציע — דער אויסוואַל איז פון שטאַנדפּונקט פון עפעקט צווישן די פּראָווינצער לייט געווען דער געלונגענסטער. איז משך פון אַנדערהאַלבן

שעה האָט דער דאָזיקער פאַרגאַלטער גאַדעס תּלמיד געפּייניקט פּאַריז מיט זיינע געלערנטע רייד, באַשפּריצט עם מיט זיין גיפטיק שפּייעכץ.

ער האָט אָן שום ספק ווידעראַמאָל איבערגעלעבט דעם 31טן אָקטאָבער, די פּייניקלעכע דערמאָנונג פאַר דעם שרעקלעכן נוקם ונוטר, וואָס איז געווען דערצו אַ רודף אחרי הכבוד. ער האָט אָנגעהויבן פון לייענען די מעלדונג אין דער פּרעסע, „וואָס איז מוטיק צונויפגעשטעלט געוואָרן אונטער די מעסערס פון די רוצחים". ער האָט געמאָלט פּאַריז אין די הענט פון „אַ הייפל געמיינע לייט, וואָס שטעלן אַנטקעגן די רעכט פון דער נאַציאָנאַ־לער פאַרזאַמלונג עפּעס אַ בלוטיקן רויבערישן אידעאַל". אין דער זעלבער צייט האָט ער אַפּעלירט צו די סימפּאַטיעס פון די מאָנאַר־כיסטן, קאַטוילן און רעפּובליקאַנער, זאָגנדיק דערביי: „וואָס האָבן זיי געוואָלט, וואָס האָבן זיי זיך דערשלאָגן? — ס'זאָל פאַר־ווירקלעכט ווערן די אומגליקלעכע דאָקטרינע, וואָס קען אין דער פילאָסאָפיע אָנגערופן ווערן אינדיווידואַליזם און מאַטעריאַליזם און אין דער פּאָליטיק — רעפּובליק, וואָס שטייט העכער פון דעם אַלגעמיינעם שטימרעכט". ביי דער דאָזיקער אידיאָטישער טיראַדע האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אַזש אַ הירזשע געטאָן פון התלהבות. „די דאָזיקע נייע פּראָפעסאָרן", — האָט ער ווייטער געזאָגט, — „פאַרבאָרגן גאָרניט זייער כוונה אָפּצורייסן פּאַריז פון פראַנקרייך. זאָלן אָבער די מורדים וויסן: אויב מיר האָבן פאַרלאָזן פּאַריז, איז בלויז מיט דער האָפענונג זיך אַהין אומצוקערן און זיך צו לאָזן אין אַן ענדגילטיקן קאַמף מיט זיי" (בראַוואָ! בראַוואָ!). ער האָט צעבלאָזן די אימת־מות פון די דאָזיקע כאַמעס, וועלכע האָבן פון מינוט צו מינוט געוואַרט אויף דעם אָנקום פון די פעדעראַלע באַטאַליאָנען, און ווייטער גערעדט: „אויב עמעצן פון אייך וועט אויסקומען אַריינצופאַלן אין די הענט פון די דאָזיקע לייט, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט בלויז לשם גוואַלטאַטן, רציחות און גזילות, וואָלט דער גורל פון די אומגליקלעכע קרבנות געוואָרן אויך אייער גורל". לסוף האָט ער צעדרייט און קונציק איבערגעמאַכט איין גוואַלטיק אומגעלונגענע באַמערקונג פון „אָפּי־סיעל" וועגן דעם טויט פון די גענעראַלן און געזאָגט אָט־וואָס:

„גענוג, פון איצט אן איז אויס חסד! איך האב דריי טעג געקעמפט קעגן דער פאדערונג פונם זיגער צו אנטוואפענען די נאציאנאלע גווארדיע. איך בעט דערפאר מחילה פאר גאט און פאר לייט!" יעדע נייע קללה, יעדע נייע פייל, וואס איז געלאזט געווארן אין הארץ פון פאריז, האט ביי דער פארזאמלונג ארויסגערופן א געברום פון התלהבות. אדמיראל סעסע איז ביי א טייל פראזן געשפרונגען פון שמחה. די אפלאדיסמענטן האבן אים נאך צוגע־געבן מוט און זשול פאוור האט זיך אויפגעהויבן אלץ העכער אין זיינע זידלערייען. זינט זשיראנדע, זינט די צייטן פון אינאר האבן זיך אזוי פיל קללות אויף פאריז ניט אויסגעגאסן. אפילו לאנגלוא האט שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן און האט אויסגעשריען: „ניין, דאס איז שרעקלעך, דאס איז עקלהאפט אזוי צו ריידן!"

בעת זשול פאוור האט סוף־כל־סוף, אן אומברחמנותדיקער און אכזריותדיקער, מיט שוים אויף די ליפן פארענדיקט מיט דער פראזע: „פראנקרייך וועט זיך ניט אונטערגעבן דעם בלוטיקן יאך פון דער געמיינער כנופיה, וואס אונטערדריקט פאריז", — האט די מטורפע פארזאמלונג ווי איין מאן זיך אויפגעהויבן פון די בענק: „מיר וועלן מאכן אן אויפרוף צו דער פראווינץ!" סעסע: „מיר וועלן רופן צו הילף די פראווינץ און זיך לאזן אויף פאריז!" בחינם האט איינער פון די דעפוטאטן־מערן געבעטן די נאציאנאלע פארזאמלונג ניט לאזן זיך אומקערן קיין פאריז מיט ליידיקע הענט. די דאזיקע העכערע בורזשואזיע, וואס האט איבערגעענטפערט די פרייסן דעם שטאלץ, דאס עשירות און די ערדפון פראנקרייך, האט געציטערט פון כעס בלויז ביים געדאנק וועגן עפעס הנחות פאר פאריז.

צומארגנס נאך דער שרעקלעכער סצענע האבן די ראדי־קאלע דעפוטאטן ניט געפונען קיין בעסערע עצה, ווי אפצודרוקן א וויינענדיקן קול־קורא, אין וועלכן זיי האבן גערופן פאריז, אז ער זאל גערולדיק ווארטן. די וואלן, וואס דער צענטראל־קאמיטעט האט אויף דעם טאג באשטימט, זיינען געווארן אוממעגלעך. ער האט זיי אפגעלייגט אויף א צווייטן טאג, אויף דעם 23טן, און

מתרה געווען די צייטונגען, אז יעדע העצן צו מרידה וועט שטרענג באשטראפט ווערן.

די רעאקציאנערע לייט, וואס זיינען אונטערגעהיצט געווארן דורך זשול פאוורס דרשות, האבן געמאכט חוזק פון דער דאזי־קער התראה. מיטאג־צייט האבן זיי זיך צונויפגעקליבן אויפן אפערע־פלאץ. איינס א זייגער האבן ארום טויזנט אנהענגער פון דער אימפעריע — אנגעזעענע, רייכע לייט און זשורנאליסטן — זיך געלאזט איבער דער גאס פון שלום מיט אויסגעשרייען: „זאל לעבן די רו!" זייער פלאן איז געווען צו פארנעמען אונטער דעם אויסרייד פון א פרידליכער פלומרשט דעמאנסטראציע דעם וואנ־דאמער פלאץ און ארויסצוטרייבן פון דארט די פעדעראליסטן. פון דארטן האבן זיי גערעכנט נאכן פארנעמען די לווורער מעריע און א האלבן צווייטן קרייז פאסי, צו צעטיילן פאריז אויף צוויי טיילן און באלאגערן דעם שטאטראט. דער אדמיראל סעסע איז אוועק נאך זיי.

פאר דער נייער סענט־אווגוסטינער־גאס האבן די דאזיקע רויִקע מאניפעסטאנטן אנטוואפנט און צעקיילט צוויי נאציאנאל־גווארדייער, וואס זיינען געשטאנען אויף דער וואך. דעמאלט כאפן זיך די פעדעראליסטן פון דעם וואנדאמער פלאץ צום געווער און לויפן אויף די הייכן פון דער פטי־שאן־גאס. ס'איז דא דארט ניט מער, ווי צוויי הונדערט מאן, דאס איז דער גאנצער פלאץ־גאר־ניזאן. ניט געקוקט אויף דער התראה, וואס איז געמאכט געווארן מיט א טאג פריער, האט בערזשערע קיין שום פארהיטונגס־מיטלען ניט אנגענומען און ביידע הארמאטן, וואס זיינען אנגעשטעלט געווארן אויף דער שלום־גאס, האבן ניט געהאט קיין קוילן.

די רעאקציאנערן פאלן אן אויף די ערשטע רייען, שרייען גלייך אין פנים אריין די גווארדייער: „נידער מיטן קאמיטעט!" „נידער מיט די מערדער!", זיי פאכן מיט די פענער, מיט טיכלעך, א טייל ווידער פרובירן ארויסרייסן די ביקסן פון די פעדעראליסטנס הענט. בערזשערע, מאלזשורנאל, וואס זיינען אנגעלאפן די ערשטע, פאדערן, אז די מורדים זאלן אפטרעטן. ווילדע אויסגעשרייען פארטויבן זייערע קולות: „אויסוואורפן! מערדער!" און עס שיטן

זיך אויף זיי קלעפּ מיט שטעקנס. בערזשערע ווייזט אַ צייכן די פּויקער. אַמאָל צען חזרט מען איבער די פאָדערונג זיך צו צעגיין. אין משך פון פינף מינוט הערט זיך בלויז אַ פּויקעריי און אינמיטן דערינען אַ געפייפעריי. די צווייטע רייען פון די מאַניפעסטאַנטן מאַכן אַן אָנגריף אויף די פעדעראַליסטן איבער דער ערשטער ריי, באַמיען זיך זיי אומצווואַרפן. זעענדיק אָבער, אַז עס קומט דער־פון קיין זאַך ניט אַרויס, שיסן זיי פון זייערע רעוואָלווערן*. זיי ליגן אַוועק טויט צוויי פעדעראַליסטן און פאַרוואונדן זיבן.

די פעדעראַליסטן דערלאַנגען אינסטינקטיוו אַ שאָס פון זיי־ערע ביקסן, עס דערהערן זיך שאָסן, געשרייען, דערנאָך ווערט בלוצלונג שטיל. אין משך פון פינף מינוט ווערט די שלום־גאַס להלוטין פּוסט. אויף דעם פּוסט־געוואָרענעם שאָסיי וואַלגערן זיך אַ טוץ מתים, רעוואָלווערן, שפּיצרוטעס מיט אַריינגעפּאַסטע שווערדן, היטלען — דאָס אַלץ איז באַגאָסן מיט בלענדנדיקער זון. ווען די פעדעראַליסטן זאָלן באמת געווען צילן, ווען זיי זאָלן געווען שיסן אין דער הייך פון אַ מענטשנס וואוקס, — וואָלט געווען ניט ווײ־ניקער פון צוויי הונדערט הרוגים, מחמת אין אַזאַ געדיכטן המון האָט יעדער שאָס באַדאַרפט טרעפן אין ציל. די מורדים האָבן דערהרגעט איינעם פון זייערע לייט, דעם וויקאָנט מאָלינע; ער איז געפאַלן אין דער פאָדערשטער ריי מיטן פּנים צו דער ערד, אַ קויל האָט אים נעטראָפן אין נאַקן; אויף זיין לייב האָט מען געפונען אַ קינזשאַל, וואָס איז געווען צוגעשפּעט אויף אַ קייטעלע צום גאַרטל. איין קלוגע קויל האָט געטראָפן אין דעם אונטער־חלק פון דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון „זשורנאַל דע פּאַרי", דעם באָנאַפּאַרטיסט דע־פּען, איינעם פון די געמיינסטע רכילותניקעס פונם אויפשטאַנד.

„כאַפּט די רוצחים!" — האָבן געשריען די רעאַקציאָנערן, וואָס זיינען זיך צעלאָפן. אויף די בולוואַרן האָט מען שנעל פאַר־

* ס'איז געווען אַזוי קלאָר, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אָנפאַל, אַז קיין איינער פון די זעקס און צוואַנציק געריכטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט די קלענסטע געשעענישן פון דער רעוואָלוציע פון 18טן מערץ, האָבן ניט געוואַגט צו פאַרפירן אַ פּראָצעס וועגן דעם פאַל אויפן וואַנדאָמער פּלאַץ.

מאכט די קראמען; אויף דעם בערזע־פלאץ האבן זיך צונויפגע־זאמלט צעיושעטע מחנות. פיר א זייגער זיינען געקומען עטלעכע ראטעס פון דער ארדענונגס־פארטיי — און זייער אנטשלאסן, מיט ביקסן אויף די אקסלען, האבן זיי פארנומען דעם גאנצן קווארטאל פון דער בערזע.

די נאציאנאל־פארזאמלונג האט נאר־וואס געהאט אפגע־ווארפן לוי בלאנס פראיעקט און פיקאר האט געלייענט א צווייטן פראיעקט, וואס האט אפגעזאגט פאריז אין זיינע יושרדיקע פאדע־רונגען, בעת די ידיעה וועגן די געשעענישן איז אנגעקומען קיין ווערסאל. מען האט תיכף געשלאסן די זיצונג; די מיניסטארן זיינען געוועזן אויסער זיך.

מיט זייער נעכטיקער זיצונג האבן זיי געוואלט אנשרעקן פאריז, אונטערהעצן די מענטשן פון ארדענונג, ארויסרופן אן איבער־קערעניש. עס איז געווען א גוטע געלעגנהייט דערצו, דער צענטראל־קאמיטעט האט אבער טריומפירט. דאס ערשטע מאל איז הער טיערן געקומען אויפן רעיון, אז די דאזיקע מורדים, וואס קענען דערשטיקן די אויפרעגונג, קענען באמת ווערן א רעגירונג.

די אוונט־ידיעות זיינען אים געווען אנגענעמער. די אנהענ־גער פון ארדענונג האבן זיך צונויפגעזאמלט אויף דעם בערזע־פלאץ. א סך אפיצירן, וואס זיינען נאר־וואס געהאט צוריקגעקומען פון דייטשלאנד, האבן פארגעלייגט זייער דינסט. די רעאקציאנערע ראטעס האבן זיך גוט באפעסטיקט אין דער מעריע פונם 9טן קרייז, מען האט ווידער פארנומען די מעריע פונם 6טן קרייז, מען האט ארויסגעטריבן די פעדעראליסטן פונם סען־לאזאר־וואק־זאל, מען האט געהיט אלע דורכגענג אין די פארנומענע דורך זיי קווארטאלן, מען האט אפגעשטעלט אלע דורכגייער. עס איז געשאפן געווארן איין שטאט אין דער אנדערער. די מערן האבן געמאלדן, אז זייער פארזאמלונג אין דער מעריע פונם 2טן קרייז ווערט א פערמאנענטע. זייער ווידערשטאנד האט זיך איצט געשטיצט אויף דער ארמיי.

זיבעטער קאפיטל.

דער צענטראל=קאמיטעט איז גובר אלע מניעות און צווינגט די מערן זיך אונטערצוגעבן.

דער צענטראל=קאמיטעט האט זיך ארויסגעוויזן אויף דער הייך פון זיין אויפגאבע. זיינע אויפרופן, די סאציאליסטישע ארטיקלען אין „אפיסיעל", דער כעס פון די מערן און דעפוטאטן האבן צוגעצויגן אויף זיין צד אלע רעוואלוציאנערע גרופעס, וואס האבן ביז איצט זיך געהאלטן אן א זייט. אחוץ דעם האבן זיך אנגעשלאסן אן אים אזעלכע מענטשן, ווי ראנוויע, עד, וואס זיינען געווען פאפולער צווישן די ברייטע מאסן. לויט זיין באפעל, איז דער וואנדאמער פלאץ באריקאדירט געווארן, די באטאליאנען פון שטאטראט פארטאפלט, פארשטארקטע פאטרולן זיינען אומגעפארן איבער דעם מאנמארטרער און דעם איטאליענישן בולוואר אזש ביז דער וויוויען=און דרוא=גאס, אויף וועלכע עס האבן זיך געפונען רעאקציאנערע וואכן. אדאנק די דאזיקע מיטלען איז די נאכט פארביי רויק.

מען האט אבער ווידער ניט געקענט מאכן קיין וואלן אין דעם באשטימטן טאג, דעם 23טן. דער קאמיטעט האט זיי באשטימט אויף זונטאג, דעם 26טן, און מודיע געווען וועגן דעם פאריז בזה הלשון: „די רעאקציע, וואס אייערע מערן און דעפוטאטן האבן אנגעהויבן, ערקלערט אונז מלחמה. מיר מוזן אננעמען די שלאכט און ברעכן זייער עקשנות... בירגער, פאריז וויל ניט קיין מאבט, נאר פרייהייט... די דיקטאטור, וואס עס פארלאנגט, איז דיקטאטור פון ביישפיל; עס וויל זיך ניט אפזאגן פון זיין ווילן, ניט עס צושרייבן אנדערע; עס איז פונקט אזוי ווייניק נוטה ארויסצוגעבן דעקרעטן, ווי אונטערצווארפן זיך פלעביסציטן; עס וועקט אויף א באוועגונג, וואס עס האט אליין דער ערשטער אנגעהויבן.

עס שאַפט פאַר זיך אַ פרייהייט, וועלכע ווערט ממילא געגרייט אויך פאַר אַנדערע; עס שטויסט קיינעם ניט בעל־כרחו צו קיין רעפּובליק, ס'איז פאַר אים גענוג, אַז עס נעמט דער ערשטער זי אויף". דאָ קומען אונטערשריפטן.

אין דערזעלבער צייט האָט דער קאָמיטעט געמאָלדן, אַז ער וועט צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די באַליידיקער פונם פאָלק; ער האָט געשיקט אַ באַטאַליאָן פון בעלוויל, כדי אויפּ־ דאַסניי צו באַהערשן די מעריע פונם 2טן קרייז; זיינע דעלעגאַטן האָבן מיט כוח פאַרנומען די ערטער פון די מערן מיט זייערע געהילפן פונם 3טן, 10טן, 12טן און 13טן קרייז; ער האָט באַפוילן צו פאַרנעמען די באַן־ליניע אין באַטיניאָל, כדי צו שטערן פאַר־ כאַפּן דעם סען־לאַזאַר־וואָקזאַל; ער האָט אַנגענומען ענערגישע מיטלען בנוגע דער באַנק.

די רעאַקציע האָט גערעכנט, אַז דער הונגער וועט צווינגען דעם שטאָטראַט זיך אונטערצוגעבן. דעם מיליאָן, וואָס איז אויס־ געליען געוואָרן מאָנטאַג, האָט מען שוין אויסגעגעבן. דעם 22טן האָט די באַנק צוגעזאָגט נאָך אַ מיליאָן און האָט עד־לחשבון אַרויס־ געגעבן 300.000 פראַנק. אינאַוונט זיינען וואָרלען און זשורד געקומען נאָך שכירות; מען האָט זיי געוויזן די טיר. זיי האָבן אָנגעשריבן: „הער גובערנאַטאָר, פייניקן מיט הונגער די פאַריזער באַפעל־ קערונג — אָט איז דאָס כלי־זיין פון דער פּאַרטיי, וואָס האַלט זיך פאַר אַן ערלעכע. דער הונגער וועט קיינעם ניט איינשטילן, נאָר אַ שטוים טאָן די באַפעלקערונג צו מרידה. מיר הייבן אויף די הענטשקע, וואָס איז אונז געוואָרפן געוואָרן". דער קאָמיטעט האָט ניט באַערט מיט זיין באַזוך די באַרימער פון דער בערזע און צוגעשיקט אין באַנק אַריין צוויי באַטאַליאָנען; זי האָט געמוזט צאָלן.

דער קאָמיטעט האָט פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּגעשטעלט אַבי צו באַרויִקן פאַריז. מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ סך פאַרברעכער אין דער שטאָט אַריין. דער קאָמיטעט האָט זיי איבערגעגעבן די השגחה איבער די נאַציאָנאַל־גוואַרדייער און אויפגעשריבן אויף די טירן פונם שטאָטראַט: „אַלע, וואָס וועלן ווערן געכאַפּט ביי

גנבה, וועלן דערשאָסן ווערן". בעת פיקאַרס פּאָליציי האָט זיך בשום אופן ניט געקענט קיין עצה געבן מיט די אזארט-שפּילן, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט נאָך דער באַלאַגערונג איבער פּאַריז, האָט דיוואַל דערגרייכט זיין ציל מיט אַ פּשוטער פאַראָרדענונג. די זעלנער, וואָס זיינען געבליבן אין פּאַריז, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער. אַ גוואַלטיק געשפּענסט זיינען געוועזן פאַר די רעאַקציאָנערן די פּרייסן, וואָס וועגן זייער אריינמישן זיך האָט גערעדט זשול פּאַוור. דער קאָמענדאַנט פון קאָמפּיען האָט געשריבן צום קאָמיטעט: „דאָס דייטשע מיליטער וועט זיך ניט אריינמישן, כּל-זמן פּאַריז אליין וועט ניט ארויסטרעטן פיינדלעך". דער קאָמיטעט האָט געענטפערט: „די פאַריזער רעוואָלוציע טראָגט דער עיקר אַ מוניציפּאַלן כאַראַקטער. מיר האָבן ניט קיין פולמאַכטן צו פירן שלום-אונטערהאַנדלונגען". און ער האָט די דעפּעשן פאַרעפנטלעכט *. פון דער דאָזיקער זייט האָט פּאַריז קיין מורא ניט געהאַט.

די אַגיטאַציע איז געפירט געוואָרן בלויז מצד די מערן. דעם 23טן האָבן זיי, לויט טיערס הסכּמה, באַשטימט אַלס קאָמענדאַנט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע דעם גענעראַל סעסע, וואָס האָט געמאַכט ווילדע העוויות אויף דער זיצונג פון 21טן, און אַלס זיינע געהילפן — לאַנגלואַן און שעלכערן; זיי האָבן זיך באַמיט צונויפצוזאַמלען דאָס פאָלק אויפן בערזע-פּלאַץ, וואו עס האָט, לויט זייערע ווערטער, זיך געפונען די איינציקע געזעצלעכע קאַסע. עס זיינען געקומען עטלעכע הונדערט זייער קאָרעקטע לייט, כּדי צו באַקומען געלט, אָבער ניט חלילה זיך צו שלאָגן. די שפּאַלטונג האָט זיך אָנגעהויבן שוין צווישן די פירער גופא. עטלעכע פון די סאַמע פאַרברענטע האָבן נאָך אַלץ גערעדט, אַז מען מוז אַלץ אָפּרוימען. דאָס זיינען געווען: וואָטרען, דיובאַיל, דענאָרמאַנדי, דעגוווי-דענענק, עליגאָן, דער געוועזענער מיטגליד פונם אינטער-

---

* דאָס האָבן פאַרשיידענע באַרימטע היסטאָריקער שפּעטער אָנגערופן אַלס פּשרה מיט די פּרייסן, אַלס הנחה פאַר די פּרייסן. הער זשול קלאַרטי איז מלא-חימה, וואָס דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט ניט אויפגערודערט פּאַריז קעגן די פּרייסן.

נאציאָנאַל, וואָס איז פונם 4טן סעפטעמבער אָן צוגעלאָזן געוואָרן צו די בורזשואזע קיכן און איז געווען, ווי אַלע רעגעגאטן, פאַר־ביטערט; דאָס רוב אָבער האָט געוואָלט שלום, דער עיקר זינט אַ סך דעפוטאַטן און אַדיונקטן — מיליער, מאַלאָן, דעריער, זשאַקלאַר און אנד. — האָבן נאָך זייער אַרויסטריט פון דער פאַר־זאַמלונג אָנגעהויבן זיך באַקלאָגן אויף איר רעאַקציאָנער אויסזען. אַ טייל מערן האָבן באַשלאָסן אויפצוקלערן די פויערים דורך אַזאַ מין רירנדיקער סצענע.

זיי זיינען דעם 23טן געקומען אין ווערסאַל גראָד אין דער רגע, ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך צוריק אָנגענומען מיט מוט און אַגיטירט די פּראָווינץ, אַז זי זאָל אַרויסטרעטן קעגן פּאַריז. גוואַלטיק פייערלעך, מיט זייערע בענדער איבער די אַקסלען, זיינען זיי צו צו דעם פּרעזידענטס טריבונע. די לינקע אַפּלאָדירן, שרייען: „זאָל לעבן די רעפּובליק!‟ די מערן ווערן נאָך פייער־לעכער. די רעכטע און דער צענטער שרייען: „זאָל לעבן פראַנק־רייך! צו דער אָרדענונג!‟ און דראָען מיט דער פויסט די לינקע דעפוטאַטן, וועלכע ענטפערן: „איר באַליידיקט פּאַריז!‟ „איר באַ־ליידיקט פראַנקרייך!‟ — ענטפערן די דאָרפישע רעאַקציאָנערן זייער פריינט גרעווי טוט אָן דעם הוט. די זיצונג איז אויפגעריסן. אינאָוונט לייענט דער דעפוטאַט־מער אַרנאָ־דע־ל׳אַריעזש פון דער טריבונע אַראָפּ אַ מעלדונג פון זיינע חברים און ענדיקט זי בזה־הלשון: „מיר געפינען זיך ערב אַ שרעקלעכער בירגער־מלחמה. ס׳איז פאַרהאַן בלויז איין מיטל עס אויסצומיידן: די וואַלן פונם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע דאַרף באַשטימט ווערן אויפן 28טן, די וואַלן פונם מוניציפּאַל־ראַט אויפן 3טן אַפּריל‟. דער דאָזיקער וואונטש איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אונטערן טישטעך.

די מערן האָבן זיך אומגעקערט קיין פּאַריז שרעקלעך אומ־צופרידענע. פּאַריז ווידער איז פון זיין זייט אויפגערודערט געוואָרן פון טיערס דעפּעשע, אין וועלכער ער האָט מודיע געווען די פּראָווינץ, אַז ער נעמט אונטער זיין השגחה די געוועזענע באַ־נאַפּאַרטיסטישע מיניסטאָרן — רוע, שעווראָ, בואַטעל — וואָס זיינען דורכן פאָלק אַרעסטירט געוואָרן אין בולאָן, און אַז מאַר־

שאַל קאַנראָבער, באַזענס מיטהעלפער, איז געקומען אין ווערסאַל פּאַרלייגן דער רעגירונג זיין דינסט. די בורזשואַז־רעפּובליקאַנישע צייטונגען האָבן תיכּף איבערגעביטן זייער טאָן. די אָנפאַלן אויפן צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אפילו די מע־סיקע האָבן אָנגעהויבן פאַר אַלץ מורא האָבן מצד ווערסאַל.

דער צענטראַל־קאָמיטעט איז בכּוח געווען אויסצונוצן די דאָזיקע שטימונג. ער האָט זיך נאָר־וואָס דערוואוסט וועגן דעם פּראָקלאַמירן אין ליאָן אַ קאָמונע און האָט דעם 24טן אָן שום קונצן גע־מאָלדן: „טעלעכע באַטאַליאָנען, וואָס זייערע רעאַקציאָנערע קאָמאַנדירן האָבן זיי פאַרדרייט די קעפּ, האָבן געמיינט, אַז זיי דאַרפן שטערן אונזער באַוועגונג... עס האָבן זיך געפונען מערן מיט דעפּוטאַטן, וואָס האָבן פאַרגעסן אָן זייער חוב און געשטיצט זייער ווידער־שטאַנד... מיר האָפן אויף אייער דרייסטקייט צו גיין ביזן סוף... מען זאָגט אונז, אַז די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג איז מבטיח אין אַן אומבאַשטימטער צייט אַרום צו מאַכן קאָמונאַלע וואַלן און אויס־צווייילן אויך אונזערע קאָמאַנדירן — ובכן וועט אונזער עקשנות שוין זיין אַ נאַרישע. מיר זיינען שוין צופיל מאָל געוואָרן אָפּגע־נאַרט, אַז מיר זאָלן עס דערלאָזן נאָך איין מאָל; די רעכטע האַנט וועט אָפּנעמען דאָס, וואָס די לינקע האָט געגעבן... גיט אַ קוק, ווי עס באַגייט זיך שוין איצט די רעגירונג. דורך זשול פאַווערס מויל מאַכט זי אין פּאַרלאַמענט דעם שרעקלעכן שריט און רופט צו בירגער־מלחמה, צו מאַכן אַ תּל פון פּאַריז דורך דער פּראָ־ווינץ און פאַרשפּרייט דערביי וועגן אונז די עקלהאַפטסטע רכילות".

נאָך די דאָזיקע ווערטער איז דער קאָמיטעט צוגעטראָטן צו מעשים, האָט באַשטימט דריי גענעראַלן בריונעל, דיוואַל און עד. ער האָט אַרעסטירט לוליע, וואָס איז אינגאַנצן שוין אַריינ־געפאַלן אין שיכּרות און האָט מיט דער הילף פונם הויפּט־שטאַב פון אינטריגאַנטן נאָך מיט אַ טאָג פריער אַרויסגעלאָזט פון פּאַריז אַ גאַנצן פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין לוקסעמבורג מיט געווער און טאַבאָר. ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען דער גענעראַל קרע־מער, אַ גלענצנדער אָפיציר פון דער וואָגעזער אַרמיי, וועלכער איז געקומען אין שטאָטראַט פאָדערן, אַז מען זאָל באַפרייען דעם

גענעראל שאנזי און איז באגענגט געווארן מיט פריידיקע אויסגע־שרייען פונם המון, — איז גרייט געווען זיך שטעלן צו דינסט ביים צענטראל־קאמיטעט.

די גענעראלן האבן זיך ארויסגעזאגט גוואלטיק ענערגיש: „איצט איז ניט קיין צייט פאר פארלאמענטאריזם... איצט דארף מען מעשים... פאריז וויל זיין פריי... ווער ס׳איז ניט מיט אונז, איז קעגן אונז. די גרויסע שטאט דערלאזט ניט, די געזעלשאפט־לעכע ארדענונג זאל ווערן אומבאשטראפט געשטערט".

דאס איז געווען א דירעקטע התראה פארן לאגער אויפן פלאץ פון דער בערזע, וואס האט אגב אומגעהייער שנעל אנגעהויבן שיטער צו ווערן. יעדע נייע זיצונג אין ווערסאל האט ארויסגערופן פרישע פליטות. פרויען זיינען געקומען נאך זייערע מענער און געזאגט צו זיי: „מיש זיך ניט אריין דערינען". די באנאפארטיס־טישע אפיצירן, וואס האבן שוין איבערגעכאפט די מאס, האבן ארויסגערופן אומצופרידנקייט. די מערנס פראגראם, וואס האט געהייסן אומבאדינגט זיך אונטערווארפן ווערסאל, האט צעטומלט די גאנצע מיטל־בורזשואזיע. דעם הויפט־שטאב פון דער דאזיקער דעזארגאניזירטער ארמיי האט מען אוים טיפשות ארייגעזעצט אין גראנד־האטעל. דארט איז אויך געזעסן דער משוגעים־טריא: סעסע, לאנגלוא און שעלכער, וואס זיינען פון דער העכסטער זעלבסטהאפענונג אריבער אויפן העכסטן יאוש. דער גרעסטער משוגענער צווישן זיי, סעסע, איז געפאלן אויף א המצאה צוצו־קלעפן מודעות, אז די נאציאנאל־פארזאמלונג איז מסכים אויף אלע מוניציפאלע פרייהייטן, אויף וואלן פון אלע אפיצירן פון דער נאציאנאלער גווארדיע, בתוכם אויך פונם הויפט־קאמאנדיר, אויף לינדערן דעם צאלונגס־געזעץ, אויפן פראיעקט פונם געזעץ װעגן דירה־געלט, וואס איז גוט פאר די שכנים. די דאזיקע קאטשקע האט אבער בלויז געקענט מיסטיפיצירן ווערסאל.

מען האט באדארפט מאכן א סוף. דער צענטראל־קאמיטעט האט איבערגעגעבן ברונעלן נעמען די מעריע פונם 1טן און 2טן רייז. דריי א זייגער קומט ברונעל פארנעמען די לוווּר־מעריע מיט 600 מאן פון בעלוויל, צוויי ארטילערישע הארמאטן, אין דער

באגלייטונג פון צוויי קאמיטעט=דעלעגאטן — ליסבאן און פראטא. די ארדענונג=קאמפאניעס גרייטן זיך צו א ווידערשטאנד. ברוינעל הייסט ארויסרוקן די הארמאטן; מען מאכט פאר אים פריי דעם דורכגאנג. ער מעלדעט די אדיונקטן מעלין און עדמאנד אדאן, אז דער קאמיטעט פאדערט וואלן אן שום עיכוב. די אדיונקטן, וואס האבן געקראגן שטארק מורא, ווענדן זיך אין דער מעריע פונם 2טן קרייז, אז מען זאל זיי ערלויבן פירן אונטערהאנדלונגען. דיובאיל ענטפערט, אז מען קען צוזאגן וואלן אויפן 3טן אפריל. ברוינעל פאדערט אויפן 30טן; די אדיונקטן גיבן נאך. די נאציאנאל=גווארדייער פון בײדע צדדים באגריסן מיט התלהבות דעם אפמאך, מישן זיך אוים אין זייערע רייען און גייען צוזאמען צו דער מעריע פונם 2טן קרייז. בעת זיי גייען פארביי די גאסן, באצירט מען די פענסטער פון די הייזער און מען באגלייט זיי מיט אפלא=דיסמענטן. אויף דער מאנמארטרער גאס פרובירן עטלעכע ראטעס פונם בערזע=פלאץ פארשטעלן זיי דעם וועג. עס הערן זיך אויס=געשרייען: „דער שלום איז געשלאסן!" אין דער מעריע פונם 2טן קרייז זאגן זיך אפ דיובאיל, וואטרען און שעלכער צו באשטעטיקן די געזעצלעכקייט פונם אפמאך. די מיטגלידער פון דער פאר=זאמלונג נעמען אים אבער אן; א התלהבותדיק געשריי פון פרייד זאגט אן די דאזיקע בשורה. די בורזשואזע באטאליאנען סאלו=טירן די פאלקס=באטאליאנען און דעפילירן איבער די וויוויען און איבער די בולווארן מיט זייערע הארמאטן, אויף וועלכע עס רייטן גאסן=יינגלעך מיט גרינע צווייגלעך אין די הענט.

דער צענטראל=קאמיטעט האט זיך אבער מיט צופיל צוטרוי דערצו ניט געקענט באציען. ער איז צוויי מאל געצוואונגען געווען אפצולייגן די וואלן און די באטאליאנען פעדעראליסטן, וואס זיינען פון דעם 18טן אן כסדר געשטאנען אויף די פיס, זיינען ממש געפאלן אן כוח. ראנוויע און ארנאלד זיינען אינאוונט אוועק אין דער מעריע פונם 2טן קרייז, כדי צו פאדערן, אז די וואלן זאלן פארקומען דעם 26טן. א טייל מערן און אדיונקטן, וואס האבן געשטרעבט בלויז צו איין זאך, — שפעטער האבן זיי זיך אליין דערין מודה געווען, — צו געבן ווערסאל א מעגלעכקייט זיך צו

באַוואָפנעטע, האָבן געגומען שרייען וועגן אומערלעכקייט. ראַנוויע האָט דעמאָלט אַ זאָג געטאָן צו זיי בהאי לישנא: „דער בירגער ברויגעל האָט באַקומען אַן אַנטשלאָסענעם באַפעל צו פאַרנעמען די מעריעס". עס איז געקומען צו אַ פאַרביטערטן וויכוח. אַרנאָלד און ראַנוויע זיינען אַוועק 2 אַ זייגער פאַרטאָג און געלאָזן פאַר די עקשנים, אַז זיי זאָלן זיך מיישב זיין. דער פאַרביסענער דיובאַיל האָט אָנגעשריבן אַן אויפרוף צו נעמען זיך פאַרן געווער, געשיקט אים דרוקן, האָט פאַרבראַכט די נאַכט מיט זיין געטרייען עליגאַנען און אַרויסגעגעבן באַפעלן די באַטאַליאָן=קאָמאַנדירן; אַחוץ דעם, האָט ער געהייסן אַוועקשטעלן מאַשינען=געווער אויפן הויף פון דער מעריע.

אין דער צייט, ווען זייערע פריינד האָבן אָנגעווענדט אַלע זייערע כוחות פאַרן ווידערשטאַנד, האָבן די דאָרפישע דעפּו=טאַטן פון דער פאַרזאַמלונג זיך געהאַלטן פאַר פאַרראַטן. פון שעה צו שעה זיינען זיי געוואָרן אַלץ נערוועזער, אָפּקומענדיק די טעג און דעם געוויינטלעכן קאָמפאָרט אין די קולוארן פון פּאַלאַץ, וואָס איז געווען אָפן פאַר ווינטן און פּאַניק. דאָס אויפפירן זיך פון די מערן האָט זיי באַאומרויקט און עטעס מעלדונג האָט אַרויסגערופן אַ פאַרדרוס. זיי האָבן געמיינט, אַז בשתיקה איז טיער פאַר אַן אויפשטאַנד, אַז „דער קליינבירגער", ווי ער האָט זיך צביעותדיק אָנגערופן, וויל פירן אין באַד אַריין די מאַנאַרכיסטן, און נוצט אויס פּאַריז, כדי זיי צו כאַפּן אויף דער וועגטקע; זיי האָבן געטראַכט וועגן באַשטימען אַלס הויפּט=קאָמאַנדיר איינעם פון די אָרלעאַניסטן — זשואַנווילן אָדער ד'אָמאַלן. די דאַזיקע פאַרשווערונג האָט געקענט אַנטפּלעקט ווערן אויף דער אָוונט=זיצונג, אויף וועלכער עס האָט געזאָלט געשטעלט ווערן אויפן סדר=היום דער פאָרשלאָג פון די מערן. טיער האָט זיי מתרה געווען און געבעטן, אַז זיי זאָלן אַלע חלוקי=דעות לאָזן אָן אַ זייט: „דאָס קלענסטע אומפאָרזיכטיקע וואָרט וואָלט געקענט אַרויסרופן טייכן בלוט", — האָט ער פאַרזיכערט. גרעווי האָט אין משך פון צען מינוט אָפּגעפּטרט די זיצונג, דעם קלאַנג וועגן דער פאַרשווערונג איז אָבער אוממעגלעך געווען צו פאַרטויבן.

שבת האָט דער קריזיס באַדאַרפט קלאָר ווערן. אָדער דער צענטראַל־קאָמיטעט, אָדער די מערן האָבן באַדאַרפט כאַפּן אַ מפּלה. דער קאָמיטעט האָט פאַרעפנטלעכט אַ מודעה: „מיר האָבן בתמימות אויסגעשטרעקט די האַנט צו אונזערע קעגנער, דאָס אָוועק־שטעלן הארמאַטן אין דער מעריע פונם 2טן קרייז צווינגט אונז צו באַשטיין אויף אונזער באַשלוס. די וואַלן קומען פאָר זונטאָג, דעם 26טן מערץ". פּאַריז, וואָס האָט שוין געגלויבט באמונה שלמה אין אַן ענדגילטיקן שלום און איז דאָס ערשטע מאָל אין משך פון די לעצטע פינף טעג רויִק אַנטשלאָפן געוואָרן, איז געווען גוואַלדיק אומצופרידן, בעת עס האָט געזען, אַז די מערן נעמען זיך ווידער פאַר זייערע אַלטע מעשים. די אידעע פון וואַלן איז אַריין אין אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן; אַ סך צייטונגען האָבן זיך אָן איר אָנגעשלאָסן, אפילו פון יענע, וואָס האָבן זיך אונטער־געשריבן אונטערן פּראָטעסט פונם 21טן. קיינעם איז ניט געקומען אויפן רעיון, אַז דאָ גייט בלויז אין אַ דאַטע. דער שטראָמיקער ברידערלעכער אויפשוואונג האָט מיטגעריסן די גאַנצע שטאָט. די רייען פון צוויי־דריי הונדערט באַשיצער פון דער „אָרדענונג", וואָס זיינען ביז איצט געווען געטריי דיובאַילן, האָבן אויך אָנגע־הויבן שיטער צו ווערן פון שעה צו שעה און געלאָזן דעם גענעראַל סעסע, ער זאָל מאַכן זיינע פאַראָרדענונגען אינם פּוסטן זאַל פונם גראַנד־האָטעל. די מערן האָבן מער קיין אַרמיי ניט געהאַט, בעת ראַנוויע און אַרנאַלד זיינען אַרום צען אַ זייגער אינדערפרי געקומען נאָכן לעצטן וואָרט. שעלכער, וואָס איז נאָך אַלץ געווען פאַרעקשנט, האָט זיך געהאַלטן שטייף. עס זיינען געקומען דעפּוטאַטן פון ווערסאַל און געבראַכט אַ ידיעה, אַז גראַף ד'אָמאַל איז באַשטימט געוואָרן אַלס גענעראַל־לייטענאַנט. דאָס רוב האָט אָפּגעטראָטן און האָט מסכים געווען צו באַשטימען די וואַלן אויפן 26טן, זונטאָג. מען האָט אָנגעשריבן אַ דעקלאַראַציע, וואָס עס האָבן באַדאַרפט חתמענען פון איין זייט די מערן און די דעפּוטאַטן; פון דער צווייטער זייט — דער צענטראַל־קאָמיטעט און די פּערזאָנען פון ראַנוויע און אַרנאַלד. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געוואָלט זיך אונטערשרייבן אין זיין גאַנצן קאָמפּלעט און האָט געענדערט אַ ביסל

דעם אָנהייב, און דער טעקסט האָט אויסגעזען אַזוי: „דער צענ־טראַל־קאָמיטעט צוזאַמען מיט די מערן, אַדיונקטן, וואָס האָבן זיך אָן אים אָנגעשלאָסן, רופן צונויף"... אַ טייל מערן האָבן דאָס אויסגע־נוצט אַלס תירוץ אַריינצופאַלן אין אָן אויפגערעגטן טאָן: „דאָס איז פּוגע אונזער אָפּמאַך. מיר האָבן געזאָגט אַזוי: די דעפּוטאַטן, מערן, געהילף־מערן און די מיטגלידער פון קאָמיטעט". זיי האָבן ווידער ריזיקירט צו צעבלאָזן דאָס פייער און אָפּגעדרוקט זייער פּראָטעסט. דערוויל האָט דער קאָמיטעט געהאַט רעכט צו זאָגן: „וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן אים", מחמת ער איז אויף קיין שום הנחות ניט איינגעגאַנגען. די פּאַריזער איינוואוינער האָבן ניט געלאָזט, די דאָזיקע גליענדיקע קוילן פון שנאה זאָלן זיך צעפלאַקערן. אַדמיראַל סעסע האָט אָפּגעלאָזט די פיר הונדערט מאַן, וואָס זיינען ביי אים פאַרבליבן. טיראַר האָט איינגעלאַדן וויילער, אַז זיי זאָלן צוטרעטן צו דער אָפּשטימונג; ערשט דעם זעלבן טאָג אינדערפרי האָט טיער צו אים געזאָגט: „פירט ניט מער דעם אומנוצלעכן ווידערשטאַנד, איך קליייב זיך רעאָרגאַניזירן די אַרמיי. איך האָף, אַז אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום וועלן מיר האָבן גענוג כּוחות, כּדי צו באַפרייען פּאַריז".

בלויז פינף דעפּוטאַטן האָבן געחתמעט די דעקלאַראַציע: לאָקרואַ, פּלאָקע, קלעמאַנסאָ, טאָלען, גרעפּאַ. לוי בלאַנס גרופּע איז די גאַנצע צייט געבליבן אין ווערסאַל. די דאָזיקע צעקראָכענע ברואים, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן באַזונגען די רעוואָלוציע, זיינען פון איר אַנטלאָפן מיט אימה, ווי די אַראַבישע פישער, ווען עס באַווייזט זיך אַ גייסט.

צוזאַמען מיט די דאָזיקע מאַנדאַרינען פון דער טריבונע, געשיכטע, זשורנאַליסטן, וואָס זיינען ניט פעיִק צו קיין לעבעדיק וואָרט, באַוועגונג, זיינען געשטאַנען קינדער פון המון — מענטשן אָן נעמען, וואָס האָבן אָבער געשפּרודלט מיט כּוח, ווילן, אָרגאַ־טאָרישער קונסט. זייער געזעגענונגס־אַדרעס איז געווען ווערט זייער ערשטן שריט: „פאַרגעסט ניט, אַז די גרעסטע טובה וועלן אייך טאָן מענטשן, וואָס איר וועט אויסקלייבן פון אייער סביבה, וועלכע לעבן מיט אייער לעבן, ווייטאָגן מיט אייערע יסורים. היט

אייך פאר מענטשן, וואס יאגן זיך נאך כבוד און פאר קאריע־ריסטן... האט ניט קיין צוטרוי צו פלוידערזעק... מיידט אויס ליבלינגען פון גורל, מחמת זיי זיינען בדרך־כלל א זעלטנהייט און זייער זעלטן טרעפט עס, אז אן עושר זאל קוקן אויף אן ארבע־טער, ווי אויף א ברודער... גיט אפ די בכורה אזעלכע, וואס וועלן זיך ניט יאגן נאך אייערע שטימען. אמתע פארדינסטן זיינען באשיידן און די ארבעטער ווייסן בעסער, וואסערע מענטשן זיי דארפן, ווי די אלע, וואס זוכן ביי זיי נושא חן צו זיין".

זיי האבן געקענט „אראפגיין מיט הויך אויפגעהויבענע קעפ פון די שטיגן פון שטאטראט", די דאזיקע מענטשן אן נעמען, וועלכע זיינען מסוגל געווען צו דערפירן אין א גליק־לעכן האפן אריין די רעוואלוציע פון 18טן מערץ. באראפענע בלויז צו באשיצן די רעפובליק, וואס האט זיי בלויז אדאנק די אומ־שטענדן אוועקגעשטעלט בראש פון דער רעוואלוציע, וועלכע האט ניט איר גלייכנס אין דער געשיכטע, זיינען זיי מסוגל געווען איינ־צוצוימען די אומגעדולדיקע, בארויקן די רעאקציאנערן, צוריק־שטעלן די געזעלשאפטלעכע אמטן, באשפייזן פאריז, מאכן א תל פון אלע פאסטקעס, אויסנוצן די פעלערן פון ווערסאל און די מערן, און, ארומגערינגלטע פון אלע זייטן מיט סכנות, אונטער דער כסדרדיקער מורא פאר א בירגער־מלחמה, האבן זיי אין דער פאסיקער רגע געקענט אנקניפן אונטערהאנדלונגען און האנדלען אזוי, ווי דאס איז נייטיק אין יעדן פאל באזונדער. זיי זיינען מסוגל געווען צו באנעמען די נייטן פונם מאמענט, באגרענעצן זייערע פאדערונגען מיט מוני־ציפאלע וואלן און צוציען די גאנצע באפעלקערונג אנטייל צו נעמען אין די וואלן. זיי האבן געשאפן א מעכטיקע ברידערלעכע שפראך, וואס די בורזשואזע רעגירונג האט גאר ניט געקענט.

און זיי אלע זיינען עס געווען אומבאקאנטע מענטשן, אלע כמעט ווייניק געבילדעטע; א טייל פון זיי האבן געהערט צו די ענטוזיאסטן, וואס ווערן בטבע מיטגערים. מיט זיי איז אבער געווען דאס פאלק, וואס האט זיי אוועקגעגעבן זיין אויפשוואונג פון באגייסטערונג, וואס האט געמאכט די קאמונע פון 92טן—93טן יאר גרויס. פאריז איז געווען דער שייטער, דער שטאטראט —

דער פּלאַם. אין דעם דאָזיקן ראַט, וואו די באַרימטע בורזשואַ האָבן אָנגעזאַמלט בגידות פאַר אַ מפּלה, האָבן ליאַדע מענטשן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, ווייל זיי האָבן געהאַרכט פּאַריז.

זייערע פאַרדינסטן קויפן אוים דעם גרויסן פעלער, וואָס זיי האָבן געטאָן, אַרויסלאָזנדיק פון דער שטאָט די אַרמיי און די באַאַמטע, און וואָס זיי האָבן דערלאָזט, אַז מאָן־וואַלעריאַן זאָל ווידער פאַרנומען ווערן. מען זאָגט, אַז דעם 19טן אָדער דעם 20טן האָבן זיי באַדאַרפט גיין אויף ווערסאַל. ביי דעם ערשטן אַלאַרם וואָלט אָבער די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג געמאַכט פּליטה קיין פאָנטענבלאָ מיט דער גאַנצער אַרמיי, אַדמיניסטראַציע און מיט די לינקע, — מיט אַלץ, וואָס עס איז נייטיק געווען, כדי צו פאַרוואַלטן איבער דער פּראָווינץ. דאָס פאַרנעמען ווערסאַל וואָלט בלויז איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט דעם שונא און וואָלט קיין גרויסן האַפט ניט געהאַט; דאָס פאָלקס־חייל איז געווען צו ווייניק צוגעגרייט, אַז עס זאָל קענען גלייכצייטיק פאַרטיידיקן אַ ניטבאַפעסטיקטע שטאָט און פּאַריז.

בכל אופן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געלאָזן נאָך זיך אַ גוטע ירושה — טויזנטער מיטלען, כדי צו אַנטוואָפענען דעם שונא.

אכטער קאַפּיטל

„אַ גרויסער טייל באַפעלקערונג און נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פון פּאַריז ווענדט זיך צו די דעפּאַרטאַמענטן נאָך הילף, כּדי צוריקצושטעלן די אָרדענונג".

(טיערס צירקולאַר צו די פּרעפעקטן פון 27טן מערץ פון 71טן יאָר.

דאָס פּראָקלאַמירן די קאָמונע.

די דאָזיקע וואָך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן אָנפאַל אויף פּאַריז, האָט זיך געענדיקט מיט זיין טריומף. פון טאָג צו טאָג האָט די אידעע פון קאָמונע באַקומען אַלץ אַ גרעסערע פּאָפּולאַריטעט. פּאַריז - די קאָמונע האָט באַקומען זיין גאַנצע באַדייטונג פון אַ הויפּטשטאָט און איז געוואָרן דער אָנפירער פון דער נאַציע. שוין דאָס צענטע מאָל זינט דעם 89טן יאָר האָבן די אַרבעטער אַרויפגעפירט פראַנקרייך אויפן ריכטיקן וועג.

די פרייסישע באַגנעטן האָבן קלאָר באַוויזן, וואָס אונזער לאַנד איז געוואָרן נאָך אַכציק יאָר רעגירן פון אונזער בורזשואַזיע: עס איז ענלעך געווען צו גוליווערן, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דעם חסד פון די ליליפּוטן. עס איז אָבער געקומען פּאַריז, וואָס האָט צעריסן טויזנטער שטריק, וועלכע האָבן צוגעבונדן פראַנקרייך צו דער ערד, האָט צוריקגעשטעלט די בלוט-צירקולאַציע אין זיינע קראַנק-געוואָרענע אברים און אַזוי געזאָגט: זאָל אין יעדן שפּליטער פון פאָלק בלייבן פאַרבאָרגן דער עמבריאָן פון לעבן פון דעם גאַנצן פאָלק. די איייניקייט פון אַ בינ-

שטאָק, אָבער ניט פון אַ קאַזאַרמע. דאָס אָרגאַנישע קעמערל פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק — איז די שטאָטישע געמיינדע, די קאָמונע.

פראַנקרייך איז, ווי לאַזאַר, אויפגעשטאַנען תחית־המתים. הן פון דעם יאָך פון דער אימפּעריע, הן פון דער באַלאַגערונג. עס האָט אַראָפּגעריסן פון קאָפּ דעם צודעק, אַראָפּגעשליידערט די תכריכים און האָט אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן. עס האָט ווייטער געלעבט מיט זײַן אייגענעם שׂכל, געאָטעמט מיט זײַנע אייגענע לונגען, האָט אויסגעשטרעקט אַ ברידערלעכע האַנט צו אַלע פראַנצויזישע געמיינדעס, וואָס האָבן צוריק אויפגעלעבט. מענטשן, וואָס זײַנען דעם לעצטן חודש שוין כמעט אַרײַנגעפאַלן אין פולקומען יאוש, האָבן צוריק אָנגעהויבן שטראַלן פון באַגײַסטערונג. אומבאַקאַנטע האָבן זיך איינער צום אַנדערן דערנענטערט, זיך געפּילט ווי ברידער: אַלע האָבן געהאַט איין ווילן, איין גלויבן, איין ליבע.

זונטאָג, דעם 26טן מערץ — איז אַן אמתער יום־טוב פון פרילינג. אַ זיפץ פון דערלײַכטערונג האָט זיך אַרויסגעריסן פונם האַרץ פון פּאַריז, פּונקט ווי בעת מען גייט אַרויס פון קיניגרייך פון חשכות אָדער מען ווערט אויסגעלייזט פון אַ שרעקלעכער סכּנה. די גאַסן פון ווערסאַל האָבן באַקומען עפּעס אַ בייז־באַשערט אויסזען, דער וואָקזאַל איז געווען פאַרנומען פון זשאַנדאַרמען; זיי פאָדערן גראָב פּאַספּאָרטן ביי דורכפאָרנדיקע, קאָנפיסקירן פּאַריזער בלעטער, אַרעסטירן יעדן איינעם, וואָס זאָגט עפּעס אַ גוט וואָרט וועגן דער שטאָט. דער אַרײַנקום אין פּאַריז איז פראַנק און פרײַ. די גאַסן זײַנען באַלעבט, אין די קאַפעס איז אַ גערויש פון שטימען. די זעלבע יינגלעך פאַרקויפן דעם „זשורנאַל דע פּאַרי" און „די קאָמונע"; אָנפאַלן אויפן שטאָטראַט, פּראָטעסטן פון אַ טייל פאַרביטערטע לייט געפינען אַן אָרט אין איין ריי מיט די מודעות פונם צענטראַל־קאָמיטעט. דאָס פאָלק טראָגט שוין מער ניט נאָך קיין כּעס, מחמת עס האָט שוין פאַר קיין זאַך ניט קיין מורא. די וואַל־רשימות האָבן פאַרביטן די שאַספּאָ.

לויט פּיקאַרס פּראָיעקט, האָט פּאַריז באַדאַרפט באַקומען זעכציק מוניציפּאַלע יועצים, צו דרײַ אויף יעדן קרייז, אומאָפּ־

הענגיק פון דער צאל באפעלקערונג; הונדערט-און-פופציק טויזנט איינוואוינער פונם 11טן קרייז וואלטן ניט געהאט מער קיין פאר-שטייער, ווי פינף-און-פערציק טויזנט פונם 16טן. דער צענטראל-קאמיטעט האט באשלאסן צו וויילן איין ראטמאן אויף יעדע צוואנציק טויזנט איינוואוינער, בסך-הכל ניינציק פערזאן. די וואלן האבן באדארפט פארקומען לויט די וואל-רשימות פון פעב-רואר 71טן און לויטן געוויינלעכן סדר; דער צענטראל-קאמיטעט האט בלויז ארויסגעזאגט זיין ווּאונטש, אז אויף להבא זאל אנ-גענומען ווערן א נאמענטלעכע אפשטימונג, אלס אנטשפרעכנדיקערע לגבי די דעמאקראטישע פרינציפן. די פארשטעט האבן דערמיט מסכים געווען און האבן געקליבן דורך אפענע וואלן. די ווילער פונם סענט-אנטואנער קווארטאל האבן זיך אויסגעשטעלט אין א שורה און דעפילירט פארביי דער באסטיליע און אין דעמזעלבן סדר אוועק אין די סעקציעס.

דאס צושטיין פון די מערן האט אויך דערוועקט אין די בורזשואזע קווארטאלן א אינטערעס צו נעמען אנטייל אין די וואלן. די וואלן זיינען געווארן גרעצלעכע, מחמת די באפולמעכ-טיקטע פון דער רעגירונגס-מאכט האבן זיי דערלויבט דורכצופירן. עס האבן געשטימט צוויי מאל הונדערט-און-זיבן-און אכציק טויזנט מאן, לפי ערך א סך מער, ווי בעת די פעברואר-וואלן. און טיער האט געהאט די העזה צו טעלעגראפירן: „בירגער — די פריינט פון ארדענונג האבן קיין אנטייל אין די וואלן ניט גענומען".

דאס איז געווען אן אפענע אפשטימונג פונם פרייען פאלק. קיין שום אינטריגעס, קיין שום פאליציי ביים ארייגאנג אין די זאלן. „די איצטיקע וואלן וועלן ניט זיין קיין פרייע", — האט טיער טעלעגראפירט. דערווייל אבער זיינען אט-אזעלכע מיני ראיות פארהאן, אז די וואלן זיינען געווען לגמרי פרייע, א סך קעגנער פונם צענטראל-קאמיטעט זיינען דורכגעגאנגען בעת די וואלן, א סך האבן ווידער באקומען א נישטיקע צאל שטימען: לוי בלאן — 5.680 שטימען, וואטרען — 5.133, און קיין פראטעסט האט מען אפילו קיין איינציקן ניט געהערט.

די מעסיקע צייטונגען האָבן אַפילו געלויבט דאָס אַרטיקל אין „אָפיסיעל“, אין וועלכן עס האָט זיך גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון דער קומענדיקער קאָמונאַלער פאַרזאַמלונג: „קודם־כּל וועט זי מוזן באַשטימען אירע פולמאַכטן, דאָס געביט פון איר קאָמפּעטענץ... איר ערשטע אַרבעט איז מחוייב צו זיין דאָס באַהאַנדלען און צונויפשטעלן אַ כאַרטיע... דערנאָך שטייט איר פאָר צו באַהאַנדלען, מיט וואָסערע מיטלען צו צווינגען די צענטראַל־מאַכט צו אָנערקענען און גאַראַנטירן די לאַגע פון דער מוניציפּאַלער אויטאָנאָמיע. די דאָזיקע קלאָרקייט, די דאָזיקע קלוגקייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די אָפיציעלע אַקטן, האָט סוף־כּל־סוף מכניע געווען אַפילו די סאַמע ווידערשפּעניקע. עס איז בלויז געבליבן ווערסאַל, וואָס זיינע חרמות זיינען לחלוטין ניט געוואָרן געשטילט. דעם 27טן האָט טיער געזאָגט פון דער טריבונע אַראָפּ: „ניין, פראַנקרייך וועט ניט דערלאָזן, אַז אין איר זאָלן טריומפירן פאַראַכטע לייט, וואָס גאַרן עס צו דערטרינקען אין בלוט“.

צומאָרגנס זיינען די דאָזיקע צוויי מאָל הונדערט טויזנט „פאַראַכטע“ געקומען אין שטאָטראַט, כּדי צו באַשטעטיקן זייערע אויסדערוויילטע אויף די אמתן. באַטאַליאָנען זיינען מיט אַ געפּויקעריי, מיט פענער, וואָס זיינען געווען באַצירט מיט פריגישע מיצלעך, מיט רויטע פרענז ביי די ביקסן, צוזאַמען מיט רעגולער חייל, אַרטילעריסטן און מאַטראָסן, וועלכע זיינען געבליבן געטריי פּאַריז, — אַוועק איבער אַלע גאַסן און איבער דעם גרעווער פּלאַץ, צעגיסנדיק זיך, ווי צופלוסן פון איין ריזיקן טייך. אינמיטן שטאָטראַט, אַנטקעגן דעם צענטראַל־אַריינגאַנג, איז אויסגעבויט אַ גרויסע עסטראַדע. אויף איר דערהויבט זיך און באַצירט די פאַרזאַמלונג די סטאַטוע פון דער רעפּובליק מיט אַ רויטן באַנד איבערן אַקסל, פינקלענדיק מיט בוקעטן רויטע פענער. אויבן פראָנטאָן זיינען צעהאַנגען ריזיקע רויטע שיצבלעכן, וואָס זיינען מודיע וועגן פראַנקרייכס פרייד. הונדערט באַטאַליאָנען שטעלן זיך אויס פאַרן שטאָטראַט מיט זייערע באַגנעטן, אויף וועלכע עס שפּילט זיך די זון. די אַלע, וואָס האָבן ניט געקענט אַהער צוקו־

מען, שטייען אויף די טייך־ברעגעס, אויף די ריוואלי, אויפן סעוואסטאפאלער בולוואר. די פענער, וואס זיינען צעשטעלט פאר דער עסטראדע, זיינען כמעט אלע רויטע, עס איז פאראן בלויז עטלעכע דרייפארביקע, אבער אויך זיי זיינען באצירט מיט רויט,— דאס איז א סימבאל פונם פאלקס־נצחון. בעת די באטאליאנען שטעלן זיך אויס פאר דעם בנין, דערהערט זיך א כאר־געזאנג, די מיליטערישע מוזיק דונערט די מארסעליעזע און „שאן די דעפאר”, די טרומייטערער שאלן, דער הארמאט פון דער קאמונע פון 92טן יאר גיט א סאלווע אויף דעם טייך־ברעג.

עס ווערט שטיל, אלע גרייטן זיך צו הערן. אויף דער עסטראדע גייען ארויף די מיטגלידער פונם צענטראל־קאמיטעט און פון דער קאמונע מיט רויטע בענדער איבער די אקסלען. ראנוויע זאגט: „דער צענטראל־קאמיטעט גיט אפ דער קאמונע זיינע פולמאכטן. בירגער, מיין הארץ איז איבערפולט מיט פרייד און איך בין ניט בכוח צו האלטן קיין רעדע. דערלויבט מיר בלויז אפצוגעבן א שבח דער באפעלקערונג פון פאריז, וואס האט פאר דער וועלט געוויזן אזא גרויסן ביישפיל”. איינער פון די מיטגלי־דער פונם צענטראל־קאמיטעט, א ברודער פונם קינד, וואס איז דערהרגעט געווארן אין 52טן יאר אויף דער טיקעטאן־גאס — „דאס קינד האט מען דערהרגעט מיט צוויי קוילן אין קאפ”, — לייענט די נעמען פון די אויסגעוויילטע. עס פויקן די פויקן, צוויי הונדערט טויזנט שטימען ציען ווידער דעם ניגון פון דער מארסעליעזע, זיי ווילן שוין מער ניט קיין דרשות. ראנוויען געלינגט קוים־קוים צו כאפן די פאסיקע רגע, כדי א געשריי צו טאן: „אין נאמען פון פאלק איז די קאמונע פראקלאמירט!”

אלס ענטפער דערהערט זיך א ווילד געשריי פון התלהבות וואס האט זיך ארויסגעריסן פון צוויי מאל הונדערט טויזנט הער־צער: „זאל לעבן די קאמונע!” אויף די באגנעטן וויגן זיך די היטלען פון די זעלנער, די פענער פלאטערן אינדערלופטן. פון די פענסטער שטרעקן זיך אויס טויזנטער הענט, זיי פאכן מיט די טיכלעך. עס הערט זיך א כסדרדיק דונערן פון הארמאטן, מוזיק, א געשאל, א פויקעריי — אלץ גיסט זיך צונויף אין איין מאיעס־

טעטישער סימפאניע. די הערצער פלאטערן, אין די אויגן באווייזן זיך טרערן. פאריז איז נאך קיין איין מאל זינט דעם יאר 1790 ביט געווען אזוי טיף אויפגעטרייסלט. עס זיך געדאכט, אז ביי די ערגסטע שרייבער, וואס האבן באשריבן די דאזיקע סצענע, האט אין דער דאזיקער רגע אויפגעפלאקערט גלויבן אין דער נשמה.

בריונעל האט אנגעפירט מיטן צערעמאניאלן מארש זייער גוט; אים האט זיך איינגעגעבן דורכצופירן אינם שטאטראט די באטאליאנען, וואס האבן געגארט צו באגריסן די קאמונע. פאר דער סטאטוע פון דער רעפובליק האבן זיך די פענער איינגעבויגן, די אפיצירן האבן סאלוטירט מיט די שווערדן, די זעלנער האבן גענומען די ביקסן אויף ערנוואך. די לעצטע רייען זיינען פארביי ערשט ארום זיבן א זייגער.

טיערס אגענטן האבן זיך אומגעקערט פארצווייפלטע. „דאס איז באמת געווען גאנץ פאריז". דער צענטראל־קאמיטעט האט געקענט אויסשרייען אין אויפפלאם פון הייסער דאנקבארקייט: „היינט האט פאריז געעפנט א ניי בלאט אין דער געשיכטע און אריינגעשריבן אהין זיין גרויסן נאמען... זאלן די ווערסאלער שפיאנען, וועלכע דרייען זיך ארום אונז, דערציילן זייערע הארן, וואסערע געפילן עס זידן אין די הערצער פון דער גאנצער באפעלקערונג; זאלן די דאזיקע שפיאנען מאלן פאר זיי דאס מאיעסטעטישע בילד, ווי אזוי דאס פאלק טרעט אריין אין זיינע זעלבסטהערשערישע רעכט".

דער גלאנץ פון דעם דאזיקן בליץ וואלט דאכט זיך א בלינדן געמאכט זעענדיק. צוויי מאל הונדערט טויזנט שטימען, צוויי מאל הונדערט טויזנט, וואס האבן זיך צונויפגעגאסן אין איין אויסגעשריי — זיי קען מען שוין ניט אנרופן געהיימער קאמיטעט, א הייפל רויבער און באנדיטן, ווי מען האט וועגן זיי געשריען מיט צען טעג צוריק. מיר זעען דא א ריזיקע קראפט, וועלכע דינט איין באשטימטן ציל — און אומאפהענגיקער געמיינדע. די קראפט, וואס ווערט ניט אפגעשאצט אין דער צייט פון אלגעמיינער אנעמיע, איז פונקט אזא טייערע מציאה, ווי א קאמפאס,

וועלכער איז פאַרבליבן בעת אַ שיף=קאַטאַסטראָפע, אַ דאַנק וועלכן עס ווערן נצול די איבערגעבליבענע מענטשן.

ס'איז אַן אומגעוויינלעכער מאָמענט אין משך פון דעם גאַנצן פּעריאָד. עס האָט ווידער אויפגעשיינט דער באַגינען פון אונזער אייניקייט. אַלע הערצער זיינען אַרומגענומען מיט איין פייער, דאָס קליינבירגערטום ווערט בטל בששים צווישן פּראָלעטאַריאַט, די מיטעלבורזשואַזיע ווערט טאָלעראַנטער. אין אַזעלכע מינוטן איז אַ פאָלק פעיִק אויף פולקומען רענעסאַנס.

ליבעראַלן, אויב איר האָט ערלעך געפאָדערט דעצענטראַליזאַציע, רעפּובליקאַנער, אויב איר האָט תּופס געווען, פאַרוואָס דער יוני האָט געשאַפן דעם דעצעמבער, אויב איר ווילט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיין איבער זיך אַליין דער האַר, הערט אייך צו צו דער נייער שטים, פאַרפעסטיקט די מאַכט, כּדי צו געבן אַ ריכטונג דעם ווינט פון אויפלעבונג.

אייך דראָען די פּרייסן? — מילא, איז וואָס! איז דען ניט נאָך איידעלער צו שמידן דאָס כּלי=זיין דעם שונא פאַר די אויגן? בורזשוא, צי דען האָט ניט פּנים אל פּנים מיטן שונא אייער זיידע עטיען מאַרסעל געוואָלט אויפלעבן פראַנקרייך? האָט דען ניט געאַרבעט דער קאָנווענט אונטער אַ שטורעמווינט פון געשעעניש?

וואָס=זשע ענטפערן זיי? — טויט! די בלוטיקע זון פון דער בירגער=מלחמה האָט געצוואונגען אַראָפּצוּוואַרפן די מאַסקעס, אַפּצורייבן די רויטע פאַרב פון די באַקן. זיי זיינען ווידער צוזאַמען, איינס לעבן דאָס אַנדערע, ווי אין 1791טן, 1794טן, 1848 — די מאָנאַרכיסטן, קלעריקאַלן, ליבעראַלן, וואָס דראָען דעם פאָלק מיט זייערע פויסטן — איין גאַנצע אַרמיי אין פאַרשיידענע מונדירן. זייער דעצענטראַליזאַציע — איז דער פעאָדאַליזם פון פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, זייער זעלבסטפאַרוואַלטונג — דאָס אויסנוצן דעם ביודזשעט פאַר זיך גופא, און די גאַנצע פּאָליטישע חכמה פון זייער פירער — איז שחיטה און באַלאַגערונגס=צושטאַנד.

וואסער מאכט אין דער וועלט וואלט זיך ניט באמיט נאך אזוי פיל מפלות אפצוהיטן דעם קוואל פון אומגעריכטע כוחות? און ביי זיי, בעת זיי האבן דערזען פאריז, וואס איז פעיק צו שאפן א נייע וועלט, דאס דאזיקע הארץ, אין וועלכן עס האט געשלאגן דאס בעסטע בלוט פון פראנקרייך, — איז קיין אנדער זאך ניט געקומען אויפן רעיון, ווי אפצאפן ביי פאריז א ביסל בלוט.

ניינטער קאַפּיטל

„אַלע טיילן פראַנקרייך האָבן זיך פאַר־
אייניקט און קאָנצענטרירט אַרום דער נאַצי־
אָנאַלער פאַרזאַמלונג און דער רעגירונג".

(פון טיערס צירקולאַר צו דער פּראָ־
ווינץ, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן
דעם 23טן מערץ 1871, אינאָוונט).

די קאָמונע אין ליאָן, סענט-עטיען און קרעזאָ

וואָס זשע האָט געטאָן די פּראָווינץ?

אָן פּאַריזער צייטונגען, האָט זי זיך תּחילת געשפּייזט מיט פאַלשע ידיעות, וואָס טיער אַליין האָט פאַר איר פאַרטיק געמאַכט *, דערנאָך זיינען אָנגעקומען תּקנות, וועלכע זיינען געווען

---

* מיר וועלן תּיכּף אויפוויקלען דאָס בילד פון דער גאַנצער גנעץ שקרים, וואָס טיער האָט געוואָלט מיט זיי אַרומפלעכטן די פּראָווינץ. דעם 19טן האָט ער אָט-וואָס געשריבן: „אַ פערציקטויזנטיקע אַרמיי האָט אין פולער אָרדענונג זיך אַראָפּגעלאָזן אין ווערסאַל". אין דער אמתן איז דאָרט געווען בסך-הכּל צוויי און צוואַנציק טויזנט מאַן (די דאָזיקע צאָל גיט ער אַליין אָן אין דער אַנקעטע), וואָס זיינען געווען פולקום דעזאָרגאַניזירט. דעם 20טן: „די רעגירונג האָט ניט געוואָלט אָנווענדן קיין בלוטיקע מיטלען, הגם מען האָט זי דערצו פּראָוואָצירט". דעם 21טן איז די צאָל פון דער אַרמיי אויסגעוואַקסן ביז 45 טויזנט מאַן. „דער אויפשטאַנד באַגעגנט אַן אַלגעמיינע אומצופרידנקייט". דעם 22טן: „פון אַלע זייטן ליגן די באַטאַליאָנען פאַר דער רעגירונג מאָביל-לייט, כּדי זי צו שטיצן קעגן דער אַנאַרכיע. דעם 27טן, בעת דעם צוזאַמענטרעפן די שטימען, „זוכט אַ גרויסער טייל באַפעלקערונג און נאַציאָנאַלע גוואַרדיע הילף ביי די דעפּאַרטאַמענטן, כּדי איינ־צושטעלן אָרדענונג". די אַלע אָפיציעלע ביולעטענען, — זאָגט זשול סימאָן, — זיינען צוזיפגעשטעלט געוואָרן „פונם 19טן מערץ אָן אַזש ביזן נעמען פּאַריז יעדן אָוונט פערזענלעך דורך העד טיערן אַליין".

אונטערגעחתמעט דורך די מיטגלידער פונם קאָמיטעט. ניט זעענדיק צווישן די דאָזיקע אַלע חתימות קיין איין לינקן דעפוטאַט, קיין איין דעמאָקראַטישן נאָמען, האָט די פּראָווינץ זיך אויך געשטעלט די שאלה: „ווער זשע זיינען די אומבאַקאַנטע לייט?" פּונקט ווי זייערע פאָטערס האָבן אַמאָל בהרחבהדיק געפירט שמועסן וועגן „פּיטן און קאָבורגן", בעת זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די פאָלקס-באַוועגונג, האָבן איצט די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבן קיין השגה ניט געהאַט וועגן דער באַלאַגערונג און וואָס די קאָנ-סערוואַטיווע פרעסע האָט קונציק געהאַלטן פון דער ווייטנס, געטענהט: „די דאָזיקע אומבאַקאַנטע לייט זיינען ניט קיין אַנדערע, ווי באָנאַפּאַרטיסטן". בלויז דאָס פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אַ חוש. דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן ליאָן. דאָ באַגעגענען מיר אַן אומפאַרמיידלעכע אָפּשפּיגלונג פון די פּאַריזער געשעענישן. זינט עס האָט זיך געעפנט די „פּויערישע פאַרזאַמלונג" האָבן די אַר-בעטער דערפילט, אַז זיי דאַרפן שטיין אויף דער וואַך. די מוני-ציפּאַלע ראַטמענער, פּחדנישע און אָנמעכטיקע, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען אפילו געווען נאָענט צו דער רעאַקציע, האָבן צוגענומען די רויטע פאָן מיט אַ תירוץ, אַז „די שטאָלצע פאָן פון שטעלן זיך אַנטקעגן ביז דער לעצטער מעגלעכקייט דאַרף ניט איבערלעבן פראַנקרייכס דערנידעריקונג". דאָס דאָזיקע גראָבע שפּיצל האָט ניט געקענט אַריינפירן דאָס פאָלק אין אַ טעות און אין גילאָטיער האָט מען טאַקע אַרומגערינגלט די פאָן מיט אַ שמירה. דער נייער פּרעפעקט וואַלענטען, אַ געוועזענער אָפיציר, אַ וואָול-גאַרער און אַכזריותדיקער מענטש, אינם גייסט פון קלעמאַן טאָמאַ, האָט געגעבן צו פאַרשטיין דעם פאָלק, וואָסער רעפּובליק מען האָט פאַר אים געגרייט.

דעם 19טן מערץ, תיכף ביי די ערשטע ידיעות, זיינען די ליאָנער רעפּובליקאַנער שוין אויף די פיס און זיי פאַרבאָרגן לחלוטין ניט זייערע סימפּאַטיעס צו פּאַריז. צומאָרגנס לאָזט וואַלענטען אַרויס אַ פּראָוואָקאַטאָרישע פּראָקלאַמאַציע, נעמט איבער די פּאַריזער צייטונגען, זאָגט זיך אָפּ איבערצוגעבן טעלעגראַמעס. דעם 21טן ווערן אינם מוניציפּאַל-ראַט אַ סך מיטגלידער אין כּעס

און עפעס איינער לאזט פאלן: „מיר וועלן געפינען אין זיך דרייסטקייט צו ווערן ליאנער קאמונע". דעם 22טן בייטאג קלייבן זיך אכט הונדערט דעלעגאטן פון דער נאציאנאלער גווארדיע צונויף אינם פאלאץ פונם הייליקן פעטער. א בירגער, וואס איז געקומען פון פאריז, קלערט אויף דעם כאראקטער פון דער באוועגונג. א סך ווילן, אז מען זאל תיכף־ומיד זיך אפן ארויסזאגן קעגן ווערסאל. די פארזאמלונג פארענדיקט זיך מיט שיקן דעפוטאטן אינם שטאטראט צו פאדערן, אז די שטאטישע פרייהייטן זאלן פארברייטערט ווערן, אז דער מער זאל באשטימט ווערן אלס שעף פון דער נאציאנאלער גווארדיע און ער זאל בעקומען פולמאכטן פון א פרעפעקט.

אויף דעם מוניציפאלן ראט האט דער מער גענאן, איינער פון די פינף בעת דער אימפעריע, זיך ארויסגעזאגט קעגן יעדן קאמף מיט ווערסאל. דער מער פון גילאטיער קרעסטען האט גע־פאדערט, אז עס זאל לכל־הפחות ארויסגעטראגן ווערן א פראטעסט. גענאן האט געדראט מיט דעמיסיע, אויב מען וועט דערגייען נאך ווייטער, און האט פארגעלייגט זיך צו ווענדן צום פרעפעקט, וועל־כער האט אין דער צייט צונויפגערופן די רעאקציאנערע באטאליאנען. אין דערזעלבער צייט קומען אן די דעלעגאטן פון פאלאץ פון הייליקן פעטער. גענאן באגעגנט זיי זייער אומהעפלעך. די דעפו־טאציעס קומען איינע נאך דער אנדערער, די אפזאגן אויך. ביני־לביני באוואפענען זיך די באטאליאנען פון בראטא און גילאטיער. אכט א זייגער פילט אן א המון דעם טעררא־פלאץ און שרייט: „זאל לעבן די קאמונע! נידער מיט ווערסאל!" די רעאקציאנערע באטאליאנען הארכן ניט דעם פרעפעקטס באפעלן.

א טייל פונם מוניציפאלן ראט קערט זיך אום 9 א זייגער אויף דער זיצונג, בעת דער צווייטער טייל ווייזט ארויס א ווידער־שטאנד די דעלעגאטן. נאך איין ענטפער פונם מער, וואס האט שוין קיין שום האפענונגען ניט איבערגעלאזט, פארפלייצן די דעלעגאטן דעם זאל פונם ראט. די דעלעגאטן זעצן זיך ארום טיש פונם ראט און באשטימען קרעסטענען אלס מער פון ליאן. ער זאגט זיך אפ, טענהדיק, אז אנפירן מיט דער באוועגונג דארפן אט־א־

די, וועלכע זיינען געוועזן די איניציאטארן. נאך א לאנגער מהומה קלייבט מען אויס א קאמונאלע קאמיסיע מיט פינף ראטמענער בראש: קרעסטען, דיוראן, בוואטיע, פערע, וועלע. די דעלעגאטן רופן וואלענטענען, פרעגן אים, צי ער האלט מיט ווערסאל. ער ענטפערט, אז זיין פראקלאמאציע לאזט ניט איבער קיין שום ספקות וועגן דעם — און מען ארעסטירט אים. דעמאלט ווערט פראקלאמירט די קאמונע, דאס פונאנדערלאזן דעם מוניציפאלן ראט, דעם אפזאג פונם פרעפעקט, דאס באשטימען ריטשיאטי גאריבאלדי אלס גענעראל פון דער נאציאנאלער גווארדיע, פאר־וואס עס רעדט זיין נאמען און זיינע פארדינסטן אין דער וואגעזער ארמיי. די דאזיקע באשלוסן ווערן געמאלדן דעם המון, וואס נעמט זיי אויף מיט התלהבות; די רויטע פאן באוויזט זיך ווידער ביים גרויסן באלקאן.

דעם 23טן, פון דערפרי אן, זאגן זיך די ראטמענער, וועלכע זיינען באשטימט געווארן מיט א טאג פריער, אפ, און די מורדים זיינען געצוואונגען אליין בייצושטיין פאר ליאן און די שכנותדיקע שטעט. „די קאמונע", — האבן זיי געזאגט, — „איז מחויב צו לאזן פאר ליאן אליין דאס רעכט צו באשטימען און אויפמאנען זיינע שטייערן, גרינדן א פאליציי און דיספאנירן מיט זיין נאציאנאלער גווארדיע, וואס היט אפ אלע וואכן און באפעסטיקונגען". די דאזיקע פראגראם איז א ביסל מער בפרטיות אויסגעארבעט געווארן אין די קאמיטעטן פון דער נאציאנאלער גווארדיע און אינם רעפובּ־ליקאנישן ראט. „צוזאמען מיט דער קאמונע וועלן פארלייכטערט ווערן די שטייערן, די גרויסע אייגנשאפטן-הכנסות וועלן מערניט צערייבט ווערן, די כאציאלע אנשטאלטן, אויף וועלכע די ארבעטער ווארטן, וועלן ווערן געגרינדעט. א סך נייט און יסורים וועלן פאר־קלענערט ווערן איידער עס וועט פארשווינדן די עקלהאפטע מכה פון דלות. א לחלוטין אומבאפרידיקנדיקע דעקלאראציע, אן שום אויספירן, וואס האט גאר־ניט געזאגט וועגן דער סכנה פון דער רעפובליק, וועגן דער קלעריקאלער פארשווערונג — דעם איינציקן כוח, מיט וועלכן מען האט געקענט אויפהייבן די קליינע בורזשואזיע.

די קאָמיסיע האָט זיך תּיכּף דערפילט איינזאַם. זי איז בכוח געווען צו פאַרכאַפּן דעם פּאָרט שאַרפּען, צונויפזאַמלען די קוילן, צעשטעלן די האַרמאַטן און מאַשינען־געווער אַרום דעם שטאָטראַט; די פאָלקס־באַטאַליאָנען זיינען אָבער אָפּגעטראָטן, אַחוץ צוויי אָדער דריי, און ניט איבערגעלאָזט קיין איין אָפּטיילונג אַפילו, בשעת דער קעגנער האָט געגרייט אַ ווידערשטאַנד. גענעראַל קרוזאַ האָט צונויפגעזאַמלט אויפן וואָקזאַל אַלע זעלנער, מאַטראָסן און מאָבילizירטע לייט, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער ליאָן; גענאָן האָט באַשטימט אַלס גענעראַל פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע בורן, אַ געוועזענער אָפיציר פון דער וואָגעזער אַרמיי; די אָפיצירן פון די אָרדענונג־באַטאַליאָנען זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דער קאָמונע און האָבן זיך געשטעלט אונטער דער קאָמאַנדע פונם מוניציפּאַל־ראַט, וואָס האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט אינם קאַבינעט פון די מערן, צוויי טריט פון דער קאָמיסיע.

די קאָמיסיע האָט אַ שטאַרק צעטומלטע פאָרגעלייגט דעם ראַט צוריק צו פאַרנעמען דעם פריערדיקן זיצונגס־זאַל. ער איז אַהינגעקומען אַרום פיר אַ זייגער. די קאָמיסיע האָט אים אָפּגעטראָטן איר אָרט, די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע ווידער האָט זיך געזעצט אויף די ערטער, וואָס זיינען באַשטימט פאַרן עולם. ווען די דאָזיקע מיטל־בורזשואַזיע זאָל פאַרמאָגן כאָטש אַ ביסל לעבנסקראַפט, כאָטש אַ ביסל פאַרזען פון די שרעקן פון קאָנסערוואַטיזם, וואָס עס שטייט פאָר צו זען, — וואָלטן די רעפּובליקאַנישע ראַטמענער גענומען די באַוועגונג צו זיך אין די הענט אַריין. זי איז אָבער באַשטאַנען האַלב פון סוחרישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט מיט פאַראַכטונג זיך באַצויגן צו אָרעמעלייט, האַלב פון בעלי־גאווהס, וואָס האָבן געוואָלט געוועלטיקן איבער די אַרבעטער, אָבער ניט באַפרייען זיי. בעת זיי האָבן זיך אַן עצה געהאַלטן און האָבן אַלץ ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, — האָבן ביני־לביני די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער געלאָזט פאַלן עטלעכע זידלווערטער אויף זייער אַדרעס. זייער אייגנליבע איז געוואָרן אָנגערירט. זיי האָבן פּלוצלונג געשלאָסן די זיצונג און זיינען אַוועק צונויפשטעלן אַן אַדרעס צוזאַמען מיט גענאָנען.

אינאווּנט זיינען אָמורו מיט צוויי דעלעגאַטן פונם צענטראַל־קאָמיטעט געקומען אינם קלוב פון דער דיוגעקלען־גאַס. מען האָט זיי געבראַכט אינם שטאָטראַט און זיי האָבן פונם גרויסן באַלקאָן אַראָפּ געהאַלטן אַ רעדע צום עולם. דער עולם האָט געענטפערט מיט אויסגעשרייען: „זאָל לעבן פּאַריז! זאָל לעבן די קאָמונע!" דער נאָמען ריטשיאָטי איז ווידער באַגעגנט געוואָרן מיט באַגריסונגען.

די דעלעגאַטן — יונגעלייט אָן שום פּאָליטישער דערפאַרונג און אָן שום ידיעת וועגן פּראָווינצער ענינים — האָבן די באַוועגונג ניט געקענט מאַכן לעבעדיק. דעם 24טן איז אויפן פּלאַץ טעררא פאַרבליבן בלויז עטלעכע הייפלעך נייגעריקע. אַלע פיר גרויסע ליאָנער צייטונגען האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן יעדן אָנטייל זייערן אין די פּאַריזער, ליאָנער און וועלכע עס איז אַנדערע מרידות. גענעראַל קרוזאַ האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די פּרייסן, וואָס שטייען אין דיזשאָן, דראָען אין משך פון פיר און־צוואַנציק שעה צו פאַרנעמען ליאָן, אויב די אָרדענונג וועט ניט ווערן צוריקגעשטעלט. די קאָמיסיע, נאָך אַן אומבאַהאָלפענערע, ווי פריער, האָט זיך ווידער געווענדט צום מוניציפּאַלן ראַט, וואָס האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין דער בערזע, און אים פאָרגעלייגט, אַז ער זאָל נעמען אויף זיך דאָס פאַרוואַלטן איבער דער שטאָט. „ניין" — האָט געענטפערט דער מער, — „מיר וועלן קיינמאָל די קאָמונע ניט אָננעמען". און בעת מען האָט געמאָלדן, אַז די מאָביל־לייט זיינען אָנגעקומען פון בעלפאָר, האָט דער ראַט באַשלאָסן זיי איינצואָרדענען אַ פייערלעכן קבלת־פּנים.

די אונטערהאַנדלונגען האָבן געדויערט אַ גאַנצן טאָג און האָבן זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אינאָוונט. דער שטאָטראַט איז ביסלעכווייז געוואָרן פּוסט. אַרום פיר אַ זייגער אינדערפרי זיינען דאָרט פאַרבליבן בלויז צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע; זיי זיינען אַוועק, אַראָפּגענומען די שמירה, וואָס האָט באַוואַכט דעם פּרעפעקט, און צומאָרגנס האָט שוין ליאָן זיך דערוואוסט, אַז די קאָמונע איז טויט.

דעמזעלבן אָוונט, וואָס די באַוועגונג איז אָפּגעשטאָרבן אין ליאָן, האָט זי זיך אָנגעהויבן אין סענט־עטיען. פונם 31טן אָקטאָבער

אָז, בעת די קאָמונע איז שוין כמעט געווען אָפיציעל פּראָקלאָמירט, האָבן די סאָציאַליסטן ניט אויפגעהערט צו פאָדערן, אַז מען זאָל זי פּראָקלאַמירן, ניט געקוקט אויף דעם עקשנות און אויף די דראָונגען פונם מוניציפּאַלן ראַט.

עס זיינען געווען צוויי רעוואָלוציאָנערע נעסטן: דער קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פונם רעוואָלוציאָנערן קלוב, און דער רעפּובליקאַנישער פאַרבאַנד, וואָס האָט ארומגענומען אַנגעזעענע רעפּובליקאַנער. דער מוניציפּאַלער ראַט, אחוץ צוויי-דריי אויסנאַמען, איז באַשטאַנען פון די רעפּובליקאַנער, וואָס האָבן בלויז געקענט, לויט זייער מהות, זיך אַנטקעגנשטעלן די פאָדערונגען פונם פאָלק, כדי זיי אַליין זאָלן ווערן צעמורשט דורך דער רעאַקציע. דער קאָמיטעט און דער פאַרבאַנד האָבן באַשלאָסן צו פאָדערן, אַז דער גאַנצער באַשטאַנד זאָל ווערן באַנייט.

דער 18טער מערץ האָט באַגייסטערט די אַרבעטער. דער ראַדיקאַלער אָרגאַן „ל'עקלערער" האָט אָן שום אויספירן געמאָלדן: „אויב די נאַציאָנאַל=פאַרזאַמלונג וועט באַקומען די איבערהאַנט, איז אַ סוף צו דער רעפּובליק; אויב אָבער די פּאַריזער דעפּוטאַטן וועלן זיך אָפּזאָגן פונם צענטראַל=קאָמיטעט, האָבן זיי דערויף אַ גאַנץ ערנסטן יסוד". דאָס פאָלק איז אַוועק אויף כוח. דעם 23טן האָט דער קלוב „דע=לאַ=וויערזש" געשיקט זיינע דעלעגאַטן אינם שטאָטראַט פּראָקלאַמירן די קאָמונע. דער מער האָט צוגעזאָגט איבערצוגעבן די פראַגע צו באַהאַנדלען זיינע חברים. דער פאַרבאַנד האָט געפאָדערט, אַז אינם ראַט זאָל אָנגענומען ווערן אַ געוויסע צאָל דעלעגאַטן.

דעם 24טן זיינען ווידער געקומען דעלעגאַציעס. דער ראַט האָט געמאָלדן, אַז ער גיט זיך אָפּ אין דעמיסיע און וועט אַמטירן בלויז ביז די נייע וואַלן, וואָס וועלן פאָרקומען גאָר אינגיכן. דעמזעלבן טאָג אָבער האָט מאָרעלע, וואָס איז געווען צייטווייליק פּרעפעקט, זיך געבעטן רחמים ביים פאָלק ניט צו מעלדן קיין קאָמונע, נאָר זיך אונטערצוואַרפן דעם אויטאָריטעט פון דער נאַציאָנאַל=פאַרזאַמלונג. זיבן אַ זייגער אינדערפרי האָט אַ ראָטע

נאציאנאלע גווארדייער אויפגערודערט די גווארדיע מיט אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די קאָמונע!" דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געשיקט זיינע מענטשן אינם פאַרבאַנד מיט אַ פאָדערונג זיך אָנצושליסן און פאַרכאַפּן דעם שטאָטראַט. דער פאַרבאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט, זאָגנדיק, אַז די הבטחה פונם ראַט איז פאַר אים גענוג, אַז אין דער פאַריזער און ליאָנער באַוועגונג שטעקט זייער ווייניק זינען, אַז מען דאַרף היטן די געזעלשאַפטלעכע רו און אָרדענונג.

בעת די אונטערהאַנדלונגען האָט דער קלוב „דע־לאַ־וויערזש" זיך באַקלאָגט אויף דער פּוילקייט פון זיינע דעלעגאַטן און באַשלאָסן שיקן נייע, מיטגיין מיט זיי, כדי זיי זאָלן זיך ניט לאָזן איבעררײדן. אַרום צען אַ זייגער האָבן צוויי אָפּטיילונגען, פון פיר הונדערט מאַן יעדע, זיך געלאָזט צו דעם טויער פון שטאָטראַט, וואָס איז, לויטן באַפעל פונם נייעם פּרעפעקט, הער דע־ל'עפּע, איינעם פון די פאַבריק־זעלבסטהערשער, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן מיט דער פעסטער דעה אונטערצודריקן די מורדים— געווען געשלאָסן. דער המון רייסט זיך אָבער צום טויער און פאָדערט, אַז מען זאָל דורכלאָזן זיינע דעלעגאַטן, וועלכע פאַרלאַנגען אַ קאָמונע און מען זאָל, איידער דאָס וועט ווערן פאַקטיש רעאַליזירט, די מאַכט איבערגעבן אין די הענט פון אַ פאָלקס־קאָמיטעט. דער מער זאָגט זיי אָפּ; מאָרעלע באַמיט זיך צו דערווייזן מיט ראיות, אַז די קאָמונע — איז אַ זאַך פון די בריסן. זעענדיק, אַז ער קען די דעלעגאַטן בשום אופן ניט איבערצייגן, האָט ער מודיע געווען דעם הער דע־ל'עפּע, — די פּרעפעקטור האָט זיך געפונען אין דער מעריע, — און ביידע איז זיי געלונגען צו מאַכן פּליטה דורכן גאָרטן, פאַראייניקנדיק זיך מיט גענעראַל לאַוואוא, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ דעוויזיע.

האַלב נאַכט האָבן די דעלעגעטן געזען, אַז צו קיין שום רעזולטאַטן וועט ניט קומען, און באַשלאָסן, אַז קיינער זאָל פונם שטאָטראַט ניט אַרויס, נאָר זיינען אַוועק צו די מאַניפעסטאַנטן הייסן זיי אָנהייבן אַן אַקציע; אַ טייל זיינען אַוועק נאָך געווער, אַנדערע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אינם סינדיק־זאַל, וואו עס האָט

זיך געבילדעט אַ מיטינג. דאָס פאָלק האָט געוואָלט, אַז מען זאָל שלאָגן אויף אַלאַרם. דער מער האָט זיך אָפּגעזאָגט. אַרום זיבן אַ זייגער איז ער געפאַלן אויף אַ שפּיצל: ער האָט צוגעזאָגט פאַרצולייגן אַ פּלעביסציט בנוגע גרינגדן אַ קאָמונע. איינער פון די דעלעגאַטן האָט דורכגעלייענט די דאָזיקע מעלדונג פאַרן פאָלק, וואָס איז תּיכּף אַוועק פונם שטאָטראַט.

פּונקט אין דערזעלבער רגע איז העד דע=ל'עפּע געקומען אין קאָפּ אַריין אַ גליקלעכער געדאַנק צו הייסן רופן אויף אַלאַרם, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט געפאָדערט שוין פון האַלב=נאַכט אָן. ער האָט צונויפגעזאַמלט עטלעכע נאַציאָנאַלע גוואַרדייער פון דער אָרדענונגס=פּאַרטיי, איז געקומען אין דעם לחלוטין ליידיקן זאַל פון שטאָטראַט און האָט געמאָלדן אַ נצחון. דער מוניציפּאַל=ראַט איז געקומען אים מודיע זיין וועגן דעם הסכּם, צו וועלכן מען איז געקומען אינדערפרי; דע=ל'עפּע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטימען אַ טאָג פון די וואַלן; דער גענעראַל האָט אים צוגעזאָגט הילף מצד דעם גאַרניזאָן.

עלף אַ זייגער האָט דער רוף פונם פּרעפעקט צונויפגעזאַמלט די פאָלקס=באַטאַליאָנען. באַזונדערע גרופּעס שרייען פאַרן שטאָטישן ראָטהויז: „זאָל לעבן די קאָמונע!" דע=ל'עפּע שיקט נאָך זיין גאַרניזאָן — צוויי הונדערט און פופציק פוסגייער און צוויי עסקאַדראָנען הוזאַרן, — וואָס קומען ניט גערן. דאָס פאָלק רינגלט זיי אַרום. קעגן אים בלייבט בלויז איין שורה פייערלעשער און צוויי ראָטעס אינם שטאָטראַט, וואָס פון זיי איז בלויז איינע אויפן צד פון דער אָרדענונג.

אַרום מיטאָג=צייט פאָדערט איין דעלעגאַציע, אַז דער מוניציפּאַל=ראַט זאָל דערפילן זיין הבטחה. די ראַטמענער, וואָס זיינען דערביי — אַ גאַנץ קנאַפּע צאָל — האָבּ מסכּים געווען אַריינצונעמען אינם ראַט צוויי דעלעגאַטן פון יעדער ראָטע; דע=ל'עפּע וואַרפט אָפּ וועלכע עס איז הנחות. פיר אַ זייגער קומט אָן זייער אַ גרויסע דעלעגאַציע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. דער פּרעפעקט וויל זי ניט אויפנעמען, ער רעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף באַפעסטיקן דעם בנין, פאַנצערן דעם טויער. די פייערלעשער נעמען

אָבער די ביקסן אַראָפּ פון די אַקסלען, רייניקן אָפּ דעם דורכ=
גאַנג און צווינגען דע=ל'עפּען אַנצונעמען עטלעכע דעלעגאַטן.

דער עולם, וואָס שטייט אין גאַס, איז באַאומרויִקט פון די אונטערהאַנדלונגען. האַלב פינף אַ זייגער קומען אָן די געווער=אַרבעטער. פון איין הויז דערהערט זיך אַ שאָס, וואָס דערהרגעט איין שמוקלער=אַרבעטער ליאַנע. אַלס ענטפער הייבן אָן דונערן הונדערטער שאָסן; עס פויקן די פויקן, עס שאַלט דער האָרן, די באַטאַליאָנען באַהאַלטן זיך אין שטאָטראַט בעת מען באַזוכט דאָס הויז, פון וועלכן עס איז אַ סברה, אַז דער שאָס איז געפאַלן.

אונטערן גערויש פון שיסעריי רייסט דער פּרעפעקט איבער די זיצונג און וויל איבערחזרן זיין נאַכטישע פּליטה, ער פאַלט אָבער אריין ניט אין דעם קאָרידאָר, וואָס ער דאַרף; מען דער=קענט אים, מען אַרעסטירט אים צוזאַמען מיטן געהילף=פּראָקוראָר, מען ברענגט זיי ביידן אין גרויסן זאַל אַריין און מען ווייזט זיי פונם באַלקאָן. דער המון באַגעגנט דעם פּרעפעקט מיט אַ פייפעריי און געשפּעט, זייענדיק זיכער, אַז דאָס האָט ער געהייסן שיסן אינם עולם. איין נאַציאָנאַלער גוואַרדייער פון דער אָרדענונגס=פּאַרטיי, וואָס האָט געוואָלט אַנטלויפן, נעמט מען אָן פאַר דעם מערדער פון ליאַנע און מען ברענגט אים צו טראָגן אויף דעם בעטל, אויף וועלכן מען האָט אַוועקגעטראָגן דעם דערהרגעטנס טויטן קערפּער אין שפּיטאָל אַריין.

דער פּרעפעקט און דער געהילפס=פּראָקוראָר בלייבן אינם גרויסן זאַל, וואָס שטעלט פאַר אַן אמתן וואולקאַן. דע=ל'עפּען באַשולדיקט מען, אַז ער האָט מיט אַ יאָר צוריק געהייסן שיסן אין די אָבענער אַרצגרעבער... ער ענטפערט, אַז ער האָט לגמרי ניט פאַרוואָלט מיט די אַרצגרובן, נאָר מיט די גרובן אין אַרשאַמבאָ. מען פאָדערט פון אים, ער זאָל פּראָקלאַמירן די קאָמונע אָדער זיך אָנגעבן אין דעמיסיע. ער שטעלט זיך אַנטקעגן, פירט אַ וויכוח. דער המון ווערט אַ ביסל פאַרמאַטערט און הייבט זיך אָן פונאַנ=דערצוגיין. אַרום אַכט אַ זייגער בלייבט אינם זאַל בלויז אַן ערך אַ טוץ גוואַרדייער און מען ברענגט די געפאַנגענע עפּעס עסן. דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט זיך געפונען אין איינעם

פון די שכנותדיקע קאבינעטן, גייט אוועק, בעת ער זעט, אז אלץ האט זיך בארויקט. ניין א זייגער קומט דער עולם צוריק. עס צעפלאקערט זיך ווידער דער כעס. מען שריים צו דעם פרעפעקט: „די קאמונע, די קאמונע שרייבט אונטער!" דע־ל'עפע לייגט פאר אונטערצושרייבן, באם מען וועט אים לאזן צוגעבן, אז ער האט עס געטאן בעל־כרחו. צוזאמען מיטן געהילף־פראקוראר געפינט ער זיך אין דער מאכט פון צוויי עקזאלטירטע פארשוינען — וויקטואר און פילאן; דער לעצטער, א געוועזענער פארשיקטער, אן אומבארמאלער מענטש, שטעלט זיך טיילמאל אויפן צד פונם המון, טיילמאל אויפן צד פון זיין געפאנגענעם. צען א זייגער קומט פאר א צוזאמענשטוים. פילאן דרייט זיך אוים, גיט צוויי שאסן אין דער וועלט אריין, דערהרגעט זיין פריינט וויקטוארן און פארוואונדעט איין פויקער. עס ברעכט תיכף אוים א ביקסן־שיסעריי; פילאן און ד'ע־לעפע פאלן כמעט טויט. דער געהילף־פראקוראר, וואס איז פארדעקט מיט פילאנס קערפער, ווערט אזוי־ארום ניצול פון טויט. צומארגנס לאזט מען אים מיט ווענטאוואנען אפ אויף דער פריי.

אין משך פון דער נאכט איז געשאפן געווארן א קאמיסיע פון אפיצירן פון דער נאציאנאלער גווארדיע און געוויינלעכע רעדנער פונם קלוב „דע־לא־וויערזש". זי האט ארויסגעגעבן א באפעל צו פארנעמען דעם וואקזאל, האט פארכאפט דעם טעלעגראף, דעם קוילן־און פולווער־לאגער און צונויפגערופן די ווילער אויפן 29טן. „די קאמונע איז לחלוטין ניט קיין רציחה, גזילה און מרידה, ווי מען האט ליב וועגן איר צו ריידן, זי איז דער טריומף פון פרייהייט און אומאפהענגיקייט, וואס איז ביי אונז אפגערויבט געווארן דורך דער אימפערישער און מאנארכישער געזעצגעבונג; זי איז דער אמתער יסוד פון דער רעפובליק". אין דעם דאזיקן ארבעטער־בינשטאק, צוזאמען מיט די ארצגרעבער פון ריקאמארי און פירמיני, האט מען ניט געפונען פאר נייטיק קיין ווארט צו דערמאנען וועגן דער סאציאלער פראגע. די קאמיסיע האט געקענט בלויז רופן אויף אלארם, אבער קיין אפקלאנג האט זי ניט געפונען.

צומאָרגנס, זונטאָג, האָט די בּאַרויִקטע שטאָט געליינט מודעות פון דער קאָמונע, וואָס זיינען געווען צעקלעפּט אין איין שורה מיט די אויפרופן פונם גענעראַל און דעם פּראָקוראָר. דער גענעראַל האָט איינגעלאַדן דעם מוניציפּאַל־ראַט צוריקצוציען זיין דעמיסיע; ער האָט געטענהט צו די ראַטמענער, וואָס האָבּן זיך באַהאַלטן אין זיינע קאַזאַרמעס: „מיינע זעלנער ווילן זיך ניט שלאָגן, איך האָבּ אָבּער טויזנט מאַן שאַספּאָ; אויבּ איר ווילט זיך מיט זיי בּאַנוצן — איז אדרבּא — פּאָראויס!" דער ראַט האָט ניט געפונען אין זיך קיין קריגערישע נטיות און האָט, לויטן בּיישפּיל פון ליאָן, זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן דעפּוטאַטן אינם שטאָטראַט, „מחמת בלויז מיט ערלעכע לייט פירט מען אונטערהאַנדלונגען".

דעם 27טן זיינען דער פאַרבּאַנד און „ל'עקלערער" זיך אינגאַנצן צעפאַלן. די קאָמיסיע האָט זיך ליקווידירט. אינאָוונט האָבּן עטלעכע מיטגלידער, וואָס זיינען געבּליבּן טריי, אויפגענומען צוויי יונגעלייט, וואָס אמורו האָט געשיקט פון ליאָן. זיי האָבּן גערעדט וועגן ווידערשטאַנד, און גרייטע זיך אַנטקעגנצושטעלן איז אין שטאָטראַט געוואָרן וואָס אַמאָל וויניקער. דעם 28טן, אַרום זעקס אַ זייגער אינדערפרי, איז דאָרט פאַרבּליבּן ניט מער, ווי הונדערט מאַן, בּעת ס'איז אָנגעקומען גענעראַל לאַוואוּאַ מיט די וואָגעזער פרייע שיסער און מיט עטלעכע פּאָלקן פון מאָנבּריזאָן. צו די נאַציאָנאַל־גוואַרדייער האָט מען געשיקט אַ פּאַרלאַמענטער, וואָס האָט זיך געבּעטן בּיי זיי רחמים אָוועקצולייגן דאָס געווער, כדי אויסצומיידן אַ בּלוטפאַרגיסונג. זיי האָבּן מסכּים געווען אָפּצורייניקן די מעריע.

עס איז אַוועק אַ סדרה אַרעסטן. די קאָנסערוואַטאָרן האָבּן געהאַלטן אין איין רכילותן, אַז צווישן די מערדער פונם פּרעפעקט האָט מען בּאַמערקט מענטשנפרעסער. דעם פּרעפעקטס נאָכפאָלגער דיוקראָ, דער דערפינדער פון אַ בּיסל צו קורצע בּריקן איבּער דער מאַרנע, שפּעטער דער בּאַרימטער פּרעפעקט פון דער מאָראַלישער אָרדענונג, האָט געמאַכט אַזאַ מין בּאַריכט דער ווערסאַלער קאָמיסיע: „אַפילו דעם בּר־מינן האָט מען ניט אַרויסגעוויזן קיין אַכטונג; מען האָט אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. בּיינאַכט איז פאַר־

געקומען אַן אומדערהערט=שרעקלעכע זאַך: איינער פון די אָנטייל=נעמער פונם מאָרד, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט, איז געקומען אין קאַפע און פאַרגעליגט די געסט צו פאַרזוכן אַ שטיקל שאַרבן פון הער דע=ל'עפּע, דערביי האָבן שטיקער פון דעם שאַרבן געקריצט צווישן זיינע ציין". דיוקראַ האָט נאָך מוסיף געווען: „דעם מענטשן האָט מען אַרעסטירט, איבערגעגעבן צום געריכט און באַפרייט!" אַ עקלהאַפטער שקר, וואָס אַפילו די בורזשואַזע ראַדיקאַלן האָבן אים געטאַדלט, זיי, וואָס האָבן גאַר=קנאַפּ געהאַלטן פון דער קאָמונע, וועלכע דער אָרגאַן זייערע „ל'עקלערער" האָט געהאַלטן פאַר אַ באַנאַפּאַרטיסטיש שטיקל אַרבעט. די אַרבעטער האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען באַזיגט און ביי הער דע=ל'עפּעס לוויה האָבן זיי געהערט אַ טויב געמורמל.

אין קרעזאָ האָבן די פּראָלעטאַריער אויך געהאַט אַזאַ מפּלה. די סאָציאַליסטן האָבן דערוויילע רעגירט איבער דער שטאָט פונם 4טן סעפּטעמבער. דער געוועזענער פאַבריק=אַרבעטער דיומע איז געווען מער. דעם 25טן, בעת עס זיינען אָנגעקומען ידיעות פון ליאָן, האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן פּראָקלאַמירן די קאָמונע. דעם 26טן, בעת דער אינספּעקציע, האָבן די נאַציאָנאַל=גוואַרדייער אַ געשריי געטאָן: „זאָל לעבן די קאָמונע!" און דער המון האָט זיי באַגלייט ביזן פּלאַץ פון דער מעריע, וואָס דער פּאָלקאָווניק פון די קיראַסירן זשעראַר האָט פאַרנומען. ער הייסט שיסן; די פוסגייער זאָגן זיך אָפּ. ער וויל צווינגען די קאַוואַלעריסטן צו שיסן: די גוואַרדיע וואַרפט זיך אויף באַגנעטן און פאַרכאַפּט די מעריע. דיומע איז מודיע, אַז די ווערסאַלער כּנופיה איז אַראָפּגעזעצט און די קאָמונע איז פּראָקלאַמירט. דערנאָך בלייבט, ווי אומעטום, אַלץ ווי געווען. צומאָרגנס ברענגט דער קאָמענדאַנט קרוזאָ אונטערשטיצונג, צעטרייבט דעם המון, וואָס איז, ניט געקוקט אויפן לעבעדיקן אינטערעס צו די לויפנדיקע געשעענישן, פאַרבליבן פּאַסיוו און נעמט די מעריע.

אין משך פון פיר טעג פאַלט די קאָמונע דורך אין אַלע רעוואָלוציאָנערע נעסטן אויף מזרח: ליאָן, סענט=עטיען און קרעזאָ. לאָמיר זיך איצט טאָן אַ לאָז אַראָפּ איבער דער ראָנע און אַוועק אויף דרום.

צענטער קאַפּיטל.

די קאָמונע אין ווערסאַל, טולוזע און נאַרבאָנע.

זינט די וואַלן פונם 8טן פעברואַר האָט מאַרסעל ווידער אַרומגעכאַפּט אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג. דער אַרויסטריט פון די רעאַקציאָנערן, דאָס באַשטימען טיערן, דער שענדלעכער שלום, וואָס איז בחיפּזון געשלאָסן געוואָרן, די מאָנאַרכיע, וואָס איז אָנגעקומען, די אַרויסרופן און מפּלות — דאָס אַלץ האָט די באַרימטע שטאָט געפילט פונקט אַזוי לעבעדיק, ווי פּאַריז. דאָך האָט דאָס פאָלק זיך נאָך ניט גערירט, נאָר געוואַרט אויף פּינקטלעכערע ידיעות, בעת דעם 22טן איז באַקומען געוואָרן אַ דעפּעשע פון רוען און קאַנראָבערן.

די קלובן, די אמתע נעסטן פון דעם קאָכיקן מאַרסעלער לעבן, זיינען תיכף אויפגעלעבט געוואָרן. די פּאָרזיכטיקע און מעטאָדישע ראַדיקאַלן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אינם קלוב פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. אַ כוואַליע מענטשן האָט פאַרגאָסן עלדאָראַדאָ, פון וואַנען עס זיינען אָנגעקומען ידיעות און ס'האָבן זיך געלאָזט הערן די אַפּלאָדיסמענטן פון קרעמיעס גלענצנדער, עלעגאַנטער און שאַרפזיניקער רעדע, וועלכער איז פריער געהאַט שוין אַרויסגעטראָטן אין באָרדאָ.

אין 69טן יאָר איז גאַמבעטאַ אַדאַנק אים אויסגעקליבן געוואָרן אין מאַרסעל. ער איז געקומען צו לויפן אין קלוב פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, האָט דעמאַסקירט די מעשים פון די ווערסאַלער לייט, האָט געזאָגט, אַז די רעפּובליק טאָר ניט אונטערגיין און אַז מען דאַרף עפּעס טאָן. הגם די מיטגלידער פונם קלוב זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט צוליב דער דעפּעשע, האָבן זיי דאָך קיין זאַך ניט געוואָלט אונטערנעמען. „אין זיינע אויפ-

דופן האט דער צענטראל־קאמיטעט ניט פעסטגעשטעלט קלאר זיין פאליטיק", — האבן זיי געזאגט; היות די אויפרופן זיינען געווען געחתמעט פון אומבאקאנטע לייט, האבן זיי געקענט זיין די באנאפארטיסטנס א שטיקל ארבעט.

אין מארסעל, וואו די מרידות זיינען אויסגעבראכן צוליב טיערס דעפעשן, איז דער ארגומענט געווארן לעכערלעך. וואו האט זיך געפילט דער באנאפארטיזם — אין די מעשים פון די דאזיקע אומבאקאנטע, וואס זיינען אויפגעשטאנען קעגן ווערסאל, אדער אין טיערס מעשים, וועלכער האט געשטיצט רוען מיט זיינע מיניסטארן און זיך געריסט מיט קאנראבערס פארשלאג?

נאך דעם געהילף־פראקוראר בושעס רעדע, האט גאסטאן קרעמיען באהערשט זיין פריערדיקע שטימונג און ער איז איז דער באגלייטונג פון קלוב־פארשטייער צוריק אוועק אין עלדאראדא. ער האט איבערגעלייענט ציטאטן פונם פאריזער „אפיסיעל" מיט פירושים, זיך אין זיין רעדע אזוי צעהיצט, אז ער האט זי פאר־ענדיקט: „די ווערסאלער רעגירונג האט אויפגעהויבן א קולע קעגן דעם, וואס זי רופט אן פאריזער מרידה, זי איז אבער צעבראכן געווארן אין אירע הענט און ס'איז ארויס דערפון די קאמונע... לאמיר שווערן, אז מיר האבן זיך דא צונויפגעזאמלט פארטיידיקן די פאריזער רעגירונג, די איינציקע, וואס מיר אנערקענען".

די באפעלקערונג האט זיך נאך איינגעהאלטן, דער פרע־פעקט האט זי אבער פראוואצירט דורך אומזיניקע זילזולים. דער בארימטער מאטראס, אדמיראל קאניע, א גארנישט אין דער פאליטיק, וואס איז ניט באקאנט געווען לגמרי מיט דער סביבה, אין וועלכער ער איז נאר־וואס געהאט אריינגעטראטן, איז געווארן א געווער אין די הענט פון דער רעאקציע. פונם 4טן סעפטעמבער אן איז דער רעאקציע שוין עטלעכע מאל אויסגעקומען זיך צונויפצוטרעפן מיט דער נאציאנאלער גווארדיע פון בירגער, וואס האבן פראק־לאמירט די קאמונע און פארטריבן די יעזויטן. ר. פ. טיסיע האט נאך זיין אפפאר אויך כסדר אנגעפירט מיט די רעאקציאנערן. די מעסיקייט פון די קלובן האט די רעאקציע באטראכט אלס פחדנות

און האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז גענוג שטאַרק, כּדי צו מאַכן אַן איבערקערעניש.

אינאָוונט האָט דער אַדמיראַל זיך אַן עצה געהאַלטן מיטן מער באָרי, אַ מיטגליד פון אַלע קלעריקאַל־ליבעראַלע קאָאַליציעס, מיט דעם שעמעוודיקן און אומאַנטשלאָסענעם פּראָקוראָר גילבער און גענעראַל עספּיוואַן ווילבואַנע, איינע פון די קאַריקאַטורן, וואָס זיינען באַפלעקט געווען מיט בלוט, וועלכע ווערן אָפטמאָל ארויסגערוקט דורך בירגער־מלחמות. אַ לעגיטימיסט — אַ האַרטער קאָפּ, אַן עובר־בטל, אַ לעבעדיקע פּויפּסטלעכע בולע, אַ גענעראַל פון דעם מין, וואָס קריכן אויף אַלע פיר אין די פּאָדערהייזער, אַ געוועזענער מיטגליד פון די געמישטע קאָמיסיעס, וואָס איז בעת מלחמה ארויסגעטריבן געוואָרן דורכן פאָלק פון ליל צוליב זיין טיפּשות און פאַרגאַנגענהייט, — איז ער געקומען אין דער מעריע מיט אַ לאָזונג פון די גלחים און רעאַקציאָנערע פּאַרזענישן: אַ מאַניפעסטאַציע פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע לכּבוד ווערסאַל. ער וואָלט דערגאַנגען נאָך ווייטער, ווען דער גאַנצער גאַרניזאָן וואָלט ניט באַשטאַנען פון רעשטלעך פון דער מזרח־אַרמיי און צעלאָפּענע אַרטילעריסטן. דער אַדמיראַל־פּרעפעקט, וואָס האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן, האָט אַקצעפּטירט די מאַניפעסטאַציע און באַפוילן דעם מער און דעם קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע זיך גרייטן צו איר.

דעם 23טן מערץ, זיבן אַ זייגער אינדערפרי, לאָזט זיך הערן אַ געפּויקעריי, אויף וועלכער עס ענטפערן אַפּ די פאָלקס־באַטאַליאָנען. צען אַ זייגער זיינען זיי שוין אויף קור־די־שאַפּיטר; די אַרטילעריע פון דער נאַציאָנאַלער אַרמיי שטעלט זיך אוים אויף קור־סען־לוי. מיטאָג־צייט מישן זיך אוים די פרייע שיסער, די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, די זעלנער פון כּל־המינים געווער און שטופּן זיך אויפן קור בעלזענס. די באַטאַליאָנען פון בעל־דע־מאַי און אַנדום קומען באַוואָפנט מיט אויסגעשרייען: „זאָל לעבן פּאַריז!“ די באַטאַליאָנען פון אָרדענונג זיינען אויף די ערטער ניטאָ.

דעם מוניציפּאַל־ראַט באַפאַלט אַן אימה, ער פאַרמשפּט די מאַניפעסטאַציע און פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט אַ רעפּובלי־

קאַנישן אויפרוף. דער קלוב פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע שליסט זיך אָן אָן דעם ראַט, פאָדערט די פאַרזאַמלונג זאָל צוריק זיין אין פּאַריז און אַלע לייט פון דער אימפּעריִשער כנופיה זאָלן ווערן אויסגעשלאָסן פון דינסט. די באַטאַליאָנען שטייען אויף די ערטער און שרייען: „זאָל לעבן פּאַריז!" די פאָפּולערע רעדנער גייען פאַרביי דעם פּראָנט און האַלטן רעדעס. דער קלוב זעט, אז אן אויסברוך איז אומפאַרמיידלעך, שיקט ער צו קרעמיען, בושע און פּרייסינע מיט אַ בקשה צו צעטרייבן די מאַניפעסטאַנטן און שיקן דעפּעשן פון פּאַריז. איידער די באַפעלמעכטיקטע שפּאַרן זיך מיט קאָניע, דערהערט זיך אויפן פּלאַץ אַ שרעקלעך געשריי: „די פּרעפעקטור איז אַרומגערינגלט"...

די באַטאַליאָנען, וואָס זיינען מיד געוווען פון זעקס שעה שטיין, האָבן זיך אַ ריר געטאָן מיט די פּויקערס פאָראויס. עטלעכע טויזנט מאַן גייען אַרויס אויף קאַנעביער און דערנענטערן זיך דורך די סען־בערעאָל צו דער פּרעפעקטור. די באַפולמעכטיקטע פונם קלוב פירן אונ־טערהאַנדלונגען; עס דערהערט זיך אַ שאָס. דער המון לאָזט זיך לויפן, באַהאַלט דעם פּרעפעקט, זיינע צוויי סעקרעטאַרן און דעם גענעראַל אַליוויע. גאַסטאָן קרעמיע באַווייזט זיך אויפן באַלקאָן, רעדט וועגן די רעכט פון פּאַריז, רופט צו אָרדענונג. דער המון אַפּלאָדירט, גרייפט כסדר אָן, זוכט און פאָדערט געווער. קרעמיע שטעלט צונויף צוויי אָפּטיילונגען און שיקט זיי אויף די באַרטן־וואַרשטאַטן און אויף מאַנפאַנטים אייזן־פאַבריק, וואו עס ווערן אָפּגענומען די ביקסן.

בשעת דער מהומה ווערט געשאַפן אַ קאָמיסיע פון זעקס מאַן: קרעמיע, זשאַב, עטיען, דעם טרעגער מאַוויעל, דעם שוסטער גיליאַר און מאַנטער אַלעריני. זיי האַלטן זיך תיכף אָן עצה. קרעמיע לייגט פאָר צו באַפרייען דעם אדמיראַל און אַנדערע אַרעסטירטע. דאָס פאָלק פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן בלייבן אַלס ערבות־לייט. דעם אדמיראַל פירט מען אַריין אין שכנותדיקן חדר און מען לאָזט אים איבער אונטער אַ שטרענגער שמירה. מען צווינגט אים זיך אָפּצוזאָגן אין דעמיסיע — אַ מאָדנע מאַניע, וואָס באַמערקט זיך אין אַלע פאָלקס־באַוועגונגען. קאָניע, וואָס האָט אינגאַנצן

פארלארן דעם קאפ, שרייבט אונטער א בקשה וועגן דעמיסיע, אלס ערלעכער מאן, וואס וויל אויסמיידן בלוט-פארגיסונג. די רעאקציאנערן האבן אויף אים שפעטער געווארפן שמוץ און ער האט זיך דערשאסן אין עטלעכע חדשים ארום נאך דער מעשה, אוים מורא, אז זיין דעמיסיע זאל נים ווערן אויסגעטייטשט אלס אקט פון פחדנות.

די קאמיסיע האט געמאלדן, אז זי האט ארייגגענומען אין אירע הענט אלע פולמאכטן—היות אבער זי דארף זיך אננעמען א ביסל מיט כוחות, האט זי פארגעלייגט דעם מוניציפאל-ראט און דעם קלוב פון דער נאציאנאלער גווארדיע צוצושיקן איר צו דריי דעפוטאטן. דער ראט האט באשטימט דאוויד באסקן, דעסערווין און סידארן, דער קלוב — בושען, קארטן און פיולושערן. צו-מארגנס האבן זיי ארויסגעלאזט אזא מין מעסיקע פראקלאמאציע: „מארסעל וויל אויסמיידן בירגער-מלחמה, וואס איז פראוואצירט געווארן דורך די צירקולארן פון ווערסאל. מארסעל וועט שטיצן און ערלעך געוויילטע רעפובליקאנישע רעגירונג, וואס וועט זיצן אין פאריז. די דעפארטאמענט-קאמיסיע, וואס איז געשאפן געווארן ביי דער מיטהילף פון אלע רעפובליקאנישע פארטייען, וועט אפהיטן די רעפובליק, כל-זמן עס וועט זי נים פארבייטן א נייע מאכט, וואס שטאמט פון א געזעצלעכער רעגירונג, וועלכע געפינט זיך אין דער הויפטשטאט".

די נעמען פונם מוניציפאל-ראט און דעם קלוב האבן בא-רויקט די מיטעלע בורזשואזיע. די רעאקציאנערן האבן זיך אלץ נאך געלאזן הערן. איבער נאכט האט די ארמיי אפגערייניקט די שטאט. דער פחדנישער עספיוואן האט פארלאזן דעם פרעפעקט אין דעם תהום, אין וועלכן ער האט אים ארייגגעווארפן, — אליין ווידער האט ער זיך באהאלטן ביי א געליבטער פון איינעם פון דער נאציאנאלער גווארדיעס קאמאנדירן, וועלכן ער האט שפע-טערצו באלוינט פאר דער דאזיקער איידעלער טובה, ווארעם באהאלטן זיך אין דער פרעפעקטור, וואס איז געווארן פארכאפט, איז געווען אוממעגלעך. האלב-נאכט האט ער זיך באהאלטן און

אנגעשלאסן אן מיליטער, וואס איז זיך רויק דערגאנגען ביזן דארף אבאני, זיבעצן קילאמעטער פון מארסעל.

די שטאט האט זיך געפונען אינגאנצן אין די הענט פון פאלק. דער דאזיקער פאלקומער נצחון האט צעטומלט די קעפ פון די היציקערע לייט. אין דער זוניקער שטאט איז ניטא קיין שאטירונגען. דארט זיינען אין דער נאטור פארהאן שארפע און קלארע פארבן, די כאראקטערן ווידער צייכענען זיך אויס מיט זייער לעבעדיקייט און מאנגל אין גלייכגעוויכט.

דעם 24טן האבן די בירגער ארויסגעהאנגען א רויטע פאן. די קאמיסיע, וואס האט זיך געפונען אין זייער רשות, האט זיך זיי ארויסגעוויזן צו ווייניק ענערגיש. סידאר, דעסערווי און פיול-זשער האבן אויסגעמיטן די פרעפעקטור, קארטו איז אוועק קיין פאריז נאך ידיעות. די גאנצע אחריות איז געלעגן אויף באסקן און בושען, וואס האבן זיך באמיט צוזאמען מיט גאסטאן קרעמיע צו מאכן א סדר אין דער באוועגונג; זיי האבן איינגעפונען, אז די רויטע פאן קען שטערן דער באוועגונג, און דאס פארהאלטן ערבות-לייט האבן זיי געהאלטן פאר איבעריק, — דערמיט האבן זיי געצויגן אויף זיך א חשד און מען האט זיי גענומען דראען. דעם 24טן אינאוונט איז בושע אריינגעפאלן אין א מרה-שחורה און האט זיך אפגעגעבן אין דעמיסיע.

גאסטאן קרעמיע איז אוועק מיט אן אנקלאגע אינם קלוב פון דער נאציאנאלער גווארדיע און בושע האט אויפדאסניי מסכים געווען צו פארנעמען זיין אמט.

די קלאנגען וועגן אט-א-די מיספארשטייענישן האבן זיך איינגיכן פארשפרייט איבער דער שטאט. דעם 25טן האט די קא-מיסיע מודיע געווען, אז „צווישן איר און דעם מוניציפאל-ראט האט געהערשט א פולקומער הסכם". דעמזעלבן טאג האט דער ראט זיך פראקלאמירט אלס איינציקע עקסיסטירנדיקע מאכט און און האט גערופן די נאציאנאלע גווארדייער צו טעטיקייט. ער האט זיך געוואקלט צווישן רעאקציע און פאלק, האט אנגעהויבן א מיאוסע אינטריגע לויטן נוסח פון די לינקע דעפוטאטן, אויף וועלכע דיופאר האט אין זיינע דעפעשן זיך געשטיצט. עספיוואן ווידער

האָט נאָכגעמאַכט טיערס טאַקטיק. ער האָט אָפּגענומען ביי מאַרסעל די אַדמיניסטראַציע, די פֿאָלקס־געלטער, די געזעלשאַפֿטלעכע אַנשטאַלטן, — אַלץ איז געוואָרן אַרויסגעשיקט קיין אַבאַני. אַנדערטהאַלבן טויזנט גאַריבאַלדיער פֿון דער וואָגעזער אַרמיי, וואָס האָבן געוואַרט אויף דעם, אַז זיי זאָל צוריקגיין אַהיים, און די זעלנער, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אויף נייע ערטער אין אַפֿריקע, אָן ברויט, אָן שכירות, אָן אַ שריפֿטלעכן מאַרשרוט, — וואָלטן געבליבן אויף דער גאַס, ווען קרעמיע אין בושע זאָלן ניט געווען באַפֿעלן דעם ראַט צו באַשטימען אַ צייטווייליקן אינטענדאַנט. אַזוי אַרום, האָבן בלויז אַ דאַנק דער קאָמיסיע די מענטשן, וועלכע האָבן פֿאַרגאָסן זייער בלוט פֿאַר פֿראַנקרייך, באַקומען ברויט און אַ מקום־מנוחה. אין איינער פֿון זיינע רעדעס האָט קרעמיע זיי אַזוי געזאָגט: „ווען מען וועט דאַרפֿן, דערמאָנט אייך אָן דער האַנט, וואָס מיר האָבן אייך ברידערלעך אויסגעשטרעקט". דעם דאָזיקן ענטוזיאַסט האָט זיך די רעוואָלוציע אויסגעוויזן אַלס אידיליע.

דעם 26טן איז די אָפּגעריסנקייט געוואָרן נאָך בולטער. קיינער איז שוין ניט אויפֿגעשטאַנען קעגן דער קאָמיסיע, קיינער אָבער איז אויך צו איר ניט צוגעשטאַנען. כמעט אַלע מערן פֿונם דעפּאַרטאַמענט האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאַרשפּרייטן אירע פּראָקלאַמאַציעס. אין אַרל האָט דער פּרווו פֿון די רעוואָלוציאָנערן צו מאַכן אַ מאַניפֿעסטאַציע מיט אַ רויטער פֿאָן זיך ניט איינגעגעבן. די פּרעפֿעקטור־לייט האָבן קיין זאַך ניט געטאָן, כדי צו ערקלערן, וואָס די פֿאָן זייערע באַטייט, און זי איז זיך געהאַנגען אין טויטער שטילקייט, ווי אַ רעטעניש, רויִק און שטום איבער דעם גלאָקן־טורעם אַנטקעגן מאַרסעל, וואָס האָט זיך געפּייניקט פֿון וואַרטן.

אין דער הויפּטשטאָט פֿון דרום־מערבֿדיקן פֿראַנקרייך האָט די באַוועגונג שנעל אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן. טולוזע האָט אַ ציטער געטאָן פֿון דעם אויסבֿרוך פֿון 18טן מערץ. דאָרט, אין דער פֿאַרשטאָט סען־סיפּריאַן, האָט זיך אַ ריר געטאָן די דרייסטע און אַנטוויקלטע אַרבעטער־באַפֿעלקערונג. די אַרבעטער זיינען געווען דער קערן פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און פֿונם 19טן האָבן

זיי פארנומען די וואכן מיט אויסגעשרייען: „זאל לעבן פאריז!"
צום פרעפעקט דיפארטאל, א מאן, וואס האט אפגעריכט גלות
אין 51טן יאר, האבן זיי זיך געווענדט מיט א פאדערונג זיך ארויס־
צוזאגן פאר אדער קעגן פאריז. די צייטונג „ל'עמאנסיפאסיאן", וואס
ער האט געפירט, האט ער געקעמפט מיט די דארפישע רעאקציאנערן
און ביי אים האט זיך אויף איינער פון די עפנטלעכע פארזאמלונגען
געלאזט הערן א רעפובליקאניש־ווארט. די קלובן האבן אויף אים
געמאכט א דרוק און געצוואונגען די אפיצירן פון דער נאציא־
נאלער גווארדיע געבן א שבועה אין טרייהייט דער רעפובליק,
און געפאדערט קוילן. טיער האט געזען, אז דיפארטאל וועט אן
שום ספק זיך גליטשן באַרג־אראפ, האט ער אויף זיין ארט באשטימט
קעראטרין, א געוועזענעם פאליציי־פרעפעקט אין די צייטן פון דער
ממשלה פון 4טן סעפטעמבער. ער איז געקומען צו פארן ביינאכט
פון 21טן אויף 22טן, זיך דערוואוסט, אז דער גאנצער גארניזאן
באשטייט בסך־הכל פון 600 נישט ארגאניזירטע זעלנער און אז די
נאציאנאלע גווארדיע וועט זיך שטעלן אויף דיפארטאלס צד, —
האט ער זיך געלאזט צוריק אין אזשאן.

דעם 22טן גרייט די נאציאנאלע גווארדיע א מאניפעסטאציע,
כדי צו פארכאפן דעם ארסענאל. דיפארטאל און דער מער איילן
זיך אין קאפיטאל אריין, וואו עס האט זיך געפונען דער טולוזער
שטאטראט. דער מער איז מודיע, אז קיין אינספעקציע וועט נישט
פארקומען; דיפארטאל — אז ער וועט זיך פריער אנגעבן אין
דעמיסיע, איידער ער וועט זיך ארויסזאגן. די גענעראלן, וואס
זיינען אויפגערעגט און דערשראקן פון דער בהלה אין די פאר־
שטעט, באהאלטן זיך אין ארסענאל. די מערן און די מוניציפאלע
קאמיסיע באהאלטן זיך און די סימפאטיעס פון דער נאציאנאלער
גווארדיע ווערן נאך מער נוטה צו דיפארטאלן, וואס איז געבליבן
אויף דער וואך. ער באמיט זיך צו באַרויקן די גענעראלן, זאגט
זיי, אז ער איז פעסט אנטשלאסן צו שטיצן די ארדענונג אין
נאמען פון דער ווערסאלער רעגירונג, דער איינציקער, וואס ער
אנערקענט. ער באווייזט אזוי זיי איבערצוצייגן, אז זיי שרייבן
אוועק צו טיערן און בעטן אים צו לאזן אויפן פאסטן. קעראטרי

באַקומט פון אים אַזעלכע פאַרזיכערונגען, און בעט, מען זאָל אים העלפן פאַרכאַפּן די פּרעפעקטור. דיפּאַרטאַל לייגט אים פאָר זיך צו טרעפן אויף דער פאַרזאַמלונג פון די מאָביל־אָפיצירן און נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס ווערט צונויפגערופן אויפן 24טן. יענער פאַרשטייט, מיט וואָס דאָס שמעקט, און בלייבט זיצן אין אַזשאַן.

אויף דער פאַרזאַמלונג האָט מען געזאָלט ווײַלן אַנהענגער פון ווערסאַל. פון זעכציק מאָביל־אָפיצירן האָבן פיר פאַרגעלייגט זייער דינסט; אין דערזעלבער צייט זיינען די אָפיצירן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע בייגעוועזן אויף אַ צווייטער, גאָר פון אַן אַנדער מין, מאַניפעסטאַציע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן קעגן קערעאַטרי. איינס אַ זייגער לאָזן זיך צוויי טויזנט מאַן פונם קאַפּיטאָל־פּלאַץ אוועק צו דער פּרעפעקטור. דיפּאַרטאַל נעמט אויף די אָפיצירן. ניט נאָר, וואָס זיי ווייזן ניט אַרויס קיין חשק צו שטיצן די ווערסאַלער רעגירונג, נאָר זיינען דווקא גרייט צו גיין קעגן איר: אויב טיער וועט ניט מסכים זיין צו שליסן שלום מיט פּאַריז, וועלן זיי פּראָקלאַמירן אַ קאָמונע. פון אַלע זייטן פאַלן אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די קאָמונע! זאָל לעבן פּאַריז!" די אויפגעהעצטע אָפיצירן אַרעסטירן קערעאַטרין, פּראָקלאַמירן אַ קאָמונע און צווינגען דיפּאַרטאַלן נעמען אויף זיך די לייטונג. ער זאָגט זיך אָפּ און אַ סוף, גיט עצות. די אָפיצירן וואַרפן אים פאָר שוואַכקייט און פועלן ביי אים, אַז ער זאָל אַרויסגיין אויפן פּלאַץ פאַר דער פּרעפעקטור, וואו עס באַגעגענען אים אויסגעשרייען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די מאַניפעסטאַנטן קערן זיך אום אין קאַפּיטאָל.

אינם גרויסן זאַל פילן זיך די אָנפירער זייער פאַרשעמט. זיי לייגן פאָר דעם פאָרזיץ דעם מער, אַנדערע באַאַמטע, וואָס מאַכן פּליטה — און לסוף דיפּאַרטאַלן; דער לעצטער שטעלט צונויף אַ מאַניפעסט און דרייט זיך אַזוי אַרום אַרויס פון זיין פאַרלעגנהייט. דער מאַניפעסט ווערט דורכגעלייענט פונם גרויסן באַלקאָן אַראָפּ. די טולוזער קאָמונע פאָדערט אַן איינציקע און אומטיילבאַרע רעפּובליק, — טיערן באַפעלט זי פונאַנדערצולאָזן די פאַרזאַמלונג, די פּאַריזער דעפּוטאַטן ווידער — צו זיין פאַרמיטלער צווישן דער

גרויסער שטאט און דער רעגירונג. דער המון=עם באגריסט די קאמונע, וואס האט געגלייבט אין די לינקע דעפוטאטן און אין טיערס אנמאכט.

אינאוונט באשטימען די אפיצירן פון דער נאציאנאלער גווארדיע אן אויספיר=קאמיטעט, אין וועלכן די קעפ פון דער באוועגונג פאלן ניט אריין. ער באגרענעצט זיך מיט פארעפנטלעכן א מאניפעסט, נעמט ניט אן קיין שום פארהיטונגס=מיטלען, פארכאפט אפילו ניט דעם וואקזאל. ביני=לביני האבן די גענעראלן נאך אלץ מורא צו פארלאזן דעם ארסענאל.

דעם 26טן לאזט דער ערשטער פראקוראר און פרעזידענט ארויס אן אויפרוף, כדי צוצוציען די באפעלקערונג אויף זיין צד.

די נאציאנאלע גווארדיע אנטשליסט זיך צו ענטפערן דערויף מיט פארכאפן דעם ארסענאל, און די גאנצע באפעלקערונג פון דער פארשטאט סען=סיפריאן קלייבט זיך צונויף אויפן פלאץ פונם קאפיטאל. דער אויספיר=קאמיטעט האלט ליבערשט פאר בעסער צו פירן אונטערהאנדלונגען, איידער עפעס צו טאן, ער שיקט דעריבער זאגן אינם ארסענאל, אז ער איז גרייט אפצוטרעטן, אויב אנשטאט קערראטרין וועט די רעגירונג באשטימען א רעפובליקא=נישן פרעפעקט. אגב באווייזט מען לגמרי דיפארטאלן, וואס האט אייגנטלעך גארניט געטאן, כדי זיך צו שטעלן בראש פון דער באוועגונג. די אונטערהאנדלונגען דויערן א גאנצן אוונט. די נאציאנאלע גווארדייער גייען זיך פונאנדער, מיינענדיק, אז אלץ איז שוין געענדיט.

דעם 27טן איז קערראטרי געוואר געווארן וועגן די דאזיקע מפלות פון די רעפובליקאנער און איז תיכף געקומען מיט דריי קאוואלעריע=עסקאדראנען, זיך געלאזט צום ארסענאל, האט איבער=געריסן די אונטערהאנדלונגען און געגעבן א באפעל ארויסצוטרעטן. איינס א זייגער טרעט צו די ארמיי, וואס באשטייט פון צוויי הונדערט קאוואלעריסטן און זעקס הונדערט זעלנער פון כלערליי געוועער, צו מעשים. איין אפטיילונג פארנעמט די בריק פון סען=סיפריאן, כדי אפצושניידן די שטאט פון דער פארשטאט, די צווייטע — לאזט זיך אוועק צו דער פרעפעקטור און די דריטע

מיט די גענעראלן נאנסוטי, קעראטרי און דער שטאט-מאכט—גייען אויפן קאפיטאל. דריי הונדערט מאן פארנעמען די הויפן, די פענסטער און דעם פלאץ. קעראטרי שפרייט אוים דעם פראנט און שטעלט אוועק הארמאטן זעקס הונדערט מעטער פונם בנין, מחוץ די שאסן פון די מורדים. דער הויפט-פארזיצער און פראקוראר גייען ארוים פירן אונטערהאנדלונגען; קעראטרי שטעלט ארוים פאדערונגען; די געשרייען פארטויבן זיי. ווען די הויפט-מאכערם וואלטן ניט געווען פארלאזן דעם קאפיטאל, איז גענוג געווען איין שאס מיט קאלט פייער, אז די אנגרייפער זאלן זיך צעלויפן. עטלעכע מוטיקע לייט, וואס זיינען פארבליבן אינם שטאטראט, ווילן שוין אנהייבן זיך שלאגן, — עס מישט זיך אבער אריין דער רעפובליקאנישער פאראיין און איבערצייגט די נאציאנאלע גוואר-דייער, אז זיי זאלן ניט אפטרעטן. נעמען די פרעפעקטור איז געווען נאך לייכטער און אינאוונט איז קעראטרי שוין געשלאפן אין דיפאר-טאלס בעט. צומארגנס האבן די מיטגלידער פון דעם אויספיר-קאמיטעט פארעפנטלעכט א מאניפעסט און דערמיט אויסגעקויפט זייערע חטאים. איינעם פון זיי האט קעראטרי אפילו באשטימט פאר א מער.

אזוי ארום איז די גרויסמוטיקע טולוזער באפעלקערונג, וואס איז אויפגעשטאנען אונטער די אויסגעשרייען: „זאל לעבן פאריז!" — פארלאזן געווארן דורך די אלע, וואס האבן זי גערופן צו מרידה. א שרעקלעכער קלאפ פאר פאריז, מחמת דרום-מזרח וואלט נאכ-געטאן טולוזע.

א מענטש פון געדאנק און מעשים, וואס האט געפעלט אויף דרום, האט זיך געפונען אין נארבאנע, דער אלטער שטאט, וואס איז גאליש לויטן טעמפעראמענט, רוימיש לויט דער עקשנות און איז געווען דער אמתער צענטער פון דעמאקראטיע אין דעם דעפאר-טאמענט אד. בעת דער מלחמה האט זיך אין ערגעץ אזוי שטארק ניט ארויסגעוויזן די אומצופרידנקייט צוליב דער אנמאכט פון דער דעלעגאציע, ווי דא. די נארבאנער נאציאנאלע גווארדיע האט ניט געהאט קיין ביקסן, בעת די קארקאסאנער גווארדיע איז שוין לאנג געווען באוואפנט. נאך דער ידיעה פון 18טן מערץ, האט

נאַרבאָנע אַפילו קיין רגע ניט געטראַכט און זיך געשטעלט אויפֿן צד פון פּאַריז. כּדי צו פּאַרעפנטלעכן די קאָמונע האָבן זיי זיך געווענדט צו דיזשאָנען, אַ גלות-מאַן פון די צייטן פון דער אימפּעריע, אַ מענטש מיט אַ האַרטן כאַראַקטער און פעסטע איבערצייגונגען. דיזשאָן, פּונקט אַזאַ באַשיידענער, ווי אַן אַנטשלאָסענער, האָט פאַרגעלייגט זיין חבר פון די גלות-צייטן מאַרקן, אַז ער זאָל איבערנעמען דאָס אָנפירן מיט דער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַן אָנפירער פון דער דעמאָקראַטיע אין דעם דעפּאַרטאַמענט אָד און איינער פון די פאַרביסנסטע קעגנער פון גאַמבעטען אין די צייטן פון דער מלחמה. מאַרק, אַ קלוגיטשקער אַדוואָקאַט, וואָס האָט מורא געהאַט זיך צו קאָמפּראָמעטירן און געציטערט פאַר דיזשאָנס קאָנקורענץ אין דער הויפּשטאָט, האָט אים משלח געווען אין נאַרבאָנע. ער איז געקומען אַהין דעם 23טן און קודם-כּל באַשלאָסן אַריבערצוציען אויפֿן צד פון דער קאָמונע דעם מוניציפּאַלראַט. היות דער מער רענאַל האָט זיך אָפּגעזאָגט צונויפצורופן דעם ראַט, האָט דעם 24טן אינאָוונט אַ שטראָם געטאָן דער המון אינם שטאָטראַט, האָט זיך באַוואָפנט מיט ביקסן, וואָס זיינען געווען אין דער מוניציפּאַליטעט און האָט דאָרטן אַריינגעזעצט דיזשאָנען מיט זיינע פריינד. דיזשאָן איז אַרויס אויפֿן באַלקאָן, האָט פּראָקלאַמירט די נאַרבאָנער קאָמונע אַלס אָנגעשלאָסענע אָן דער פּאַריזער און האָט תּיכּף ומיד אָנגענומען אַלע פאַרהיטונגס-מיטלען.

צומאָרגנס האָט דער מער געפּרוּווט צוציען אויך דאָס חייל — און פאַר דעם שטאָטראַט האָבן זיך באַוויזן ראָטעס. דאָס פאָלק, און דער עיקר די פרויען, וואָס זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון דער קאָמונע, האָבן, ווי ווערדיקע שוועסטער פון די פּאַריזערינס, אַנטוואָפנט די זעלנער. דער קאַפּיטאַן און דער לייטענאַנט זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אַלס ערבות-לייט. דער ניצול-געוואָרענער גאַרניזאָן האָט זיך פאַרשלאָסן אין דער סען-בערנאַרער קאַזאַרמע. דעם 26טן האָט דער המון אַרעסטירט רענאַלן, וואָס האָט זיך אַלץ נאָך פאַרעקשנט געראַנגלט מיטן אויפשטאַנד. דיזשאָן האָט אַוועקגעשטעלט דריי פון די ערבות-לייט פאַר איינער פון די אָפּטיילונגען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, האָט פאַרכאַפּט די פּרע-

בעקטור און האָט צעשטעלט מיליטערישע שמירות ביים וואָקזאַל און טעלעגראַף. כדי זיך צו באַוואָפענען, האָט ער אויפגעבראָכן דעם ארסענאַל, וואו די זעלנער האָבן, ניט קוקנדיק אויפן באַפעל פונם לייטענאַנט צו שיסן, אָפּגעגעבן דאָס געווער. דעמזעלבן טאָג זיינען אָנגעקומען דעלעגאַטן פון די שכנותדיקע קאָמונעס, און דיזשאָן האָט זיך אָנגענומען צום קאָאָרדינירן די באַוועגונג.

ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז די אָרטיקע אויפרעגונג וועט איינגיכן געשטילט ווערן, אויב עס וועט ניט עקסיסטירן קיין פעסטע פאַרבינדונג צווישן איין אָרט און דעם צווייטן, און ער האָט דעריבער זיך געאיילט אויסצושטרעקן זיין האַנט דער מאַרסעלער און טולוזער מרידה. בעזיער, פּערפּיניאַן, סעט האָבן אים שוין געהאַט צוגעזאָגט שטיצע. ער האָט זיך שוין געהאַט געגרייט צו פאָרן קיין בעזיער, בעת צוויי ראַטעס טיורקאָסן זיינען פּלוצלונג אָנגעקומען דעם 28טן, און נאָך זיי חייל, וואָס איז ארויסגעשיקט געוואָרן פון מאָנפּעליע, טולוזע און פּערפּיניאַן. דיזשאָן האָט זיך געמוזט גרייטן צו פאַרטיידיקונג; ער האָט אויסגעבויט באַריקאַדעס, האָט פאַרשטאַרקט די שמירה און געראָטן די מורדים ליבערשט צו וואַרטן אויף אַן אָנגריף און שיסן בלויז צו די אָפיצירן...

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער הויפּט-טעמע. אונז רופט פּאַריז. די אויפשטאַנדן אין די איבעריקע פּראָווינצן זיינען געווען בלויז קאַנוואולסיעס. און דעם 28טן, בעת אין פּאַריז אין ששון-ושמחה, האַלטן זיך אין פראַנקרייך בלויז נאָך צוויי קאָמונעס — די מאַרסעלער און נאַרבאָנער.

עלפטער קאַפּיטל

„רעוואָלוציע מאַכט דאָס פאָלק, ניט
די קראַפט פון יחידים".

(סען־זשוסטס רעדע אינם קאָנווענט
דעם 31טן מאַי 1794).

די ערשטע זיצונגען פון דער קאָמונע. — די מערן מיט ווייערע אַדיונקטן מאַכן פליטה.

דער פּלאַץ האָט נאָך אַלץ געקאָכט, בעת אינם שטאָטראַט זיינען זיך צונויפגעקומען זעכציק אויסדערוויילטע פון פּאַריז. אַ סך פון זיי האָט מען באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל; דאָס רוב אָבער האָט דערקענט איינער אין דעם אַנדערן אַ קעגנער אָדער אַן אָנהענגער; דאָ זיינען געווען ליבעראַלן, וואָס האָבן לעצטנס געליטן אַ מפּלה, און רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. די וואַלן האָבן געגעבן 16 ליבעראַלע מערן און אַדיונקטן, עטלעכע אומצופרידענע און 62 רעוואָלוציאָנערן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען. *

דאָס זיינען געווען אָפּקלאַנגען פון דער באַלאַגערונג און פון די לעצטע וואָכן. קיין איין קרייז, אַחוץ אַ צוויי־דריי, האָט

---

* עד. אַדאַם, מעלין, ראַשאַר, באַרע (לוווּר). — ברעלע, לואַזאָ־פּאַנסאָן, טיראַר, שעראָן (די בערזע). — שאַרל מוראַ (טאַמפּל). — אַלבער־לע־רואַ, ראָבינע (לוקסעמבורג). — דעמאַרע, ע. פערי, נאַסט (די אָפּער). — מאַרמאָטאַן, דע בושעילע (פּאַסי). — נופיל (לוקסעמבורג). — ע. לעפעװר (בורבאָנער פּאַלאַץ), אַ. ראַן, אולים פּאַראַן (דיאָפּער).

דעבע, אַנטואַן אַרנו, פענדי, דיופּאָן (טעמפּל). — אַרטור אַרנו, לעפראַנסע, קלעמאַנס זשראַרדען, אַמורו (שטאָטראַט). — רעזשער זשורד, טרידאָן, בלאַנשע, לעדרואַ (פּאַנטעאָן). — בעלע, וואַרלען (לוקסעמבורג). — פּאַריזעל, אורבען, בריונעל (בורבאָנער פּאַלאַץ). — ראַול ריגאָ, וואַליאַן, אַרטור אַרנו, זשול אַליקס (עליזעישע

ניט איבערגעלאָזט זיינע אויסדערוויילטע קיין פאַרלאַנגען, ניט געקוקט דערויף, וואָס דער 19טער צענטראַל=קאָמיטעט האָט זיי מתרה געווען, אַז זיי זאָלן זיך גרייטן צו קאָמונאַלע וואַלן, און דער „אָפיסיעל" האָט אַפילו אָנגעצייכנט אַ שטיקל פּראָגראַם. די רייכע קוואַרטאַלן האָבן אינסטינקטיוו אויסגעקליבן אַ סך מערן און אַדיונקטן; אין די אָרעמע — זיינען אויסגעקליבן געוואָרן עטלעכע וועטעראַנען פון דער רעפּובליק; דעלעקליוז, גאַמבאָן, בלאַנקי, וואָס איז דעם 17טן אַרעסטירט געוואָרן אין דער פּראָווינץ, פעליקס פּיאַ, זשול מיאָ, ש. בעלע און עטלעכע קעמפער פון די צייטן פון דער אימפּעריע און באַלאַגערונג: פלוראַנס, טרידאָן, ווערמאָרעל, וואַלעס, לעפּראַנסע, וואַליאַן, ראַאול ריגאָ, פערע, קורנע, פּאַסקאַל גרוסע און אַנד. עס האָבן זיך אויך צוגעמישט פנימער, וואָס זיינען באַקאַנט געווען פון די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. דער צענטראַל=קאָמיטעט האָט זיין קאַנדידאַטור ניט אַרויסגעשטעלט, דאָך האָט מען פון אים אויסגעקליבן עטלעכע פערזאָן: זשורד, מאָרטיע, אַסי, ביליאָרע און אַנד.

פינף = און = צוואַנציק אַרבעטער, וואָס פון זיי האָבן בלויז דרייסיק געהערט צום אינטערנאַציאָנאַל, זיינען געווען פאַרשטייער פון דעם אַלעם, וואָס עס איז געווען ערלעך, דענקענדיק און מוטיק צווישן דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט: מאַלאָן, וואַרלען, דיוואַל, טעיס, אַווריאַל, ראַנוויע, פענדי, לאַנזשעווען, אַמורו, פראַנקעל, שאַמפּי און אַנד. ובכן איז אַ גרויסער טייל רעוואָלוציאָנערן באַשטאַנען פון קליינבירגער: באַאַמטע, רעכנמייסטערס, דאָק-

---

פעלדער). — גאַמבאָן, פעליקס פּיאַ, פאָרטיונע אַנרי, שאַמפּי, באַביק, ראַסטול, מאָרטיע, דעלעקליוז, אַסי, פּראָטאָ, עד, אַווריאַל, ווערדיור (פּאָפּענקור). — וואַרלען, זשערעסם, טעיס, פּריונאָ (רעילי). — לעאָ מעילע, דיוואַל, שאַרדאָן, לעאָ פראַנקעל (גאָבעליגען). — ביליאָרע, מאַרטעלע, דעקאַן (אָבסערוואַטאָריע). — וו. קלעמאַן, זשול וואַלעס, לאַנזשעווען (וואָזשיראַר). — וואַרלען, ע. קלעמאַן, ש. זשיראַרדען, שאַלען, מאַלאָן (באַטיניאָל). — בלאַנקי, טעיס, דערער, זש. ב. קלעמאַן, פערע, ווערמאָרעל, פּאַסקאַל גרוסע (מאָנמאַרטר). — אודע, פּיוּשע, דעלעקליוז, זשול מיאָ, אַסטון, פלוראַנס (שאָמאָנער בערג). — בערזשערע, ראַנוויע, בלאַנקי פלוראַנס (מענילמאָנטאַן).

טוירים, לערער, געריכטס=לייט, פובליציסטן — די לעצטע זיינען געווען א מאן צוועלף.

פון די הענט פונם צענטראל=קאמיטעט, וואס האט קיין השגה ניט געהאט אין ענינים פון פאליטיק, האט פאריז אומבאדינגט באדארפט איבערגיין אין די הענט פון סאציאליסטן און פאליטישע טוער, וואס זיינען שוין פון לאנג=אן געווען באקאנט אין זייער סביבה. עס זיינען דער עיקר אויסגעקליבן געווארן יונגעלייט, וואס א טייל פון זיי זיינען קוים אלט געווען 25 יאר.

זייער ערשטע באגעגעניש איז פארגעקומען ניין א זייגער אין דעם זעלבן זאל, וואו עס פלעגן אין די צייטן פון דער אימפעריע פארגעקומען די זיצונג פון דער מוניציפאלער קאמיסיע; דער זאל גייט, ווי באוואוסט, ארויס פון דריי זייטן אויף די בארימטע טרעפ, וואס פירן אין לוי דעם XIVטנס הויף.

אלס פארזיצער איז אויסגעקליבן געווארן בעלע. דער דאזיקער צוויי=און=זיבעציקיעריקער מאן, א דארער, א גאנץ הויכער, ברעטאניש=געבויטער, איז געווען א זון פון א ליבעראלן דעפוטאט, וואס איז אויסגעקליבן געווארן אין 30טן און 48טן יאר, תחילת האט בעלע געהערט צו דער ליבעראלער פארטיי, דערנאך צו דער רעפובליקאנישער. הגם ער איז אליין געשטאנען בראש פון א גרויסער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, האט ער צום סוף פון זיין לעבן אנגעהויבן פריידיקן סאציאליזם. אליין איינער פון די גרינדער פונם אינטערנאציאנאל, האט ער זיך אפגעזאגט אריינצוטרעטן אין דער ארגאניזאציע און האט געזאגט אזוי צו די ארבעטער: „בלייבט פאר זיך, נעמט ניט אריין אין אייער סביבה קיין קאפיטאליסטן און באלעבאטים". איין=און=זיבעציק יאר אלט, לאזט ער זיך נאך דער אינוואזיע אוועק קיין מעץ, לעבן סען=פריוו לייגט ער גלייך „אוועק מיט זיין סוקיקן שטעקן אן אולאנער, וואס ער באגעגנט, האט נאך כוח זיך אומצוקערן קיין פאריז, וואו ער רופט די באפעלקערונג צו ווידערשטאנד, חתמעט די פראקלאמאציעס פונם קלוב קארדערי" און רודפט זיין לאנדסמאן טראשו, ניט געקוקט דערויף, וואס אים דראט צו ווערן ארעסטירט. מיר האבן פאר זיך א זעלטן בילד פון קראפט צווישן דער בורזשואזיע, וואס דעגענערירט, און

נאָך אַ זעלטענערן ביישפּיל פון דאַנקבאַרקייט פון פאָלק, וואָס האָט דעם וועטעראַן געשיקט אין שטאָטראַט אַריין.

ער פירט ניט קיין זיצונג, נאָר נעמט אָנטייל אין עפּעס אַן אומקלאָרן אויסטויש פון סתירהדיקע מיינונגען, וואָס ווערן פון צייט צו צייט איבערגעריסן דורכן געמורמל פון נאַציאָנאַלע גוואַר־דייער, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין הויף. פּאַסקאַל גרוסע און מאַרטיע פאָדערן, אַז בלאַנקי זאָל אויסגעקליבן ווערן אַלס ערן־פאַרזיצער און עס וואָלטן זיך געוועזן צוליב דעם אָנגעהויבן וויכּוחים, ווען לעפראַנסע זאָל ניט געווען אַוועקשטעלן אין אָנהייב פון דער זיצונג אַט־אָ־די רעזאָלוציע: „פּאַריז און די רעפּובליק האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם צענטראַל־קאָמיטעט און דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע". מען האָט זי אָנגענומען אָן דיסקוסיע. לויט דער בקשה פון זש. ב. קלעמאַן, גיט מען איבער וואַלעסן, לעפראַנסע און ראַנקו צונויפצושטעלן אַ פּראָקלאַמאַציע בהסכּם מיטן צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס זיינע מיטגלידער וואַרטן אינם שכנותדיקן זאַל. לעפראַנסע לייגט פאָר זיך מיט זיי צו פאַראייניקן. עס ווערן אַריינגעטראָגן פאָרשלאָגן דורכצוקאָנטראָלירן די פול־מאַכטן לויט דעם און דעם דין. פאַר די היציקסטע עקסיסטירן ניט קיין דינים, — זיי לייגן פאָר אַ סדר־היום, ערקלערן די פאַרזאַמלונג אַלס רעוואָלוציאָנערע און טרעטן דער עיקר אַרויס קעגן דער עפנטלעכקייט פון די זיצונגען. בעת דעם קאָנווענט האָט דאַנטאָן געהאַט פאַרמשפּט אזא מין פאָרשלאָג; די קאָמונע האָט אים אויך אָפּגעוואָרפן. אַרטור אַרנו האָט אַזוי געזאָגט: „מיר זיינען ניט קיין ראַט פון עפּעס אַ קאָמונעלע". — „מיר זיינען אַ מיליטערישער ראַט", — האָט געענטפערט פּאַסקאַל גרוסע, — „און מיר האָבן ניט וואָס צו דערציילן דעם שונא וועגן אונזערע באַשלוסן". אַ סך צווישן זיי, און בתוכם אויך זשורד און טעיס, האָבן געטענהט: „דאָך טראָגן מיר די אחריות". ראַן וויל אָפּלייגן די דיסקוסיע אויף נאָך אַ טאָג. לואַז־פּענסאָן פאָדערט, אַז ס'זאָל ווערן אָפּגעשאַפט טויט־שטראָף פאַר אַלע מינים פאַרברעכנס. מען קערט זיך ווידער אום צו די וואַלן; וואַלעס, זשורד, טעיס זאָגן, אַז די פולמאַכטן פון אַ דעפּוטאַט און מיטגליד פון קאָמונע קענען ניט געהערן צו

אײן פערזאָן. דערנאָך בעט טיראַר, וואָס האָט זיך קוים אײנגע־האַלטן אין דעם תּוהו־ובֹוהו פון פאָרשלאָגן, אַ וואָרט: „מײנע פול־מאַכטן זײנען רײן־מוניציפאַלע", — זאָגט ער, — און היות דאָ האָט מען גערעדט וועגן מבטל מאַכן די געזעצן און וועגן דער קאָמונע, ווי וועגן אַ מיליטערישן ראַט, — האָב איך ניט קײן רעכט מער דאָ צו פאַרבלײַבן; וואָס שײַך טאָפּלטע פולמאַכטן, האָט מען אַ פאָרשלאָג בנוגע דעם ענין באַדאַרפט אַרײַנטראָגן פריער", — און פול מיט איראָניע איז ער מודיע וועגן זײַן דעמיסיע: — „איך לאָז אײַך איבער און װינטש פון גאַנצן האַרצן, אַז איר זאָלט פאַר־ענטפערן די שווערע שאלה". דאָס דאָזיקע חוזק מאַכן און אומ־געוויסנהאַפטיקײט, וואָס זעט זיך אָן באַשײמפּערלעך, רעגט אַלעמען אויף. לעפראַנסע נעמט ניט אָן די דעמיסיע און פאָדערט צו אָנערקענען דעם דין וועגן די פולמאַכטן פאַר ניט גילטיק. ווער עס איז ניט בכּוח מער זיך אײַנצוהאַלטן, הײבט אויף די פראַגע וועגן אַרעסט. מען לאָזט אָבער טיראַרן אויף דער פרײַ, מחמת ער האָט אַמאָל געלאָזט פאַלן פון דער ווערסאַלער טריבונע די ווערטער: „ווער עס גײט אַרײַן אין שטאָטראָט, איז ניט זיכער, אַז ער וועט פון דאָרט אַרויס".

אַלס קעגנזאַץ צו טיראַרן, זאָגט קורנע זיך אָפּ פון זײַנע דעפּוטאַטישע פולמאַכטן, און דעלעקליוז גײט צו פאַרשטײן, פאַר־וואָס ער האָט ניט געלײגט זײַן מאַנדאַט נאָך אין באָרדאָ, — איצט איז ער גרײט עס צו טאָן. די וויכּוחים ווערן באַנײט. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל די געטרײַע נאַציאָנאַלע גוואַרדײַער אָפּצוהיטן די טויערן פון פאַסי און אָטעיל. לעפראַנסע קערט זיך אום און זאָגט, אַז די דעפּוטאַטן פונם צענטראַל־קאָמיטעט פרעגן, וויפיל אַ זײגער זיי דאַרפן מאָרגן קומען, כּדי איבערצוגעבן זײערע פולמאַכטן. לסוף, מערקט מען אָן אַ סדר־היום פאַר אַ צווײ־טער זיצונג.

אויפן אַלטן טורעם קלינגט האַלב־נאַכט. די פאַרזאַמלונג הײבט זיך אויף מיט געשרײען: „זאָל לעבן די רעפּובליק! זאָל לעבן די קאָמונע!" דער סעקרעטאַר פערע צוזאַמען מיט ראַול ריגאָ שטעלן צונויף אַ פּראָטאָקאָל לויט צוואָרפענע נאָטיצן. בײַם

ארויסגיין פון די אויסדערוויילטע, שרייט די שמירה: „זאָל לעבן די קאָמונע!” דעם טאָג איז פּאַריז אַנטשלאָפן געוואָרן אונטער אָפּשטאַרבנדיקע קלאַנגען פון דער מיליטערישער מוזיק און דאָס ערשטע מאָל, זינט דעם 18טן מערץ, זיינען די פייערן אינם שטאָט־ראַט ניט געווען אויסגעלאָשן און די וואַכליים האָבן זיך ניט געביטן מיטן פּאַראָל.

צומאַרגנס זאָגט זיך דעלעקליוז אָפּ פון דעפּוטאַטן־מאַנדאַט און איז מודיע, אַז ער נעמט אָן נייע פולמאַכטן, וואָס פּאַריז לייגט אויף אים אַרויף. ראַשאַר, להיפּוך, טוט נאָך טיראַרן און גייט אַוועק. ראַוּל ריגאָ קערט זיך אום צו די נעכטיקע וויכוחים און פאָדערט, אַז בלאַנקי זאָל באַשטימט ווערן אַלס ערן־פאָרזיצער. דעלעקליוז איז קעגן און קורנע זאָגט אַזוי: „בנוגע בלאַנקי דאַרפן מיר טאָן עפּעס מער”. מען באַשליסט, אַז דאָס ביוראָ וועט באַשטיין פון אַ פאָרזיצער, צוויי געהילפן און צוויי סעקרעטאַרן און וועט זיך אַלע וואָך באַנייען. אַלס פּרעזידענט ווערט אויסגעקליבן לעפּראַנסע. איידער עס ווערט אים אָפּגעטראָטן דאָס אָרט, באַגריסט בעלע מיט אַ מעכטיקער שטים די קאָמונע און דעפינירט זייער געלונגען די יונגע רעוואָלוציע: „דאָס באַפרייען די פּאַריזער קאָמונע איז דאָס באַפרייען פון אַלע קאָמונעס פון דער רעפּובליק... מיט גרעסערן מוט פון אייערע פאָרגייער זיינען מיר אַרויסגעטראָטן פאָראויס און מען קען האָפן, אַז די רעפּובליק וועט אַוועק נאָך אייך. אייערע קעגנער זאָגן, אַז איר דערלאַנגט אַ קלאַפּ דער רעפּובליק... אויב מיר קלאַפּן אין איר, איז ווי אין אַ זייל, וואָס גייט אַלץ טיפער אַריין אין דער ערד. די רעפּובליק פון 1793 איז געווען דער זעלנער, וואָס האָט באַדאַרפט צונויפזאַמלען אַלע כּוחות פונם פאָטערלאַנד; די רעפּובליק פון 1871 — דאָס איז אַן אַרבעטער, וואָס דאַרף, כּדי צו באַפרוכפּערן דעם שלום, — האָבן פרייהייט. שלום און אַרבעט — אָט איז אונזער עתיד! אָט איז די גאַראַנטיע פון אונזער נקמה און אונזער סאָציאַלער אויפלעבונג! די קאָמונע וועט זיך פאַרנעמען מיט אָרטיקע פראַגן, דער דעפּאַר־טאַמענט — מיט פראַגן פון קאַנט, די רעגירונג — מיט פראַגן פון דער מלוכה. מיר וועלן ניט אַריבערטרעטן די דאָזיקע גרענעץ אויך

דעמאָלט, ווען דאָס לאַנד און די רעגירונג, גליקלעכע און שטאָלצע, וועלן באַגריסן די רעוואָלוציע, אַזאַ גרויסע און אַזאַ פּשוטע...״ נאַיִווע אילוזיעס פון אַ זקן, וואָס האָט דאָך געהאַט דערפאַרונג פון אַ לאַנג פּאָליטיש לעבן.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך צעטיילט אויף קאָמיסיעס, וואָס האָבן גענומען אויף זיך כּלערליי התחייבותן; די קאָמיסיעס זיינען געווען אַכט=וועלכע: אַ מיליטערישע, פינאַנציעלע, יורידישע, פון שוץ, האַנדל און אַרבעט, אַן אַפּראָוויזאַציע=קאָמיסיע, פון אויסלענדישע ענינים, עפנטלעכער אַרבעט און בילדונג. אויף איין חודש איז באַשטימט געוואָרן אַ שטענדיקע אויספיר=קאָמיסיע; אַהין זיינען אַריין: לעפראַנסע, דיוואַל, פעליקס פּיאַ, בערזשערע, טרידאָן, עד, וואַליאַן. דריי פון זיי — דיוואַל, בערזשערע און עד — זיינען אויך אַריין אין דער מיליטערישער קאָמיסיע.

לסוף פירט מען אַריין די דעלעגאַציע פונם צענטראַל=קאָמיטעט. „בירגער״ — זאָגט בורסיע — „דער צענטראַל=קאָמיטעט קומט אַהער, כּדי אייך איבערצוגעבן זיינע רעוואָלוציאָנערע פאָלמאַכטן. מיר זיינען ווידער אַריין אינם קרייז פון טעטיקייט, וואָס איז פאַראויסגעזען דורכן געזעץ. דער צענטרל=קאָמיטעט קען זיך ניט אַריינמישן אין די מעשים פון דער קאָמונע — דער איינציקער געזעצלעכער מאַכט; ער וועט צווינגען זיי צו אַכטן און וועט זיך באַגרעניצן מיט רעאָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע״. לויטן פּראָטאָקאָל, זיינען די ערקלערונגען אויפגענומען געוואָרן מיט סימפּאַטיע און דער קאָמיטעט איז זיך אַוועק ביי אויסגעשריִען: „זאָל לעבן די קאָמונע! זאָל לעבן די רעגירונג!״

די אָקציז=באַאַמטע זיינען געקומען אויף דער נאַכט=זיצונג, כּדי זיך אָנצושליסן אָן דער קאָמונע. אין נאָמען פון דער קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן מיט אַ טאָג פריער, האָט לעפראַנסע איבערגעלייענט אַ פּראָקלאַמאַציע; מען האָט איינגעפונען, אַז זי איז צו לאַנג און ניט פול. מען האָט איבערגעגעבן אַ צווייטער קאָמיסיע צונויפצושטעלן אַ נייעם פּראָיעקט. דערווייל, כּדי אויסצונוצן די צייט, וואָס זי האָט געאַרבעט, האָט פעליקס פּיאַ אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג אָפּצושאַפן דאָס רופן צום מיליטער.

ער איז דעם 3טן מערץ, אָן דעמיסיע אפילו, פּלוצלונג נעלם געוואָרן פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, פונקט ווי ער האָט דעם 31טן אָקטאָבער פאַרלאָזן דעם שטאָטראַט, און מיט עטלעכע טאָג שפּעטער — אַנטלאָפן פון תּפיסה. דעם 18טן מערץ איז ער פאַרבליבן מן הצד, פונקט ווי דעם 31טן אָקטאָבער, בעת דעלעקליוז האָט זיך אָנגעשלאָסן תּיכּף פון די ערשטע טעג אָן. פעליקס פּיאַ האָט געוואַרט אויף נצחון און ערב די וואַלן האָט ער אָנגעהויבן זינגען תּהלות ותּשבּחות דעם קאָמיטעט: „וואָס פאַרטונקלט גאונים און וואָס לגבי אים ווערן איינצלנע פּערזענלעכקייטן לגמרי פאַרטושט". אויסדערוויילט אינם Xטן קרייז דורך צוועלף טויזנט שטימען, איז פּיאַ אַ פּעסטער בײַ זיך געקומען אין שטאָטראַט אַריין.

צווישן דעם המון דראַמאַטורגן, שאַרלאַטאַנעס, ראָמאַנטיקער, ספּיריטיסטן, וואָס האָבן פונם 1830 יאָר אָן זיך אָנגעזעצט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז ער געשטאַנען אויפן צד פון די רעוואָלוציאָנערע אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן גערופן צו קיניג־מאָרד; זיינע בריוו, טאָסטן, אויפרופן, רעטאָרישע אויסגיסונגען אין עניני דיומא — דאָס איז אַלץ געווען אַלטע מאָנטאַניארישע סחורה, וואָס איז באַנייט געוואָרן מיט אַ שיכט הומאַניטאַרן לאַקיר. בעת דער אימפּעריע האָבן זיינע אכזריותדיקע מאַניפעסטן פון גלות געפלעגט אָנטאָן נחת־רוח דער פּאָליציי און די באָנאַפּאַרטיסטישע צייטונגען; זיי האָבן געהאַט אַ פּנים פון אויסגעקאָכט פלייש, וואָס מען קען פראַנק־און פריי וואַרפן דעם פּאָלק, מחמת מען קען דערפון סיי־ווי־סיי קיין לעבנסזאַפטן ניט אַרויסציען. דריי פערטל איז דאָס שיכּרות פון דעם קנעכט געווען צביעות. אַ צעוואָרפענער און אומזיניקער אויף דער בינע, איז ער הינטער די קוליסן געוואָרן ביטרע, פאַלש און פאָרזיכטיק. טיף אין האַרצן איז ער געווען אַ סקעפּטיקער, וואָס גלייבט אין קיין זאַך ניט, וואָס איז געווען אויפריכטיק בלויז אין פאַרגעטערן זיך אַליין. צו דער קאָמונע איז ער געקומען מיט טאַשן, וואָס זיינען געווען פול מיט דעקרעטן.

די ראָמאַנטיקער האָבן זיך גענומען אַפּלאָדירן, בעת פּיאַ האָט דורכגעלייענט זיין פאָרשלאָג, וואָס איז דורכגעגאַנגען אָן

דיסקוסיעס, ניט געקוקט דערויף, וואס ערשט אינדערפרי האט מען אפלאדירט בעלען, וועלכער האט פארגעלייגט גאר עפעס אנדערש און וואס האט איבערגעלאזט פאר דער מלוכה דאס אנפירן מיט די אלגעמיין-נאציאנאלע אנשטאלטן. דער פראיעקט פון דער פראקלאמאציע, וואס איז פארגעשטעלט געווארן דורך דער קא-מיסיע, האט אויך ניט גערעדט וועגן אפשאפן די קאמונע און פארוואנדלען זי אין א גרינדונגס-פארזאמלונג, — דאך איז עס געווארן געשטימט און געחתמעט: „די קאמונע פון פאריז". אין 1789 האט לוסטאלא זיך באקלאגט, אז דער פאריזער מוניציפא-ליטעט האט זיך גענומען דעם נאמען „קאמונע", וואס הייסט אייגנטלעך — דער סכום פון אלע בירגער. גאר עפעס אנדערש איז פארגעקומען אין 1871; דא איז די „קאמונע" געווארן א נאמען פון דער פארטיי; די געוויילטע פונם 18טן מערץ האבן אנגע-נומען דעם נאמען פון קאמונע-מיטגלידער, וואס דאס פאלק האט זיי געגעבן — און דעם נאמען מוז מען אפהיטן לשם דער קלארקייט פון געשיכטע.

דעם 30טן מערץ, אינדערפרי, האט די קאמונע מודיע געווען פאריז: „היינט", — איז געזאגט געווארן אין דער פראק-לאמאציע, — „וועט אנגענומען ווערן א באשלוס בנוגע דעם דירה-געלט, מארגן בנוגע צאלונגען פון פארגאנגענע טערמינען; גאר אינגיכן וועלן צוריקגעשטעלט און איינפאכער ווערן די געזעל-שאפטלעכע שטעלעס און ס'וועט רעארגאניזירט ווערן די נאצי-אנאלע גווארדיע — אט דאס זיינען אונזערע נאענטסטע אויפגאבן".

לויטן דעקרעט זיינען בטל געווארן די התחייבותן בנוגע אפמאכן וועגן דירות, וואס זיינען געשלאסן געווארן פון אקטאבער 1870 ביז יולי 1871, און דאס צאלן געלט פאר מעבלירטע צימערן. ווערסאל האט פארגעלייגט בלויז אפרוקן דעם טערמין; דאס איז געווען ניט יושרדיק. די קאמונע האט געלאשן די חובות און דיכטיק באמערקט דערביי, אז דאס אייגנטום איז אויך מחויב צו ברענגען זיינע קרבנות, — זי האט אבער פארגעסן אן דעם המון אינדוסטריעלער, וואס האבן אומבאשהדיק געמאכט א הון רב

בשעת דער באלאגערונג — און האט אפגעטרעטן פאר דער אויספארשונג.

אין איין פראקלאמאציע האט דער צענטראל-קאמיטעט געווען מסכים געווען מיט די דעקרעטן פון דער קאמונע. אויף דער זיצונג פונעם 30טן האט די קאמונע אויסגעדריקט צוליב דעם איר אומ-צופרידנקייט און דיוואל האט געפאדערט, אז ביים צענטראל-קאמיטעט זאלן אפגענומען ווערן אלע פאליטישע פולמאכטן. די זעלבע צייט איז אנגעקומען א דעלעגאציע פונם קאמיטעט. די קאמונע האט באדארפט אויסנוצן די געלעגנהייט, כדי צו באפעס-טיקן פאר זיך די מאכט. די איינציקע פארשטייערין פונם פאלק, וואס האט געטראגן אויף זיך די גאנצע אחריות, — האט זי קאנ-צענטרירט אין זיך די מאכט און האט ניט געקענט ליידן לעבן זיך דעם קאמיטעט, וואס האט ניט פארגעסן אן זיין ביז-איצטיקער באדייטונג. א טאג פריער האט זי אים זייער היים אויפגענומען און אפגעגעבן דאס זייניקע, שטימענדיק דערפאר, אז פאריז און די רעפובליק האבן אים א סך צו פארדאנקען; היינט האט זי געמוזט מעלדן, אז זיין ראלע איז אפגעשפילט. אנשטאט צו ריידן קלארע דיבורים, האט מען גענומען באשולדיקן איינס דאס אנדערע.

איינער פון די קאמונע-מיטגלידער האט זיי דערמאנט אן דער הבטחה פונם צענטראל-קאמיטעט זיך פונאנדערצוגיין נאך די וואלן. ס'איז אומפארשטענדלעך, צו וואס מען דארף אים האבן, אויב ער האט נאר ניט בדעה זיך צו האלטן ביי וועלכער עס איז מאכט. די דעלעגאטן מיט ארנאלד בראש, וואס איז שפעטער אריין אין דער קאמונע, האבן זיך באנוצט מיט קונציקע שפיצלעך.

„די פעדעראציע", — האבן זיי געטענהט, — „האט מציל געווען די רעפובליק. ס'איז נאך ניט אלץ געענדיקט. פונאנדער-לאזן די ארגאניזאציע — הייסט פארקלענערן אייער קראפט. דער צענטראל-קאמיטעט האט ניט קיין טענות אויף אנטייל אין דער רעגירונג, — ער האלט בלויז אין איין פאראייניקן אייך מיט דער נאציאנאלער גווארדיע דורך רעוואלוציע. מיר בלייבן דאס, וואס מיר זיינען געווען: א גרויסער משפחה-ראט פון דער נאציאנאלער גווארדיע".

די דאזיקע ארגומענטן האבן זיך אויסגעוויזן פאר איבער-צייגנדיקע; די דעלעגאטן האבן, לויט זייערע רייד, געוואלט בלויז, אז די פולמאכטן פונם קאמיטעט זאלן ווערן פעסט באשטימט. מען האט זיי געגלייבט. צומארגנס אבער דערגייט צו דער קאמונע אט-אזא מין אפיציעלע מעלדונג: „דער צענטראל-קאמיטעט באשטימט דעם גענעראל קליוזערע אינם מיליטערישן דעפארטאמענט אריין, וואו ער באדארף, אונטערן אויפזיכט פונם קאמיטעט, רעארגאניזירן די נאציאנאלע גווארדיע". די פארזאמלונג איז אויפגערעגט. מאר-טיע און פאסקאל גרוסע פאדערן, אז דער קאמיטעט זאל ווערן בטל. מען פרעגט אן ביי דיוואלן, צי ער איז ערוב פאר דער זיכערקייט פון דער פארזאמלונג. דיוואל איילט זיך צו געבן דעמיסיע דעם שעף פונם שטאטראט און אנשטאט פענדי ווערט באשטימט אסי. ארטור ארנו פאדערט, אז עס זאל ווערן צוגעצויגן צו דער פאראנטווארטלעכקייט דער צענטראל-קאמיטעט. די מיט-גלידער פונם קאמיטעט, וואס האבן געהערט צו דער קאמונע, גיט מען איבער צו פאדערן פון אים ערקלערונגען. זיי גיבן עס אין א נאכט-זיצונג. דער קאמיטעט זאגט זיך אפ צו רעדאקטירן א מעלדונג, און קליוזערע — פון זיין אמט. די קאמונע איז באַ-פרידיקט און לאזט אליץ, ווי געווען.

צומארגנס קערט זיך דער קאמיטעט אום צו זיינע פליכטן, זיינע דעלעגאטן פאדערן צו פארוואלטן מיט דער אינטענ-דאנטור, דאס רעכט צו רעארגאניזירן די נאציאנאלע גווארדיע און צו באשטימען א שעף פונם שטאב. די קאמונע שיקט זיי אפ צו דער אויספיר-און מיליטערישער קאמיסיע און נעמט דערווייל ניט אן קיין שום באשלוסן. דעם טאג דערמאנט מען זיך ערשט, סוף-כל-סוף, אן דער פראווינץ, וואוהין מען וויל שיקן דעלעגאטן.

די דעקרעטן, דאס אומגעזעצלעכע פארנעמען די מאכט, די באראטונגען אן א סדר — דאס אליץ האט גורם געווען, אז די ראדיקאל-ליבעראלע פראקציע זאל אוועק פון דער פארזאמלונג. ס'איז ניט אוועק קיין איין זיצונג, אז די דריי-פיר מיטגלידער פון דער קאמונע זאלן ניט לייגן זייערע מאנדאטן. ווען די מערן און אדיונקטן זאלן געווען טאקע ערלעך צושטיין צום הסכם פונם

25טן, ווען זיי זאלן באמת געווען דאגהן פארן גורל פון פאריז, — וואלטן זיי מחויב געווען מוטיק צו דערפילן זייער חוב און דעמאלט וואלט זיך אפשר איינגעגעבן צו ענדערן דעם כאראקטער פון דער מערהיים. זיי האבן אבער ליבערשט דעזערטירט, לויטן ביישפיל פון זייערע פראווינצער חברים, ניט געקוקט דערויף, וואס זיי האבן לכתחילה די קאנדידאטור געהאט אנגענומען. א סך פון זיי האבן אפילו קיין איין מאל זיך אין שטאטראט ניט באוויזן. א טייל האבן אויסגעהויבן די הענט און יאמערלעך געשריען: „וואוהין גייען מיר!" איינער האט גאר געהאלטן ביים שטארבן: „איר זעט, אז איך אטעם קוים". די אלע, וואס זיינען שפעטער ארויסגעטראטן מיט די ערגסטע באשולדיקונגען, האבן זיך אפגעפטרט מיט פוסטע תירוצים, א שטייגער, ווי מעלין. בעת די קאמונע האט באשטעטיקט די פולמאכטן, האבן זייערע דעמיסיעס און די צווייקע וואלן באפרייט צוויי און צוואנציק ערטער. געטריי די בעסטע פרינציפן פון דער פראנצויזישער רעפובליק, האט די קאמונע אריינגענומען אין אירע רייען איינעם פון די פעיקסטע מיטגלידער פונם אינטערנאציאנאל, דעם אונגאר לעאן פראנקעל, וואס איז אויסגעקליבן געווארן דורכן XIII קרייז. זעקס קאנדידאטן האבן ניט באקומען אפילו קיין זעקסטל שטימען, וואס מען האט געמוזט האבן לויטן דין פון 49טן יאר; דערויף האט מען קיין אכט ניט געלייגט, מחמת אין זייערע קרייזן זיינען אריינגעגאנגען די רעאקציאנערע קווארטאלן, וואס פלעגן פון טאג צו טאג ווערן אלץ מער פוסט.

צעקלאפטע אויפן וואנדאמער פלאץ און בעת די וואלן, האבן די קאפיטאליסטן און לייט פון דער ארדענונג-פארטיי אלץ נאך געפרווט זיך ראטעווען מיט מאכן פליטה אין ווערסאל, וואו מען האט נאך מער געהעצט די שינאה. די ראקציאנערע שטאט האט אנגענומען א קאמף-אויסזען אפילו אויסערלעך. אלץ זאגט נביאות וועגן א נאענטן קאמף. טיער האט פאריז שוין אפגעשניטן פון פראנקרייך.

דעם 31טן מערץ האט דער פאסט-דירעקטאר ראמפאן געבראכן זיין ווארט, וועלכעס ער האט געגעבן טעיסן ערב דעם

טערמין פון די אפריל=צאָלונגען, — וואָס דורך דעם האָט ער געבראַכט אין אומאָרדענונג אַלע ענינים; דערווייל האָט ווערסאַל ניט דורכגעלאָזט קיין פּאָסט=וואַגאָנעס און פאַרהאַלטן די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין פאַריז.

דעם 1טן אַפּריל ערקלערט טיער אָפיציעל מלחמה: „די פאַרזאַמלונג האַלט אָפּ זיצונגען אין ווערסאַל, וואו עס ווערט פאַרענדיקט דאָס אָרגאַניזירן איינע פון די שענסטע ארמייען, וואָס פראַנקרייך האָט ווען עס איז פאַרמאָגט. ובכן קענען די גוטע בירגער זיין רויִק און האָפן אויפן סוף פון אַ שווערער, אָבער דערפאַר קורצער מלחמה". דאָס צינישע באַרימען זיך פון דעם זקן, וואָס האָט געשטערט אָרגאַניזירן די ארמיי קעגן די פּרייסן, — איז געווען אין לשער. „איינע פון די שענסטע אַרמייען" — איז געווען בלויז אַ ערב=רב, וואָס, איז פאַרבליבן פונם 18טן מערץ, וועלכער איז פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט פינף=זעקס פאָלקן, אַן ערך פינף טויזנט מאַן, מיט דריי טויזנט פערד און פינף טויזנט זשאַנדאַרמען צי פּאָליציי=לייט — דעם איינציקן גוט אָרגאַניזירטן עלעמענט.

פאַריז האָט ניט געוואָלט גלייבן, אַז די אַרמיי עקסיסטירט. די פאָלקסצייטונגען האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל אַרויסטרעטן קעגן ווערסאַל, וועגן וואָס מען האָט גערעדט, ווי וועגן עפּעס אַ שפּאַציר. אין דער ראַדיקאַלער צייטונג „דער נקמה=נעמער" האָט פעליקס פּיאַ געקלאַפּט מיט זיין גראַגערל און געפּרוווט איבערצייגן די קאָמונע, אַז „זי זאָל מאַכן אַן אָנגריף אויף ווערסאַל... אַרעמער ווערסאַל! ער האָט פאַרגעסן וועגן 5טן און 6טן אָקטאָבער, בעת ס'איז געווען בלויז די פּרויען פון דער קאָמונע, כדי צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט זיין קיניג". דער גוט אינפאָרמירטער מיטגליד פון דער אויספיר=קאָמיסיע האָט מודיע געווען פאַריז וועגן אָט=אָ=דעם מאָדנע נייעס: „נעכטן האָט מען געשטימט פאַר און קעגן מאַכן אַן אָנגריף אויף פאַריז. די זעלנער האָבן געשטימט קעגן".

צוועלפטער קאַפּיטל.

דער אַרויסטריט פונם 3טן אַפּריל. — די פּאַריזער
איינוואוינער זיינען אומעטום אָפּגעשטויסן געוואָרן. —
פלוראַנס און דיוואַל זיינען דערהרגעט. — די ווערסאַי־
לער לייט הרגענען די געפאַנגענע.

דעמזעלבן טאָג, ד. ה. זונטאָג, האָבן די ווערסאַלער לייט, אָן אַ התראה, אָן אַן ארויסרוף אָנגעהויבן שיסן און פּארשיטן פּאַריז מיט גראַנאַטן.

שוין עטלעכע טעג, ווי זייער קאַוואַלעריע האָט זיך געביטן מיט שאָסן מיט די פּאַריזער פאָרפּאָסטנס אין שאַטיליאָן און פּיוטאָ. די פעדעראַליסטן האָבן פאַרנומען קורבוואַוואַ — אַ פּאָזיציע, וואָס האָט געהערשט איבער דעם דורכגאַנג אין ווערסאַל, און דאָס האָט זייער באַאומרויִקט די פאַרזאַמלונג. דעם 2טן אַפּריל, 11 אַ זייגער אינדערפרי, זיינען דריי ווערסאַלער בריגאַדעס, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין צוויי אָפּטיילונגען, דורכגעגאַנגען איבערן רייל און דורך מאָנטרעטו — און זיך פאַראייניקט.

פון זעקס ביז זיבן הונדערט קאַוואַלעריסטן פון גאַליפעס בריגאַדע האָבן געדעקט די באַוועגונג פונם מיליטער. די פעדע־ראַליסטן האָבן אין קורבוואַוואַ געהאַט בלויז אַ מאַן פינף־זעקס־הונדערט, וואָס זיינען געווען געשיצט דורך אַ ניט פאַרענדיקטער באַריקאַדע, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן וועג קיין סען־זשערמען. זיי זיינען געווען אויף דער וואַך; נאָך אינדערפרי האָט זייער לאָקער שטערבלעך פאַרוואונדעט פּאַקיען, דעם הויפּט־דאָקטאָר פון דער ווערסאַלער אַרמיי, — וואָס טיער האָט אָנגע־רופן — טויט פון אַ פּאַרלאַמענטער.

די ווערסאַלער לייט האָבן אַ תל געמאַכט פון דער באַריקאַדע און קאַזאַרמע אין קורבוואַ און באַשלאָסן צו גיין מיט כוח. תיכּף ביי די ערשטע שאָסן האָבן די פעדעראַליסטן געמאַכט פּליטה און איבערגעלאָזט אויפן וועג האַרמאַטן מיט אָפיצירן. גענעראַל ווינואַ האָט אַליין געמוזט צונויפקלייבן די פּליטים. די זעלבע צייט האָט דער 113טער פּאָלק פון בוסגייער אַרומגענומען קורבוואַ פון רעכטס און די ים-אינפאַנטעריע איז אַוועק לינקס דורך פּיוטאָ. די פעדעראַליסטן, וואָס זיינען געווען אַ מיעוט, האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן ווערן אָפּגעשניטן פון פּאַריז, — האָבן זיי עוואַקוירט קורבוואַ און אונטער אַ האָגל פון קוילן זיינען זיי אָפּגעטראָטן אויפן וועג אין נעילי, איבערלאָזנדיק צוועלף דערהרגעטע און עטלעכע געפאַנגענע. פינף פון זיי האָבן די זשאַנדאַרמען געכאַפּט און דערשאָסן ביים צופוסנס פון באַרג מאָן-וואַלעריאַן. נאָך דער עקספּעדיציע איז די אַרמיי אַוועק צו זיך אין דער קוואַרטיר.

פּאַריז איז אָפּגעשטאַרבן אונטער דעם קלאַנג פון די האַרמאַטן. פונם 28טן מערץ אָן זיינען אַלע אַזוי געווען דורכגעדרונגען מיט דעם באַוואוסטזיין פון זיכערקייט, אַז קיינער האָט אפילו ניט חושד געווען עמעצן אין אַנגריף. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ סאַלוט, העכסטנס — אַ מיספאַרשטייעניש. בשעת עס זיינען אָנגעקומען ידיעות, בעת עס האָבן זיך באַוויזן די קאַרעטעס פון די באַוועגלעכע שפּיטעלער, בעת עס האָבן זיך דערהערט די ווערטער: „די באַלאַגערונג ווערט באַנייט!" — האָט איין און דאָסזעלבע געפיל באַהערשט אַלע קוואַרטאַלן. עס ווערן געמאַכט באַריקאַדן. אויפן וואַל, לעם די טויערן פון מאַליאָ און טערן, ווערן אַרויפגעשלעפּט האַרמאַטן. דריי אַ זייגער שרייען פופציק טויזנט מאַן פּה-אחד: „אין ווערסאַל!" די פרויען ווילן גיין פאָראויס.

עס קומט זיך צונויף די אויספיר-קאָמיסיע, וואָס פאַרשפּרייט אַט-אַזאַ מין פּראָקלאַמאַציע: „אונז האָבן אַטאַקירט ראָיאַליסטישע פאַרשווערער. זיי האָבן אונז אַטאַקירט, ניט געקוקט אויף אונזער איינגעהאַלטנקייט. אונזער חוב איז צו שיצן די גרויסע שטאָט פון די דאָזיקע פאַרברעכערישע אָנפאַלן!" — דיוואַל, וואָס איז

איבערגעגעבן געוואָרן די קאָמאַנדע איבער דער פּאָליציייִשער פּרע־פּעקטור, בערושערע, וועלכער האָט אָנגעפירט אויפן פּלאַץ פון שטאַטראַט, עד, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער מיליטער־אַמטשאַפט, — זאָגן זיך ארויס פעסט פאר אָן אָנגריף. דער דריי־טער אויפשוואונג, וואָס האָט באַהערשט די פּאַריזער איינ־וואוינער, איז, לויט זייער מיינונג, אומבאַזויגלעך — און דאָס מוז מען אויסנוצן: וואָס קענען אויפטאָן די ווערסאַלער לייט קעגן הונדערט טויזנט מאַן, — מען דאַרף אַרויסטרעטן. טרידאָן, וואַליאָן, לעפראַנסע, פעליקס פּיאַ זיינען קעגן, דער עיקר פעליקס פּיאַ, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצן זעלבסטגלויבן. „מען טאָר ניט אַרויסטרעטן אויף טאָמער", — זאָגט ער, — „אָן הארמאַטן, אָן קאָמאַנדירן, אָן אָרגאַניזירט מיליטער"; ער פאָדערט, אַז דער מצב הענינים זאָלן ווערן אויפגעקלערט. פונם 19טן מערץ אָן האָט דיוואַל געחלשט אַרויסצוטרעטן, און ער פרעגט אים שאַרף: „וואָס־זשע האַלט איר אין משך פון דריי טעג אין איין שרייען: „אין ווערסאַל!" ענערגישער פאַר אַלע רעדט קעגן אַרויסטרעטן לעפראַנסע. לסוף באַשליסן פיר ציווילע מיטגלידער, ד. ה. דער רבים, אַז די גענעראַלן וועלן זיי צושטעלן אַ גענויעם באַריכט וועגן זייערע כּוחות. 7 אַ זייגער באַשטימט די קאָמיסיע קליוזערען אַלס עדם געהילף, מיינענדיק, אַז דער ערשטער איז מי יודע וואָסער בקי אין הלכות מלחמה.

די גענעראַלן זיינען אַרויסגעטראָטן, ניט געקוקט אויף דעם רוב־דעות אין דער קאָמיסיע. זיי האָבן קיין פאָרמעלן פאַרבאָט ניט באַקומען. פעליקס פּיאַ האָט געענדיקט אפילו דערמיט, וואָס ער האָט געזאָגט: „סוף־כּל־סוף, אויב איר האַלט, אַז איר זייט צוגעגרייט, איז עס אייער עסק". די גענעראַלן האָבן געזען, אַז פלוראַנס און אויך אַנדערע ריזיקאַלישע חברים זיינען תּמיד גרייט מלחמה צו האַלטן, זיינען זיי זיכער געווען, אַז אַדאַנק זייער אויטאָריטעט וועט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע גיין מיט זיי, — און האָבן דעריבער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל די קאָמאַנדירן פונם לע־גיאָן זיך אויסצושטעלן אין רייען. די באַטאַליאָנען פונם רעכטן ברעג האָבן זיך באַדאַרפט צונויפזאַמלען אויף דעם וואַנדאָמער

אין וואגראמער פלאץ, די באטאליאנען ווידער פון לינקן ברעג — אויפן איטאלישן פלאץ און מארס=פעלד.

די דאזיקע מאנעווערס, וואס זיינען דורכגעפירט געווארן אן שטאב=אפיצירן, זיינען געווען אן שום סדר. דאס מיליטער איז מיד געווארן פון גיין אן א ציל אין משך פון עטלעכע שיינע שעה באכאנאנד. האלבנאכט זיינען נאך געבליבן צוואנציק טויזנט מאן אויפן רעכטן ברעג און זיבעצן טויזנט אויפן לינקן.

די קאמונע האט זיך בעראטן פון צען א זייגער ביז האלב איינס ביינאכט. תחילת האט מען געוואלט אפלייגן דאס פארעפנטלעכן די פראטאקאלן, וואס מען האט שטארק געפאדערט נאך פונם 28טן מערץ, און וואס זיינען לסוף מיט א טאג פריער שוין געווארן אפגעשטימט. פעליקס פיא האט מודיע געווען, אז אלע מיספארשטייעניש מיטן צענטראל=קאמיטעט זיינען באזייטיקט געווארן, ער האט דערמאנט וועגן צוטיילן קליוזערען צו דער מיליטער=אמטשאפט, האט דערציילט וועגן דעם לאקער אין נעילי, האט פארגעשטעלט א דעקרעט וועגן צוציען טיערן, פאווערן און אנדערע צו פאראנטווארטלעכקייט און סעקוועסטרירן זייער פארמעגן; ער האט אלעמאל געהאט גרייט עפעס א פארשלאג, האט ער אנגעהויבן ריידן וועגן אפשאפן דעם קולט=ביודזשעט. ער האט מיט דעם זעלבן ערפאלג געקענט ארויסגעבן א דעקרעט וועגן בטל מאכן די ווערסאלער ארמיי. די מער ניכטערע האבן געפאדערט עם אפצולייגן. פיא איז אבער באשטאנען, אז דער דעקרעט זאל אן לאנגע שהיות דורכגעפירט ווערן אין לעבן און תיכף, ווי ער האט באקומען א הסכמה, אים אוועקגעטראגן. מען האט געבעטן, ער זאל לכל=הפחות זיך ניט איילן מיטן פארעפנטלעכן דעם דעקרעט אין „אפיסיעל״. פיא האט זיך אבער פארעקשנט און דער דעקרעט איז תיכף אפגעגעבן געווארן אין דרוק. לעא מעליע איז באשטימט געווארן אלס קוועסטאר, כדי צו היטן דעם צוטריט אינם זאל, וואס האט געווימלט מיט רעפארטערן און שפיאנען. פראטא האט אריינגעטראגן א פארשלאג, אז די קאמונע זאל נעמען אונטער איר שוץ די משפחות פון די בירגער, וואס זיינען געפאלן אדער וועלן פאלן אינם קאמף מיט ווערסאל.

קיינער האט אפילו קיין פיפס ניט געטאן וועגן דער ארויסטרעטונג און וועגן די מיליטערישע הכנות, וואס האבן אנגעפילט גאנץ פאריז, קיינער איז ניט מחולק געוועזן אין דעם פעלד פון טעטיקייט פון די גענערעלער. זיי האבן מודיע געוועזן קליוזערען, אז זייער פלאן באשטייט אין אן ענערגישן אנגריף אויפן רעיל, וואס דורך דעם וועט אפגעצויגן ווערן די אויפמערקזאמקייט פון שונא, — און דעמאלט וועט מען אריבערווארפן צוויי אפטיילונגען איבער מעדאן אין דעם שאטיליאנער פליין און ווערסאל. בערזשערע מיט פלוראנסן האבן באדארפט זיין טעטיק אויפן רעכטן פליגל, עד און דיוואל — אנפירן מיט דער לינקער און מיטלסטער אפטיילונג. א פשוטע המצאה, וואס וואלט זיך לייכט געלאזט דורכפירן ביי געניטע אפיצירן און לייטישע אפטיילונג=קאמאנדירן. פונם 18טן מערץ אן זיינען א סך באטאליאנען געוועזן אבער אן קאמאנדירן, די נאציאנאלע גווארדייער ניט אין פולן באשטאנד, — לסוף, האבן די גענעראלן, וואס האבן גענומען אויף זיך די אחריות אנצופירן מיטן מיליטער פון 40 טויזנט מאן, ניט געהאט קיין שום מיליטערישע ידיעות און האבן אין זייער לעבן קיין איין באטאליאן אין שלאכט ניט געפירט. זיי האבן אפילו די נייטיקסטע הכנות ניט געמאכט: זיי האבן ניט אראפגענומען די ארטילעריע צו זיך, ניט דעם טאבאר, ניט קיין שפיטעלער און האבן אין משך פון עטלעכע שעה געהאלטן זייערע מענטשן אן פראוויאנט אין א פיטש=נאסן נעפל, וואס האט דורכגעדרונגען די ביינער. יעדער פעדעראליסט האט זיך אליין אויסגעקליבן א קאמאנדיר. א סך, וואס האבן געגלייבט די צייטונגען, אז דאס וועט זיין א פשוטער שפאציר, האבן ניט געהאט מיט זיך קיין קוילן. זעקס א זייגער האט די אויספיר=קאמיסיע צעקלעפט אזא מין דעפעשע:

בערזשערע איז אין נעילי. אלע פוסגייער שטייען צו אויפן צד פון דער קאמונע און זאגן, אז קיינער, אחוץ די הויפט=אפיצירן, ווילן זיך ניט שלאגן.

דעם 3טן אפריל, דריי א זייגער אינדערפרי, האט בערזשערעס אפטיילונג געמאכט איר ביוואק ביי דער בריק פון נעילי; זי איז באשטאנען לערך פון זעקס טויזנט מאן און האט געהאט בסך=

הכּל אכט הארמאַטן. מען האָט געמוזט געבן די מענטשן צייט זיך אונטערצוזלעגן די הערצער, מחמת פון נעכטן אָן האָבן זיי ניט געהאַט אין מויל. באַגינען קומט בערזשערע צו פאָרן אין אַ קאַטש; דאָס רופט אַרויס אַ געמורמל; מען לאָזט זיך אויפן וועג צו רעיל. די באַטאַליאָנען גייען אָן אויסשפּירער, אינמיטן וועג, צו האַלבע פּלוטאָנען אין אַ ריי, און הייבן זיך אויף האַפּעלדיק אויפן בער־זשערע־פּלאַך; פּלוצלונג פאַלט אַ גראַנאַט, — און תּיכּף אַ צווייטער. דער פאָרט מאָן־וואַלעריאַן האָט אָנגעהויבן שיסן.

אַ שרעקלעכע בהלה באַהערשט די באַטאַליאָנען, וואָס ווערן צעמישט — און עס לאָזן זיך הערן פון טויזנטער מיילער דאָס וואָרט „בגידה". די גאַנצע נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט געמיינט, אַז די קאָמונע האָט פאַרנומען מאָן־וואַלעריאַן. עטלעכע מענטשן אין שטאָטראַט און אין צענטראַל־קאָמיטעט האָבן געוואוסט דעם אמת און האָבן געהאַנדלט צו ריזיקאַליש דורכן פאַרבאָרגן די גאַנצע לאַגע בלויז צוליב דער האָפענונג, אַז די פעסטונג וועט ניט שיסן. אמת, דאָרט זיינען בסך־הכּל געווען צוויי צי דריי שלעכט איינ־געשטעלטע הארמאַטן, וואָס האָבן קיין גרויסע היזקות ניט געקענט אָנמאַכן. די גוואַרדייער, וואָס האָבן אומגעריכט זיך דערפילט אין אַן אומגינסטיקער לאַגע, האָבן געמיינט, אַז מען האָט זיי פאַר־ראַטן און זיינען זיך דערריבער צעלאָפן אין אַלע זייטן. איין גראַנאַט צעהאַקט אויף צווייען פּראָדאָמען, דעם שעף פון גענעראַל־שטאַבס אַ ברודער, אַ ליטענאַנט פון דער רעגולערער אַרמיי, וואָס איז אַריבער אויפן צד פון דער קאָמונע. דאָס רוב פעדעראַליסטן ווערן צעזייט איבער דער אומגעגנט און קערן זיך אום אין פאַריז. בלויז דער 91טער און רעשטלעך פון אַנדערע פאַלקן, אַרום־און־אַרום 1200 מאַן, קומען אין קליינע גרופּקעלעך צו ביז רעיל. אינגיכן קומט אָן דורכן אַניערער וועג פלוראַנס, וואָס פירט מיט זיך אַרום טויזנט מאַן. די איבעריקע זיינען נאָך אָפּגעשטאַנען פון אים אין פאַריז אָדער אויפן וועג. פלוראַנס גייט אָבער אַלץ נאָך צו רעיל צו.

די ווערסאַלער לייט האָבן ניט געוואָרט אויף אַזאַ אויספאַל און האָבן לאַנג ניט געקענט זיך אויסשטעלן אין מיליטערישער

אָרדענונג. ערשט צען אַ זייגער האָט מען אין בוזשיוואַל געשיקט צען טויזנט מאַן.* די הארמאַטן, וואָס זיינען ארויפגעשטעלט געוואָרן אויפן בערגל זשאַנשער, האָבן אָנגעהויבן שיסן איבערן רעיל. צוויי בריגאַדעס קאַוואַלעריע האָבן געאַרבעט אויפן רעכטן פליגל, און גאַליפעס בריגאַדע — אויפן לינקן. אַ הייפעלע מענטשן פון דעם פאַריזער אַוואַנגאַרד האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, כדי צו לאָזן פאַר די חברים צייט אָפּצוטרעטן פונם רעיל. דער צוריקטריט האָט זיך אָנגעהויבן איינס אַ זייגער אין דער ריכטונג פון נעילי, וואו מען האָט געמאַכט אַ בריק־באַפעסטיקונג. עטלעכע מוטיקע חברה־לייט, וואָס האָבן פאַרעקשנט זיך געוועלט אין רעיל, זיינען קוים צוגעקומען ביז דער אַסניערער בריק; די קאַוואַלעריע האָט זיי נאָכגעיאָגט און זיי האָבן פאַרלאָרן עטלעכע הונדערט מאַן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

מען האָט פלוראַנסן דערגרייכט אין רעיל. בטבע אַ פלאַפּלער, איז ער איצט געוואָרן שווייגיק, ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאָס אומגליק קומט אָן. נאָך דער מפלה האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אומצו־קערן; ער איז אַראָפּ פונם פערד, אַ טרויעריקער, איז אַוועק לענג־אויס דער סענע און קיין וואָרט ניט געענטפערט טשיפּריאַנין, וועלכער האָט אים געוואָרנט זיך צו היטן; דער יונגער און מוטיקער איטאַליענער, וואָס איז תמיד גרייט געווען צו פאַרטיידיקן אַן ער־לעכע זאַך, איז געווען זיינער אַן אַלטער חבר פון קרים. אַ מידער, פול מיט יאוש, האָט פלוראַנס זיך געלייגט אויפן ברעג און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. ניט ווייט פון דאָרט, לעבן דער בריק שאַטו, האָט טשיפּריאַני באַמערקט אַ הייזל, האָט געדונגען אַ צימער, פלוראַנס איז אים נאָכגעגאַנגען, האָט אַראָפּגענומען די שווערד, דעם רעוואָלווער, דאָס היטל און זיך געוואָרפן אין געלעגער. איין אויסשפּירער האָט זיי געפּאַקט און אַ מאַן פערציק זשאַנדאַרמען האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז. טשיפּריאַנין האָט מען געפונען דעם ערשטן. ער האָט זיך געוואָלט ווערן, אָבער מען האָט אים פאַר־טויבט. פלוראַנסן האָט מען דערקענט לויט דער דעפּעשע, וואָס מען האָט ביי אים געפונען, און מען האָט אים אַוועקגעפירט אויפן ברעג פון דער סענע, וואו ער שטייט מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ און

צונויפגעלייגטע הענט. דער קאפיטאן פון דער זשאנדארמעריע דעמארע איז צוגעריטן און א ברום געטאן: „דאס זייט איר, פלוראנס, וואס שיסט אין מיינע זשאנדארמען!", הייבט זיך אויף אין די שפארן און צעשפאלט אים דעם שארבן מיט אזא קראפט, אז ער „האט געמאכט פון אים צוויי שליפעס", — ווי עס האט זיך אויסגעדריקט איין זשאנדארם, וואס האט אלע מאל געהאט גרייט עפעס א חכמה. צוזאמען מיטן בר־מינן האט מען טשיפריאנען, וואס האט נאך געלעבט, ארויפגעווארפן אויף א פור מיט מיסט און זיי אוועקגעפירט אין ווערסאל, וואו די אפיצירנס פריינדינס זיינען געקומען באשמעקן די טויטע קערפערס. אזוי האט געענדיקט זיין לעבן דער דאזיקער ערלעכער וואנדער־ריטער, דער ליבלינג פון דער רעוואלוציע.

דעם 2טן פארברענגט דיוואל, וועלכער פירט אן מיט דעם לינקן טייל פונם לינקן פליגל, א גאנצע נאכט אויף דער שאטי־ליאנער הויכקייט מיט זעקס צי זיבן טויזנט מאן. דעם 3טן, ארום זיבן א זייגער, שטעלט ער צונויף אפטיילונגען, קומט צו ביז פטי־ביסעטר, צעזייט גענעראל די־באראילס פארפאסטנס און שיקט אויסשפירן אן אפיציר צו ווילקובלע, וואס הערשט איבערן וועג. דער אפיציר איז מודיע, אז דער וועג איז פריי און די פעדערא־ליסטן קענען אן שום מורא זיך לאזן פאראויס, פלוצלונג אבער דערהערט זיך לעבן דארף א שיסעריי. די אפטיילונג מאכט א קייט פון שיסער. דיוואל, וואס בלייבט אינמיטן וועג אן שום שוץ, גיט א ביישפיל זיינע מענטשן. די שיסעריי הייבט זיך אן און געדויערט עטלעכע שעה נאכאנאנד. עטלעכע גראנאטן וואלטן גענוג געווען ארויסצויאגן דעם שונא פון זיין פאזיציע, דיוואל האט אבער ניט קיין ארטילעריע; די קוילן לאזן זיך אויס, און מען שיקט נאך זיי אין שאטיליאן.

די פעדעראליסטן, וואס פארנעמען א פארשאנצונג, האבן זיך אינגאנצן פארלארן אין דעם תוהו־ובוהו און מיינען, אז מען האט זיי ארומגערינגלט. דיוואלס שלוחים שווייגן, דראען און קענען בשום אופן זיך ניט דערשלאגן ניט קיין פארשטארקונגען, ניט קיין אמוניציע. עפעס אן אפיציר גיט ארויס א באפעל אפצוטרעטן.

אויף דעם פארלאזענעם דיוואלן פאלט אן דעראזשם בריגאדע און פעלעם גאנצע דיוויזיע, וואס באשטייט פון 8000 מאן. ער איז געצוואונגען אפצוטרעטן מיט זיינע מוטיקע חברה־לייט צו דער שאטיליאנער הייך צו.

די פרוואן אינם צענטער זיינען געווען ניט געלונגענער פון אט־א־די. דריי א זייגער אינדערפרי האבן צען טויזנט מאן, וואס זיינען געווארן אנגעפירט דורך ראנוויע און אווריאל, פארלאזן דאס מארש־פעלד. זעקס א זייגער האט דער 61טער פאלק אטא־קירט מולינא, וואס איז געשיצט געווארן דורך די זשאנדארמען. מען צווינגט זיי אפצוטרעטן צו מעדאן־צו, וואו עם האט זיך פאר־שאנצט און פעסט איינגעארדנט א ווערסאלער בריגאדע, וואס איז געווען פארזען מיט מאשינען־געווער. די פעדעראליסטן האבן גע־האט בסך־הכל אכט הארמאטן (אין דער צייט, ווען אין פאריז זיינען געווען הונדערטער) און יעדער הארמאט בלויז צו אכט קוילן.

די פעדעראליסטן האבן גזעזן, אז זייער גאנצער פרווו איז האפענונגסלאז, זיינען זיי ניין א זייגער אפגעטראטן צו מולינא־צו.

ביני־לביני איז ראנוויע אוועק נאך הארמאטן און זיי אוועק־געשטעלט אויפן פארט איסי. דאס האט געשטערט די ווערסאלער לייט איבערצוגיין אין אן אנגריף.

די מפלה איז געווען אן אומגעהייערע, אין די דעפעשן אבער האט מען געשאלט וועגן נצחון. די אויספיר־קאמיסיע, וואס איז אריינגעפירט געווארן אין א טעות דורך די מיליטערישע שטאבן, וואס האבן אפילו ניט געוואוסט די נעמען פון די גענעראלן, האט מודיע געווען וועגן פאראייניקן זיך פון דיוואלן מיט פלוראנסן אין קורבוואוא. פעליקס פיא, צו וועלכן זיין קריגערישער ענטוזיאזם האט זיך אומגעקערט, האט געשריבן אינם „נקמה־נעמער": „א י ן ווערסאל — אויב מיר ווילן ניט ווידער פליען אויף לופט־באלאנען! אין ווערסאל — אויב מיר ווילן זיך ווידער ניט באנוצן מיט קיין טויבן־פאסט! אין ווערסאל — אויב מיר ווילן ניט עסן קיין ברויט פון קלייען! אין ווערסאל, אויב...

א. אז. וו." ניט געקוקט דערויף, וואס די פליטים זיינען שוין געקומען

קיין פאריז, איז די שטימונג נאך אלץ געווען א געהויבענע. מיט א רויטער פאן האט זיך אויפגעהויבן איבער די עליזעישע פעלדער א באטאליאן פון 300 פרויען, וואס האבן געוואלט גיין אנטקעגן דעם שונא. די אוונטיקע קאמונאלע צייטונגען האבן מודיע געווען וועגן פלוראנס אנקום אין ווערסאל. דער אומגליקלעכער איז טאקע גענבעך געווען דארט.

די קאמונע, וואס האט זיך צונויפגעקליבן ארום צען א זייגער אינאוונט, איז אויך ניט געווען בעסער אינפארמירט. פעליקס פיא האט געפאדערט, אז אין דער אויספיר-קאמיסיע זאלן באשטימט ווערן פארטרעטער פאר עדן, דיוואלן און בערזשערע, וואס איז פארהאלטן געווארן מחוץ פאריז. מען האט אויך באדארפט געפינען א פארטרעטער פאר לעפראנסע, וואס האט געפאדערט דעמיסיע. מען האט אים געבעטן בלייבן, ער האט זיך אבער קאטעגאריש אפגעזאגט, האט זיך באקלאגט, אז מען האט אים גענארט און געוואלט, אז וועגן זיין דעמיסיע זאל אפגעדרוקט ווערן אין „אפיסיעל". וויארד קומט פון שאטיליאן, וואו אלץ גייט, לויט זיינע ווערטער, כשורה. ארטור ארנו איז גארניט ביי דער זעלבער מיינונג, פון דעם שלאכט-פעלד ברענגט ער גאר אנדערע ידיעות; פאסקאל גרוסע און דיומע האלטן אויך, אזוי ווי ארנו. די דעלע-גאטן פון איסי, מעדאן און נעילי ברענגען באוויקנדיקע ידיעות.

עס שווימען ארויף אנדערע פראגן, און פאסקאל גרוסע טראגט אריין א פארשלאג, אז אלע אנדערע מלוכות זאל מען מודיע זיין וועגן דער קאמונעס ארייננגיין אין אירע רעכט, — זש. ב. קלעמאן להיפוך איז ניט מסכים, אז די קאמונע זאל דארפן מעלדן וועגן עפעס די קיניגן. איינס א זייגער ביינאכט גייט זיך די פארזאמלונג בונאנדער אן שום רעזולטאטן, בעת דיוואל באמיט זיך מיט אלע כוחות איינצוהאלטן ארום זיך די מענטשן.

פונקט ווי פלוראנס וויל ער זיך ניט אומקערן, אבער להיפוך צו יענעם איז דיוואל תמיד געווען א שווייגער, און פון דעם 18טן מערץ אן דווקא אנגעהויבן א סך צו ריידן, אפילו פלאפלען. ער האט געהאט לעבן זיך א הייפעלע מענטשן און האט א גאנצע נאכט געהאלטן אין איין חזרן: „איך וועל ניט אפטרעטן".

דעם 4טן, פינף א זייגער, זיינען די הייבן און די שכנותדיקע דערפער ארומגערינגלט דורך דראַזשם בריגאַדע און פעלעם די־וויזיע: „גיט אייך אונטער, וועט איר בלייבן אומבארירט", — הייסט זיי זאָגן גענעראַל פעלע. די פעדעראַליסטן גיבן זיך אונטער. די ווערסאַלער לייט כאַפּן תיכף די זעלנער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אין די רייען פון די פעדעראַליסטן, און דערשיסן זיי. אַנדערע געפאַנגענע ווידער רינגלט מען ארום מיט צוויי רייען שיסער און מען שיקט זיי אָפּ אין ווערסאַל. מיט אנטבלויזטע קעפּ, מיט אָפּגעריסענע גאַלונען גייען זייערע אָפיצירן פאַראויס דער פּראָצעסיע.

אין פטי־ביסעטר באַגעגנט די אָפּטיילונג ווינואַן. ער הייסט די אָפיצירן שיסן. דער שעף פון דער שמירה דערמאָנט וועגן פעלעם צוזאָג. ווינוא זאָגט דעמאָלט: „א קאָמאַנדיר איז דאָ פאַרהאַן?" — „איך", — זאָגט דיוואַל און גייט ארויס פון דער ריי. א צווייטער גייט ארויס מיט די ווערטער: „איך בין שעף פון דיוואַלס שטאַב". דער קאָמאַנדיר פון די פריוויליקע אין מאָנ־רוזש שטעלט זיך אויך אין איין ריי מיט זיי. „איר זייט געמיינע הינט!" — זאָגט ווינוא און גיט ארויס זיינע אָפיצירן א באַפעל זיי צו שיסן. דיוואַל מיט זיינע חברים ענטפערן מיט שווייגן, וואָס האָט געהאַט אין זיך א סך פאַראַכטונג; זיי שפּרינגען אריבער איבערן ריוו, טוליען זיך צו צו דער וואַנט, דריקן איינער דעם אַנדערן די האַנט און מיט די אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די קאָ־מונע!" — שטאַרבן זיי פאַר איר! עפּעס א קאַוואַלעריסט שלעפּט אַראָפּ פון דיוואַלן די שטיוול און טראָגט זיי אַוועק, ווי א טראָפעי; דער רעדאַקטאָר פון „פיגאַראָ" נעמט צו דעם קראַגן. *

די אָרדענונג־פּאַרטיי האַלט זיך ביי דער אכזריותדיקער טראַדיציע פון יוני 48טן יאָר און מאַכט א שחיטה צווישן די געפאַנגענע. די שחיטה האָט זיך אָנגעהויבן דעם 2טן. דעם 3טן

---

* ווינוא האָט געשריבן: „די מורדים האָבן געליטן דאָס נעהער און זיך איבערגעגעבן אין רשות פונם זיגער; דעם באַריממטן דיוואַל האָט מען דערהרגעט אינם טאָג.

האט גענעראל גאליפע געהייסן אין שאטו דערשיסן דריי פערעראליסטן, וואס מען האט געכאפט אין א האטעל, וואו זיי האבן געגעסן מיטאג, — און האט פארעפנטלעכט אזא מין אומגעלומפערטע ערקלערונג פון דעם אכזריותדיקן טאט: „די פאריזער רוצחים האבן ערקלערט מלחמה... זיי האבן געטייט מיינע זעלנער... איך, פון מיין זייט, ערקלער די דאזיקע מערדער אן אומברחמנותדיקע מלחמה... איך האב דאס באדארפט ווייזן אויף א ביישפיל".

דער גענעראל, וואס האט די קעמפער פאר דער קאמונע אנגערופן רוצחים און דריי רציחות – ביישפיל, איז געווען ניט קיין אנדערער, ווי איינער פון די געמיינע חברה־לייט, וואס האבן אנטייל גענומען אין דער מעקסיקאנישער מלחמה און וואס איז געווארן בריגאדע־גענעראל נאך איין צוזאמענשטויס ביי סעדאן, אין וועלכן ער האט אפילו קיין אנטייל ניט גענומען. קיין זאך איז ניט אזוי כאראקטעריסטיש אין דער דאזיקער בירגער־מלחמה, ווי דער צוקלייב פון פאנענטרעגער פון די ערלעכע לייט. זייער באנדע איז איז פולן באשטאנד ארויסגעקומען אויפן פאריזער וועג, כדי צו באגעגענען די געפאנגענע פון שאטיליאן. אלע פאריזער עמיגראנטן — באאמטע, עלעגאנטע אריסטאקראטישע מיידלעך, פראסטיטוטקעס, שאקאלן און היענעס זיינען געקומען אנצולויפן א קלאפ צו געבן די ארעסטאנטן, ווער מיט דער פויסט, ווער מיט א שטעקן אדער שירעם; זיי האבן ארויסגעריסן פון זיי די היטלען און מלבושים מיט די געשרייען: „רוצח! אויף דער גיליאטינע!" צווישן די „רוצחים" איז געגאנגען אויך עליזע רעקליו, וואס איז גענומען געווארן אין געפאנגענשאפט צוזאמען מיט דיוואלן. פאר דעם אפפירן די געפאנגענע אין די זשאנדארמישע קאזארמעס האט די שמירה זיך עטלעכע מאל אפגעשטעלט, כדי צו לאזן דעם המון שטילן זיין כעס. דערנאך האט מען זיי ארייגעשליידערט אין סאטאריער שייערס, און פון דארט אין וואגאנעס פאר בהמות אפגעשיקט קיין ברעסט.

פיקאר האט געוואלט אנשליסן אן די דאזיקע קרבנות אלע ארנטלעכע לייט פון פראנקרייך. „קיינמאל" — האט געשריבן דער

דאָזיקער קרעציקער פּאַלסטאַף, — „האָט נאָך די דעמאַגאָגיע זיך ניט באַוויזן אין אַזאַ פּרעך אויסזען פאַר די באַטריבענע בליקן פון ערלעכע לייט״.

נאָך דער שחיטה ביי מאָן־וואַלעריאַן און ביי שאַטו האָט טיער געשריבן צו זיינע פּרעפעקטן: „די מאָראַלישע השפּעה איז אויסגעצייכנט. בעת די רוסישע רעגירונג האָט געמאָלדן: „עס הערשט אין וואַרשע אָרדענונג״ און פאולי: „די ביקסן פון די שאַספּאָ באַוויזן מופתים!״ — האָבן זיי לכל־הפּחות גערעדט וועגן פרעמדלענדער און ניט וועגן מיטבירגער. פאַרשטייט זיך, אַלעמען איז גוט באַקאַנט, אַז ניט די בורזשואַזיע, נאָר אַ טאָכטער פון פאָלק האָט געזאָגט די גלענצנדע ווערטער: „איך קען ניט צוקוקן, ווי עס גיסט זיך פראַנצויזיש בלוט, אַז די האָר זאָל זיך מיר ניט שטעלן קאַפּויר״.

דרייצנטער קאַפּיטל

דער דורכפאַל פון דער קאָמונע אין מאַרסעל און נאַרבאָנע.

דיזעלבע זון, וואָס האָט געלויכטן ביים דורכפאַל פון דער פּאַריזער באַוועגונג, האָט איצט געשיינט בעת דער מפּלה פונם פֿאָלק אין מאַרסעל.

די פּאַראַליטישע קאָמיסיע האָט געהאַלטן אין איין דרעמלען. דעם 26טן האָט עספּיוואַן געהייסן שלאָגן אויף אַלאַרם, האָט ערקלערט דעם דעפּאַרטאַמענט אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד און אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע אין טיערס גייסט. דער מוניצי־פּאַלער ראַט איז ווידער אַריינגעפאַלן אין צאַפּלעניש און האָט אָפּגערופן זיינע דעלעגאַטן פון דער פּרעפעקטור. גאַסטאָן קרעמיע האָט געמאָלדן דעם ראַט, אַז די קאָמיסיע איז גרייט זיך צו ליק־ווידירן. דער ראַט האָט געבעטן, מען זאָל אים געבן צייט זיך צו באַטראַכטן.

ס'איז געווען שפּעט אינאָוונט. די קאָמיסיע האָט דערפילט, אַז זי הענגט אין דער לופטן. בושע האָט איר פאָרגעלייגט צו דעפּעשירן אין ווערסאַל, אַז ער איז גרייט איבערצוגעבן זיינע פולמאַכטן אַ רעפּובליקאַנישן פּרעפעקט. — אַ נישטיקער סוף פון אַ גרויסער באַוועגונג! אַלע האָבן גוט געוואוסט, וואָס עס זיינען אַזוינס די רעפּובליקאַנישע פּרעפעקטן פון הער טיער. די קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם מוט, איז שוין גרייט געווען צונויפצו־שטעלן די דעפּעשע, בעת ס'האָט זיך באַוויזן לאַנדעק, אַמורו און מאַי, וועלכע זיינען, לויט זייערע רייד, געשיקט געוואָרן פון פּאַריז.

עטלעכע היץ־קעפּ פון די קאָמיסיע־מיטגלידער זיינען געווען מלא שמחה פון דעם זיגרייכן פּאַריז. דער מוניציפּאַלער ראַט

ווידער האָט, להיפוך, באַשלאָסן זיך צו האַלטן ביי דאָס זייניקע און האָט האַלבנאַכט מודיע געווען וועגן דעם דעם קלוב פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס האָט באַשלאָסן נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל. האַלב צוויי אַזייגער האָבן די דעלעגאַטן פונם קלוב מודיע געווען דער קאָמיסיע, אַז זייערע פולמאַכטן האָבן זיך אויסגעלאָזט. די ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט זיך דערשראָקן, די ראַדיקאַלן האָבן זיך באַהאַלטן, דאָס פאָלק איז געבליבן אויג אויף אויג מיט דער רעאַקציע.

דאָס איז די צווייטע פאַזע פון דער באַוועגונג. דער ליידנשאַפטלעכסטער פון די דריי דעלעגאַטן, לאַנדעק, איז איצט געוואָרן הויפּט=אַווטאָריטעט אין דער קאָמיסיע. די רעפּובליקאַנער, וואָס האָבן געקענט זיין נידערטרעכטיקע אויפפירונג בעתן פּראָצעס פונם אינטערנאַציאָנאַל, האָבן אין דעם דאָזיקן באַרימער איינגעזען אַ באָנאַפּאַרטיסט. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַן אַקטיאָר פון אַ באַלאַגאַן אַרויס, וואָס איז גרייט געווען אויף כלערליי ריזיקאַלישע מעשים, צוליב זיין אומגעהייערער עם=הארצות. אונטער דער אָנפירונג פון דעם נפש איז די לאַגע געוואָרן טראַגיש. גאַסטאָן קרעמיע האָט ניט געזען קיין שום אויסוועג, און האָט זיך געהאַלטן ביי דעם נעכטיקן באַשלוס. דעם 28טן האָט ער געשריבן צום ראַט, אַז די קאָמיסיע איז גרייט זיך פונאַנדערצוגיין און לייגט אַרויף די אחריות פאַר די געשעענישן אויפן ראַט; אגב האָט ער געפּאָדערט ביי זיינע חברים צו באַפרייען די ערבות=לייט. ער האָט געפּועלט אַזוי פיל, אַז מען האָט אים אָנגעהויבן חושד זיין אין מעסיקייט. ס׳איז אים נמאס געוואָרן די גאַנצע שקלאַ=וטריא און ער איז אינאָוונט אַוועק אינגאַנצן פון דער פּרעפעקטור. זיין אַוועקגיין האָט געשטעלט די קאָמיסיע אין אַ לגמרי שוצלאָזן מצב. ס׳איז איר אָבער געלונגען אים אָפּצוזוכן, רופן אים צו אָפּערוויליקייט און צוריק צו ברענגען אין דער פּרעפעקטור אַריין, וואו עס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ מאָדנע פליכט פון אַ געפאַנגענעם, אָבער גלייכצייטיק פאַראַנטוואָרטלעכן שעף.

דער מוניציפּאַלער ראַט האָט אויף קרעמיעס בריוו קיין תשובה ניט געגעבן. דעם 29טן האָט די קאָמיסיע ווידער באַניי

איר פאָרשלאָג. דער ראַט האָט ווידער פאַרשוויגן. אינאָוונט האָבן פירהונדערט דעלעגאַטן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אויף אַ פאַרזאַמלונג אין מוזיי באַשלאָסן צו פאַראייניקן די באַטאַליאָנען און האָבן באַשטימט אַ קאָמיסיע פאַר אונטערהאַנדלונגען צווישן דעם שטאָטראַט און דער פרעפעקטור. די דאָזיקע דעלעגאַטן זיינען געווען פאָרשטייער בלויז פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון די באַטאַליאָנען און דער שטאָטראַט האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער זיך אָפּגעגעבן דעם געפיל פון מורא.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן צוויי מאַכטן דורך פראָקלאַמאַציעס. דעם 30טן האָט דער ראַט אַלס תשובה אויפן באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אינם מוזיי, אַרויסגעלאָזן אַ פראָקלאַמאַציע פון די קאָמאַנדירן פון די רעאַקציאָנערע באַטאַליאָנען. די קאָמיסיע האָט געענטפערט מיט אַ מאַניפעסט, אין וועלכן זי האָט געפאָדערט אויטאָנאָמיע פאַר דער קאָמונע און מבטל מאַכן די פרעפעקטורן. דער ראַט האָט תיכּף ערקלערט דעם גענעראַל-סעקרעטאַר פונם פרעפעקט אַלס געזעצלעכן פאָרשטייער פון דער רעגירונג און האָט אים אויפדאַסניי פאָרגעלייגט צו פאַרנעמען זיין אַמט. דער סעקרעטאַר האָט זיך אָבער ניט געמאַכט הערן און איז אַוועק אויף דער שיף „לאַ קוראָן", וואָס איז געשטאַנען אינם נייעם פּאָרט. אַ סך מיטגלידער פונם ראַט האָבן זיך אויך איבערגעטראָגן אויף דער שיף אין זייערע נאַכט-מיצלעך, — אַ לגמרי איבעריקע פאָרזיכטיקייט, מחמת די באַרימט-סטע רעאַקציאָנערן האָבן זיך פראַנק און פריי שפּאַצירט איבער דער שטאָט. די גאַנצע ענערגיע פון דער קאָמיסיע האָט זיך אויס-געשעפּט מיט זשעסטיקולירן. זי האָט אַרעסטירט בסך-הכּל צוויי-דריי באַאַמטע: דעם פּראָקוראָר, זיין געהילף און אויף אַ קורצער צייט דעם דירעקטאָר פון דער צאָל-קאַמער און דעם מערס זון. דעם גענעראַל אָליוויע האָט מען באַפרייט תיכּף, ווי ס'איז נאָר קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון נעמען אָנטייל אין די געמישטע קאָמיסיעס פון 51טן יאָר.

די קאָמיסיע האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פּשטות, אַז זי האָט אפילו דעם שיסער-פּאָסטן, וואָס עספּיוואַן האָט פאַרגעסן

צוויי טריט פון דער פּרעפעקטור, ניט גערירט. און דעריבער האָט די פּליטה פונם ראַט געמאַכט אַן איינדרוק פון גאָר אַ שענדלעכער. די שטימונג אין שטאָט איז געבליבן רויק, אַפילו פרייליך. בעת דאָס אויסשפּיר־שיפל „לע רענאַר" האָט זיך באַוויזן אין קאָנעביער צו דעמאָנסטרירן זיינע הארמאַטן, האָט דאָס פאָלק עס אַזוי אויס־געפייפט, אַז עס האָט אויפגעהויבן דעם אַנקער און צוריק אַוועק צו דער גרויסער שיף.

די קאָמיסיע האָט באַשלאָסן, אַז אויף איר וועט מען ניט וואַגן צו מאַכן קיין אַנפאַל, און האָט דעריבער ניט אָנגענומען קיין שום פאַרטיידיקונגס־מיטלען. אין דער אמתן אָבער האָט זי געקענט באַוואָפענען די הייכן פון „נאָטר־דאָם־דע־לאַ־גאַרד", וואָס הערשן איבער דער שטאָט, און צונויפזאַמלען אַ גרויסע צאָל גאַריבאַלדיער. עטלעכע אָפיצירן, וואָס האָבן גענומען אַנטייל אין דעם לעצטן שלאַכט, האָבן איר פאָרגעלייגט צו נעמען אויף זיך דאָס אָרגאַניזירן דעם ענין. די קאָמיסיע האָט זיי שיין באַדאַנקט און געזאָגט, אַז דאָס מיליטער וועט אוודאי ניט קומען, אָדער עס וועט זיך אָנשליסן אָן דעם פאָלק. זי האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס זי האָט אויפגעהויבן אַ שוואַרצע פאָן, האָט אָנגעשריבן אַן אויפרוף צו די זעלנער און אָנגעפירט אין דער פּרעפעקטור אַריין געווער מיט הארמאַטן, צו וועלכע זי האָט אַפילו קיין פּאַסיקע קוילן ניט געהאַט. לאַנדעק האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען. ער האָט ערקלערט עספּיוואַנען אַלס דעמיסיאָנירטן און האָט אויף זיין אָרט באַשטימט דעם אַלטן קאַוואַלעריע־בריגאַדיר פּעליסיע. „ביז ער וועט פאַרנעמען זיין אַמט", — איז געזאָגט געוואָרן אינם באַפעל, — „וועט דאָס מיליטער בלייבן אונטער גענעראַל עספּיוואַנס קאָמאַנדע". דערדאָזיקער פאַרם איז באַצייכנט מיט דער דאַטע פון 1טן אַפּריל. פּעליסיע האָט זיך זייער וויציק אויסגעדריקט אויפן מיליטערישן געריכט. בעת מען האָט אים געפרעגט: „ביי וואָסער אַרמיי זייט איר געווען גענעראַל?" — האָט ער געענטפערט: — „איך בין געווען גענעראַל פון דער לאַגע". ער האָט קיינמאָל קיין אַנדער חייל ניט געהאַט. דעם 24טן זיינען די אַרבעטער ווידער צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, מחמת די דינסט אין דער נאַציאָנאַלער

גוואַרדיע, אחוץ די גוואַרדייער פון דער פּרעפעקטור, האָט ניט געלוינט. מיט גרויס מי האָט מען געפונען גענוג מענטשן, כדי צו אָפּהיטן די פּאָסטנס. צו האַלבנאַכט־צו איז ביי דער פּרעפעקטור געבליבן ווייניקער פון הונדערט פאַרטיידיקער.

אַ מאָמענט זייער אַ גינסטיקער פאַר אַ פּלוצלונגדיקן אָנפאַל. עטלעכע רייכע בורזשואַ האָבן געוואָלט אַ פּרוּוו טאָן. זיי האָבן געפונען פּאַסיקע מענטשן, האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. האַלבנאַכט האָבן זיי גערעכנט צו פאַרכאַפּן די פּרעפעקטור און פאַרהאַלטן די קאָמיסיע. אין דער זעלבער צייט האָט עספּיוואַן באַדאַרפט גיין אויף דער שטאָט, כדי אַהינצוקומען ביז באַגינען. אָבער קיין אָפּיציר האָט מען געשיקט קיין אַבאַני. דער גענעראַל האָט זיך אָפּגעזאָגט, כלומרשט אויס פאַרזיכט, די אַרומיקע לייט האָבן אָבער אויפגעדעקט די אמתע סיבה פון זיין אָפּזאָג: „מיר זיינען געלאָפן פון מאַרסעל, ווי די פּחדנים, מיר ווילן קומען אַהין נאָך גלענצנדע נצחונות".

גלענצנדע נצחונות מיט דער אָבאַניער אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס־זיבן טויזנט ניט אָרגאַניזירטע און ניט דיסציפּלינירטע זעלנער, זיינען געווען זייער אַ שווערער ענין. בלויז איין זעקסטער שיסער־פּאָלק אין עפּעס געווען אַ ביסל דיסציפּלינירט; עספּיוואַן האָט אָבער געהאָפט אויף די מאַטראָסן פון „לאַ קוראָן", אויף די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער פון דער אָרדענונגס־פּאַרטיי, וועלכע האָבן זיך געפונען אין כּסדרדיקע באַציִונגען מיט זיי, און קודם־כּל — אויף דער זיכערקייט פון דער קאָמיסיע.

די קאָמיסיע האָט גערעכנט זיך צו פאַרפעסטיקן, דורך אָנשליסן אָן זיך די דעלעגאַטן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. זיי האָבן באַשלאָסן פונאַנדערצולאָזן דעם מוניציפּאַלן ראַט און די קאָמיסיע האָט באַשטימט אויפן 3טן אַפּריל וואַלן. ווען דאָס זאָל געווען געטאָן ווערן דעם 24טן מערץ, וואָלט אפשר אַזאַ מין טיטל געקענט באַרויִקן די שטאָט. דעם 2טן אַפּריל איז שוין געווען צו־שפּעט, דאָס איז געווען ערב דעם אויסבּרוך.

דעם 3טן, בעתן באַקומען ידיעות פון ווערסאַל, האָט עספּיוואַן באַפוילן די שעפן פון די רעאַקציאָנערע באַטאַליאָנען צו זיין גרייט.

אינאַוונט, אַרום עלף אַ זייגער, זיינען די גאַריבאַלדישע אָפיצירן געקומען אין דער פּרעפעקטור אַריין מיט דער בשורה, אַז פון אַבאַני האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג אַריין די פּאָלקן. די קאָמיסיע האָט אַ זונג אויף געטאָן דעם אַלטן ניגון: „זאָלן זיי קומען; מיר זיינען זיי גרייט צו באַגעגענען". האַלב צוויי אַ זייגער האָט זי באַשלאָסן צו קלאַפּן אַלאַרם. אַרום פיר אַ זייגער האָבן זיך אין דער פּרעפעקטור צונויפגעזאַמלט ביז פיר הונדערט מאַן. אַן ערך הונדערט פרייע שיסער האָבן זיך איינגעאָרדנט אויפן וואָקזאַל, וואו דער קאָמיסיע איז אַפילו קיין איין האַרמאַט ניט איינגעפאַלן אַוועקצושטעלן.

פינף אַ זייגער אינדערפרי דעם 4טן קומען עטלעכע רעאַק-ציאָנערע ראָטעס אויפן פּלאַץ פונם יוסטיץ-פּאַלאַץ און אויף דער באָנאַפּאַרט-גאַס; די מאַטראָסן פון „לאַ קוראָן" שטעלן זיך אויס פאַר דער בערזע; פונם וואָקזאַל פאַלן די ערשטע שאָסן.

עספּיוואָנס אָפּטיילונגען באַווייזן זיך אין דריי פּונקטן פון דער שטאָט: אויפן וואָקזאַל, אויף דעם קאַסטעלאַנער פּלאַץ און אויף פּלען. די פרייע שיסער ווייזן אַרוי'ס אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, דאָך זיינען זיי געצוואונגען צו קלאַפּן אויף צוריקטריט. די ווער-סאַלער לייט דערשיסן דעם וואָקזאַל-קאָמיסאַר פאַר זיין זון — אַ זעכצניעריק יִנגל, וואָס פאַלט דעם אָפיציר צו די פיס און וויל גיין פאַר אַ קרבן אַנשטאָט דעם פאָטער — אין די אויגן. דעם צווייטן קאָמיסאַר בריונעלן געלינגט צו אַנטלויפן מיט אַ צעבראָ-כענער האַנט. די אָפּטיילונגען פון פּלען און עספּלאַנאַדע רוקן אָפּ זייערע פאַרפּאָסטנס אויף דרייהונדערט מעטער פון דער פּרעפעקטור.

די קאָמיסיע, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ ניט געהאַט אויפ-געכאַפּט פון איר דרעמל, שיקט צו עספּיוואָנען אַ דעפּוטאַציע. גאַסטאָן קרעמיע און פּעליסיע פאָרן אָפּ, באַגלייט דורך אַ המון דערוואַקסענע און קינדער, וואָס שרייען: „זאָל לעבן פּאַריז!" לעבן די פאַרפּאָסטנס אויפן קאַסטעלאַנער פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך דער הויפּט-שטאַב, דערנענטערט זיך צו די דעלעגאַטן דער קאָמאַנ-דיר פונם 6טן שיסער-באַטאַליאָן ווילנעוו. „וואָס האָט איר בדעה

צו טאן?" — פרעגט קרעמיע. — „מיר זיינען געקומען מאכן אן ארדענונג". — „וואס, איר וועט וואגן שיסן אינם פאלק!" — שרייט אויס קרעמיע און הייבט אן א רעדע; די ווערסאלער לייט דראען צו שיקן זייערע שיסער. דעמאלט לאזן די דעלעגאטן זיך אפפירן צו עספיוואנען; ער וויל זיי ארעסטירן, גיט זיי פינף מינוט צייט, כדי צו פארלאזן די פרעפעקטור. בעת גאסטאן קרעמיע קערט זיך אום, טרעפט ער א געשלעג צווישן די שיסער און דעם פאלק, וואס וויל זיי אנטוואפענען. עס דערנענטערט זיך נאך א נייער המון מיט א שווארצער פאן און פאלט אן אויף די זעלנער. איין דייטשער אפיציר, וואס איז אריינגעטראטן צו עספיוואנען אלס פריי־וויליקער, ארעסטירט פעליסיען; די ווערסאלער גענעראלן זעען, אז אין זייער מיליטער הערשט א תוהו־ובוהו, באפעלן זיי צוריקצוטרעטן.

דער המון אפלאדירט, מיינענדיק, אז זיי גייען אריבער אויפן צד פונם פאלק. צוויי קארפוסן פוסגייער האבן זיך אפגע־זאגט שוין אנצוגרייפן. דער פלאץ פון דער פרעפעקטור ווערט פול מיט איבערגעגעבענע גרופעס. ארום צען א זייגער גייען די שיסער דורך די רוימישע און ארמענישע גאסן. מען רינגלט זיי ארום מיט א געשריי. א סך הייבן אויף אינדערהויך די קאלבעס פון די ביקסן. איין אפיציר געלינגט דאך צו באפרייען זיין ראטע, וואס ווארפט זיך אויף די באגנעטן; ער פאלט מיט א דורכגעשאסענעם שארבן. זיינע זעלנער זיינען אויפגעבראכט צוליב זיין טויט, זיי שיסן אין די נאציאנאלע גווארדייער און יאגן זיי נאך ביז דער פרעפעקטור, וואו זיי ווערן ארעסטירט. ביי די פענסטער פון דער פרעפעקטור גייט א שיסעריי. די שיסער און די נאציאנאלע גווארדייער פון דער ארדענונגס־פארטיי שיסן פון דער באנאפארט־גאס און פון די שכנותדיקע הייזער. דאס הויז, וואס האט געהערט צו א מאנאכן־ארדן, הייבט אן א שיסעריי ביסרוגין.

צוויי שעה האט געדויערט די שיסעריי און די פעדעראליסטן האבן קיין שום הילף ניט באקומען. הגם ס'איז שווער געווען צו זיי צוצוקומען אין דעם פעסטן פירעקיקן בנין פון דער פרעפעק־טור, — זיינען זיי דאך געווען באזיגט, מחמת זיי האבן ניט געהאט גענוג לעבנסמיטל און מלחמה־מאטעריאלן, כדי זיי צו צווינגען זיך אונטער־

צוגעבן, איז געגוג געווען צוצוזוארטן, אזועקלייגן דאס געווער, ביז ס'וועלן זיך ביי זיי אויסלאזן די קוילן. גענעראל די־סאקרע־קער האט אבער ניט געוואלט קיין האלבן נצחון. דאס איז געווען זיין ערשטער מלחמה־ארויסטריט; ער האט באדארפט בלוט און דער עיקר געוויש. עלף א זייגער האט ער געהייסן באמבארדירן די פרעפעקטור פון די הייכן פון נאטר־דאם־דע־לא־גארד, וואס זיינען געשטאנען אויף 500 מעטער פון דאנען; דער פארט פון הייליקן ניקאלאי האט אויך אנגעהויבן שיסן; אבער די קוילן זיינע, וואס זיינען געווען ווייניקער העלזעריש, ווי די קוילן פון דער נאטר־דאם *, האבן געמאכט א תל פון די אריסטאקראטישע הייזער אויף דער באנאפארט־גאס און דערהרגעט איינעם פון די גווארדייער פון דער ארדענונגס־פארטיי, וואס האט הינטן־ארום געשאסן אויף די זעלנער. דריי א זייגער האט די פרעפעקטור אויפגעהויבן די פאן, אלס סימן, אז מען וויל פירן אונטערהאנדלונגען. עספיוואן האט אבער ווייטער געשאסן. מען האט געשיקט א פארלאמענטער. עספיוואן האט געפאדערט, זיי זאלן זיך אן שום תנאי אונטער־געבן. ארום פינף א זייגער איז אין דעם בנין אריינגעפאלן דריי הונדערט קוילן און א סך פעדעראליסטן זיינען פארוואונדעט געווארן. ביסלעכווייז האבן די פארטיידיקער, ניט באקומענדיק קיין שום הילף, פארלאזן די פרעפעקטור. עספיוואן האט געשאסן נאך לאנג נאכדעם, ווי די שיסעריי האט זיך פון דארטן געענדיקט. האלב זיבן האבן די מאטראסן פון „קוראן" און „מאניאנים" מוטיק געוואגט ארייננדרינגען אין דער פוסטער פרעפעקטור. „זי איז גענומען געווארן מיט כוח", — האט טיער געזאגט די גראבע יונגען פון דער נאציאנאל־פארזאמלונג, — „און ווייסט איר, ווי אזוי? מיט אבאר־דאוש־העק!" (א שטארקע באוועגונג).

זיי האבן געפונען דארט די ערבות־לייט גאנץ און ניט גערירט, צוזאמען מיט די שיסער, וואס זיינען געפאנגען געווארן אינדערפרי. דאך זיינען די יעזויטישע רעפרעסיעס געווען שרעקלעך אכזריותדיק. די לייט פון ארדענונג האבן אלעמען געכאפט פראנק און פריי

---

* ד. ה. די נאטר־דאמער הארמאטן.

און געשלעפט זייערע קרבנות אין דער לאמפן-קאמער פונם וואקזאל. איין אפיציר האט דארטן געשאסן די געפאנגענע. ער האט געמאכט צייכנס דעם אדער יענעם, אז זיי זאלן צוגיין צו אים, און דערלאנגט מיט א קויל אין קאפ. ווייטער האט מען דערציילט וועגן מאסן-עקזעקוציעס אין די קאזארמעס, פעסטונגען און תפיסות. גענוי איז די צאל דערהרגעטע געבליבן אומבאוואוסט, זי איז אבער געווען העכער פון הונדערט-און-פופציק מאן; א סך פארוואונדעטע האבן זיך באהאלטן ביי די ווערסאלער לייט. עס זיינען געווען דרייסיק דערהרגעטע און פופציק פארוואונדעטע. העכער נייןהונדערט פארוואונדעטע האט מען אריינגעשליידערט אין די קאזעמאטן פון שאטא-ד'איף און אין פעסטונג פונם הייליקן ניקאלאי. גאסטאן קרעמיען האט מען ארעסטירט ביים שומר פון יידישן בית-עולם. ער האט זיך פרייוויליק איבערגעענטפערט צו זיינע פארפאלגער, א שטארקער ביי זיך מיט זיין ריינעם געוויסן, און האט געמיינט, אז ער וועט האבן צו טאן מיט א געריכט. דער מוטיקער עטיען איז אויך ארעסטירט געווארן. לאנדעקן האט זיך איינגעגעבן נעלם צו ווערן.

דעם 5טן איז עספיוואן אריינגעפארן מיט טריומף און איז באגעגנט געווארן מיט באגייסטערטע באגריסונגען מצד די רעאקציאנערן. אבער פון די צווייטע רייען המון האט זיך דערהערט א פייפעריי, געזידלעריי און געשרייען. אויפן ס.-פערעאל-פלאץ האט מען אויסגעשאסן אין איין קאפיטאן און דער המון האט געווארפן שטיינער אין די פענסטער פון איין הויז, פון וועלכן מען האט באגריסט די מאטראסן.

אין צוויי טעג ארום נאך דעם צוזאמענשטויס האט דער מוניציפאל-ראט, וואס האט זיך אומגעקערט אין „קוראן", צוריקבאקומען לשון, אבער בלויז, כדי אנצופאלן אויף די באזיגטע.

די נאציאנאלע גווארדיע איז געווען אנטוואפנט. עספיוואן האט עולה-רגל-געווען ביי די אויסגעשרייען: „א לויב יעזוסן! א לויב דעם הייליקן הארץ!" דער קלוב פון דער נאציאנאלער גווארדיע איז געווען געשלאסן, און די ראדיקאלן, וואס זיינען גע-

וואָרן נעיאָגט און געפּלאָגט, האָבן זיך אַן איבעריק מאָל איבער־צייגט, וואָס עס הייסט פאַרלאָזן דאָס פּאָלק.

נאַרבאָנע האָט זיך אויך אונטערגעגעבן. דעם 30טן מערץ האָט דער פּרעפעקט און פּראָקוראָר פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, אין וועלכן זיי האָבן געריעדט וועגן אַ הייפל מורדים און האָבן זיך ערקלערט אַלס די איינציקע אמתע רעפּובליק; זיי האָבן טעלע־גראַפירט אין אַלע זייטן וועגן דעם דורכפאַל פון דער נאַציאָ־נאַלער באַוועגונג. „איז דען דאָס אַ סיבה, — האָט געשריבן דיזשאָן", — „צו פאַרלאָזן אונטערן דרוק פון דער גראָבער קראַפט אונזער רויטע פאַן, וואָס איז פאַרגאָסן מיטן בלוט פון אונזערע מאַרטירער?... זאָלן אַנדערע מסכים זיין צו לעבן אונטערן אייביקן דרוק"... — און ער האָט געמאַכט באַריקאַרן אויף די גאַסן, וואָס פירן אין שטאָטראַט אריין. די פּרויען זיינען ווידער געווען די ערשטע: זיי האָבן אַ תל געמאַכט פונם ברוק, אָנגע־וואָרפן מעבל. די מאַכט, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר אַן ערנסטן ווידערשטאַנד, האָט געשיקט מאַרקו, ער זאָל משפּיע זיין אויף זיין פריינט דיזשאָנען. ברוטוס קאַרקאַסאָני איז געקומען אין שטאָט־ראַט אין דער באַגלייטונג פון צוויי רעפּובליקאַנער פון לימו און האָט פאַרגעלייגט אין נאָמען פונם גענעראַל־פּראָקוראָר אַמניסטיע אַלע, וואָס וועלן פאַרלאָזן דעם בנין, און דיזשאָנען האָט ער גע־געבן פיר און צוואַנציק שעה צייט, אַז ער זאָל אַוועק אין אויס־לאַנד. דיזשאָן האָט צונויפגערופן זיין ראַט; אַלע האָבן זיך אָפּגע־זאָגט צו לויפן. מאַרקו האָט מודיע געווען וועגן דעם די מיליטע־רישע מאַכט. דעמאָלט האָט מען קאָמאַנדירט אין נאַרבאָנע דעם גענעראַל זענטיז.

דריי אַ זייגער אינדערפרי האָט איין טירקאָסן־אָפּטיילונג באַטראַכט די באַריקאַדן אויף דער די־פּאָן גאַס. די פעדעראַליסטן האָבן געוואָלט זיך מיט זיי פאַראייניקן און זיינען אריבער די באַריקאַדע. זיי באַגעגנט אַ ביקסן־שיסעריי, וואָס לייגט אַוועק צוויי פערזאָן און פאַרוואונדעט דריי. דעם 31טן, זיבן אַ זייגער אינ־דערפרי מעלדעט זענטער, אַז עס הייבט זיך אָן דאָס באָמבאַרדירן. דיזשאָן שרייבט צו אים: אויף דער דאָזיקער ווילדער דראָונג

האבן איך רעכט צו ענטפערן אויף אן ענלעכן אופן. איך בין אויך מתרה, אז באם איר וועט באמבארדירן די שטאט, וועל איך שיסן די דריי פערזאן, וואס געפינען זיך אין מיינע הענט". זענטיץ ארעסטירט דעם שליח און הייסט די זעלנער מכבד זיין מיט בראנפן. די דאזיקע לייט פירן זיך אין נארבאנע, ווי רוצחים, און האבן שוין איין קאפע געמאכט צו אש און צו רויך. דער גענעראל-פראקוראר שיקט נאך צוויי פארלאמענטערן. ער זאגט ווידער צו אמנעסטיע, וואס איז א טאג פריער פארגעלייגט געווארן פאר אלע, וועלכע וועלן פארלאזן דעם שטאטראט, איידער מען וועט אנהייבן שיסן; דער טויט פון די ערבות-לייט וועט באשטראפט ווערן דורך אויסשעכטן אלע, וואס געפינען זיך דארט. דיזשאן שרייבט זיינע באדינגונגען אונטער דעם דיקטאט פון א פארלאמענטער, לייענט זיי איבער די פעדעראליסטן און גיט יעדן איינעם רעכט צו פארלאזן דעם שטאטראט. דיזעלבע רגע באווייזט זיך פאר דער גארטן-טעראסע דער גענעראל-פראקוראר מיט די טירקאסן. דיזשאן איילט זיך אהין. דער פראקוראר האלט א רעדע פארן המון און רעדט וועגן חסד. דיזשאן פראטעסטירט — מען האט נאר-וואס געהאט צוגעזאגט אמנעסטיע. דער פראקוראר רייסט איבער דעם וויכוח דורך לאזן פויקן, חזרט איבער פארן פראנטאן פונם שטאטראט זיין „געזעצלעכע" פאדערונג זיך פונאנדערצוגיין און פאדערט אויף ארויסצוגעבן די ערבות-לייט, וואס ווערן אים איבערגעגעבן דורך זעלנער-איבערלויפער.

די אלע אונטערהאנדלונגען האבן שרעקלעך דעמאראליזירט די פארטיידיקונג. דער שטאטראט האט ניט געקענט זיך אנטקעגנשטעלן דעם באמבארדירן, וואס וואלט געמאכט חרוב די גאנצע שטאט. דיזשאן האט זי געהייסן אפרייניקן און זיך אפגעשלאסן איינער אליין אינם מערם קאבינעט מיטן באשלוס ביליק דאס לעבן זיינם ניט אפצוגעבן. דער המון האט אים מיט כוח אוועקגעשלעפט, ניט געקוקט אויף זיין ווידערשטאנד. דער שטאטראט איז געווען לחלוטין פוסט, בעת די טירקאסן זיינען אהינגעקומען. זיי האבן אויסגענישטערט אלע ווינקעלעך; א סך האבן געזען, ווי די אפיצירן האבן זיך באצירט מיט געגנבעטע זאכן.

ניט געקוקט אויף די פארמעלע הבטחות פון אמנעסטיע, האט מען ארויסגעגעבן א גרויסע צאל באפעלן וועגן ארעסטן. דיזשאן האט זיך אפגעזאגט צו לויפן און האט פארנעלייגט דעם גענרעאל־פראקוראר אים צו ארעסטירן.

דער אומגליקלעכער 4טער אפריל האט געגעבן א שטראל פון האפענונג דיזשאנען. די רעוואלוציאנערע הויפטשטאט פונם צענטער האט ניט געקענט קומען צו הילף פאריז אן כלי־זיין. דעם 23טן מערץ האט די פאלקס־געזעלשאפט, וואס איז געשטאנען בראש פון די פאראייניקטע מעשים פון די דעמאקראטן, געשטימט פאר אויסדריקן דאנקבארקייט פאריז פאר זיין אויפפי־רונג דעם 18טן מערץ. בעת מען האט פון ווערסאל ארויסגערופן די פרייוויליקע, האט די געזעלשאפט באפוילן דעם מוניציפאל־ראט צו שטערן דער זאך, אלס סיבה צו א בירגער־מלחמה. אינ־גיכן נאך דעם פראקלאמירן די קאמונע אין פאריז האבן די ארבעטער־געזעלשאפטן געשיקט אהין א דעלעגאט, כדי צו באקענען אים מיט די פרינציפן פון דער קאמונע, מיט איר פראגראם און צו פאדערן פון פאריז א קאמיסאר. די אויספיר־קאמיסיע האט געענטפערט, אז ביים איצטיקן מאמענט איז עס אוממעגלעך, — שפעטער אבער וועט מען זען. די פאלקס־געזעלשאפט , וואס האט געהאט אליין איבער זיך די דעה, האט געצוואונגען דעם מוניציפאל־ראט צו מאכן א אינספעקציע איבער דער נאציאנאלער גווארדיע, א זיכערע, אז דאס וועט דערפירן צו א מאניפעסטאציע קעגן ווערסאל. דער ראט, וואס איז, אחוץ קליינע אויסנאמען, באשטאנען פון וואקלדיקע לייט, האט געהאלטן אין איין אפ־לייגן, האט אלץ געצויגן דעם ענין, ביז עס איז ניט אנגעקומען א דעפעשע פון ווערסאל מיט דער ידיעה וועגן דער מפלה פונם 3טן אפריל. דעם 4טן איז אויסגעבראכן א פארביטערונג צווישן די מולער־ארבעטער. אין ווערסאל האט געזאלט געשיקט ווערן אן אפטיילונג פון 500 זעלנער. א המון ארבעטער באגלייט די זעלנער, האלט פאר זיי רעדעס, ווירקט אויף זיי זיך צו פאר־אייניקן מיטן פאלק. ארומגערינגלטע דורכן פאלק, פאראייניקן זיך די זעלנער מיט זיי, גיבן אפ זייער געווער, וואס א טייל דערפון

האט מען באהאלטן אין דער פאלקס=געזעלשאפט. דאס פאלק רינגלט ארום דעם קיראסירן=פאלקאווניק בילע, וואס פארט אום אין דער באגלייטונג פון שלוחים איבער דער שטאט, און מען צווינגט אים צו שרייען: „זאל לעבן די רעפובליק!‟ פינף א זייגער שטעלט זיך אוים די נאציאנאלע גווארדיע אין פולער אמוניציע אויפן פלאץ פון דער מעריע. די אפיצירן האלטן אפ א זיצונג אינם שטאטראט; איינער פון די ראטמענער לייגט פאר צו פרא= קלאמירן א קאמונע. דער מער איז קעגן; פון אלע זייטן לאזן זיך הערן געשרייען און קאפיטאן קוסאק נעמט זיך אונטער צו גיין אויפן וואקזאל אפשטעלן די צוגן מיטן מיליטער. אנדערע אפיצירן ווידער באראטן זיך מיט זייערע פאלקן. יענע ענטפערן אויף אלץ מיט איין געשריי: „זאל לעבן פאריז! נידער מיט ווערסאל!‟ די באטאליאנען זיינען אויפגעבראכט, זיי דעפילירן פאר דעם שטאט= ראט אונטער דער אנפירונג פון צוויי מוניציפאל=ראטמענער, און פאדערן פונם גענעראל צו באפרייען די זעלנער, וואס זיינען ארעסטירט געווארן בייטאג. דער גענעראל הייסט זיי אפלאזן און גיט בשתיקה צו ווּיסן בילען, אז ער זאל מאכן הכנות קעגן דער מרידה. די נאצי= אנאלע גווארדייער ווערן געשיקט פונם טורמי=פלאץ צו דער פרע= פעקטור, צו פארנעמען זי, קעגן דעם ווידערשטאנד פון די קאנסער= וואטארן, און בויען אוים עטלעכע באריקאדן. בעת די זעלנער גייען פארביי די טורמע=גאס, בעטן זיך א סך בירגער ביי די אפיצירן נית אנצוהייבן קיין בירגער=מלחמה. זיי וואקלען זיך און גייען אוועק; דערווייל קומט פאלקאווניק בילע אן בראש פון א פופציק קיראסירן אויפן פלאץ פון הייליקן ניקאלאי און הייסט די זעלנער ארויסציען די שווערדן פון די שיידן. זיי הייבן אן שיסן פון רעוואלווערן; די גווארדייער ענטפערן; דער פאלקאווניק איז שטערבלעך פארוואונדעט. זיין פערד דרייט זיך אוים און ברענגט דעם רייטער צו פירן אויפן פלאץ פון הייליקן פעטער, — און די גאנצע אפטיילונג גייט נאך אים. די נאציאנאלע גוואר= דייער בלייבן די באלעבאטים אויפן שלאכט=פעלד. צוליב דער שלעכטער ארגאניזאציע זיינען זיי זיך אבער ביינאכט צעגאנגען און פארלאזן די פרעפעקטור. צומארגנס איז דער פאלק, וואס

האָט פאַרנומען דעם וואַקזאַל, אויך אַוועק, אַ פאַרלאָזענער פון אַלע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. אַ סך האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן.

די מרידות אין די שטעט זיינען אַזוי אַרום איינס נאָך דאָס אַנדערע אויסגעגאַנגען, פּונקט ווי די זייטיקע קראַטערעס פון אַ וואולקאַן, וואָס לעשט זיך אויס. אומעטום אין דער פּראָווינץ האָבן די רעוואָלוציאָנערן זיך אַרויסגעוויזן אומאָרגאַניזירט און אומפעיִק צו האַלטן די מאַכט אין זייערע הענט. אומעטום — זיגער ביי די ערשטע צוזאַמענשטויסן — האָבן די אַרבעטער קיין אַנדער זאַך ניט געקענט, ווי שרייען: „זאָל לעבן פּאַריז!" דערפאַר האָבן זיי לכל־הפּחות דערוויזן, אַז אַכציק יאָר בורזשואַזע הערשאַפט זיינען ניט בכוח געווען צו דערשטיקן זייער לעבן, נשמה, שטאָלץ און זיינען ניט מסוגל געווען צו פאַרוואַנדלען דאָס פאָלק אין אַ כאָפּטע בעטלער.

פערצנטער קאַפּיטל

די גרויסע רעזערוון פון דער קאָמונע. — די שוואַכע זייטן פון איר ראַט. — דער צענטראַל־קאָמיטעט. — דער דעקרעט וועגן ערבות־לייט. — דער באַנק.

נאָך זיבעציק טעג וואַפנשטילשטאַנד הייבט פּאַריז אַליין נאָכאַמאָל אָן זיין קאַמף פאַר פראַנקרייך. עס קעמפט שוין ניט בלויז פאַר טעריטאָריע, נאָר פאַר די לעבנס־יסודות פון דער נאַציע. אויב עס וועט מנצח זיין, וועט דער זיג ניט זיין קיין אומזיסטער, ווי דער נצחון אויף די שלאַכט־פעלדער; דאָס באַנייטע פאָלק וועט לייגן אַ יסוד אונטערן בנין פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויב עס וועט באַזיגט ווערן, וועט די פרייהייט גיין לאיבוד; די בורזשואַזיע פאַרזעט די בייטש, וואָס זי האַלט אין דער האַנט, מיט אייזערנע העקעלעך, — און אַ גאַנצער דור וועט אומקומען. דאָס איידעלע, ברידערלעך־געשטימטע פּאַריז וועט קיין ציטער ניט טאָן אין דעם קאַמף צווישן די פראַנצויזן. די אידעע באַשיצט די באַטאַליאָנען מיט אירעברייטע פליגל. זיי גייען מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיט פינקלדיקע אויגן, מיט אַ שטאָלצן אויסדרוק אויף די ליפּן. אויב די בורזשואַזיע זאָגט זיך אָפּ צו גיין זיך שלאָגן און טענהט: „איך בין אַ פאַמיליע־מענטש", — ענטפערט דער אַרבעטער: „איך שלאָג זיך פאַר מיינע קינדער".

דאָס דריטע מאָל נאָכן 18טן מערץ אָטעמט קוים די שטאָט. די אָפיציעלע ידיעות, די געדונגענע זשורנאַליסטן, וואָס זיינען איינגעאָרדנט אין ווערסאַל, האָבן באַשריבן פּאַריז, ווי אַ כאַפּטע פאַרברעכערס פון אייראָפּע; לויט זיי נאָך האָבן ערלעכע פרויען ניט געוואַגט מער אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין, אַגדערטהאַלבן מיליאָן איינוואוינער, וואָס זיינען געווען אונטערדריקט דורך צוואַנציק טויזנט רויבער, האָבן הייס תפילה געטאָן פאַר ווערסאַל.

אַ רייזנדער, וואָס באַזוכט פּאַריז, געפינט רויִקע גאַסן און בולוואַרן, וואָט לעבן ווי געוויינטלעך. די דאָזיקע רויִבער האָבן אַ תּל געמאַכט בלויז פון דער גיליאָטינע, וואָס איז פייערלעך פאַרבּרענט געוואָרן פאַרן בנין פון דער מעריע פונם 11טן קרייז. אין אַלע קוואַרטאַלן הערט זיך כּסדר איין און דאָס זעלבע געמורמל, איין און די זעלבע קללות און חרמות אויף די מערדער פון די אַרעסטירטע, אויף די געמיינע סצענעס פון ווערסאַל. און אויב עמעץ איז געקומען, פאַראויס אָן אויפגעבראַכטער אויף פּאַריז, האָט ער נאָכן דערזען די רו, די פּאַראייניקונג פון הערצער, די פאַרוואונדעטע, וואָס שרייען: „זאָל לעבן די קאָמונע!", די דאָזיקע באַגייסטערטע באַטאַליאָנען, דאָרט — מאָן־וואַלעריאָן, וואָס וואַרפט אַרויס פון זיך טויט, דאָ — מענטשן, וואָס לעבן ברידערלעך, — אַפילו אַזאַ מענטש מיט אַ פאַראויס באַשטימטער מיינונג האָט נאָכדעם געפילט, אַז די אויגן זיינע זיינען פייכט, אַז אַ ציטער גייט אים דורך זיין לייב, און פלעגט אין עטלעכע שעה אַרום קראַנק ווערן אויף דער פּאַריזער מחלה.

דאָס איז געווען אַ פיבער פון גלויבן, זעלבסטאָפּפער און דער עיקר — פון האָפענונג.

וואָסער אויפשטאַנד איז ווען עס איז געווען אַזוי גוט באַוואָפנט?

עס האָט זיך שוין ניט געהאַנדלט, ווי אין יוני פון 48טן יאָר, אין פאַרצווייפלטע לייט, וואָס זיינען באַהאַלטן הינטער קופּעס קיזלשטיינער, וואָס זיינען געצוואונגען אָנצולאָדן זייערע ביקסן מיט קײַלעכלעך בליי און שטיינער. די קאָמונע פונם 71טן יאָר איז געווען גאָר אַנדערש באַוואָפנט, ווי די קאָמונע פון 1793. זי האָט פאַרמאָגט העכער זעכציק טויזנט מאַן, וואָס זיינען געווען מילי־טעריש אויסגעבילדעט, הונדערטער טויזנטער ביקסן, צוועלף הונדערט האַרמאַטן, פינף פעסטונגען, איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פּלאַץ אין מאָנמאַרטרער, בעלווילער, פּאַנטעאָנער הייכן, איז פאַרזען געווען מיט רעזערוון אויף יאָרנלאַנג, מיט מיליאַרדן, ווען זי זאָל וועלן. וואָס־זשע דאַרף זי האָבן צום נצחון? אַ ביסל רעוואָלוציאָנערן אינסטינקט. ס'איז ניט געווען קיין איין מענטש

אין שטאָטראַט, וואָס זאָל זיך ניט רימען, אַז ער באַזיצט אים. דעם 4טן, בעת דער נאַכט־זיצונג, פאָדערט דער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז געוואָרן דרייסטער אַדאַנק דער מפּלה, מען זאָל אים איבערגעבן די אינטענדאַנטור און רעכט צו רעאָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. די קאָמונע דריקט אויס באַדויערן צוליב זיין פאַרעקשנטן באַשלוס צו בלייבן ביי דער מאַכט און אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי מסכּים און גיט איבער די אינטענדאַנטור. נאָכמער, — בערזשערע גייט אַריין, און מען בעט אים, ער זאָל גענוי באַשרייבן דעם מצב פון די מיליטערישע כּוחות. ער דערציילט קאַלט אַלצדינג, שרייבט צו די שולד פון דער מפּלה אויפן חשבון פון „באַדויערוועדטיקע פאַרשפּעטיקונגען" און „גייט אַוועק ביי אַפּלאָדיסמענטן פון אַלע פאַרזאַמלטע". אין אַזאַ־אַזעלכע מינים אויסדרוקן איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָטאָקאָל, וואָס איז עד־היום ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן, פּונקט ווי די פּראָטאָקאָלן פון די ערשטע זעכצן זיצונגען. *

די קאָמונע, ניט בלויז זי טאַדלט ניט די שולדיקע אין דעם אויספאַל, נאָר „זי גיט זיי די פולע פרייהייט צו פירן מיליטערישע אָפּעראַציעס, ווייט פון באַליידיקן זיי, ווי פון אָפּשוואַכן זייער אויטאָריטעט". דאָך איז זייער זיכערקייט, זייער אומפעיִקייט געווען ממש פאַר זיי אַן אומגליק. די קאָמונע האָט אָן שום ספק פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געטראָגן די אחריות און כּדי צו זיין יושרדיק, האָט זי געמוזט באַשולדיקן אויך זיך.

זי האָט גערעכנט, אַז אַלץ וועט ווערן אין אָרדענונג תּיכּף, ווי קליוזערע וועט באַשטימט ווערן אַלס דעלעגאַט אין דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג. פונם 17טן מערץ אָן האָט ער אָנגעטאָן צרות דעם צענטראַל־קאָמיטעט, פאָדערנדיק די גענעראַליטעט און פאַרלייגנדיק קאַמפּס־פּלענער מיט די מערן. בעת מען האָט אים

---

* די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלן פון דער קאָמונע זיינען נצול געוואָרן פונם שטאָטראַט דינסטאָג, דעם 23טן מאַי, דורך דעם סעקרעטאַר אַמורוס אַ פּריינט, וואָס איז מיט אַ טאָג פריער אַרעסטירט געוואָרן. דער מחבר האָט זיי דאָ ניט לאַנג געפונען אינם מוזיי פון קאַרנאַוואַלע. אַדאַנק זיי איז ער בכּוח אַ סך צו קאָנטראָלירן און פאַרפילן די בלויזן.

געוויזן דעם וועג, האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו דער אויספיר־קאָמיסיע, וואָס האָט, ניט געקוקט אויף לעפּעראַנסע, אים צוגערעכנט צו די גענעראַלן דעם 2טן אַפּריל אינאָוונט. פּונקט אין דער צייט האָט זיך דערהערט א פּויקעריי, וואָס האָט גערופן צו א בייז־באַשערטן אויספאַל. קליוזערע האָט זיך געזעגן מיט די גענעראַלן, געצוואונגען זיי איינרייסן און צומאָרגנס געמאָלדן וועגן זייער יינגלשאַפט. דעם מחבר פון מיליטערישע בראָשורן, וואָס האָט קיין שום פאַרדינסטן ניט געהאַט אחוץ אַן אויסצייכענונג, וואָס ער האָט באַקומען אויף די יוני־באַריקאַדעס (אינם קאַמף מיט די סאָציאַליסטן אין 48טן יאָר), — האָבן די סאָציאַליסטן פון 71טן יאָר אָנגעטרויט די פאַרטיידיקונג פון דער רעוואָלוציע. פּונקט ווי טראָשו איז ער געקומען מיט זיין פּלאַן, — און פּונקט ווי יענער האָט צוגעזאָגט די ליאָנער, האָט ער מבטיח געווען די קאָמונע, אַז ער וועט צונויפזאַמלען אין משך פון צוואַנציק־פינף און צוואַנציק טעג אַן אַרמיי, וואָס איז מסוגל איבערצוגיין צו אָנגריף. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז ניט אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אויסוואַל. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אויף די אַנטרעפּאָ הינטער דער צאָל־קאַמער און דעם 3טן האָט ער געענטפערט אויף דעם ווערסאַלער אָנפאַל מיט אַט־אָ־דער פּראָקלאַמאַציע: „אַרבעטער, האָט איצט ניט קיין טעות, דאָס איז א גרויסער קאַמף. עס קעמפן דער פּאַראַזיטיזם מיט אַרבעט, עקספּלאָאַטאַציע מיט פּראָדוקציע. אויב אייך איז נמאס געוואָרן צו לעבן אין צרות און אומוויסנקייט און פאַרגליווערט צו ווערן אין דלות; אויב איר ווילט, אַז אייערע קינדער זאָלן זיין לייט, וואָס האָבן א נוצן פון זייער אַרבעט, און ניט עפּעס חיות, וואָס זיינען דרעסירט פאַר דעם וואַרשטאַט און שלאַכט; אויב איר ווילט ניט, אַז אייערע טעכטער, וואָס איר זייט ניט בכוח צו דערציען און פירן, ווי אייער האַרץ געלוסט, זאָלן זיין א קעגנשטאַנד פון תאווה אין די אָרעמס פון דער געלט־אַריסטאָקראַטיע, — אויב איר שטרעבט לסוף צום קיניגרייך פון יושר, — באַנעמט־זשע, אַרבעטער, די באַדייטונג פון דעם מאָמענט — און שטייט אויף!" דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט קלאָר און בולט אַרויסגעזאָגט אין א צווייטער מעלדונג, אַז ער שטרעבט לגמרי ניט צו קיין פּאָליטישער מאַכט;

די מאכט אבער גייט בטבע שוין אריבער בעת א רעוואלוציע צו דעם, ווער עס באשטעטיקט זי. דער שטאטראט איז נאך ניט מסוגל געווען זיך אפצוגעבן א דין=וחשבון וועגן דער באדייטונג פון דער קאמונע און איר פאליטישער באגאזש איז באשטאנען פון צוויי דעקרעטן, וואס זיינען געווארפן געווארן אויפן ווינט. דער צענטראל=קאמיטעט, להיפוך, האט ניט אויפגעהערט זייער קלאר אנצווייזן אויפן כאראקטער פון דעם קאמף, וואס איז געווארן א סאציאלער און האט, אנטפלעקנדיק די פאליטישע באפוצונגען, באצייכנט דאס פאליטישע פראבלעם, וואס איז הינטער דעם דאזיקן צוזאמענשטויס ארום די שטאט=פרייהייטן געווען פארבארגן.

די קאמונע האט געקענט אויסנוצן די לעקציע, ברענגען אלס עדות דעם מאניפעסט און פשוט הייסן דעם קאמיטעט זיך פונאנדערגיין, אויפן סמך פון זיינע הבטחות, געבנדיק די מיט=גלידער פארשיידענע אמטן. די קאמונע האט זיך אבער באנוגנט מיט חרמות קעגן קאמיטעט.

דאך, אויב זי האט זיך געהאלטן פאר שטארק, האט זי גראד איצט קיין טעות ניט געהאט. די ווערסאלער ווילדקייט, דאס דערהרגענען די געפאנגענע — פלוראנס און דיוואל — האט אויפגעבראכט אפילו די רויִקסטע לייט. ערשט דריי טעג, ווי זיי זיינען דא געווען, פול מיט לעבן, די דאזיקע מוטיקע חברים, וואס זיינען גלייבצייטיק געווען אויך פריינט און ברידער. זייערע פאר=לאזענע ערטער האבן ממש גערופן נקמה צו נעמען. מילא, זאלן די ווערסאלער לייט פירן די דאזיקע ווילדע מלחמה; זיי וועלן ענטפערן מיט עין תחת עין, שן תחת שן.

איבעריקנס, אויב די קאמונע, — האט מען דעמאלט געזאגט, — האט גאר=ניט געטאן, וועט דאס פאלק נאך אויף א שרעקלעכערן אופן נקמה נעמען. דעם 4טן האט וואליאן געפאדערט, אז מען זאל אלס ענטפער אויף די ווערסאלער לייטס רציחה זיך דער=מאנען אן די ערבות=לייט, וואס די קאמונע האט אין איר רשות, און געבן א קלאפ פאר א קלאפ. דעם 5טן האט דעלעקליוז פאר=געשטעלט א פראיעקט, און אלע האבן פה=אחד באשלאסן, א

יעדער איינער, וואָס בנוגע אים איז פאַרהאַן אַ חשד פון אָנטייל נעמען אין די ענינים פון ווערסאַל, — וועט אין משך פון אכט און־פערציק שעה איבערגעגעבן ווערן צום געריכט. באַם מען וועט אים אָנערקענען פאַר שולדיק, וועט ער פאַרהאַלטן ווערן אַלס ערבות־מאַן. די עקזעקוציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין ווערסאַל איבער די באַשיצער פון דער קאָמונע, מוז פאַרענטפערט ווערן דורך אַ דרייפאַך טייטן די ערבות־לייט, ווי ער ווערט געזאָגט אין דעקרעט, אָדער אין דער זעלבער צי טאָפּלטער צאָל — ווי עס ווערט געזאָגט אין דער פּראָקלאַמאַציע.

די דאָזיקע גירסאַס זיינען דער בעסטער סימן, ווי ווייט די אויפרעגונג האָט דערגרייכט. די בורזשואזע צייטונגען האָבן געמאַכט קולות וועגן געמיינהייט, און הער טיער, וואָס האָט אָן שום דין און משפט געשאָסן, האָט אָנגערופן דער קאָמונעס אויפפירונג — באַרבאַריש. די אַלע לייט האָבן סוף־כל־סוף בשתיקה געמאַכט הוכא־וטלולא פונם גאַנצן עסק. די רעאַקציאָנערן פון וויכטיקערן שניט האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט באַהאַלטן. אין פּאַריז איז פאַר־בליבן בלויז דאָס פּלאַטש און עטלעכע פאַרשפּעטיקטע, וואָס ווערסאַל וואָלט זיי אין ערגסטן פאַל לייכט מקריב געווען. „ערבות־לייט! ערבות־לייט! אַליז ערגער איז פאַר זיי!" — האָט געזאָגט דער גוטער באַרטעלעמי סענט־אילער, בעת מען האָט אים אויפ־מערקזאַם געמאַכט, אַז מען קען זיי נאָך אין די תפיסות טייטן. די קאָמונע האָט אין איר בלינדן באַסט ניט געזען די אמתע ערבות־לייט, וואָס זיינען איר געשטאַנען פאַר די אויגן: די באַנק, די רעגיסטראַטאָרישע עקספּעדיציע, דאָס מלוכה־פאַרמעגן, די פאַרזיכערונגס־קאַסע. דאַ האָט מען געקענט פאַרכאַפּן די וואָרצלען, וואָס האָבן געשפּייזט ווערסאַל, מען האָט געקענט לאַכן פון זיין געניטשאַפט און פון זיינע האַרמאַטן. די קאָמונע האָט געקענט ניט שטעלן אין סכנה קיין איין מענטש, און זאָגן אים בלויז די ווערטער: „גיב זיך אונטער אָדער קום אום!"

די אויסגעווײלטע פונם 26טן מערץ זיינען ניט געווען פון אַט־אָ־די מענטשן, וואָס זאָלן דאָס וואַגן. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, בעת ער האָט געלאָזט די ווער־

סאַלע אַרמיי זאָל אַוועק; די קאָמונע האָט געמאַכט הונדערט מאָל אַ גרעסערן פעלער. אַלע ערנסטע אויפשטאַנדן האָבן זיך אָנגעהויבן פון אָפּשניידן דעם נערוו פונם שונא — די קאַסע. בלויז די קאָמונע האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. זי האָט מבטל געמאַכט דעם ביודזשעט אויף רעליגיעזע באַדערפענישן, וואָס איז געווען אָפּהענגיק פון ווערסאַל, און האָט ממש מיט יראת-הכבוד זיך אָפּגעשטעלט און געציטערט פאַר דער קאַסע פון דער העכערער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך געפונען ביי איר אונטער די הענט.

די סצענע וואָלט געווען אַ העכסט קאָמישע, ווען מען זאָל קענען לאַכן פון דער נאַכלעסיקייט, וואָס האָט גורם געווען אַזוי פיל פאַרגאָסן בלוט. פונם 19טן מערץ אָן האָט די באַנק יעדן פרימאָרגן געוואַרט אויף אָפּשרייבן איר די קאַסע. כדי זי צו ברענגען אין ווערסאַל, האָט מען באַדאַרפט אַ טראַכט טאָן ניט ווייניקער, ווי וועגן הונדערט פורן און וועגן אַ מיליטער-אָפּטיילונג. דעם 23טן האָט דער פאַרוואַלטער פונם באַנק רולאַן פאַרלאָזט זיין אַמט און איז נעלם געוואָרן. אים האָט פאַרביטן זיין געהילף דע-פּלעק. פון דער ערשטער זעונג מיט די דעלעגאַטן פון שטאָטראַט האָט דער לעצטער באַמערקט זיין וואַקלדיקייט, ער האָט זיך מתווכח געווען, באַקומען אַ הכנעהדיק אויסזען, האָט אַרויסגעשלעפּט געלט איין עקיו נאָכן אַנדערן. די קאָמישע זייט פון דעם אַלעם באַשטייט אין זיין פּראָצעסירן זיך מיט פּאַריז וועגן געלט, וואָס האָט געהערט צו פּאַריז גופא און איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין באַנק אין סכום פון ניין מיליאָן פיר הונדערטמאָל טויזנט.

ער האָט אַזוי אַרום מאַנעווורירט ביזן 28טן מערץ. די באַנק האָט פאַרכאַפּט: 77 מיליאָן אין מעטאַל, 166 מיליאָן באַנקנאָטן *, מלוכה-פּאַפּירן אויף 899 מיליאָן, גאַראַנטירטע קאָסטבאַרע חפצים אויף 120 מיליאָן, אין שמעלץ 11 מיליאָן, טייערע שטיינער

* בעלע זאָגט און זיין בוך „מיינע זכרונות", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1873: „מזומנים איז געווען עטלעכע און פערציק מיליאָן". ער האָט אָן שום ספק געמיינט בלויז מעטאַלענע מטבעות, וואָס מען האָט אים באַוויזן. דע-פּלעק זאָגט אין זיין גבית-עדות, אַז „צוויי הונדערט און דריי מיליאָן". — די אַנקעטע פון 18טן מערץ. — (עררא).

אויף 7 מיליאָן, אריינגעטראָגענע צו באהאלטן 900 מיליאָן, — בסך־הכל צוויי מיליארד 180 מליאָן. אכט הונדערט מיליאָן באַנקער־צעטלען האָבן געוואַרט בלויז אויף דער חתימה פונם קאַסיר, וואָס איז זייער לייבט געווען צו באַקומען. די קאָמונע האָט אַזוי אַרום געהאַט אַן ערך דריי מיליארד אונטער דער האַנט, דערביי כמעט אַ גאַנצן מיליארד אין מזומנים, פאַר וועלכע מען האָט געקענט קויפן טויזנט מאָל אַלע גאַליפעס מיט די העכערע באַאַמטע פון ווערסאַל. אלס ערבות־לייט זיינען געווען ניינציק טויזנט באַלעבאַטים פון די אַריינגעטראָגענע געלטער און צוויי מיליארד אין פאַרקער, וואָס זייער גאַראַנטיע האָט זיך געפונען אויף דער ווריליער־גאַס.

דעם 30טן מערץ איז בעלע געקומען אין דעם דאָזיקן קדשי־קדשים אלס דעלעגאַט פון דער קאָמונע. ער האָט בדעה געהאַט נאָך זיין אַריינפיר־רעדע אַוועק, מחמת ער האָט זיך געהאַלטן שוין פאַר צו אַלט, כּדי צו דינען אין אַזאַ קאַמף, און איז בלויז צוליב די שטאַרקע בקשות פון זיינע חברים פאַרבליבן. דע־פּלעק האָט אים באַגעגנט מיט פאַראַד דורך צונויפזאַמלען זיינע פירהונדערט־און־דרייסיק באַאַמטע, וואָס זיינען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן און קוילן.

בעלע, וואָס האָט אים גוט געקענט, האָט אים געבעטן אַרויסגעבן געלט אויף שכירות.

דע־פּלעק האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן זעלבסטשוץ. „ווען די קאָמונע, — האָט בעלע געזאָגט, — זאָל סוף־כּל־סוף, כּדי אויסצומיידן בלוטפאַרגיסונג, אַליין באַשטימען אַ באַנק־פּאַרוואַלטער".

„אַ פּאַרוואַלטער! קיינמאָל ניט, — האָט געענטפערט דע־פּלעק, — אַ דעלעגאַט יאָ; ווען דער דעלעגאַט זאָל זיין איר, וואָלטן מיר זיך געקענט צונויפריידן".

ער איז אַריינגעפאַלן אין פאַטאָס און אויסגעשריען: „העלפט מיר אין דעם דאָזיקן רעטונגס־ענין, הער בעלע! — דאָס איז דער אוצר פון אייער פאָטערלאַנד, דאָס איז פראַנקרייכס פאַרמעגן!"

בעלע איז זייער אַ ווייכער געקומען אינאַוונט אין דער קאָמונע און איבערגעחזרט זיינע אַרגומענטן — גאַר אַנטשלאָסן,

מחמת ער האט זיך א ביסל געריכט מיט זיין בקיאות אין די פינאנץ=ענינים. „די באנק פון פראנקרייך איז דעם לאנדס פארמעגן; אן איר איז ניטא קיין אינדוסטריע, ס'איז ניטא קיין מסחר; אויב איר וועט זי פארכאפן מיט כוח, וועלן אלע פאפירן פארלירן זייער ווערט.

די דאזיקע שטותים האבן געפונען מיטגעפיל אינם שטאטראט. די פרודאניסטן פונם ראט האבן לחלוטין פארגעסן אן זייער לערערס שיטה, אז דאס מבטל מאכן די באנק גייט פאר דער גאנצער רעוואלוציאנערער פראגראם און האבן געשטיצט דעם זקן בעלע. די קאפיטאליסטישע פעסטונג האט אפילו אין ווערסאל קיין גרעסערע פארטיידיקער ניט געהאט. ווען מען זאל נאך געוועז זאגן: „לאמיר, לכל=הפחות, פארנעמען די באנק, אז ווערסאל זאל פון איר ניט ציען זיין יניקה". די קאמונע האט אבער אויף אזוי פיל אפילו קיין מוט ניט געהאט, זי האט זיך באנוגנט דערמיט, וואס זי האט געגעבן בעלען אויפטראגן. דע=פלעק האט אים אויפגענומען מיט אויסגעשפרייטע ארעמס, האט אים איינגעארדנט אין דעם נאענטסטן קאבינעט, האט אים אפילו געלאזט נעכטיקן אין באנק, און פון דעמאלט אן איז ער געווארן אויפגעלעבט.

פון דער ערשטער וואך אן האט די קאמונע זיך ארויסגעוויזן פאר צו שוואך בנוגע די שולדיקע אינם אויספאל, — דעם צענטראל=קאמיטעט, דער באנק, — לייכטזיניק אין אירע דעקרעטן, אינם אויסוואל פון איר דעלעגאט פון דער מיליטערישער פארוואלטונג, וואס האט קיין שום פלאן ניט געהאט און אומפעיק זיך פונאנדערצוקלייבן אין שווערע פראגן פון דעם מאמענט.

די פארביסענע, וואס זיינען פארבליבן נאך דער פליטה פון די ליבעראלן, האבן פארשטאנען, וואוהין מען גייט. היות זיי האבן קיין מארטירער ניט געוואלט זיין, זיינען זיי ארוים אין דעמיסיע.

פופצנטער קאַפּיטל

די ערשטע קאַמפּן בײַ נעילי און ד'אַניער. — די אָרגאַניזאַציע און די מפּלה פון די פּשרה־לײַט.

די פּליטה פון 3טן האָט אַרײַנגעבראַכט אין מרה־שחורה די פּחדנים און באַגײַסטערט די הײסע הערצער. די באַטאַליאָנען, וואָס זײַנען ביז איצט געווען אומטעטיק, האָבן זיך אַ הײב געטאָן פון זײערע ערטער. מען האָט אויך געאײַלט מיט דעם באַוואָפענען די פעסטונגען.

די פאָרטיפיקאַציעס פון איסי און וואַנוו זײַנען געווען שטאַרק צעשטערט, אַנדערע אָבער זײַנען געשטאַנען גאַנץ.

פאַריז האָט דערהערט די דאָזיקע גלאַנצנדע זיבן־פונטיקע האַרמאַטן, וואָס טראָשו האָט אויף זײ קײן אַכט ניט געלײגט, מחמת ער האָט זײ ניט געוואָלט האָבן מער, ווי פערציק, — עס האָט דערהערט זײער אַנטשלאָסן שיסערײַ, וואָס איז געווען אַזוי צילמעסיק, אַז דעם 4טן אינאָוונט האָבן די ווערסאַלער לײַט פאַרלאָזן די שאַטיליאָנער הױכקײט.

די טראַנשײען, וואָס אונטער זײער שוץ האָבן זיך געפונען די פאָרטן, האָבן זיך באַוואָרנט מיט האַרמאַטן. מולינאַ, קלאַמאַר, וואַל־פלערי האָבן געשפּריצט מיט פײַער. רעכטס האָבן די פעדעראַליסטן ווידער פאַרנומען קורבוואַ, און די נעילי־בריק איז געווען באַריקאַדירט.

פון דאַנען האָבן זײ געדראָט ווערסאַל. ווינואַ האָט באַקומען אַ באַפעל צו נעמען נעילי.

דעם 6טן, אינדערפרי, האָט דער פאָרט מאָן־וואַלעריאַן, וואָס איז געווען אויפדאָסניי באַוואָפנט מיט 24־פונטיקע האַרמאַטן, אָנגעהויבן באַשיסן קורבוואַ. נאָך אַ זעקס שעהדיקער שיסערײַ־

האָבן די פּעדעראַליסטן אָפּגערוימט דאָס קיילעכדיקע פּלעצל און פאַרנומען אַ פּאָזיציע הינטער דער גרויסער באַריקאַדע פון דער נעילי־בריק. די ווערסאַלער לייט האָבן זי באַשאָסן; זי האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, געשיצט דורך דער אַרטילעריע פון די מאַליאָ־טויערן.

די דאָזיקע טויערן פון מאַליאָ, וואָס וועגן זיי האָט זיך שפּעטער אויסגעוועבט אַ גאַנצע לעגענדע, זיינען בלויז געשיצט געווען דורך עטלעכע האַרמאַטן, וועלכע האָבן געשאָסן אָן שום שויץ אונטער אַ האָגל פייער פון מאָן־וואַלעריאָן.

אין משך פון אַכט און פערציק טעג האָט די קאָמונע געפונען מענטשן, כּדי צו פאַרהאַלטן ביי זיך די אומזיכערע פּאָדערשטע באַפעסטיקונג. נייגעריקע זיינען געקומען קוקן אויף זיי און זיך באַהאַלטן דערביי הינטער דעם שטיינערנעם וואַל פון דעם טריומפאַל בויגן; גאַסן־יינגלעך האָבן זיך געשפּילט אין דער אַלעע פון דער גרויסער אַרמיי און פלעגן וואַרטן אויף יעדן אויפרייס, כּדי צו לויפן נאָך די שפּליטערס פון די גראַנאַטן.

די פּאַריזער אומדערשראָקנקייט האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן ביי די ערשטע צוזאַמענשטויסן. די בורזשואַזע צייטונגען האָבן אַליין באַדויערט, וואָס דער דאָזיקער מוט איז ניט געווענדט געוואָרן קעגן די פּרייסן. אַפילו בשעת דער בהלה פון 3טן האָט מען אָפּגעטאָן העלדישע מעשים.

די קאָמונע האָט גערופן דאָס פאָלק צו מאַכן זיינע פאַרטיידיקער אַ ווערדיקע לוויה. דעם 6טן האָט דער המון געשטראָמט צום שפּיטאָל באָזשאָן, וואו די טויטע קערפּערס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן מיט אַנטפּלעקטע פּנימער. די מוטערס, ווייבער זיינען צוגעפאַלן צו די קערפּערס מיט מוראדיקע יללות פון כּעס און האָבן געשוואָרן נקמה. דריי אָרונס, וואָס אין יעדער איינעם איז געווען צו פינף און דרייסיק מיטות, וועלכע זיינען געווען באַפּוצט מיט שוואַרצן קרעפּ, באַצירט מיט רויטע פענער און זיינען געפירט געוואָרן דורך פיר פּאָר פערד, האָבן פּאַמעלעך זיך גערירט

צו די גרויסע בולווארן צו. פאראויס זיינען געגאנגען די טרומיי־טערער און „די נקמה־נעמער פון פאריז".

דעלעקליוז מיט פינף מיטגלידער פון דער קאמונע זיינען געגאנגען מיט אפגעדעקטע קעפ און רויטע בענדער בראש פון דער לוויה. הינטער זיי זיינען געגאנגען די קרובים פון די קרבנות, די אלמנות פון דעם היינטיקן טאג, וועלכע עס האבן געהאלטן אונטער די הענט די אלמנות פון מארגן. טויזנטער מלווים, מיט אימארטעלן אין די קלאפעס, זיינען געגאנגען שווייגנדיק אונטער די פארטזיבטע קלאנגען פון די פויקן. צייטנווייז פלעגט זיך הערן א טויבע מוזיק, א ניט־ווילנדיקער אויסברוך פון א צו שטארק איינגעהאלטענעם צער. אויף די גרויסע בולווארן זיינען זיי געווען צוויי מאל הונדערט טויזנט און הונדערט טויזנט בלאסע פנימער האבן געקוקט פון די פענסטער ארויס.

פרויען האבן געכליפעט; א סך זיינען געפאלן חלשות. דער הייליקער וועג פון דער רעוואלוציע, וואס איז געווען דער שטראם־בעקן פון אזוי פיל אומגליקן און אזוי פיל יום־טובים, האט זעלטן־ווען געזען אזא אייניקונג פון די הערצער. דעלעקליוז האט אויס־געשריען: „סארא וואונדערלעך פאלק! שוין־זשע וועט מען נאך זאגן, אז מיר זיינען בלויז א הייפל מורדים!" אויף דעם בית־הקברות פער־לאשעז האט ער זיך דערנענטערט צו דעם אלגעמיינעם קבר. די אכזריותדיקע עינויים אין דער ווערסעלער תפיסה האבן געבראכן זיין שוואכן גוף. א גערינצלטער, איינגעבויגענער, שוויי‏גנ־דיקער, געשטיצט בלויז דורך זיין פעסטער אמונה, האט דער דאזיקער שטארבנדיקער מאן אפגעגעבן כבוד די פארשטארבענע. ער האט געזאגט: „איך וועל לאנג מיט אייך ניט פירן קיין שמועסן, זיי האבן אונז צו טייער געקאסט... יושר פאר דער גרויסער שטאט, וואס איז נאך פינף חדשים באלאגערונג פארראטן געווארן דורך איר רעגירונג און האלט נאך אין אירע הענט די צוקונפט פון דער מענטשהייט... יושר פאר די משפחות פון די דאזיקע קרבנות... מיר וועלן ניט באוויינען אונזערע ברידער, די אומגע־קומענע העלדן, — מיר וועלן אבער שווערן ווייטער צו פירן אונזער זאך און מציל זיין די פרייהייט, די קאמונע און די רעפובליק".

צומארגנס האבן די ווערסאלער לייט באמבארדירט די באריקאדע און די נעילי-אלעע. זיי האבן ניט געהאט קיין מענטשלעכקייט און זיך מתרה צו זיין די איינוואוינער, וואס האבן געמוזט זיך באהאלטן אין די קעלערס. ארום האלב פינף האט די שיסעריי פון די ווערסאלער זיך אפגעשטעלט און די פעדעראליסטן האבן געקענט א ביסל דעם אטעם כאפן, — פלוצלונג זיינען די זעלנער אין א גרויסער צאל ארוים אויף דער בריק. די פעדעראליסטן האבן געפרוווט זיי אפשטעלן, האבן דערהרגעט צוויי גענעראלן, וואס איינער פון זיי, בעסאן, איז בעתן סעדאנער צוג געווען דער חייב אין באמאן-ל'ארגאנס פלוצלונגדיקן אנפאל, און האבן פארוואונדעט א דריטן. די זעלנער, וואס זיינען לפי ערך געווען מער אין דער צאל, האבן באוויזן צוצוקומען ביזן אלטן פארק אין נעילי. דער פארלוסט פון דעם דאזיקן ארויספאל האט זיך געלאזט שטארק פילן, מחמת בערזשערע האט אין א בריוו, וואס איז אפגעדרוקט געווארן אין „אפיסיעל", ערוב געווען פאר נעילי. די אויספיר-קאמיסיע האט אים פארביטן מיט דאמבראווסקין, א פאליאק, וואס גאריבאלדי האט איינגעלאדן אין זיין וואגעזער ארמיי. בערזשערעס הויפט-שטאב האט פראטעסטירט און האט מיט זיינע געשרייען זיך דערשלאגן, אז דער קאמאנדיר זיינער זאל ארעסטירט ווערן, א לעכערלעך געווארענער צוליב זיין דעפעשע פון דעם 3טן. די נאציאנאלע גווארדיע האט ארויסגעוויזן א ביסל אומצוטרוי צו דאמבראווסקין און האט געשיקט א דעלעגאציע צו דער קאמונע. וואליאן, דעלעקליוז האבן פארטיידיקט דאמבראווסקין, וועלכן די אויספיר-קאמיסיע האט איצט געמוזט פארשטעלן פאר פאריז. א שלעכט אינפארמירטע, האט זי געשאפן וועגן אים א לעגענדע ווי וועגן א העלד; דאמבראווסקי האט אגב גאר אינגיכן זי בארעכטיקט.

דעם 7טן האבן די פעדעראליסטן פון נעילי דערזען א יונגנמאן פון נידעריקן וואוקס, אין א באשיידענעם אוניפארם, וואס האט אונטער קוילן באקוקט די פאדערשטע פאזיציעס. אנשטאט דער לעבעדיקער און גלענצנדער היציקייט פון די פראנצויזן, האט ער געהאט אין זיך קאלטע און עפעס ווערדיקע סלאווישע מוטי-

קייט. אין עטלעכע שעה האט דער הויפט־קאמאנדיר געוואונען די סימפאטיעס פון זיינע אונטערוואָרפענע. דער דאָזיקער אָפיציר האט אינגיכן געוויזן, וואס ער קען.

דעם 9טן ביינאכט האט דאָמבראָווסקי מיט צוויי מאַנמאַר־טרער באטאליאָנען, וואס זיינען באגלייט געווארן אויך דורך ווערמאָרעלן, אטאקירט די ווערסאַלער לייט אין אַניער, האט זיי פון דאָנען פארטריבן, האט פארכאפט זייערע הארמאטן און פון דער באן־ליניע, וואו ער האט מאנעווירט מיט בלינדירטע וואגאנען, באמבארדירט פונם פלאנג קורבוואוא און די בריק נעילי. זיין ברודער האט פארכאפט בעקאנם שלאס, וואס האט געהערשט אויפן וועג פון אַניער ביז קורבוואוא. ווען ווינוא האט געוואָלט צוריקנעמען די דאָזיקע פאזיציעס אין דער נאכט אויפן 12טן, זיינען די זעלנער אפגעשלאגן געווארן און געלאפן ביז קורבוואוא. פאריז האט ניט געוואוסט וועגן דעם ערפאלג, אויף אזוי ווייט איז דער גענעראל־שטאב געווען שלעכט ארגאניזירט. די דאָזיקע גלענצנדע אטאקע איז געווען אַ ענין פון איין מענטשן, פונקט ווי די פארטיידיקונג פון דער שטאט איז געווען אפהענגיק פון דעם גוטן ווילן פון דער נאציאָנאַלער גוואַרדיע. דאָ איז נאָך קיין פלאן ניט געווען. ווער עס האט געוואָלט זיך צייטווייליק אוועקגיין פון דער אָפעראַציע־ליניע — איז זיך געגאנגען; האט עמעץ געוואָלט באקומען האר־מאטן, הילף, איז ער געלאפן זוכן, וואו ער האט נאר געקענט, אויף דעם אָדער יענעם פלאץ אינם שטאטראט, אינם צענטראל־קאָמיטעט, ביים גענעראַליסימוס קליוזערע.

קליוזערע האט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט פון אַ פעלער, וואס ער האט גערופן צו דער דינסט בלויז בחורים פון 17 ביז 35 יאָר און אזוי ארום צוזאמענגעמישט ביי דער קאָמונע די ענערגישסטע מענטשן, מיט גראָע האר, די ערשטע און די לעצטע אינם פייער פון מרידה. שוין אין דריי טעג ארום האט מען געמוזט דעם באשלוס רעווידירן. דעם 5טן האט דער דאָזיקער סטראַטעגישער חכם אין זיין ראפּאָרט צו דער קאָמונע געמאָלדן, אז די אטאקע פון ווערסאל מאסקירט אַ באוועגונג, וואס איז געווענדט, כדי צו פארנעמען די באפעס־טיקונגען אויפן רעכטן ברעג, וואס האט זיך איצט געפונען ביי די

פרייסן אין די הענט. ער האט, פונקט ווי טראשו, געטאדלט דאס באמבארדירן פון די לעצטע טעג, וואס האט, לויט זיינע רייד, געמאכט א תל פון די רעזערוון; און דאס אלץ איז געשען דעמאלט, בעת פאריז האט געהאט א וועלט מיט פולווער און גראנאטן, יונג מיליטער, וואס די ארטילעריע האט געשטיצט און באגייסטערט, בעת די ווערסאלער לייט פון שאטיליאן, וועלכע אונזער פייער האט כסדר פארפאלגט, האבן נאכט ביי נאכט געמוזט אפטרעטן, ווען איין כסדרדיק באמבארדירן האט געקענט מציל זיין נעילי! ניט בעסער זיינען אויך געווען די פאראָרדענונגען פון דער קאמונע. זי האט ארויסגעגעבן א תקנה וועגן מיליטער־פליכט און וועגן אנט־וואפענען די אומגעהארכזאמע; דאך האט דער אויספיר, וואס איז געמאכט געווארן סתם אין דער וועלט אריין, אן פאליציי, ניט געקענט צוגעבן קיין איין מענטש, קיין הונדערט ביקסן אפילו. זי האט צוגעפסקנט די אלמנות פון די דערהרגעטע נאציאנאלע גוואר־דייער, אפילו אזעלכע, וואס האבן א צווייט מאל חתונה געהאט, לעבנסרענטע אין סכום פון 600 פראנק, און זייערע קרובים פון דער ארויפשטייגנדיקער ליניע פראפארציאנעלע געהאלטן פון 100 ביז 800 פראנק, זייערע קינדער 365 פראנק ביז 18 יאר און האט אדאפטירט די יתומים; וואונדערלעכע מיטלען, וואס מאכן לייכטער די הערצער פון די קעמפער, וועלכע שאפן אבער דערמיט די הנחה, אז פאריז האט שוין געזיגט. איז דען ניט בעסער געווען תיכף ארויסצוגעבן באלוינונג די אלע, וואס האבן רעכט דערויף, פונקט ווי דאס איז געטאן געווארן בנוגע דיוואלס און דאמ־בראָווסקים אלמנות? אין דער אמתן האבן די געניסער פון די רענטעס באקומען בלויז עטלעכע נישטיקע אויפגאבן.

די דאזיקע ניט גאנצע און ניט דורכגעטראכטע באשלוסן האבן עדות געזאגט וועגן ניט גענוגנדיקער פעיקייט צו מעשים. ווער עס האט באזוכט דעם שטאטראט, האט געקענט ווארטן אויף עפעס מערס. ווי זעלטן עס זיינען געווען די אויסגעוויילטע, וואס האבן משמעות פארשטאנען זייער גרויסע אחריות; פארא גרויסע צאל פון זיי איז לגמרי אויף די זיצונגען ניט געקומען. דעם 30טן מערץ, דעם 4טן, דעם 5טן אפריל איז די פארזאמלונג אין עטלעכע

שעה אַרום שוין געווען אינם גאַנצן באַשטאַנד; דעם 9טן האָט מען געמוזט באַשליסן, אַז די אַפּוועזנדיקע באַקומען ניט קיין געצאָלט. אַ סך קומען און האָבן קיין השגה ניט וועגן וואָס עס גייט און זיינען גרייט צו שטימען סתם אין דער וועלט אַריין.

דער שטאָטראַט איז אַ מין קלוב „קאָרדעריי", וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַרלאַמענט. די באַשלוסן, וואָס זיינען מיט אַ טאָג פריער אָנגענומען געוואָרן, ווערן פאַרגעסן. דעם 5טן אַפּריל באַשליסט מען, ניט געקוקט אויף דער החלטה פונם 29טן מערץ, אַז אַ פאָרזיצער וועט ווערן אויסגעקליבן פאַר יעדער זיצונג; דעם 11טן, ניט געקוקט אויף דעם באַשלוס פונם 2טן, באַשליסט מען, אַז די פּראָטאָקאָלן וועלן געדרוקט ווערן אין „אָפיסיעל". די פראַגן ווערן ערלעדיקט לחצאין. די קאָמונע שאַפט מיליטערישע ראַטן, אַ מיליטעריש געריכט און לאָזט איבער פאַר דעם צענטראַל=קאָמיטעט דאָס רעגולירן די געריכטס=פּראָצעדור און דאָס רעאַליזירן די פּסק=דינים. זי אָרגאַניזירט איין העלפט מעדיציניש אַפּאַראַט, קליוזערע ווידער די צווייטע. זי איז מבטל דעם גענעראַל=טיטל, און דער דעלעגאַט גיט אים ווידער די הויפּט=קאָמאַנדירן.

דעם 14טן, בשעת דער בייטאָגיקער זיצונג, באַשולדיקט זי דעמזעלבן בערזשערע, וועלכן עס האָבן נאָך דעם 14טן אַפּריל באַגעגנט אַלעמענס אַפּלאָדיסמענטן, אַז ער האָט געפירט דאָס פאַרבינדעטע מיליטער אונטער די שאַנצן פונם פאָרט מאָנוואַלעריאַן, האָט געמאַכט די מיליטערישע אַקציע לעכערלעך, האָט פאַרשפּרייט געפערלעכן לוקסוס, האָט גערופן צו מרידה; בעת דער אַוונטיקער זיצונג באַטראַכט זי די פראַגע וועגן אַראָפּרוימען דעם וואַנדאָמער זייל, לויט פעליקס פּיאַ האָט פאָרגעלייגט, און שטעלט די זאַך צו דער אָפּשטימונג, ניט געקוקט אויף אוריאַל, מאַלאָנס, טעיס, לאַנזשעוועס, קלעמאַנס פּראָטעסטן און חשק צו מאַכן אַ סוף צו דיזאָזיקע שמועסן, — ווי אויך אויף דאָמבראָווסקיס פאַרצווייפלטן רוף.

דער לעצטער האָט קוים=קוים געהאַט אַ מאַן 2500, כּדי צו פאַרטיידיקן נעילי, אַניער, דעם האַלב=אינזל זשענעוויליע קעגן די

ווערסאַלער לייט, וואָס האָבן קעגן אים צונויפגעזאַמלט דאָס בעסטע חייל. פונם 14טן ביזן 17טן באָמבאַרדירן זיי דעם בעקאַנשלאָס און דעם 17טן אינדערפרי אַטאַקירן זיי אים מיט איין בריגאַדע. 250 פעדעראַליסטן, וואָס האָבן אים פאַרנומען, האָבן זיך געהאַלטן זעקס שעה, די איינוואוינער ווידער זיינען אַנטלאָפן קיין אַניער, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלה. דאָמבראָווסקי, אָקאָלאָוויטש און נאָך עטלעכע טיכטיקע קאָמאַנדירן האָבן זיך געאיילט זיי צו הילף, האָבן זיך דערשלאָגן אַ שטיקל סדר און באַפעסטיקט די שוץ אונטער דער בריק. דאָמבראָווסקי האָט געבעטן הילף, די מיליטערישע פאַרוואַלטונג האָט אים אָבער געשיקט בסך־הכּל עטלעכע ראָטעס. צוזאָרגנס זיינען די פאָרפּאָסטנס פאַרכאַפּט געוואָרן דורך שטאַרקע אָפּטיילונגען, די אַרטילעריע פון קורבוואַוואָ ווידער האָט געשאָסן אין אַניער. נאָך אַ שלאַכט, אַרום איינס אַ זייגער, האָבן אַ סך באַטאַליאָנען, שרעקלעך פאַרמאַטערטע, פאַרלאָזט דעם דרומדיקן טייל דאָרף. אין דעם צפונדיקן טייל האָט דער פאַרביטערטער קאַמף אַלץ נאָך געדויערט. דאָמבראָווסקי האָט באַקומען בלויז 300 מאַן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געשיקט איין דעפּעשע נאָך דער אַנדערער. פינף אַ זייגער אינאָוונט האָבן די ווערסאַלער לייט געמאַכט אַן אַנטשלאָסענעם אָנגריף; די פעדעראַליסטן, טויט־מידע, האָבן מורא געהאַט, מען זאָל זיי ניט אָפּשניידן, און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם פּאָנטאָן־בריק און זיינען אריבער אין אומאָרדענונג.

די רעאַקציאָנערע צייטונגען האָבן אויפגעהויבן אַ גוואַלטיקן רעש צוליב דער דאָזיקער מפּלה; פּאַריז האָט אויפגעקאָכט. דער פאַרביטערטער קאַמף האָט געעפנט די אויגן אפילו די גרעסטע אָפּטימיסטן. אַ סך האָבן ביזאַהער געגלייבט, אַז עס קומט פאָר אַ אומגליקלעך מיספאַרשטייעניש, און האָבן געשאַפן פשרה־גרופּעס. דעם 4טן אַפּריל האָבן די אינדוסטריעלער און סוחרים געשאַפן „דעם נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון די סינדיקאַלע קאַמערן", מיט אַ פּראָגראַם: „אָפּצוהיטן און באַפרייען די רעפּובליק און אָנערקענען די שטאָטישע זכיות פון פּאַריז". פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן, סטודענטן האָבן געפאָדערט אין

זייער מאַניפעסט אַ דעמאָקראַטישע און וועלטלעכע רעפובליק, אַן אויטאָנאָמע קאָמונע און פעדעראַציע פון די געמיינדעס. אַן ענלעכע גרופע האָט געשיקט אַ בריוו צו הער טיערן: „איר מיינט, אַז דאָס איז אַ סטיכישע מרידה, איר שטייט פּנים־אל־פּנים צו באַוואוסטזיניקע און אַלגעמיינע איבערצייגונגען. דער רוב מנין און רוב בנין פון פּאַריז וויל אַ רעפובליק, אַלס העכסט און אַבסאָלוט געזעץ. פּאַריז האָט איינגעזען אין דער גאַנצער אויפפירונג פון דער פאַרזאַמלונג אַ פּאַראויס־באַשטימטע כּוונה צוריקצושטעלן די מאָנאַרכיע." עטלעכע גרויסע לייט — מאַסאָנען האָבן געשיקט איין און דעמזעלבן אויפרוף צו די ווערסאַלער־לייט און צו דער קאָמונע: „מאַכט אַ סוף צו דעם פאַרגיסן טייער בלוט".

לסוף זיינען עטלעכע אַלטע מערן און אַדיונקטן, וואָס האָבן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט דעם צענטראַל־קאָמיטעט גאָר צולעצט, אַרויסגעטראָטן אין „דער ליגע פון רעפובליקאַנישן פאַרבאַנד צו פאַרטיידיקן די רעכט פון פּאַריז". זיי האָבן געפאָדערט צו אָנער־קענען די רעפובליק, די רעכט אויף זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר פּאַריז, איבערגעבן די שוץ און די פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט אויסשליסלעך דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, אַלץ וואָס עס האָט געפאָדערט די קאָמונע און מיט וואָס זיי האָבן געקעמפט פונם 19טן ביזן 25טן מערץ. עטלעכע פּאַריזער דעפּוטאַטן, וועלכע ס'איז געווען שרעקלעך שווער זיך אָנצוגעבן אין דעמיסיע, קלעמאַנסאָ, לאָקרואַ, פלאָקע, האָבן זיך אָן זיי אָנגעשלאָסן.

עס האָבן זיך געבילדעט נאָך אַנדערע גרופּעס, וואָס זיינען אַלע געווען ענלעך צו זיך בנוגע צוויי פונקטן: דעם פאַרפעסטיקן די רעפובליק און אָנערקענען די רעכט פאַר פּאַריז. כּמעט אַלע צייטונגען פון דער קאָמונע האָבן איבערגעגעבן דעם דאָזיקן פּראָ־גראַם. די ראַדיקאַלע צייטונגען ווידער האָבן אים אָנגענומען. די פּאַריזער דעפּוטאַטן, וואָס האָבן זיך פעסט אָנגעשלאָסן אין ווערסאַל, האָבן די לעצטע גענומען אַ וואָרט. לוי בלאַן האָט מיט אַ וויינענ־דיקן און יעזויִטשן טאָן, מיט וועלכן ער האָט אָנגעשטאָפּט מיט ליגנס די געשיכטע אין זיינע לאַנגע סענטימענטאַלע דרשות, באַהאַלטנדיק אין זיי דאָס טרוקענע האַרץ, דעם 8טן געשריבן

אין נאָמען פון זיינע חברים: „קיין איין מיטגליד פון דער מערהייט האָט נאָך ניט געשטעלט צו דער דיסקוסיע די רעפּובליקאַנישע פּרינציפּן. וואָס שייך די אַנטיילנעמער פונם אויפשטאַנד, ווען מיר זיי זאָגן, אַז זיי האָבן באַדאַרפט אויפציטערן בלויז ביים געדאַנק פון דעם יאָך פון פרעמדער ממשלה, וואָס ווערט פאַרגרעסערט און פאַרלענגערט דורך מוסיף זיין צו אים נאָך די צרות פון בירגער=מלחמה".

דאָסזעלבע, וואָרט ביי וואָרט, האָט איבערגעחזרט הער טיער די ערשטע שלום=מאַכערס, וואָס זיינען צו אים געקומען, די דעלעגאַטן פונם „סינדיקאַלן פאַרבאַנד": „זאָל קודם=כל זיך אַנטוואַפענען די מרידה, די פאַרזאַמלונג קען זיך ניט אַנטוואָפענען". — „פּאַריז וויל דאָך אָבער פּאָרט אַ רעפּובליק". — „די רעפּובליק איז דאָ; איך גיב אייך מיין ערנוואָרט, אַז כל=זמן איך וועל האָבן די מאַכט, וועט זי ניט פאַלן". — „פּאַריז וויל מוניציפּאַלע פרייהייטן". — „דער פּאַרלאַמענט גרייט צו אַ געזעץ, וואָס גיט עס אַלע געמיינדעס. פּאַריז וועט ניט באַקומען מער און ניט ווייניקער פון יענע". די דעלעגאַטן האָבן דורכגעלייענט דעם פּראָיעקט פון אַ שלום=אָפּמאַך, אין וועלכן ס'האָט זיך גערעדט וועגן אַלגעמיינער אַמניסטיע, וועגן מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה. הער טיער האָט געלאָזט לייענען דעם פּראָיעקט, האָט פאָרמעל ניט אָפּגעפרעגט קיין איין פּאַראַגראַף און די דעלעגאַטן זיינען געקומען צוריק קיין פּאַריז איבערצייגטע, אַז זיי האָבן געפונען אַ יסוד פאַר צוריקשטעלן די אָרדענונג.

תיכּף ווי זיי זיינען נאָר אַוועק, איז הער טיער געקומען אין דער פאַרזאַמלונג. זי האָט גראָד געהאַלטן נאָכן אָנערקענען פאַר אַלע געמיינדעס רעכט צו וויילן אַ מער. הער טיער איז ארויף אויף דער טריבונע און געפאָדערט, אַז דאָס רעכט זאָל ווערן אָפּגענומען ביי די שטעט, וואָס האָבן ווייניקער פון צוואַנציק טויזנט איינוואוינער. מען האָט אַ געשריי געטאָן צו אים: „מען האָט דאָס שוין געשטימט". ער האָט ווייטער געפאָדערט, טענהנדיק, אַז אין אַ רעפּובליק דאַרף מען אוודאי באַוואָפענען די מאַכט, אַז דאָ איז שווערער איינצוהאַלטן די אָרדענונג, האָט געדראָט

זיך אָנצוגעבן אין דעמיסיע, האָט געצוואונגען די פאַרזאַמלונג צוריקצוציען דעם באַשלוס.

דעם 10טן האָט „די ליגע פון די פאַריזער רעכט״ אָנגעהויבן שאַלן: „זאָל די רעגירונג זיך אָפּזאָגן צו פאַרפאָלגן געריכטלעך די מעשים, וואָס זיינען געטאָן געוואָרן דעם 18טן מערץ. זאָל מען צוטרעטן צו נייע אַלגעמיינע וואַלן פון דער קאָמונע. אויב די ווערסאַלער רעגירונג וועט בלייבן טויב צו די אַלע געזעצלעכע פאָדערונגען, וועט גאַנץ פאַריז זיך אויפהייבן, כּדי זיי צו פאַרטיידיקן״. צומאָרגנס זיינען די דעפּוטאַטן אוועק אין ווערסאַל. הער טיער האָט געהאַלטן אין איין חזרן: „זאָל פאַריז זיך אָנטוואָפּענען״ און האָט ניט געוואָלט הערן וועגן וואָפן־שטילשטאַנד און אַמניסטיע. „באַגנעדיקט וועלן ווערן די אַלע — האָט ער געזאָגט, — וואָס וועלן זיך אָנטוואָפּענען, אַחוץ די מערדערס פון קלעמאַן טאָמאַ און לעקאָנטן״. דאָס האָט געהייסן — זיך איבערגעבן דעם חסד און אומחסד פונם שונא, זיך אומקערן צום 18טן מערץ, ניט געקוקט אויף דעם געוואונענעם נצחון. דעם־זעלבן טאָג האָט ער געזאָגט די דעלעגאַטן פון די מאַסאָנען־לאָזשעס: „ווענדט זיך צו דער קאָמונע; אויב ס׳איז עפּעס נייטיק— איז עס הכנעה מצד די מורדים, און ניט די דעמיסיע פון דער געזעצלעכער מאַכט״. כּדי מיטצווירקן אויף דעם אונטערגעבן זיך האָט די ווערסאַלער „אָפיציעלע צייטונג״ פאַרגליכן פאַריז מיט דעם מאַראָקאַנישן טאָל, וואָס איז נאָר־וואָס געוואָרן אַ תּל דורך „דער באַנדע רוצחים און רויבער״; דעם 13טן האָט איינער פון די דעפּוטאַטן בריונעל, געשטעלט דער רעגירונג אַ פראַגע, צי זי וויל שליסן שלום מיט פאַריז אָדער ניין, און די פאַרזאַמלונג האָט די באַטראַכטונג פון דער אָנפראַגע אָפּגעלייגט אויף אַ חודש. אַזוי אַרום האָט „די ליגע״ זיך קיין זאַך ניט דער־שלאָגן, אַחוץ דערנידעריקונג, און איז געקומען דעם 14טן אין שטאָטראַט אריין.

די קאָמונע, וואָס האָט אין די אַלע אונטערהאַנדלונגען זיך ניט געמישט, האָט זיי געגעבן פולקומע פרייהייט און פאַרבאָטן בלויז איין פאַרזאַמלונג, וואָס איז ערקלערט געוואָרן אויף דער בערזע

דורך שלעכט מאסקירטע מעקלער פון ווערסאל. זי האט זיך באנוגנט דערמיט, וואס זי האט אנגעוויזן „דער ליגע" איר באַ־שלום גופא פונם 10טן: „איר האט געזאגט, אז אויב ווערסאל וועט בלייבן טויט, וועט גאנץ פאריז אויפשטיין: ווערסאל איז טויט: שטייט אויף". — כדי פאריז זאל אליין זיין דער שופט, האט די קאמונע אפיציעל פארעפנטלעכט און „אפיסיעל" דעם באריכט פון די שלום־מאכערס.

זעכצנטער קאַפּיטל

דער מאַניפעסט פון דער קאָמונע. — די צונאָב־וואַלן פונם 16טן אַפּריל אַפּ אַ מינדערהייטס־גרופּע. — די ערשטע סיכסוכים. — די סיבות פון דער מפּלה.

דאָס צווייטע מאָל איז די לאַגע געווען קלאָר אָנגעצייכנט. אויב די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אינם שטאָטראַט, האָבן ניט געקענט קלאָר מאַכן דאָס אמתע אויסזען פון דער קאָמונע,— האָט די שלאַכט, דאָס באָמבאַרדירן, די ווילדע מעשים פון די ווערסאַלער לייט, דער דורכפאַל פון די שלום־מאַכערס בולט באַוויזן פאַר גאַנץ פּאַריז, אַז דאָס איז די נעסט פון די מורדים. די הוספה־וואַלן פונם 16טן אַפּריל — דער טויט, די צווייטע וואַלן, די דעמיסיעס האָבן לײדיק געמאַכט איין־און־דרייסיק ערטער, — האָבן געוויזן דעם אמתן צוזאַמענשטעל פון דעם אויפשטאַנד. די אילוזיעס פונם 26טן מערץ זיינען פאַרשוואונדן; איצט איז די אָפּשטימונג פאָרגעקומען אונטער גראַנאַטן. די ציימונגען פון דער קאָמונע, די דעלעגאַטן פון די סינדיקאַלע קאַמערן האָבן געקענט וויפל עס גלוסט זיך זיי רופן ווײלער צו די אורנעס, — ס'איז געקומען בלויז איין און זעכציק טויזנט. די קרייזן פון די דעמיסיאָנירטע האָבן געגעבן 16.000 אַנשטאָט 51.000 שטימען.

דאָס איז געווען די פּאַסיקסטע צייט זיך צו ווענדן צו פראַנקרייך. דעם 6טן מערץ האָט די אויספיר־קאָמיסיע אין אַ בריוו צו דער פּראָווינץ שאַרף פּראָטעסטירט קעגן די ווערסאַלער רכילות, זאָגנדיק, אַז פּאַריז שלאָגט זיך פאַר גאַנץ פראַנקרייך; זי האָט קיין פּראָגראַם ניט פאָרמולירט. הער טיערס רעפּובּליקאַנישע הבטחות, די פיינטלעכע באַציִונג פון די לינקע, דעם ראַטס

אומענדלעכע דעקרעטן האָבן צו דער רעשט צעטומלט די פּראָווינץ. מען האָט זי באַדאַרפט וואָס שנעלער פאַרהאַלטן הינטער זיך. דעם 19טן האָט זשול וואַלע, וואָס איז אין נאָמען פון דער קאָמיסיע איבערגעגעבן געוואָרן דאָס צונויפשטעלן אַ פּראָגראַם, צוגעשטעלט זיין אַרבעט, אָדער ריכטיקער אַן אַנדערנס אַרבעט. אַ טרויעריקער און זייער כאַראַקטעריסטישער סימן. פון די פינף מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָט איין דעלעקליוז בלויז צוגעשטעלט עטלעכע נאָטיצן, — נאָך מער: דער טעכנישער טייל איז געווען אַן אַרבעט פון איינעם אַ זשורנאַליסט, וואָס איז ניט געווען געניט אינם ענין, פּיער דעני. אין „דעם געשריי פון פאָלק" האָט ער ווידער אַרויסגעשלעפּט אויף דער ליכטיקער שיין און פאָרמולירט אַלס געזעץ דעם אומגעלומפּערטן געדאַנק וועגן פּראָקלאַמירן פּאַריז אַלס פ ר י י ע ש ט אָ ט, — אַ געדאַנק, וואָס איז נולד געוואָרן תיכּף ביי די ערשטע אויסברוכן פונם פאָלקסצאָרן אויף די פאַרזאַמלונגען אינם וואָקזאַל.

פּאַריז איז געוואָרן אַ האַנזעאַטישע שטאָט, איז באַצירט געווען מיט אַלע פרייהייטן און האָט פון די הייכן פון זיינע פאָרטן געזאָגט צו די פאַראייניקטע געמיינדעס פון פראַנקרייך: טוט מיר נאָך, אויב איר קענט; וואָס איך בין נאָר בכּוח פאַר אייך צו טאָן, — איז ווייזן אַ ביישפּיל". דער דאָזיקער טייערער פּראָיעקט האָט אָנגעמאַכט אַ תוהו־ובוהו אין די מוחות פון אַ סך קאָמונע־מיטגלידער און צופיל שפּורן איז פון אים פאַרבליבן אויך אין דער דעקלאַראַציע. „וואָס וויל פּאַריז? — האָט זי געטענהט. — די רעפּובליק זאָל ווערן אָנערקענט און באַשטעטיקט. פולע אווטאָנאָמיע פון דער קאָמונע, וואָס זאָל חל זיין אויף אַלע שטעט פון פראַנקרייך. די רעכט, וואָס געהערן צו דער קאָמונע, זיינען: דאָס אָפּשטימען דעם געמיינדע־ביודזשעט; דאָס באַשטימען און פונאַנדערטיילן די שטייערן; דאָס אָנפירן מיט די אָרטיקע אַנשטאַלטן; דאָס אָרגאַניזירן די מאַגיסטראַטור, די אינערלעכע פּאָליציי און די בילדונג; דאָס פאַרוואַלטן מיט די געמיינדע־גיטער; דאָס אויסקלייבן און כּסדרדיקע רעכט צו קאָנטראָלירן די באַאַמטע און די

דינערשאפט אין די געמיינדעס; די פולע גאראנטיע פון פערזענ־לעכער פרייהייט, פון אמונה און ארבעטס־פרייהייט; דאס ארגא־ניזירן די שטאט־שוץ און די נאציאנאלע גווארדיע; איין קאמונע איז בארופן ארומצוצוימען און פארזיכערן דאס פרייע און יושרדיקע רעאליזירן די רעכט פון פארזאמלונגען און עפנטלעכקייט. פאריז וויל ניט מער, בתנאי, אז עס וועט געפינען אין דער העכערער צענטראלער אדמיניסטראציע, וואס איז געווילט געווארן דורך די פאראייניקטע געמיינדעס, דאס רעאליזירן און דערפילן די זעלבע פרינציפן".

וואסערע זשע זיינען די פולמאכטן פון דער דאזיקער צענטראל־רעלעגאציע, די קעגנזייטיקע התחייבותן פון די געמיינ־דעס? די דעקלאראציע פארשוויגט דעם ענין. לויט איר טעקסט, האט יעדער ארט באדארפט האבן זיין אווטאנאמיע. וואס האט מען געקענט ווארטן פון דער אווטאנאמיע פון נידער־ברעטאן, פון ניין צענטל פראנצויזישע געמיינדעס, וואס א העלפט פון זיי האט ניט אפילו קיין פינף הונדערט איינוואוינער, אויב די פאריזער דעקלאראציע האט אנגערירט די גרונד־געזעצן, האט איבערגע־געבן דער קאמונע "דאס ארומצוימען" און "דאס יושרדיקע" רעאליזירן די רעכט פון פארזאמלונגען און עפנטלעכקייט, און האט לגמרי פארגעסן צו דערמאנען אן די רעכט פון פארבאנדן.

די שוואכע, דעזארגאניזירטע, אין טויזנט נעצן פארדרייטע דארפישע באפעלקערונג האט געקענט באפרייט ווערן בלויז דורך די שטעט, און די שטעט האבן אן פאריז זיך באגיין ניט געקענט. דער דורכפאל פון אלע אויפשטאנדן אין דער פראווינץ האט עס קלאר דערוויזן. בעת די דעקלאראציע האט געזאגט: "די פאראיי־ניקונג אין דער פארם, ווי זי איז ביז איצט אונז געווארן אנגע־ווארפן דורך דער אימפעריע, מאנארכיע און פארלאמענטאריזם, איז ניט קיין אנדער זאך, ווי א דעספאטישע, אומקולטורעלע צענטראליזאציע א. אז. וו.", האט זי אנטפלעקט די וואונד, וואס האט צעפרעסן פראנקרייך; בעת זי האט אבער מוסיף געווען: "די פאליטישע פאראייניקונג אין דער פארם, ווי עס פארלאנגט זי פאריז, איז — א פרייוויליקער פארבאנד פון אלע ארטיקע

מעשים" — האט זי דערמיט ארויסגעוויזן איר גאר קנאפע השגה וועגן דער פראווינץ.

„דאס איז א הספד אויף דעם יאקאביניזם, וואס איז געמאכט געווארן דורך איינעם פון זיינע פירער!" — האט אויסגעשריען ראַספּײַל. דאס איז געווען עפעס מער, דאס איז געווען א הספד איבער אלע שוואכע.

די דעקלאראציע האט אין א אדרעס־סטיל ווייטער געזאגט און זייער ריכטיק באמערקט: „פאריז ארבעט און ליידט פאר גאנץ פראנקרייך, פאר וועלכן עס גרייט מיט זיינע שלאכטן, קרבנות א אינטעלעקטועלע, מאראלישע, אדמיניסטראטיווע, עקאנאמישע אויפלעבונג... די קאמונאלע רעוואלוציע, וואס איז אנגעהויבן געווארן לויט דער איניציאטיוו פונם פאלק דעם 18טן מערץ, זאגט אן א נייע ערע"; קיין שום באשטימטע זאכן האט זי אבער ניט אנטהאלטן. פארוואס האט זי זיך ניט אומגעקערט צו דער פארמול פון 29טן מערץ: „דער קאמונע געהערט אלץ פון דער געמיינדע, דער נאציע אלץ, וואס איז נאציאנאל". זי האט ניט אנגעמערקט פאר דער קומענדיקער קאמונע קיין ראמען, וואס זאלן זיין געזונט ברייט, אז די בירגער זאלן לייכט קענען פונאנדערטיילן צווישן זיך זייערע געזעלשאפטלעכע פונקציעס; פארוואס האט זי ניט פראקלאמירט קיין קאמונע פון פופצן אדער צוואנציק טויזנט נפשות, א קאמונע־קאנטאן, האט ניט באשטימט געניי אירע רעכט און פראנקרייכס רעכט.

אזוי ווי די פראגראם, די טונקעלע, ניט פולע, געפערלעכע אין א סך פונקטן האט אויסגעזען, האט זי ניט געקענט, ניט געקוקט אויף די ברידערלעכע געדאנקען, באפרידיק אויפקלערן דעם ענין פאר דער פראווינץ.

וועגן דער איבעריקער טייל באפעלקערונג האט זי קיין ווארט ניט גערעדט. די דאזיקע רעוואלוציע, וואס איז פראקלאמירט געווארן פון דער גאנצער רעפובליק, האט, ווי ס'האט אויסגעוויזן, ניט באמערקט די ריזיקע ארבעטער־משפחה, וואס האט מיט פחד איר נאכגעקוקט. דער שטאט פון 1871 איז געבליבן הינטערשטעליק דער קאמונע פון 1793

דאס איז דאך אבער בלויז געווען א פראיעקט; אין דעם ראט האט מען, אן שום ספק, גערעכנט אים גרינדלעך צו באטראכטן. אבער ניין, די קאמונע האט אפגעשטימט דעם פאר־שלאג אויף דער אוונטיקער זיצונג כמעט אן וויכוחים. די דאזיקע פארזאמלונג, וואס האט פיר טעג אפגעגעבן די פראגן וועגן די טערמינען פון האנדל־צאלונגען, אומענדלעכע שעהן דער פראגע וועגן מאן־דע־פיעטע, האט ניט געהאלטן פאר נייטיק צו עפענען א גענעראל־דעבאטע וועגן דער דעקלאראציע, וואס איז געווען איר פראגראם אין פאל פון א נצחון, איר צוואה אין פאל פון א מפלה.

פאר דאס האבן זיך דארט געפונען קאזוסטן. די קאמונע האט באשטעטיקט זעקס וואלן דעם 26טן מערץ מיט אן אבסא־לוטער מערהייט. דער רעפערענט פון די וואלן פון 16טן אפריל האט פארגעלייגט, מען זאל באשטעטיקן די אלע וואלן, וואס האבן פאראייניקט די אבסאלוטע מערהייט. די דאזיקע ערלעכע לייט זיינען געווארן אויפגעבראכט: „דאס וואלט געווען, האבן זיי געזאגט, דער גרעסטער קלאפ, וואס א רעגירונג האט ווען עס איז געגעבן דעם אלגעמיינעם שטימרעכט". דאך האט מען אן א סוף קיין וויילער ניט געקענט רופן.

די דריי איבערגעבנסטע דער קאמונע קרייזן, און דער עיקר דער 13טער, וואס זיינע בעסטע מיטגלידער האבן צו יענער צייט געקעמפט, האבן קיין שום רעזולטאטן ניט געגעבן.

די נייע אפשטימונג האט בלויז בולטער געמאכט די איזא־לירטע לאגע פון דער קאמונע.

די וויכוחים זיינען געווען זייער לעבהאפט; עס זיינען געווען מענטשן, וואס זיינען ממש משוגע געווען אויף געזעצלעבקייט אין דעם דאזיקן שטאט, וואס האט אליין זיך געפונען מחוץ דעם געזעץ. פאריז האט געמוזט דערשטיקט ווערן פון די דאזיקע רעטונגס־פרינציפן. אין נאמען פון דער הייליקער אווטאנאמיע, וואס פארבאט זיך אריינצומישן אין דער זעלבסטפארוואלטונג פונם שכן, האט די אויספיר־קאמיסיע זיך שוין אפגעזאגט צו באוואפענען די געמיינדעס, וואס זיינען אונטערווארפן פאריז, און

וואס האבן געשטרעבט ארויסצוטרעטן קעגן די ווערסאלער לייט. טיער האט קיין גרעסערע חכמה ניט געטאן, ווי דאס איזאלירן פאריז.

זעקס און צוואנציק שטימען קעגן דרייצן האבן געשטימט פאר די באשלוסן פון דעם רעפעראט. בלויז צוואנציק וואלן זיינען געווארן באשטעטיקט *, — און דאס איז געווען לחלוטין אומלאגיש.

מען האט באדארפט אדער אלע באשטעטיקן אדער — ניט, מחמת איינער איז געווארן אויסגעקליבן מיט 1.100 שטימען, און א צווייטער איז געבליבן הינטערן פאן מיט 2.500. פיר זיינען געווען זשורנאליסטן, זעקס — ארבעטער. עלף, וואס זיינען געשיקט געווארן דורך די עפנטלעכע פארזאמלונגען, האבן פארשטארקט בלויז די ראמאנטיקער.

צוויי פון די באשטעטיקטע האבן זיך אפגעזאגט אנטייל צו נעמען אין די זיצונגען, מחמת זיי האבן קיין אכט שטימען ניט באקומען: בריאסן און דער מחבר פון די בארימטע „לאבעניום נאטיצן" ראזשאר, וואס האט זיך געלאזט נארן מיט דער פאלשער ערלעכקייט פון דער געזעצלעכקייט. דאס איז געווען די איינציקע שוואכקייט פון דעם דאזיקן איידעלן הארץ, וואס האט אפגעגעבן דער קאמונע זיין גלענצנדן און ריינעם אראטאריזשן טאלאנט. זיין דעמיסיע האט אוועקגענומען ביים ראט א מענטשן מיט א שכל־הישר, — פאר דאס האט זי אן איבעריק מאל דעמאסקירט דעם געהיימענישפולן פעליקס פיא.

דעם 1טן אפריל האט פעליקס פיא דערפילט דאס בייזע געוויטער און האט פונקט אזוי מורא געקראגן פאר שאסן, ווי פאנורג. ער האט געמאלדן וועגן זיין אפזאג אלס מיטגליד פון דער אויספיר־קאמיסיע און צוגעגעבן, אז זיין אנוועזנהייט איז נייטיק אין מארסעל. היות גאליפעס שיסער האבן געמאכט דעם ארויס־

---

* וועזיניע, קליוזערע, פילא, אנדריע (לוווער); פאטיע, סעראליע, דיוראן, זשאנאר (די בערזע); קורבע, ראזשאר (לוקסעמבורג); סיקאר (פאלע־בורבאן); בריאסן (די אפערע); פיליפ, לאנקלא (רעילי); לאנגע (פאסי); דיופאן (באטיניאל); קליוזערע, ארנאלד (מאנמארטר); מענאטי גאריבאלדי (שאמבאנער הייבן); וויארד, פרינקע (מענילמאנטאן).

פאר פאר סכנות=נפשותדיק, האט ער באשלאסן צו בלייבן, אבער אונטער צוויי מאסקעס: איינע פאר דעם שטאטראט און די צווייטע פארן עולם.

אין דער קאמונע, ביי פארמאכטע טירן האט ער געוועקט צו גוואלטאטן, אין זיין צייטונג האט ער געטאן א הייליקע עבודה, געטרייסלט מיט זיינע גראע האר און אויסגעשרייען: „צו די וואל=קעסטלעך און ניט אין ווערסאל!" און דארט האט ער געהאט צוויי פנימער. אויב ער האט געשטרעבט צום אפשאפן די צייטונגען, האט ער זיך געחתמעט „נקמה=נעמער". אויב ער האט באדארפט א רעווע טאן, האט ער זיך אונטערגעשריבן פעליקס פיא. די מפלה ביי אניער האט אים ווידער דערשראקן און ער האט אויפדאסניי געזוכט אן אויסוועג. מיט ראזשארם דעמיסיע האט זיך דער אויס=וועג געפונען. אונטער דער שוץ פון דעם אומבאפלעקטן נאמען איז פעליקס פיא דורכגעקראכן אין דעמיסיע. „די קאמונע האט באליידיקט דאס געזעץ, האט ער געשריבן; איך וויל ניט זיין קיין אנטיילנעמער"... כדי אפצושליסן פאר זיך יעדן צוריקטריט, האט ער אריינגעמישט אינם ענין דעם כבוד פון דער קאמונע. אויב זי וועט זיין פארעקשנט, האט ער געזאגט, וועט ער געצוואונגען זיין, צו זיין גרוים באדויערן, זיך אפגעבן אין דעמיסיע ביזן נצחון.

דאס דאזיקע שפיצל האט אויפגעבראכט דעם ראט. „דער נקמה=נעמער" האט גראד פאר דעם געטאדלט דאס שליסן דריי רעאקציאנערע צייטונגען, וואס פעליקס פיא האט אויף די געהיימע זיצונגען א סך מאל געפלעגט פאדערן. ווערמארעל האט געמאלדן וועגן דער צוויי פנימדיקייט. איינער פון די מיטגלידער נעמט א ווארט: „דא האט מען געזאגט, אז דער אפזאגן פונם אמט וועט באטראכט ווערן אלס בגידה". א צווייטער האט געזאגט: „מען דארף ניט פארלאזן דעם אמט, אויב ער איז געפערלעך און בכבודיק". א דריטער האט גאנץ פארמעל געפאדערט, פעליקס פיא זאל ארעס=טירט ווערן. „צום באדויערן, האט איינער פון די מיטגלידער באמערקט, פארשטייען ניט א טייל, אז בלויז יענע, וואס האבן אונז אהער געשיקט, האבן רעכט אונז צו געבן דעמיסיע". דעלעקליוז

ווידער האָט געזאָגט אַט-וואָס: „אויס פּערזענלעכן נאָכטראָגן אַ שנאה, אָדער צוליב דעם, וואָס דער אידעאַל, צו וועלכן דו שטרעבסט, בינדט זיך ניט מיט דעם אָדער יענעם פאַרשלאָג, טאָר מען ניט אַוועקגיין. שווין-זשע מיינט איר, אַז אַלע גיבן זייער הסכמה דערויף, וואָס דאָ קומט פאָר? און דאָך זיינען פאַרהאַן מיטגלידער, וואָס זיינען געבליבן און וואָס וועלן בלייבן ביזן סוף, ניט געקוקט אויף די עוולות, וואָס ווערן קעגן זיי געטאָן. וואָס שייך מיר, האָב איך באַשלאָסן צו בלייבן אויף מיין פּאָסטן און אויב מיר וועלן קיין נצחון ניט זען, וועלן מיר לכל-הפּחות קענען פאַלן אויף די וואַלן אָדער אויף די שטאָפּלען פונם שטאָטראַט". דאָס דאָזיקע מוטיקע וואָרט איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן. סאַראַ הויך מסירת-נפש! אַ גראַ-געוואָרענער אין זיינע צענטראַליזאַציע-אידעען, האָט דעלעקליוז שטאַרק געליטן, בעת ער האָט געזען, אַז מען פאַלט אויף זיי אָן. קען מען זיך דען פאָרשטעלן אַ איידעלערע געשטאַלט, ווי דעם זקנס, וואָס גאַרט נאָך יושר, וואָס שטודירט ביים ראַנד פון זיין לעבן סאָציאַלע פראַגן, אַן איבערגעגעבענער דעם פאָלק, אָן פראַזן און פאַר יעדן פרייז! ס'איז געווען אַ מינוט, ווען ער האָט, אַ דערשלאָגענער פון זיין קראַנקהייט, אַ טרויעריקער צוליב דער ריכטונג פון די פאַרזאַמלונגען, — גערעדט וועגן זיין אַוועקגיין. ס'איז אָבער גענוג געווען אים צו זאָגן, אַז זיין אַוועקגיין וועט ברענגען גרויס שאָדן דער פאָלקסזאַך, און ער איז פאַרבליבן, כדי צו וואַרטן ניט אויף נצחון — ער האָט פּונקט אַזוי ווי פּיאַ געוואוסט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, — נאָר אויפן טויט, וואָס באַפרוכפּערט דאָס קומענדיקע לעבן.

פעליקס פּיאַ האָט ניט געוואַגט צו פאַרטשעפּען דעלעקליוזן, האָט ער זיך אָבער אַ וואָרף געטאָן אויף ווערמאָרעלן, אים באַהאַנדלט, ווי אַ שפּיאָן, און היות ווערמאָרעל איז געווען אַ מיטגליד פון דער זיכערהייטס-קאָמיסיע, האָט ער אים באַשולדיקט אויף די שפּאַלטן פון „נקמה-נעמער", אַז ער עפנט זיין פּאָרטפעל אין דער פּאָליציי-פּרעפעקטור. דער דאָזיקער האָזנער נפש האָט אָנגערופן ווערמאָרעלן קריכער; אונטער דער מאַסקע פון אַ סובטילן ליטעראַט איז אין אים פאַרבאָרגן געווען די גאַסן-פּסיכיק פון אַ מאַרק-

הענדלערין. אין דעם 48טן יאר האט ער אין דער גרינדונגס=פארזאמלונג פרודאנעו אנגערופן חזיר; בעת דער קאמונע האט ער פרודאנען אנגערופן „קופע מיסט". אינמיטן דער דאזיקער פארזאמלונג, וואו עס זיינען געווען ארבעטער פון נידעריקע פאכן, איז ער געווען דער איינציקער, וואס האט אין זיינע דרשות זיך באנוצט מיט גראבע ווערטער. ווערמארעל האט אים געענטפערט אין דעם „געשריי פונם פאלק" און אן גרוים מי זיך מיט אים אן עצה געגעבן. זיינע ווילער האבן אים געשיקט דריי מאל א פאדערונג, אז ער זאל בלייבן אויף זיין פאסטן: „איר זייט זעלנער און מוזט בלייבן אויף אייער וואך. בלויז מיר האבן רעכט אייך אפצורופן". א באלאגערטער דורך זיינע ווילער, אונטער דער דראונג פון ארעסט מצד דעם ראט, האט דער דאזיקער מאן פון „גריבישן פייער" זיך צוריקגעקערט מיט פארשיידענע מינעס אין שטאטראט.

ווערסאל האט טריומפירט, בעת די דאזיקע שטימונגען זיינען אנטפלעקט געווארן. צום ערשטן מאל האט די געזעלשאפט זיך דערוואוסט וועגן אינערלעכן לעבן פון דער קאמונע, וועגן אירע קליינע פארטייען, וואס זיינען געשאפן געווארן בלויז אוים פערזענלעכע סימפאטיעס אדער אנטיפאטיעס. ווער עס האט געהערט צו אזא גרופע האט געפונען שטיצע, ניט געקוקט אויף קיין זאך, ניט געקוקט אויף קיינע טעותן. כדי צו ווערן צוגעלאזט צום אנטייל אין דער קאמונע, האט מען באדארפט געהערן צו דעם און דעם קרייזל. עס זיינען געמאכט געווארן א סך פארשלאגן, וואס זיינען געווען פול מיט מסירת=נפש מצד אויסגעפרווטע דעמאקראטן, באאמטע און אפילו רעפובליקאנישע אפיצירן, וואס זיינען אנטלאפן פון ווערסאל. זיי זיינען אויפגענומען געווארן מיט ביטול מצד עטלעכע אומפעיקע מענטשן, קאריעריסטלעך, וואס זייער מסירת=נפש האט זיך געענדיקט תיכף נאכן אריינטרעטן פון מיליטער. דאך ווערט פון טאג צו טאג אלץ מער באשיינפערלעך קלאר, אז דער מענטשן=באשטאנד איז ניט קיין באפרידיקנדיקער און די בקיאות—גאר א קנאפע. „שוין א חודש צייט, האט געזאגט ווערמארעל אויף דער זיצונג פונם 20טן, דרעמלען מיר, מיר האבן ניט קיין ארגאניזאציע". „קליוזערע איז אויסגעוויילט געווארן דערפאר, ווייל מען האט קיין

אנדערן זעלנער ניט געפונען" — האט געזאגט דעלעקליוז. די אויספיר־קאמיסיע איז ניט מסוגל געווען צו געבן פאראָרדענונגען; דער צענטראל־קאמיטעט האט זיך ניט געוואלט אונטערוואַרפן. די פאַרוואלטונג, די אדמיניסטראַציע, די פאַרטיידיקונג — אלץ האט געאַרבעט אויף טראַף, אָן שום באַשטימטן פּלאַן, ווי דאָס איז געווען בעת דעם אויספאל פונם 3טן אַפּריל.

זיבעצנטער קאַפּיטל

די פּאַריזערינס. — דער וואָפּנשטילשטאַנד, כדי אָפּצו־רוימען נעילי. — די אַרמיי פון ווערסאַלער לייט און די פּאַריזער אַרמיי.

דער גרויסער פּלאַם, וואָס האָט ארומגעכאַפּט פּאַריז, האָט דערווייל פאַרבאָרגן זיינע שוואַכקייטן. ווער עס איז ניט געוואָרן אָפּגעבריט, וועט ניט בכוח זיין עס צו באַשרייבן. די קאָמונאַלע ציַיטונגען זיינען, ניט געקוקט אויף זייער ראָמאַנטיזם לגבי אים געוועזן ממש פאַרבלאָזן. אין דער דעקאָראַטיווער זייט פונם ענין איז געוועזן ווייניק עפעקט. אויף די גאַסן, אויף די שווייגנדיקע בולוואַרן — אַ באַטאַליאָן פון הונדערט מאַן, וואָס גייט אין פייער אַריין, אָדער קערט זיך פון דאָרט אום, עפּעס אַ פרוי, וואָס גייט אים נאָך, אַ פאַרבייגייער, וואָס באַגעגנט אים מיט אַפּלאָדיסמענטן, — אָט איז די דראַמע פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע, די פּשוטע און ריזיקע, ווי עסיכלס אַ דראַמע.

אַ קאָמאַנדיר — אין אַ מאַטראָסן־קאָסטיום, אַ פאַרשטויבטער, מיט ברוינע גאַלונען. מענטשן מיט גראָע האָר, מיט בלאָנדע צעפּ, זקנים פון יוניקן עבר און יונגע חניכים פון דער אידעע. אָפּט־מאָל האָט אַ פאָטער מאַרשירט אין איין ריי מיטן זון.

די פרוי, וואָס באַגריסט אָדער באַגלייט די קעמפער, — איז די מוטיקע און אמתע פּאַריזערין. דאָס אומריינע באַשעפעניש פון מיטעלן געשלעכט, וואָס איז געבאָרן געוואָרן פון דער אימפּעריעס זנות, איז אוועק צוזאַמען מיט זיין קליענטור קיין ווערסאַל אָדער עקספּלאָאַטירט די פּרייסישע אוצרות אין סען־דעני. איצט הערשט דאָ די שטאַרקע, מסירת־נפשדיקע, טראַגישע פרוי, וואָס קען פונקט אַזוי שטאַרבן, ווי ליב האָבן, — וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך

דעם ריינעם און איידעלן קוואַל, וועלכער שטראָמט פונם 89טן יאָר אָן אין די פאָלקס־טיפן. די חברטע פון אַרבעט וויל זיין אויך אַ שותפטע צום טויט. „ווען דאָס פראַנצויזישע פאָלק זאָל באַשטיין בלויז פון פרויען, סאַראַ שרעקלעך פאָלק וואָלט עס דעמאָלט געווען!" — האָט געשריבן דער קאָרעספּאָנדענט פון „טיימס". דעם 24טן מערץ האָט איין פעדעראַליסט זיך געווענדט צו די בורזשואַזע באַטאַליאָנען פון דער מעריע פונם 1טן קרייז מיט אַ רעדע, וואָס האָט זיי געצוואונגען אַראָפּצולאָזן דאָס געווער פון די הענט: „גלייבט מיר, איר וועט ניט קענען ביישטיין; אייערע פרויען גיסן טרערן, אָבער אונזערע וויינען ניט".

אַ פאַריזערין האַלט ניט אָפּ איר מאַן *, — אדרבא, זי ציט אים אַריין אין שלאַכט, טראָגט אים אין די טראַנשייען וועש און זופּ, ווי זי פלעג עס טאָן אין וואַרשטאַט. אַ סך ווילן זיך ניט אומקערן צוריק, נעמען זיך צום געווער. דעם 4טן אַפּריל נעמען זיי אָנטייל אויף דער שאַטיליאָנער באַרג־פּלאַך אין דער שיסעריי.

די מאַרקעטאַנערינס זיינען געווען געקליידט פשוט, ווי אַר־בעטער. דעם 3טן אַפּריל איז די מאַרקיטאַנערין פון 66טן פאָלק, די בירגערין לאַמעז, געבליבן אין מעדאָן אַ גאַנצענעם טאָג אויפן שלאַכט־פעלד, אומגייענדיק אַרום די קראַנקע, כמעט אָן הילף, אָן אַ דאָקטאָר. אויב זיי קערן זיך אום, איז בלויז, כדי צו רופן צום געווער. זיי פאַראייניקן אין זיך דאָס מסירת־נפש פון קעמפער אינם צענטראַל־קאָמיטעט און קלעפּן צו צו די ווענט פון דער 10טער מעריע אַ רירנדיקן אויפרוף: „מען מוז זיגן אָדער שטאַרבן. איר אַלע, וואָס זאָגט: וואָס גייט מיר אָן דער טריומף פון אונזער

---

* אָט איז אַ בילדל פון איר גלויבן, וואָס איז, ניט געקוקט אויף דער נאַיִוויטעט, אַזוי הערלעך. מיר האָבן געהערט אין אָטעליעס צוויי פרויען, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס געהאַט אומגעקערט פון זייערע מענערס טראַנשייען. איינע האָט געוויינט, די צווייטע ווידער האָט געזאָגט: „פאַל ניט אַריין אין יאוש, אונזערע מענער וועלן זיך אומקערן. און דערנאָך, די קאָמונע האָט צוגעזאָגט צו דאגהן וועגן אונז און אונזערע קינדער. אָבער ניין! דאָס איז אוממעגלעך, זיי זאָלן דערהרגעט ווערן ביים פאַרטיידיקן אַזאַ איידעלע זאַך. און, לסוף, זעסטו, מיר איז ליבער מיין אייגענער טויט, איידער דער טויט פון די דאָזיקע ווערטפולער לייטס הענגט".

אונטערנעמונג, אויב איך מוז פארלירן אלע מיינע ליבסטע, זייט זוויסן, אז דאס איינציקע מיטל מציל צו זיין די אלע, וואס זיינען אייך ליב, איז ווארפן זיך אין קאמף". זיי ליגן פאר דער קאמונע זייער דינסט, בעטן געווער, מיליטערישע אמטן, ווערן אויפגע־בראכט אויף פחדנים. „מיין הארץ פארגייט פון בלוט, שרייבט איינע, בעת איך זע אינם קאמף בלויז יענע, וואס רייסן זיך אליין אהין. איך באשולדיק אייך אין קיין זאך ניט, בירגער דעלעגאט; איך בין ווייט פונם דאזיקן געדאנק; מיין הארץ פון א בירגערין שרעקט זיך אבער, אונזערע פלענער אויף להבא זאלן ניט א תל ווערן אדאנק דער שוואכקייט פון די קאמונע־מיטגלידער".

די פרוי אנדרע לעא גיט צו פארשטיין אין הערלעכע שורות דעם זין פון דער קאמונע און רופט דעם דעלעגאט פונם מילי־טערישן אמט אויסצונוצן „דעם הייליקן פלאם, וואס ברענט אין די הערצער פון די פרויען". א מיוחסדיקע, געבילדעטע, שיינע, רייכע רוסין, וואס האט זיך געהייסן רופן דמיטריעווא, איז געווען די טערואני * פון דער דאזיקער רעוואלוציע, וואס האט בלב ונפש און מיט אירע מעשים געהערט צום פאלק. לויזא מישעל, א לע־רערין פונם 17טן קרייז, א צארטע און געדולדיקע מוטער בנוגע צו די קליינע קינדער, וואס האבן זי פארגעטערט, איז פארוואנדלט געווארן אין א לייבעכע אינם קאמף פאר דער פאלקסזאך. זי האט ארגאניזירט א באוועגלעך שפיטאל פאר פרויען און זיי זיינען אומגעגאנגען ארום די קראנקע אונטער די קוילן.

זיי פלעגן אויך קומען אין די שפיטעלער, כדי צו קאנקו־רירן פאר זייערע טייערע חברים מיט די ניט זייער ליבנסווער־דיקע מאנאכינס, און די אויגן פון די שטארבנדיקע פלעגן אויפ־לעבן אונטער דעם געמורמל פון די ליבע שטימען, וואס האבן גערעדט וועגן רעפובליק און האפענונג.

אין דעם דאזיקן קאנקורס פון מסירת־נפש האבן די קינדער געשטרעבט איבערצושטייגן די מאנסלייט און פרויען. נאך דעם

---

* „טערואני־דע־מעריקור" — א בארימטע העלדין פון דער רעוואלוציע פון 1789.

נצחון האבן די ווערסאלער ליים פארכאפט 660 קינדער, א סך ווידער זיינען אומגעקומען אינם גאסן=קאמף. זיי זיינען מיטגעלאפן מיט די באטאליאנען אויף די טראנשייען, אויף די באפעסטיקונגען, האבן זיך צוגעטשעפעט צו די הארמאטן. צווישן די פארטיידיקער פון די מאליא=טויערן זיינען געווען 13 = און 14=יעריקע קינדער. אין אפענעם פעלד האבן זיי ארויסגעוויזן מוט ממש ביז אומזין.

דער פאריזער פלאם האט געלויכטן אויך הינטער דעם גבול פון שטאט. די מוניציפאלע מאכט פון סטא און סען=דעני האבן זיך פאראייניקט אין ווענסען, כדי צו פראטעסטירן קעגן דעם באמבארדירן און פאדערן, די שטאט=פרייהייטן און די רעפובליק זאלן ווערן צוריקגעשטעלט.

די היץ פון דעם פלאם האט דערגרייכט ביז דער פראווינץ. זי האט אנגעהויבן שוין גלייבן אין דער אומצוטריטלעכקייט פון פאריז, הגם טיער האט געשיקט אזעלכע דעפעשן: 3טער אפריל: „דער דאזיקער טאג באשליסט דעם גורל פונם אויפשטאנד"; דעם 4טן: „די מורדים האבן היינט געכאפט אן ענדגילטיקע מפלה"; דעם 11טן: „קעגן די מורדים ווערן צוגעגרייט אומבאזיגלעכע מיטלען"; דעם 12טן: „די מורדים לויפן רוס און לענד צוצעברעכן; עס ווערט אפגעווארט אן ענדגילטיקער מאמענט"; דעם 15טן: „מיר וועלן פרובירן דורך אן אנטשלאסן מיטל מאכן א סוף צו דער בירגער=מלחמה"; דעם 17טן: „מיר האלטן כסדר אין אויסמיידן קליינע צוזאמענשטויסן ביז אן ענדגילטיקן צוזא=מענשטויס". גיט געקוקט אויף אזוי פיל ענדגילטיקע נצחונות און אומבאזיגלעכע מיטלען, האט די ווערסאלער ארמיי בחינם פאר=לארן צייט אויף די פאריזער פארפאסטנס. די איינציקע ענדגיל=טיקע נצחונות זיינען געווען די זיגרייכע מלחמות איבער די הייזער פון די שטאט=אומגעגנטן און פארשטעט.

די אומגעגנט פון די מאליא=טויערן, פון דער אוועניו פון דער גרויסער ארמיי, פון טערן זיינען באלויכטן געווארן פון די אומ=אויפהערלעכע שרפות. אניער, לעוואלוא איז פול געווארן מיט חורבות.

די איינוואוינער פון נעילי זיינען אויסגעגאנגען פאר הונגער אין זייערע קעלערס.

די ווערסאלער לייט האבן געשיקט בלויז אין די דאזיקע פונקטן טאג-טעגלעך צו אנדערהאלבן טויזנט קוילן, און הער טיער האט געשריבן צו זיינע פרעפעקטן: „אויב עס הערן זיך הארמאטן-שאסן, איז ניט די רעגירונג שולדיק דערינען, נאר דאס הייפל מורדים, וואס ווילן וויזן, אז זיי קעמפן, בעת אין דער אמתן וואגן זיי אפילו ניט די נאז ארויסצושטעלן". די קאמונע האט געגעבן הילף די באלאגערטע אין פאריז; זי האט אבער קיין זאך ניט געקענט אויפטאן פאר די אלע, וואס האבן זיך געפונען אין נעילי צווישן צוויי פייערן.

די גאנצע פרעסע האט גערופן צו האבן רחמנות, האט געפאדערט וואפנשטילשטאנד, כדי צו געבן א מעגלעכקייט אפצו-רוימען נעילי. עס האבן זיך אריינגעמישט די מאסאנען, די „ליגע פון די רעכט פון פאריז". מיט גרוים מי, — מחמת די גענעראלן האבן ניט געוואלט קיין וואפנשטילשטאנד — האבן די דעלעגאטן פון דער ליגע געפועלט, אז די מיליטערישע אקציע זאל אפגעשטעלט ווערן אויף אכט שעה. די קאמונע האט איבערגעגעבן אירע פינף מיטגלידער אויפצונעמען די באלאגערטע, און די מוניציפאלע מאכט האט פאר זיי צוגעגרייט א מקום-מקלט.

די פרויען-אפטיילונגען זיינען אוועק צוזאמען מיט דעם געהילף-מיליטער. דעם 25טן, ניין א זייגער אינדערפרי, איז די ארטילעריע אנטשוויגן געווארן פון די מאליא-טויערן אן ביז אניער. א ריזיקער המון פאריזער איינוואוינער איז געקומען באזוכן די חורבות אויף דער אווענין און די מאליא-טויערן, וואס האבן פאר-געשטעלט מיט זיך קופעס ערד, קוילן, שפליטערס פון גראנאטן; דער עולם האט זיך אפגעשטעלט לעבן די ארטילעריסטן, וואס האבן זיך אנגעלענט אן זייערע הארמאטן, ארום וועלכע עס האט זיך אויסגעוועבט א הערלעכע לעגענדע.

א סך זיינען זיך צעגאנגען איבער נעילי. דאס קליינע שטעטל, וואס איז אמאל געווען אזא קאקעטישע, האט איצט פאר די

שטראַלן פונם הערלעכן זוניקן טאָג פאַרגעשטעלט בלויז חרובע הייזער.

אויף די באַשטימטע גרענעצן שטייען צוויי רייען מיליטער, פון איין זייט רעגולער חייל, פון דער צווייטער — פעדעראַליסטן, וואָס זיינען איינס פון דאָס אַנדערע אָפּגעטיילט מיט צוואַנציק מעטער. די ווערסאַלער לייט, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון די זיכערסטע, האָבן זיך געפונען אונטערן אויפזיכט פון אָפיצירן מיט פּנימער פון קאַטאָרגע-לייט.

בעת די גוטמוטיקע פּאַריזער איינוואוינער פלעגן זיך דער-נעענטערן צו די זעלנער, האָבן זיי די אָפיצירן מכבד געווען אין באַק. בשעת איין זעלנער האָט העפלעך געענטפערט צוויי דאַמען, האָט דער אָפיציר אַרויסגעכאַפּט ביי אים די ביקס און אָנגעשטעלט אין די פּאַריזערינס מיט אַ געשריי: „אַט, ווי אַזוי מען שמועסט זיך דורך!" עטלעכע פּערזאָן, וואָס זיינען אַריבער ביידע זייטן גרענעץ, זיינען אַרעסטירט געוואָרן. עס איז אָבער געלונגען צו פאַרציען אָן אַ שלאַכט ביז פינף אַ זייגער אינאָוונט. יעדער איינער פון די פּאַריזער איינוואוינער האָט געבראַכט צו טראָגן, בעתן אומקערן זיך, אַ זעקל ערד צו באַפעסטיקן די טויערן פון מאַליאָ. דאָמ-בראָווסקי האָט געהייסן דערשיסן איינעם פון די אומגליקלעכע, וואָס האָבן אויסגענוצט זייער אַריבערגיין די גרענעץ לשם גזלה. אינאָוונט האָבן די ווערסאַלער לייט באַנייט די שיסעריי. זי האָט ניט אויפגעהערט לגמרי אין דער ריכטונג צו די דרום-פאָרטן, וואו די שונאים האָבן אַוועקגעשטעלט נייע באַטאַרייען; דאָס איז געווען דער ערשטער טייל פון הער טיערס פּלאַן. דעם 6טן האָט ער איבערגעגעבן די קאָמאַנדע איבער איינער פון די פראַנצויזישע אַרמייען מאַק-מאַהאָן, דעם זעלבן מאַק-מאַהאָן, וואָס האָט אום-געבראַכט די אַרמיי ביי סעדאַן, וועלכע מען האָט אים געהאַט אָנגעטרויט. די ווערסאַלער אַרמיי, וואָס איז אומעטום געווען צונויפגעזאַמלט, איז באַשטאַנען תחילת פון 46.000 מאַן, דאָס רוב אינגאַנצן אומפעיקע צו ערנסטע מעשים און נישטיקע ברואים. דאָס רופן פריווויליקע פון פּאַריז און פּראָווינץ האָט אין רעזולטאַט געגעבן בלויז צוויי אָפּטיילונגען: אַן אָפּטיילונג פריווויליקע פונם

סענער דעפּאַרטאַמענט, אין דער צאָל פון 350 מאַן, און פרייוויליקע פון דעם סענער און אואַזער דעפּאַרטאַמענט — ארום 200 — דאָס איז געווען אַן ערב־רב, אַ שטייגער, ווי די גערילאַס, דעמיסיאָנירטע אָפיצירן פון פרייע שיסער, מאָבילן, אין אַ אוניפאָרם, וואָס דערמאָנט די הלבשה פון דער נאַציאָנאַלער ארמיי. כדי צו באַקומען פון ערגעץ כוחות, האָט הער טיער געשיקט אין שליחות צו ביסמאַרקן זשול פאַווערן, ער זאָל עס ביי אים אויסבעטלען. דער פּריים האָט צוריקגעגעבן 60.000 געפאַנגענע און דערלויבט זיין מיטברודער פאַרגרעסערן די צאָל זעלנער ביז 130.000 מאַן אונטער פּאַריז, אַ ציפער, וואָס האָט לויט די ראשי־פּרקים פון שלום ניט באַדאַרפט זיין גרעסער פון 10.000. דעם 25טן אַפּריל האָט די ווערסאַלער ארמיי געציילט פינף קאָרפּוסן, וואָס מיט צוויי פון זיי האָבן אָנגעפירט דוע און אָן קלענשאַן און זיינען פאַרמירט געווען פון באַפרייטע געפאַנגענע אָון רעזערוון, וועלכע עס האָט אָנגע־פירט ווינוא, בסך־הכל 110.000 מאַן. די צאָל איז אויסגעוואַקסן ביז 130.000 אַקטיוו מיליטער און 170.000, וואָס האָבן באַקומען מיליטערישע קעסט. הער טיער האָט ארויסגעוויזן אַ פּלאַדיקע פעיקייט זיי צו ווענדן קעגן פּאַריז. די זעלנער האָט מען גוט געגעבן צו עסן, מען האָט זיי גוט אָנגעטאָן, שטרענג מרחיק געווען פון קומען אין באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט; די דיס־ציפּלין איז געוואָרן איינגעשטעלט. דאָך איז עס ניט געווען קיין מיליטער, וואָס איז פעיק צו מאַכן אַן אָנגריף, און די זעלנער זיינען געלאָפן ביי אַן אויסגעהאַלטענעם ווידערשטאַנד. ניט געקוקט אויף דעם אָפיציעלן בארימען זיך, האָבן די גענעראַלן אין תוך גענומען זיך פאַרלאָזן בלויז אויף דער ארטילעריע, וועלכער זיי האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען זייערע ערפאָלגן ביי קורבוואַוואַ און אַניער. בלויז די ארטילעריע האָט געקענט קעמפן מיט פּאַריז.

עס איז בפועל־ממש געווען ארומגערינגלט מיט באַגנעטן, פּונקט ווי בעת דער ערשטער באַלאַגערונג. דאָסמאָל האַלב מיט פּרעמדע און האַלב מיט פראַנצויזישע. די דייטשע ארמיי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ האַלב־קרייז, פון דער מאַרנע ביז סען־דעני, און פאַרנומען די פאָרטן פון מזרח־זייט, אחוץ דעם ווענ־

סענער, וואס איז געוואָרן אנטוואָפנט, — און פון צפון-זייט; די ווערסאַלער אַרמיי האט פאַרפולט דעם קרייז פון סען-דעני ביז ווילנעוו-סען-זשאָרזש, — און געהאט אין דער האנט בלויז דעם פאָרט מאָן-וואַלעריאַן. די פעדעראַליסטן האָבן פאַרנומען פינף פאָרטן: איוורי, ביסעטרער, מאָנרוזש, וואַנווער און איסי, די טראַנשייען און פאַרפּאָסטנס, וואס האָבן זיי פאַראייניקט, און די דערפער נעיִי, אַניער, סען-אואַן.

אָן אָרט, וואס מען האט געקענט אָנגרייפן ביי דער שטאָט-אָרומצוימונג, איז געווען די פאַרשפּיצונג ביי פּואַן-די-זשור אויף דרום-מזרח זייט. זי האט זיך געפונען אונטערן שויץ פונם פאָרט איסי. רעכטס א געגנט באַשיצטער דורכן פּאַרק, שלאָס איסי און דער טראַנשיי, וואס האט אים פאַראייניקט מיט דער סענע, אויף וועלכער עס האָבן זיך געדרייט קאַנאָניר-שיפלעך פון די פעדע-ראַליסטן, איז דער דאָזיקער פאָרט געווען אָפן פון רעכטס און פון לינקס פאַר די קוילן פון די הייכן בעלוויו, מעדאָן און שאַטיליאָן. הער טיער האט זיי באַוואָפנט מיט גרויסע האַרמאַטן, וואס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן פון טולאָן, שערבורג, דועּ, ליאָן און בעזאַנסאָן — 293 באַלאַגערונגס-לופעס — און זייער טעטיקייט איז געווען אַזאַ שטאַרקע, אַז תיכף נאָך די ערשטע טעג האט זיך דער פאָרט איסי אונטערגעגעבן. גענעראַל סיסיי, וועלכן מען האט באַפוילן פירן די דאָזיקע אָפּעראַציס, האט תיכף-ומיד אויך אָנגעהויבן די אַטאַקע.

א תל מאַכן פונם פאָרט איסי און וואַנוו, וואס האט אים געשטיצט, דערנאָך נעמען פּואַן-די-זשור, פון וואַנען דאס חיל קען צוגיין אין פאַריז, — אָט דאס איז געווען טיערס פּלאַן. די אָפּע-ראַציעס אויף דער ליניע סען-אואַן — נעיִי האָבן געצילט צו פאַרשטעלן די פאַריזער איינוואוינער דעם צוטריט אין קורבוואַ. וואָסערע כּוחות און וואָסער פּלאַן פון מעשים האט אַנטקעגנ-געשטעלט די קאָמונע? מענטשן איז געווען בסך-הכל: 96.000 זעלנער און 4.000 אָפיצירן אין דער אַקטיווער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע; פון דער צווייטער רעקרוטירונג—100.000 זעלנער און 3.500 אָפיצירן. דאס זיינען געווען לגמרי נישט פּינקטלעכע ציפערן, מחמת די

רשימות זיינען געווען פאַלשע, אָפּטמאָל פיקטיווע, דער עיקר זינט די אָנפירונג איז אריבער צום שעף פונם שטאַב מאַיערן. די זעקס־און־דרייסיק פרייע אָפּטיילונגען זיינען באַשטאַנען פון 3.450 מאַן. בכל אופן, ווען מען זאָל אפילו נעמען אין אַכט די גוזמא, האָט מען געקענט אָנקלייבן 60.000 קעמפער, אויב מען וואָלט זיך נאָר לייטיש געווען דערצו גענומען. מחמת איר שוואַכקייט האָט די מיליטערישע פאַרוואַלטונג ניט קאָנטראָלירט די ווייניקער מוטיקע אָדער די אַלע, וואָס האָבן זיך געקענט באַגיין אָן שכירות, — און האָט פאַקטיש אין דער קאַמפּאַניע פון סען־אואַן ביז איוורי געקענט בלויז אַנטקעגנשטעלן דער ווערסאַלער אַרמיי אַ שיטערלעכע ליניע פון 15—16 טויזנט פעדעראַליסטן.

די קאַוואַלעריע האָט פיגורירט בלויז אין די רשימות: העכסטנס איז דאָרט געווען פינף הונדערט פערד, צו פירן אַרטילעריע אָדער וועגן פאַר אָפיצירן און שטאַפּעטן. די אינזשענערן־דינסט איז געווען זייער אַ פרימיטיווע, ניט געקוקט אויף די שענסטע באַשלוסן. פון 1.100 הארמאַטן, וואָס פאַריז האָט פאַרמאַגט, האָט די אָנפירונג אויסגענוצט בלויז 200. ס'זיינען געווען בלויז פינף הונדערט אַרטילעריסטן, בעת אין דער רשימה זיינען געווען 2.500.

דאָמבראָווסקי האָט פאַרנומען די אַניערער בריק, לעוואַלוא־נעילי, העכסטנס מיט פיר אָדער פינף טויזנט זעלנער *. כדי צו שאַפן פאַר זיך אַ שוץ, האָט ער געהאַט אין קלישי און אַניער דרייסיק האַרמאַטן און צוויי בלינדירטע וואַגאָנען, וואָס האָבן פונם 15טן אַפּריל ביזן 22טן מאַי, שוין נאָך דעם אַריינטריט פונם

---

* די דאָזיקע ציפערן זיינען גוט געוואָרן קאָנטראָלירט, קודם־כל **de visu**, בעת דעם קאַמף, שפּעטער, לויט די ידיעות פון די אַרמיי־קאָמאַנדירן, עלטערע אָפיצירן און אָנגעשטעלטע פון דער קאָמונע. גענעראַל אַפּער האָט צונויפגעשטעלט אומגעהייער פאַנטאַסטישע טאַבעלן. ער האָט געשאַפן אילוזיאָנערע בריגאַדעס, האָט געמאַכט אַ מענטשן־באַשטאַנד פון דער אַרמיי, ווי די באַטאַליאָנען וואָלטן ווירקלעך אַרויסגעטראָטן, און האָט די גאַנצע צייט זיך געפירט זיין חשבון. ער איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט דאָמבראָווסקין צוגערעכנט נאָך 20.000 מאַן און די דריי אַרמיי־קאָמאַנדירן נאָך 50.000 מאַן. זיין באַריכט איז פול מיט טעותן אין די נעמען, אַמאָל, ער האָט אַפילו ניט די נעמען פון אַ טייל גענעראַלן.

חייל, ניט אויפגעהערט צו דרייען זיך אויפן וועג; אין לעוואלוא האט ער געהאט צוועלף הארמאטן. די צפונדיקע וואלן האבן אים מיטגעהאלפן און די זיגרייכע טויערן פון מאליא האבן אים געדינט אלס שוץ אין נעילי.

אויפן לינקן ברעג פון איסי ביז איוורי, אין די פארטן, אין די דערפער, אין די טראנשייען, האבן זיך געפונען צען אדער עלף טויזנט פעדעראליסטן. אינם פארט איסי איז דורכשניטלעך געווען זעקס הונדערט מאן, פופציק זיבנפונטיקע און צוועלפפונטיקע הארמאטן, וואס צוויי דריטל פון זיי זיינען ניט געווען טעטיק. דער 72טער און 73טער באסטיאן האבן אים א ביסל געשטיצט מיט דער הילף פון פיר בלינדירטע לאקאמאטיוון, וואס האבן זיך געפונען אויפן וועגפירער פון פואן־די־זשור. אונטן האבן די פריש באוואפנטע קאנאניר־שיפלעך באשאסן ברעטעיל, סעוור, ברימבאריאן, האבן געוואגט אפילו זיך צו רוקן ביז שאטיליאן און באשיסן מעדאן אן שוץ. עטלעכע הונדערט שיסער האבן פארנומען דעם פארק און דעם פאלאץ פון איסי, מולינא, דעם וואל און די טראנשייען, וואס האבן פאראייניקט דעם פארט איסי מיט דעם פארט וואנוו. דער לעצטער, אן אפענער, ווי איסי, פאר הארמאטן־שיסעריי, וואס האבן זיך געלאזט הערן פון די הייכן, האט מוטיק אויסגעהאלטן דעם דראנג מיט א גארניזאן פון פינף־הונדערט מאן און צוואנציק הארמאטן. די באסטיאנען פון דער שטאט־פארצוימונג האבן אים ווייניק־וואס געהאלפן.

דער פארט מאנרוזש מיט 350 זעלנער און צען אדער פופצן הארמאטן האבן זיך ניט געשטעלט קיין אנדערן ציל, ווי שטיצן די שיסעריי פון וואנוו. דער ביסעטר־פארט, וואס האט פארמאגט 500 מאן און צוואנציק הארמאטן, האט געשאסן סתם אין דער זועלט אריין. דריי וויכטיקע שאנצן האבן אים אונטערגעהאלטן: אט־ברויער מיט פינף הונדערט מאן און צוואנציק הארמאטן, מולען־סאקע מיט זיבן הונדערט מאן און פערצן הארמאטן, וויל־זשויף מיט דריי הונדערט מאן און פערציק הארמאטן. גאר לינקס האט דער פארט איוורי מיט אלע בנינים, וואס געהערן זיך אן צו אים, געהאט 500 מאן מיט פערציק הארמאטן. די צווישנדיקע

דערפער, זשענטילי קאַשאַן, אַרקעיל זיינען פאַרנומען געווען דורך צוויי טויזנט אָדער צוויי טויזנט פינף הונדערט פעדעראַליסטן. די נאָמינאַלע אָנפירונג איבער די דרום=פאָרטן, וואָס איז תחילת איבערגעגעבן געוואָרן עדן, וועלכן ס׳האָט מיטגעהאָלפן לאַ=סעסיליאַ, אַ געוועזענער אָפיציר פונם אינזשענערן=קאָרפּוס אין מוארים אַרמיי, איז דעם 20טן אַפּריל אַריבער צום עלזאַסער וועטצעל, אַן אָפיציר פון דער זעלבער אַרמיי. פון זיין הויפּט=קוואַרטיר אין איסי האָט ער באַדאַרפט אָפּהיטן די טראַנשייען אין איסי און וואַנוו און פירן די פאַרטיידיקונג פון די פאָרטן. אין דער אמתן אָבער האָבן די קאָמאַנדירן פון די פאָרטן, וועלכע האָבן זיך אָפּט געביטן, געאַרבעט תמיד לויט זייער איינזען. די קאָמאַנדע אויפן שטח פון איוורי ביז אַרקעיל איז אין האַלב=אַפּריל איבערגעגעבן געוואָרן וורובלעווסקין, איינעם פון די בעסטע אָפיצירן פונם פוילישן אויפשטאַנד אין 63טן יאָר, אַ יונגן, מיליטעריש גוט אויסגעשולטן, דרייסטן, טיפן, גלענצנדן קאָמאַנדיר פונם יונגן מיליטער, וועלכער האָט אַלץ דורכגעטראַכט און מיט קאָפּ געטאָן.

די אַלע הויפּט=אָפיצירן האָבן באַקומען בלויז איין באַפעל: „פאַרטיידיקט זיך". קיין גרונדפּלאַן האָבן זיי ניט געהאַט. ס׳איז געווען בלויז איין מיליטערישער ראַט פון דער פאַרטיידיקונג. לייט זיינען אָפט געבליבן אָן צוזע, אָן אַכט און פאַרזאָרגונג. ס׳איז געווען ווייניק אָדער בכלל קיין דירות ניט געווען. אַלע באַמיונגען זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די זעלבע פערזאָנען. אַ טייל באַטאַליאָנען זיינען פאַרבליבן צוואַנציק=דרייסיק טעג אין די טראַנשייען אָן די נייטיקסטע זאַכן, אַנדערע ווידער האָבן זיך כסדר געפונען אין די רעזערוון. אויב עס זיינען געווען עטלעכע אומדערשראָקענע לייט, וואָס זיינען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין פייער, אַז זיי האָבן זיך שוין מער ניט געוואָלט אומקערן פון דאָרטן, פאַר דאָס האָבן אַנדערע פאַרלאָרן זייער מוט, זיינען געקומען, כדי צו ווייזן זייערע פאַרלייזיקטע מלבושים, געבעטן אָפּרו; די קאָמאַנדירן האָבן זיי געמוזט איבערלאָזן, מחמת זיי האָבן ניט געהאַט קיינעם, ווער עס זאָל זיי פאַרבייטן. די דאָזיקע זאָרגלאָזיקייט האָט אינגיכן אונטערגעריסן די דיסציפּלין. די מוטיקע

האָבן ניט געוואָלט זיין פון קיינעם אָפּהענגיק, אחוץ פון זיך אַליין. אַנדערע האָבן אויסגעמיטן די דינסט. די אָפיצירן האָבן זיך אויך אַזוי געפירט; אַ טייל האָבן געוואָרפן זייער פּאָסטן, כדי אַנטייל צו נעמען אין דעם שכנס שיסעריי, אַנדערע ווידער האָבן אים פאַרלאָזן. דאָס מיליטערישע געריכט, אונטער ראָסעלס פאָרזיץ, האָט בדעה געהאַט איינצופירן שטראָף. דעמאָלט האָט מען זיך באַקלאָגט פאַר דער קאָמונע אויף זיין שטרענגקייט. לאַנגע האָט געזאָגט, אַז ער פאַרמאָגט ניט קיין „פּאָליטישן טאַקט". די קאָמונע האָט געענדערט זיינע באַשלוסן, האָט פאַרביטן טויט-שטראָף אויף דריי חדשים תּפיסה. ראָסעלן האָט מען באַזייטיקט, זיין שטעלע האָט פאַרנומען גוא.

היות קיין מיליטערישע דיסציפּלין האָט מען ניט אָנערקענט, האָט מען געמוזט בייטן די טאַקטיק. מען האָט געהאַלטן אין איין באַשולדיקן קליוזערען. אויף דער זיצונג פון 23טן דריקט אוריעל אים צו צו דער וואַנט, פאַרשיט אים מיט פראַגן וועגן דער צאָל מענטשן און הארמאַטן, וואָס די קאָמונע פאַרמאָגט. קליוזערע האָט זיך נעשטעלט אין אַ פּאָזע. „דאָס אויסזען פון אַ דיקטאַטאָר פּאַסט אייך ניט", — האָט אים דעלעקליוז גראָב אָ זאָג געטאָן און געמאַכט אַ פאָרוואורף, וואָס ער האָט פאַרלאָזן דאָמבראָווסקין, אַניער מיט 1200 מאַן, און באַנוצט דערביי דאָס וואָרט „בגידה". „מען האָט מיך באַליידיקט!" — האָט קליוזערע אויסגעשריען און געוואָלט פאַרלאָזן דעם זאַל. מען האָט זיך אָקעגנגעשטעלט. אין אַ לאַנגער רעדע האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן, אָבער קיינעם ניט איבערצייגט, מחמת שוין צומאָרגנס האָט איינער פון די קאָמונע-מיטגלידער געפאָדערט אים צו אַרעסטירן פאַר זיין מיטהילף די אונטער-קאָמיטעטן. די דאָזיקע אונטערקאָמיטעטן זיינען געווען שפּליטערס פונם צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס האָבן זיך אומעטום פאַרשפּרייט. דעם 1טן אַפּריל האָט די קאָמונע געשטעלט אַ שאלה, וואָסער ראָלע עס שפּילט אַזאַ קאָמיטעט אויף ד'אַליגר-גאַס און אויף וואָסער סמך גיט ער אַרויס באַפעלן; דעם 6טן באַשליסט זי, אַז די אונטער-קאָמיטעטן זאָלן ווערן פונאַנדערגע-לאָזט; דעם 9טן איז טעים מודיע, אַז זיי זיינען ווייטער טעטיק, אַז דער קאָמיטעט פונם 18טן קרייז איז נאָר-וואָס גע-

גרינדעט געווארן דורכן צענטראל=קאמיטעט, דעם 26טן האבן די אונטער=קאמיטעטן אלץ נאך אזא השפעה,—אז די קאמונע באשליסט נאכאמאל זיי פונאנדערצולאזן, און ווערמארעל מעלדעט: „מען דארף וויסן, צו וועמען עס געהערט די מאכט, — צו דער קאמונע, אדער צום צענטראל=קאמיטעט“, ער וויל, אז מען זאל מאכן דערצו א סוף. ביז צום סוף איז נאך א מהלך=רב. דעם 26טן, בעת די מיליטערישע קאמיסיע דערוויסט זיך, אז די באשלוסן און דעקרעטן בלייבן א טויטער אות, — גיט זי איבער דער מוניציפאלער מאכט, דעם צענטראל=קאמיטעט, די לעגיאנען=קאמאנדירן צו רעפארמירן די נאציאנאלע גווארדיע; קיין איינער פון די דאזיקע מעכאניזמען ארבעט ניט ערנסט, צוליב וואס די מיטגלידער פון דער קאמונע און די הויפט=אפיצירן הייבן אן צו טרוימען וועגן א מיליטערישער דיקטאטור.

ביז סוף אפריל, ווי פאר יעדער געניט אויג איז געווען קלאר, זיינען די אנגריף=מעשים, וואס קליוזערע האט צוגעזאגט, געווען אוממעגלעך. אינעווייניק ווערן מענטשן, וואס גיבן זיך אפ מיט מסירת=נפש און ענערגיע צו דער זאך, ממש פארמאטערט און פטרן די כוחות אויף קאמף מיט כלערליי ביוראס, קאמיטעטן, אונטער = קאמיטעטן, אומצאליקע פרעטענציעזע מעכאניזמען פון קאנקורירנדיקע פארוואלטונגען — און פארלירן א גאנצן טאג, כדי צו באקומען כאטש עפעס א הארמאט. אויף די וואלן רייסן עטלעכע ארטילעריסטן דורך די רייען פון די ווערסאלער לייט און בעטן קיין זאך ניט, אחוץ ברויט מיט אייזן, פארלאזנדיק זייערע פאסטנס ערשט דעמאלט, ווען עס פארטיליקן זיי די קוילן. די פארטן מיט די אנטוואפנטע קאזעמאטן, מיט די אמבראזורעס, וואס זיינען צעריבן געווארן אויף שטויב, ענטפערן אויף דער אומאויפהערלעכער שיסעריי פון די הייכן.

די דרייסטע שיסער לאזן זיך אן שום שוץ פאראויס און כאפן די פוסגייער אין זייערע גריבער. דאס דאזיקע מסירת=נפש, די אלע העלדישע מעשים גייען אבער אומזיסט לאיבוד. דאס איז געווען א מאשינען=קעסל, וואס דער דאמף גייט פון אים ארויס דורך הונדערט לעכער.

אכצנטער קאַפּיטל

די אָרגאַניזאַציעס פון די געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, פון די פינאַנסן, פון מיליטערישע ענינים, פּאָליציי, אויסלענדישע ענינים, יוסטיץ, בילדונג, אַרבעט און אויסטויש.

דעם 20טן אַפּריל האָט די קאָמונע באַשלאָסן צו פאַרבייטן די אויספיר-קאָמיסיע מיט דעלעגאַטן פון נײַן קאָמיסיעס, וואָס האָבן צעטיילט צווישן זיך די געזעלשאַפטלעכע אַמטן. די דאָזיקע קאָמיסיעס זײַנען צוריקגעשטעלט געוואָרן דעמזעלבן טאָג. די אַרבעט איז דאָרט געווען גאַנץ פֿײַן פאַרלאָזן; מען האָט אייגנטלעך ניט געקענט אַרבעטן לייטיש אויף די טאָג-טעגלעכע זיצונגען פון שטאָט-ראַט, אין דער קאָמיסיע און אין דער מעריע — די קאָמונע האָט צופיל באַלעסטיקט אירע מיטגלידער מיט אַדמיניסטראַטיווע פליכטן אין דעם גבול פון באַזונדערע קרייזן. אַזוי אַרום איז די גאַנצע אַרבעט אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די דעלעגאַטן. דאָס רוב געוויילטע פונם 20טן האָבן געפירט דעם פאָרזיץ פון תחילת אָן אין דיזעלבע קאָמיסיעס. זיי האָבן, פונקט ווי פריער, כּסדר געאַרבעט איינזאַם. מיר וועלן באַטראַכטן זייער אַרבעט, איידער מיר וועלן זיך ווידער אַרײַנטיפן אין דעם באַשרײַבן די שלאַכטן.

צוויי דעלעגאַציעס האָבן זיך געניייטיקט אין גוטן ווילן: די אַפּראָוויזאַציע און די געזעלשאַפטלעכע אָדער מוניציפּאַלע אַנשטאַלטן. דאָס פאַרזען מיט פּראָדוקטן פלעג פאָרקומען דורך דעם נייטראַלן פּאַס, וואו העט טיער, וועלכער האָט זיך באַמיט צו פאַרפּייניקן פּאַריז מיט הונגער, האָט ניט געהאַט קיין שליטה אין שטערן צושטעלן פּראָדוקטן. דאָס רוב פון די אַזויגערופענע „עקיפּ" *

---

* „עקיפּ" — איז אַן אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אויס, געוויסע ספּעציעלע אַרבעטן אין דער מוניציפּאַליטעט-דינסט, למשל: דאָס רייניקן די גאַסן, דאָס אָנצינדן די לאַמטערנעס וכדומה.

זיינען געבליבן אויף זייערע ערטער, אזוי, אז די מוניציפאלע ענינים האבן קיין סך ניט געליטן. פיר דעלעגאציעס: פינאנסן, מיליטערישע ענינים, געזעלשאפטלעכע זיכערקייט, אויסלענדישע ענינים האבן געפאדערט ספעציעלע פעיקייטן. דריי האבן באדארפט אנטפלעקן די פילאסאפיע פון דער גאנצער רעוואלוציע: די בילדונג, די געריכטן, די ארבעט=ארגאניזאציע און דער אויסטויש. אלע דעלעגאטן, אחוץ איינעם, לעא פראנקעל, וואס איז אליין געוועזן א יובילער=ארבעטער, זיינען געווען געלערנטע פון דער קליין=בורזשואזיע ארויס.

אין דער פינאנס=קאמיסיע איז געווען זשורד, דער דאזיקער יונגער רעכנמייסטער, וואס האט ארויסגעוויזן זעלטענע קונסט דעם 18טן מערץ. א זייער שארפזיניקער און אין דערזעלבער צייט א בעל=התפעלות, וואס האט געהאט א מערקווערדיק לייכטן כוח=הדיבור, האט ער זיך איינגעקויפט פריינדשאפט ביי זיין חבר ווארלען. די ערשטע אויפגאבע פון יעדן פרימארגן איז געווען צו באשפייזן דריי=פערטהאלבן הונדערט טויזנט מאן. פון 600.000 ארבעטער, וואס האבן געארבעט ביי א באלעבאס אדער זעלבשטענדיק און האבן זיך געפונען אין פאריז אין יאר 1870–71, זיינען פארנומען געווען מיט ארבעט בסך=הכל 114.000, בתוכם 62.500 פרויען *. מען האט אחוצדעם באדארפט אויסהאלטן כל=המינים דינערשאפט. די ווער=סאלער לייט, ווי מיר זעען, האבן איבערגעלאזט אין די קאסעס בלויז 4.658.000 פראנק, — זשורד ווידער האט געוואלט לאזן אומגערירט 214.000.000 אין ווערט=פאפירן, וואס זיינען געפונען געווארן אינם פינאנס=מיניסטעריום. אין די הענט פון די פאריזער האט זיך געפונען דער רייכער פראנצויזישער באנק; ס'איז פאר=ווערט געווארן אים צו רירן. די דעלעגאציע איז געצוואונגען געווען צו שטיצן און פארטיידיקן פאריז, באנוצנדיק זיך בלויז מיט די הכנסות פון די געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן: טעלעגראף, פאסט, אקציז, דירעקטע שטייערן, צאל=קאמער, מארק=שטייער און טארג=אפצאל, טאבאק=צינז, הכנסות פון דער שטאט=קאסע, באנען,

---

* אָריגאַן: "Revue des Deux Mondes" פון 15 מאי 1871.

די פראנצויזישע באנק האט געמוזט ביסלעכווייז ארויסגעבן 9.400.000 פראנק, וואס געהערן צו דער שטאט, און געבן א הלוואה, לויט הער טיערס דערלויבעניש *, אירע אייגענע 7.290.000 פראנק. פונם 20טן מערץ ביז דעם 30טן אפריל האט די קאמונע אזוי ארום צונויפגעזאמלט 26 מיליאן. אין משך פון דעם זעלבן פעריאד האט די מיליטערישע פארוואלטונג ארויסבאקומען העכער צוואנציק. די אינטענדאנטור האט באקומען 1.813.000 פראנק, די מוניציפאלע מאכט אין אלגעמיין 1.446.000, די פארוואלטונג איבער די אינער-לעכע ענינים—103.000, די ים-פארוואלטונג—29.000, דאס געריכט—5.500, דער האנדל—50.000, בילדונג—1.000, אויסלענדישע ענינים—112.000, די פייערלעשער—100.000, די נאציאנאלע ביבליאטעק—80.000, די באריקאדן-קאמיסיע—44.500, די נאציאנאלע דרוקעריי—100.000, די געזעלשאפט פון שניידער און שוסטער—24.662. די דאזיקע פארהעלטעניש איז לפי-ערך פארבליבן פונם 1טן מאי ביזן פאלן פון דער קאמונע. די הוצאות פון דעם צווייטן פעריאד דערגרייכן אן ערך ביז 20 מיליאן. די אלגעמיינע ציפער פון די הוצאות פונם צענטראל-קאמיטעט און דער קאמונע אין משך פון ביין וואכן איז א ביסל מער פון 46.300.000 פראנק, וואס פון זיי האט 16.696.000 צוגעשטעלט די באנק, די איבעריקע—די אמטן, דערביי — די שטאטישע צאל-קאמער ארום צוועלף מיליאן. זשול סימאן האט געשריבן: „ביי קיין שום רעזשים האט מען ניט געפטרט אזוי פיל געלט", אין דער צייט, וואס די קאמונע האט באקומען פונקט אויף אזוי פיל, וויפל זי דארף דאס חיות צו דערהאלטן, האט די פראנצויזישע באנק צוגענומען 257.630.000 פראנק מיט וועקסלען, וואס זיינען איר איבערגעוויזן געווארן דורך ווערסאל, כדי צו פירן א קאמף מיט פאריז.

אלע אויסגערעכנטע אמטן האבן זיך געפונען אין די הענט

* די באנק האט שפעטער געפאדערט אירע מיליאנען ביי הער טיערן, וואס האט זי אפגעשיקט צום מלוכה-ראט. דער לעצטער האט ערקלערט, אז די באנק האט זיך אזוי אויך געלונגען ארויסגעדרייט פון דער לאגע און ביליק פטור געווארן פונם עסק, האט ערקלערט די מלוכה אלס אומפאראנטווארטלעך, ווי דאס איז באשטימט געווארן אין דער ביודזשעט-קאמיסיע.

פון די אַרבעטער אָדער באַאַמטע־פּראָלעטאַריער. אומעטום איז גענוג געווען אַ פערטל געוויינלעכע באַאַמטע. דער פּאָסט־דירעקטאָר, טעיס, אַ געוועזענער מינצער, האָט געפונען די גאַנצע אַרבעט אין אָרדענונג, די קרייז־ביוראָס זיינען געווען געשלאָסן, די מאַרקעס באַהאַלטן אָדער אַוועקגעטראָגן; די מכשירים, די חתימות, די וועגעלעך זיינען געווען צערויבט, די קאַסע אַ תל. די מודעות, וואָס זיינען געהאַנגען אין די זאַלן אָדער אין די הויפן, האָבן געהייסן די באַאַמטע זיך איבערגעבן ווערסאַל אונטער דער דראָונג, אַז זיי וועלן קריגן דעמיסיע. טעיס האָט געאַרבעט שנעל און ענערגיש. בעת די ייִנגערע באַאַמטע זיינען, ווי דער שטייגער איז, געקומען, כּדי זיך פונאַנדערצוגיין, האָט ער זיך געווענדט צו זיי מיט אַ רעדע, געפירט מיט זיי מחלוקת, געהייסן שליסן די טירן. ביסלעכווייז האָט זיך איינגעגעבן דעם ענין צו ברענגען אין אָרדענונג. עטלעכע באַאַמטע־סאָציאַליסטן האָבן זיי געהאָלפן. די עלטערע קאַנצעלאַריע־באַאַמטע זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אָן דער שפּיץ פונם אַמט. די קרייז־ביוראָס זיינען געעפנט געוואָרן און אין משך פון אַכט און פערציק שעה איז דאָס אָננעמען און אַרויסגעבן בריוו—צוריקגעשטעלט געוואָרן. פלינקע אַגענטן האָבן זיך געלאָזן אַריינוואַרפן אין ביוראָ פון סען־דעני און אויף צען ליע אַרום— בריוו פאַר דער פּראָווינץ. דאָס אַריינפירן בריוו קיין פּאַריז האָט מען איבערגעגעבן אין דער גאַנצער מאָס דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַגענטורן. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ העכערער ראַט, וואָס האָט געהעכערט די בריוו־טרעגער די שכירות, אויך די וועכטער פון די ביוראָס, די עקספּעדיטאָרן, האָט פאַרקירצט די דינסט אויסער דעם שטאַט, — און באַשלאָסן, אַז די פעיִקייטן פון די אַרבעטער וועלן קוואַליפיצירט ווערן דורך עקזאַמענס און דערפאַרונג.

מיט דער מינצעריי, וואָס האָט פאַבריצירט מאַרקעס, האָט אָנגעפירט קאַמעלינאַ, אַ בראָנזירער. פונקט ווי אינם פּאָסט־הויפּט־אַמט, האָט דער דירעקטאָר מיט די העכערע באַאַמטע געפירט אונטערהאַנדלונגען בנוגע דער מינצעריי, און דערנאָך זיינען זיי נעלם געוואָרן. קאַמעלינאַ האָט מיט דער הילף פון עטלעכע פריינד געצוואונגען

ווייטער פירן די ארבעט, און היות יעדער איינער פון זיי האט אריינגעבראכט זיין פראפעסיאנעלע געניטשאפט, זיינען געמאכט געווארן חידושים אין די מכשירים און איינגעפירט געווארן נייע מעטאדן. מען האט געמינצט זילבערנע מטבעות פון מאטעריאל, וואס דער שטאטראט האט צוגעשיקט *, דער פאלאץ פון ערן־לעגיאן, פארשיידענע אמטן, טיילווייז אויך פון די גאטדינסט־מכשירים. די באנק, וואס האט אירע שמעלצשטיקער באהאלטן, האט סוף־כל־סוף געמוזט צושטעלן זילבער אויף 1.000.000 פראנק; זי האט געשיקט די דאזיקע סומע אין פינף־פראנקיקע מטבעות, געמינצטע אין 48טן יאר, מיטן אויפשריפט מלוכה־גאראנטיע מיט א דריישפיץ. מען האט אנגעהויבן אויף דאס ניי מינצן.

די געזעלשאפטלעכע פארזארגונג איז אויך געווען אונטערגעווארפן דעם פינאנץ־אמט. טרעילאר, א מאן, וואס האט א סך אויסגעטאן פארן פאלק, איינער פון די פארמשפטע אין 51טן יאר, האט רעפארמירט דאס דאזיקע געביט, וואס איז געווען שטארק פארלאזט. די דאקטוירים, די נידעריקע באאמטע האבן פארלאזן די שפיטעלער. דער דירעקטאר און עקאנאם פון „פטי־מענאנס" אין איסי זיינען אנטלאפן און געלאזן זייערע אינטערנאט־לייט בעטלען נדבות. די באאמטע האבן געצוואונגען אונזערע פארוואונדעטע ווארטן פאר די טויערן פון שפיטאל; די דאקטוירים און בארעמהארציקע שוועסטער האבן זיך באמיט זיי צו פארשעמען, אנווייזנדיק אויף די רומפולע וואונדן פון זייערע פאציענטן.

טרעילאר האט איינגעפירט א נייעם סדר. דאס צווייטע מאל, זינט 1799, האבן קראנקע און אומבאהאלפענע געפונען פריינד אין די פערזאנען פון זייערע אדמיניסטראטארן און האבן געבענטשט די קאמונע, וואס איז זיך באגאנגען מיט זיי, ווי א מוטער. דער

* די פעדעראליסטן, וואס האבן פארנומען דעם שטאטראט, האבן זיך באנוצט מיט אייזערנע נאפל־לעפל און ניט קיין זילבערנע. דאס זילבער, וואס איז צוגעשטעלט געווארן דער קאמונע, איז ווי עס געהער צו זיין געווארן צעשמאלצן אין דער מינצעריי: קיין איין שטיק איז ניט פארפאלן געגאנגען (באריכט, וואס איז צוגעשטעלט געווארן דעם 9טן מערץ 1880 דעם מוניציפאל־ראט).

דאזיקער הארציקער און קלוגער מענטש, וואס די ווערסאלער לייט האבן דערהרגעט דעם 24טן מאי, אינם הויף פון דער פאליטעכנישער שול, האט איבערגעלאזט א בארימטן רעפעראט וועגן מבטל מאכן די צדקה־ביוראס, וואס זיינען מכניע דעם ארעמאן דער רעגירונג און די גייסטלעכע. ער האט פארגעלייגט, אז זיי זאלן פארביטן ווערן דורך א ביורא פון גוזעלשאפטלעכער פארזארגונג אין יעדן קרייז, אונטער דער אנפירונג פון א קאמו־נאלן קאמיטעט. דער טעלעגראף, די רעגיסטראטור און די מלוכה־גיטער האבן זיך געפונען אונטער דער מוסטערהאפטער פארוואל־טונג פון דעם ערלעכן פאנטען; די שטייער־אמטן זיינען אינגאנצן צוריקגעשטעלט געווארן דורך פאילע און קאמבא, די מלוכה־דרוקעריי, וואס איז רעארגאניזירט געווארן דורך דעבאקן און אלאוואואנען, האט זיך געפונען אונטער א געניטער האנט; אלע איבעריקע אנשטאלטן, וואס האבן א שייכות צו פינאנסן און ווערן געווויינלעך רעפרעזענטירט דורך דער העכערער בורזשו־אזיע, זיינען געפירט געווארן מוסטערהאפט און עקאנאמיש (ביזן מאקסימום דעפאזיטן — 6.000 פראנק — איז מען קיינמאל ניט דערגאנגען) דורך מענטשן, וואס האבן וועגן זייער אייגענער קאריערע ניט געטראכט, און דאס איז געווען אין די אויגן פון דער ווערסאלער בורזשואזיע ניט פון די קלענסטע פארברעכנס.

אין פארגלייך מיט די פינאנסן איז דער מיליטערישער אמט געווען עפעס א פינסטערער בנין, אין וועלכן עס האבן זיך געדרענגט בלעריי מענטשן. די אפיצירן, די גוואַרדייער האבן פארפלייצט דאס ביורא פון מיניסטעריום, געבעטן אפראוויזאציע, שכירות, זיך באקלאגט, וואס קיינער פארבייט זיי ניט. מען האט זיי געשיקט אויפן פלאץ, וואו פריער האט ארויסגעגעבן פארארדענונ־גען דער פאלקאווניק אנרי פראדאם, שפעטער ווידער דאמבראוסקי. אויפן אונטערשטן שטאק האט דער צענטראל־קאמיטעט, וואס איז גע־גרינדעט געווארן דורך קליוזערע, געפירט זיצונגען, אויף וועלכע מען האט געהאלטן אין איין דרשנען, האט געטאדלט דעם דעלעגאט, זיך געשפילט, אויסגעטראכט א אויסצייכענונג, האט אויפגענומען אומצופרידענע, האט אויסגעפרעגט וועגן דער לאגע ביים גענעראל־

שטאַב, האָט אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג צו געבן עצות אין דער
מיליטערישער אַקציע. פון זיין זייט ווידער האָט דער אַרטילעריע=
קאָמיטעט, וואָס איז אַנטשטאַנען דעם 18טן מערץ, געמאָנט ביים
מלחמה=מיניסטעריום די האַרמאַטן. דאָס לעצטע האָט פאַרוואַלט
מיט די האַרמאַטן פונם מאַרס=פעלד, און דער קאָמיטעט — אויפן
מאָנמאַרטר. מען האָט בשום אופן ניט געקענט שאַפן קיין צענ=
טראַלן אַרטילעריע=פּאַרק, ניט אַפילו דערגיין גענוי די צאָל האַר=
מאַטן. די דאָזיקע צאָל איז דערגאַנגען ביז טויזנט=עלף הונדערט
האַרמאַטן, הויביצעס, מאַשינען=געווער און שיס=געשטעלן. די וויט=
שיסנדיקע האַרמאַטן זיינען ביז דער לעצטער רגע געבליבן אויף
די וואַלן, בשעת ווען די פאָרטן זיינען בכוח געווען אַנטקעגנצושטעלן
די ריזיקע פּלאַט=האַרמאַטן פונם שונא בלויז זיבן= און צוועלף=
פונטיקע האַרמאַטן; די קוילן, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן,
פלעגן אָפטמאָל זיין ניט קיין צוגעפּאַסטע.

דאָס באַזאָרגן מיט געווער איז געווען קלאָגעדיק אָרגאַ=
ניזירט; די קאָמונע איז ניט מסוגל געווען צו פאַרזען מיט ביקסן
„שאַספּאָ" אַלע אָנטיילנעמער פון דער מיליטערישער אַקציע, און
די ווערסאַלער לייט ווידער האָבן נאָכן נצחון געפונען ביקסן פון
דער דאָזיקער סיסטעם אַזש 285.000, העכער 190.000 מאַגאַזין=
ביקסן און 14.000 ענפילד=ביקסן. דערצו האָט געהערשט אַ פול=
קומער תוהו=ובוהו. „איך האָב געזען די אומגעווייnלעכע חשבונות
פון די אַרטילערישע מכשירים, זאָגט דעם 9טן מאַי אַוריאַל;
פונם 18טן מערץ זיינען די אָפיצירן צוגעשטעלט געוואָרן טויזנט
רעוואָלווערן צו 50 פראַנק יעדערע, געווער, שווערדן צו אויסער=
געוויינלעכע מקחים. איך האָבן זיך גענומען אַ מענטשן, דער
צענטראַל=קאָמיטעט האָט געשיקט אַ דעלעגאַט מיט אַ באַנד, וואָס
האָט מיין מענטשן אַרויסגעוואָרפן הינטער דער טיר". די קאָמונע
גיט אַרויס אַ באַפעל, אַז די באַאַמטע, ציווילע און מיליטערישע,
וואָס וועלן שולדיק זיין אין נעמען שוחד, מוזן תיכף איבערגעגעבן
ווערן צום געריכט. דעם 8טן נאָך מאַכט זשאָאַנאַר אַ שרעקלעכן
אויספאַל קעגן די אָפיצירן פונם הויפּט=שטאַב, וואָס זיינען געשאַפן
געוואָרן דורכן צענטראַל=קאָמיטעט: „פאַרשיידענע יונגעלייטלעך

זשענירן זיך ניט צו קומען אין אונזערע מאגאזינען און אויסקלייבן זיך, וועלכע געוועזר זייער הארץ געלוסט". פון אנהייב אן האט דיקאמונע זיך באקלאגט אויף דער אינטענדאנטור: „דאס איז אן אמתער כאאס",— זאגן זיי וועגן איר נאך דעם 24טן אפריל. דעלעקליוז וויזט אן אויף דער שלעכטער הלבשה פון די מענטשן, וואס האבן קיין הויז נים, קיין שטיוול, קיין קאלדרעס; דעם 28טן ווערן די תרעומות טאפלט גרוים; די ברידער מע — די אינטענדאנטן האבן געקראגן דעמיסיע, און די קאמונע שטעכפלט זיי אין אן ארטיקל, וואס איז אפגעדרוקט געווארן אין „אפיסיעל". דעם 8טן מאי זאגט ווארלען, אז צוליב א טעות אין קאנטראל האבן א סך באטאליאנען באקומען צו עטלעכע מאל מלבושים, אנדערע ווידער באקומען גארניט.

פונקט אזוי איז געווען די אומארדענונג אין דער פארוואלטונג פון די באריקאדעס, וואס האבן באדארפט שאפן די ערשטע און די צווייטע פארצוימונג. דאס אויפבויען זיי איז איבערגעגעבן געווארן א פאנטאזיאר, וואס האט צעטיילט ארבעט אן א סיסטעם און קעגן דעם פלאן פון זיינע קאמאנדירן. די אנדערע געביטן פון פארוואלטונג זיינען געפירט געווען אויף דעמזעלבן אופן, אן פעסטע פרינציפן, אן פונאנדערטיילן די אמטן, — א מעכאניזם, וואס די רעדער פארטשעפען איינס דאס אנדערע אן שום ציל. אינם דאזיקן קאנצערט אן א דיריזשאר האט יעדע כלי געשפילט דאס, וואס איר איז געפעלן, צונויפמישנדיק איר פארטיע מיט דער פארטיע פון איר שכן. בלויז א שטייפע האנט וואלט בכוח געווען איינצושטעלן הארמאניע. דעם צענטראל-קאמיטעט וואלט זייער לייכט געווען צו באגרענעצן, נים געקוקט אויף זיין תשוקה צו הערשן איבער דער קאמונע, וועגן וועלכער ער האט געזאגט: „דאס איז אונזער טאכטער, מיר דארפן זי אפהיטן פון פאלשע שריט". ער איז דאס רוב באנייט געווארן דורך וואלן, וואס זייער ריכטיקייט האט ארויסגערופן גרויסע ספקות; בלויז צוועלף מיטגלידער פונם פריערדיקן קאמיטעט האבן פיגורירט אינם צווייטן; עד. מארא איז ניט דורכגעגאנגען ביי די נייע וואלן און מען האט באדארפט זיך באנוצן

ערשט מיט אַ שפּיצל, כּדי אים דורכצופירן. בלויז די קאָנקורענץ מצד דער קאָמונע האָט צעבלאָזן די באַדייטונג פונם צווייטן קאָמיטעט. דער אַרטילערישער קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון שרייערס, וואָלט אָפּגעטראָטן תּיכּף ביים ערשטן בלאָז. די אינטענדאַנטור און אַנדערע אַמטן זיינען געווען אָפּהענגיק פון דעם דעלעגאַטס ענערגיע.

דער געשפּענסטיקער קאָמאַנדיר, וואָס האָט זיך צעלייגט אויף זיין קאַנאַפּע, האָט דיקטירט באַפעלן, צירקולאַרן, אַמאָל מעלאַנ־כאָלישע, אַמאָל האַרטע, — און זיך געפּלעגט אַוועקגיין. ער האָט שפּעטער אין די ענגלישע צייטונגען דערציילט, אַז אַדאַנק אים זיינען דעם 30 אַפּריל 41.500 מאַן געווען אויסגעשטעלט, אָנגעטאָן, און אַז אין צוויי וואָכן אַרום וואָלט ער געווען געהאַט 103.000; דאָס אַלץ איז געגאַנגען לאיבוד נאָך זיין אַרעסט, מחמת די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער האָבן בלויז צו אים געהאַט צוטרוי. דאָס דאָזיקע שאַרלאַטאַנישע באַרימען זיך איז פאַר אים כאַראַקטעריסטיש. אין דער אמתן אָבער האָט ער קאַליע געמאַכט פּאַפּיר, בעת ער איז געזעסן אויף זיין אָרט. בשעת עמעץ האָט געזאָגט, כּדי אים אַ ביסל איינצוצוימען: „וואָס טוט איר? דאָ און דאָ רוקט זיך אָן אַן אומ־גליק" — האָט ער געענטפערט: „איך האָב אָנגענומען אַלע פאַר־זיכט־מיטלען; לאָזט מיינע קאָמבינאַציעס פּאַרווירקלעכט ווערן". איינמאָל האָט ער אַרעסטירט אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט און דער אויפגערעגטער קאָמיטעט איז אַוועק אויף די אַנטרעפּאָ; שוין אין אַ וואָך אַרום איז ער געלאָפן נאָך דעם קאָמיטעט און האָט אים געגעבן אַן אָרט אין מיניסטעריום. ער איז אין זיין גאווה דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט דערציילט מעשיות וועגן שונא, וואָס שאַצט אים אין אַ גאַנצן מיליאָן, און געוויזן כּלומרשטע בריוו פון טאַטלעבענען, וואָס לייגט אים פאָר פּאַרטיידיקונגס־פּלענער. נאָכמער, ער האָט דעם 15טן אַפּריל געזוכט אַ טרעפונג מיטן דייטשן שטאַב, האָט עס געפּועלט, און, ווי ער האָט דערציילט, איז גראַף גאַסטפעלד, גראַף ביסמאַרקס סעקרעטאַר, געווען פון אים נתפּעל און האָט אים באַשאָטן מיט שבחים. אַ סך האָפּע־נונגען האָט מען אַרויפגעלייגט אויפן שעף פון שטאַב ראָסעל,

א יונגן ראַדיקאַל פון אַ יאָר 28, אַ קאָנצענטרירטן פּוריטאַנער, אַ נייגעבוירענער רעוואָלוציאָנער.

ער איז געווען אַן אַרטילעריע־קאַפּיטאַן אין באַזענס אַרמיי, האָט דאָרט געפּרוווט זיך אַנטקעגנשטעלן און איז געלאָפן פון די פּרייסן. גאַמבעטאַ האָט אים באַשטימט אַלס פּאָלקאָווניק פון אינזשענערישן חייל אין דעם נעווערער לאַגער, וואו ער איז אויסגעגאַנגען פון אומעט דעם 18טן מערץ. ער איז נבהל־ונשתומם געוואָרן, האָט דערזען אין פּאַריז די צוקונפט פון פראַנקרייך, אויך זיין צוקונפט, האָט שנעל זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע און איז גיך אַוועק אהין. עטלעכע פריינד האָבן אים געגעבן אַן אָרט אינם 17טן לעגיאָן; ער האָט זיך געפירט גוואַלטיק האַסטיק, האָט שנעל באַרלאָרן די גאַנצע פּאָפּולאַריטעט און איז דעם 3טן אַפּריל אַרעסטירט געוואָרן. צוויי מיטגלידער פון דער קאָמונע, מאַלאָן און זשעראַרדען, האָבן אים באַפרייט און פאָרגעשטעלט פאַר קליוזערען, וועלכער האָט אים צוגענומען אַלס שעף פונם גענעראַל־שטאַב. ראָסעל האָט געגלויבט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט איז אַ קראַפט, האָט זיך מיט אים עצות געהאַלטן, האָט געשטרעבט זיך צו באַקענען מיט די מענטשן, וואָס ער האָט געגלויבט אין זייער פּאָפּולאַריטעט.

זיין קאַלטקייט, זיינע טעכנישע אויסדרוקן, די פּינקטלעכקייט פון זיינע ווערטער, זיין אויסזען פון אַ גרויסן מענטשן האָבן אַריינגעבראַכט אַלע ביוראָס אין התלהבות; אַלע, וואָס האָבן זיך צו אים צוגעקוקט, האָבן באַמערקט זיין לויפּנדיקן קוק, אַ סימן מובהק פון אַן אומרויִקן גייסט. ביסלעכווייז איז דער יונגער אָפיציר אַריין אין דער מאָדע אַלס רעוואָלוציאָנער און זיין קאָנסוליש האַלטן זיך איז געפעלן געוואָרן דעם עולם, וואָס אים איז שוין נמאס געוואָרן קליוזערעס פוילקייט. קיין זאַך האָט אָבער ניט באַרעכטיקט די דאָזיקע פּניות. אַלס שעף פונם שטאַב פון 5טן אַפּריל אָן, האָט ראָסעל צעשטערט אַלע צווייגן פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג, וואָס זיינען אים געווען אונטערגעוואָרפן. דער איינציקער פון זיי, וואָס איז מער אָדער ווייניקער געווען אָרגאַניזירט, — דער קאָנטראָל פון דער אַלגעמיינער אויסשפּיר־

דינסט — איז געווען אפהענגיק פון מאראן, וועלכער האט טאג־טעגלעך צוגעשטעלט אינדערפרי דער מיליטערישער פארוואלטונג און דער קאמונע גענויע באריכטן, וואס זיינען אפטמאל געווען זייער אויסדריקלעכע, — וועגן די מיליטערישע מעשים און דעם מאראלישן מצב פון פאריז.

דערמיט האט זיך לעולם באגרעניצט די גאנצע פאלי־צייִשע מאכט פון דער קאמונע. די ארגאניזאציע פון גוזעלשאפט־לעכער שוץ, וואס האט באדארפט באלייכטן אלע קלענסטע ווינ־קעלעך, האט אין דער אמתן בלויז קוים־קוים געצאנקט, ווי א בלאנדזשענדיק פייערל.

דער צענטראל־קאמיטעט האט צוגעגעבן צו דיוואלן, אלס ציווילן דעלעגאט פון דער פאליצייִשער פרעפעקטור, דעם יונגן ראול ריגא, וועלכן מען האט בחינם געהאלטן פאר א גוטן אויספארשונגס־ריכטער. ריגא וואלט אין די הענט פון א געניטן לייטער געווען א גוטער געהילף, און כל־זמן דיוואל האט געלעבט, האט ער קיין פעלערן ניט געמאכט. די קאמונע האט געטאן א שטות, וואס זי האט אים אוועקגעשטעלט בראש פונם אנ־שטאלט, וואו דער קלענסטער פאלשער שריט איז געווען פונקט אזוי געפערלעך, ווי אויף די פארפאסטנס.

זיינע פריינד, וואס זיינען, אחוץ פערען, רעניארן, לעווערא און עטלעכע אנדערע, געווען פונקט אזוי לייכטזיניק, ווי ער אליין, האבן פארנומען די פאראנטווארטלעכסטע ערטער. די זיכערהייטס־קאמיסיע, וואס האט באדארפט אכטונג געבן אויף ריגאן, האט זיך אים אונטערגעווארפן. דארט איז אלץ אויך געווען אוועקגעשטעלט היימישלעך, און עס האט געהערשט דער גרעסטער לייכטזין און צעלאזנקייט.

פונם 1טן אפריל אן ציען ראנק און ווערמארעל צו צו דער פאראנטווארטלעכקייט ריגאן, וועלכער האט אפגעדרוקט אין „אפי־סיעל" דעקרעטן, וואס ער האט אליין אויסגעטראכט. דעם 4טן מאכט אים לע־פראנסע א פארוואורף, וואס ער האט ניט מודיע געווען

דער קאָמונע וועגן דעם אַרעסט פון אירן אַ מיטגליד — אַסי; דעם 5־טן וויזט דעלעקליוז אַן אויף דעם אומגעזעצלעכן פאַרברייטערן די פולמאַכטן מצד דער עפנטלעכער זיכערהייט, און לע־פראַנסע פאָדערט, אַז ריגאָ זאָל אַרויס אין דעמיסיע. ס'איז שוין אָבער מער קיין פעסטע כאַראַקטערן אין דעם שטאַטראַט ניט פאַרבליבן. אַ סך פון די, וואָס האָבן צוזאַמען געקעמפט און געמאַכט פאַר־שווערונגען אין די צייטן פון דער אימפעריע, האָבן פאַרקערפערט די רעוואָלוציע אין זייערע פריינד. ריגאָ האָט זיך באַגרעניצט דערמיט, וואָס ער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט הוצפה און פאַר־אַכטונג מיט די אַקסלען. מען האָט איינגיכן דערזען, אַז אין דער פרעפעקטור קומען עפּעס פאַר מיאוסע מעשים. די צייטונגען, וואָס זיינען אינדערפרי פאַרווערט געוואָרן, פלעגן אינאָוונט פאַרקויפט ווערן אין די גאַסן; די פאַרשווערער האָבן פאַראַליזירט די טעטי־קייט פון אַלע אַנשטאַלטן, ניט ציענדיק אויף זיך די אויפמערק־זאַמקייט פון ריגאָ מיט זיינע חברים. זיי האָבן קיינמאָל וועגן קיינזאַך ניט געוואוסט; מען האָט באַדאַרפט פאַר זיי יעדע זאַך זיך דערוויסן. זיי האָבן געפירט די אַרעסטירטע, ווי אַ מיליטערישן צוג, בייטאָג, מיט דער הילף פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. נאָכן דעקרעט וועגן די ערבות־לייט, האָבן זיי געפונען בלויז עטלעכע גייסטלעכע: דעם גאַליקאַנישן אַרציבישאָף דאַרבואַ, אַ פאַרברענטן באָנאַפּאַרטיסט, זיין עלטערן וויקאַר לאַגאַרד קיורע פון דער קירך פון דער הייליקער מאַגדאַלענע, דעגערי, אַ מין מאַרני אין סוטאַנע; דעם גלח אַלאַר, דעם בישאָף סיוראַ, עטלעכע יעזויטן און קיורע, וואָס איינעם פון זיי — פון דער קירך פון הייליקן עאוסטאַכיוס, — האָט בעלע אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. אַלע, וואָס האָבן געהערט צו דער קאָמונע, האָבן זייער הסכמה אויף דער אינוואַזיע פון פון די גלחישע קליידער ניט געגעבן. ווערמאָרעל, אַרטור אַרנו האָבן ניט געזען קיין ערנסטע ערבות־לייט אין די קיורעס, וואָס האָבן אין פּאָליטיק־זאַכן זיך ניט געמישט. „קרובים, מיטאַרבעטער פון מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג — אָט־דאָס זיינען אמתע ערבות־לייט" — האָט געזאָגט ווערמאָרעל. אונזער ציל באַשטייט אין דעם, אַז מיר זאָלן שטערן פאַרגיסן אונזער בלוט,

און ניט—פארגיסן דאס בלוט פון ערבות-לייט אדער ווערסאלער". ראול ריגא האט געענטפערט מיט ווערטער, אין וועלכע ס'איז געווען מער עמקות, ווי מען האט געקענט ווארטן: „די גלחים זיינען די מעכטיקסטע שלוחים פון פראפאגאנדע". און באמת טאקע, זיי זיינען געווען די מעכטיקסטע אגיטאטארן קעגן דער קאמונע, אירע פארביסנסטע קעגנער.

די לייכטקייט פון די ארעסטן האט זייער באאומרויקט די מיטגלידער פון דער קאמונע. אסטען, קלעמאן, טעיס זאגן זיך ארויס קעגן דער דאזיקער סיסטעם פון ארעסטן סתם אין דער וועלט אריין. „מיר זעען אומבושהדיקייט בלויז מצד דער פאליציי און מער ניט", — שרייבט מאלאן; ער וואלט בעסער געזאגט — א פאנטאסמאגאריע. די נאציאנאלע גוואַרדיע האט אנטפלעקט די סודות פונם פיקפוס-קלויסטער, האט געפונען דריי אומגליקלעכע, וואס זיינען איינגעשפארט געווען אין שטייגן הינטער גראטן, אויסטערלישע מכשירים, אייזערנע קארסעטן, פאסן, ווענטלעך, קאסקעס, וואס דערמאנען אן דער אינקוויזיציע, א טראקטאט וועגן דעם, ווי אזוי עס ווערט געמאכט אן אבארט, — אחוץ דעם צוויי שארבנס, וואס זיינען געווען באדעקט מיט האר. איינער פון די ארעס-טירטע, די איינציקע, וואס איז געבליבן ביים קלארן זינען, האט דערציילט, אז זי לעבט שוין אין דער שטייג צען יאר צייט. די שוועסטער, וואס האט דערפילט די פליכטן פון אן עלטערער, א הויכע און פרעכע מויד, האט גערעדט מיט ריגאן אומגעהייער פריי. „פארוואס האט איר פארשלאסן די דאזיקע פרויען?—כדי צו טאן א טובה זייערע משפחות; זיי זיינען דאך געווען משוגע. איר זייט דאך אליין אויך פאמיליע-מענטשן, פארשטייט איר דאך, אז עס איז אמאל גאנץ אנגענעם צו באהאלטן א משוגענעם קרוב. — איר קענט, משמעות, ניט קיין געזעצן? — ניין, הער קאמיסאר, מיר האבן אונזערע שעה-לייט. — צו וועמען געהערן די דאזיקע ביכער?—איך ווייס ניט".—זיי האבן זיך אזוי ארום געמאכט א יראת-שמים-פנימל און גערעדט שטותים. די איינוואוינער פונם 10טן קרייז האבן אין די קעלערס פונם הייליקן לאורענטיוס גע-פונען פרויען-סקעלעטן. די פרעפעקטור האט אבער דורכגעפירט

אן אייבערפלעכלעכע אויספארשונג. וואס האט קיין שום רעזול-
טאטן ניט געגעבן.

איבער דעם דאזיקן גאנצן תוהו-ובוהו און אומארדענונג
האט געהערשט די אידעע פון הומאניטאריזם. וואס האט עדות
געזאגט וועגן די טיפע און געזונטע יסודות פון דער דאזיקער
פאלקס-רעוואלוציע. מיר וועלן אין דער קאמונע ניט הערן די
דאזיקע בלוטיקע ווערטער, וואס האבן זיך אזוי אפט געלאזט
הערן פון די מיילער פון די מיטגלידער פון קאמיטעט פאר עפנט-
לעכער זיכערקייט בעת דעם קאנווענט. דערמאנט אייך אן דאווידס
ווערטער: „וואס מער בלוט", אדער וואדיע: „מיר וועלן שניידן
קעפ, דאס זיינען נייטיקע קאנפיסקאציעס". דער שעף פון אן
אנטשפרעכנדיקן אנשטאלט אין דער קאמונע פון 71טן יאר רעדט
מיטן לשון פון שאליע און שאמעט: „די קאמונע האט געשיקט
ברויט צוויי-און-נײנציק פרויען פון יענע לייט, וואס טייטן אונז.
פאר די אלמנות איז קיין פאן ניטא. די רעפובליק האט ברויט
פאר אלע אומגליקלעכע און קושן פאר אלע יתומים".

די דעלעגאציע פון עפנטלעכער זיכערהייט, וואס איז געווען
פון קאפ ביז די פיס פארשאטן מיט מסירות, האט געמאלדן, אז
זי וועט מיט קיין אנאנימע ידיעות זיך לחלוטין ניט רעכענען.
„א מענטש, וואס וואגט ניט צו חתמענען א באשולדיקונג, דינט
פערזענלעכע אינטערעסן, און ניט קיין געזעלשאפטלעכע צילן".
דאס באגיין זיך מיט די ארעסטירטע איז אלעמאל געווען א העפ-
לעכע. דעם 9טן אפריל האט די קאמונע אן שום דיסקוסיע
אפגעווארפן בלאנשעס פארשלאגן זיך צו באגיין מיט די ערבות-
לייט אזוי שלעכט, ווי די ווערסאלער לייט זיינען זיך באגאנגען
מיט די געפאנגענע פעדעראליסטן. די וויכטיקסטע ערבות-לייט
האבן פראנק און פריי געקענט באקומען פון דרויסן עסן, וועש,
ביכער, צייטונגען, אויפנעמען באקאנטע, אפילו רעפארטערן פון
אויסלענדישע בלעטער. מען האט אפילו פארגעלייגט הער טיערן אויס-
צוטוישן דעם ארציבישאף, דעגערי, באנזשאנען און לאגארדן אויף
איין בלאנקין. אט ווי אזוי דאס איז געווען:

איינער פון די פּרעפעקטור=שעפן, לעוורא, האָט געבעטן דעם אַרציבישאָף זיך צו ווענדן צו הער טיערן, ער זאָל אָפּשטעלן די עקזעקוציעס אויף די געפאַנגענע. דאַרבואַ האָט אָנגעשריבן אַ פּאַטעטישן בריוו און דערביי אויסגענוצט די געלעגנהייט אַ רייד צו טאָן וועגן די ערבות=לייט. הער טיער האָט גאָר=ניט געענטפערט. איינער פון בלאַנקיס אַלטע פריינד, פלאָט, האָט פאָרגעלייגט דעם פּרעזידענט אָן אויסטויש, האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז דעם אַרציבישאָף קען אַמאָל דראָען אַ סכנה. הער טיער האָט געמאַכט אַ פילדייטיקן זשעסט. פלאָט האָט ווידער אָנגעהויבן פירן דעם ענין דורך דאַרבואַן, וואָס האָט אָנגעמערקט דעגערין, אַז ער זאָל פירן אונטערהאַנדלונגען מיט ווערסאַל. היות די פּרעפעקטור האָט נים געוואָלט פאַרלירן איר ערבות=מאַן, האָט דער הויפּט=וויקאַר לאַגאַרד פאַרביטן דעגערין. דער אַרציבישאָף האָט אים געגעבן אינסטרוקציעס, און דעם 12טן אַפּריל האָט פלאָט צוגעפירט לאַגאַרדן צו דער סטאַנציע און גענומען פון אים אַ שבועה, אַז ער וועט זיך אומקערן, באָם זיין שליחות וועט ניט האָבן קיין ערפאָלג. לאַגאַרד האָט געשוואָרן: „אויב איך זאָל אפילו דאַרפן דערשאָסן ווערן, וועל איך זיך אומקערן... פאַלט אייך דען איין כאָטש אויף אַן אויגנבליק, אַז איך וועל זיך אַנטשליסן לאָזן זיין עמינענץ איינעם אַליין?“ ביים אָפּגיין פון צוג, האָט פלאָט ווידער איבער=געחזרט: „פּאָרט ניט אַוועק, אויב איר האָט ניט בדעה זיך אומצוקערן“. דער גלח האָט זיך ווידעראַמאָל געשוואָרן. ער איז אַוועקגעפאָרן און איבערגעגעבן הער טיערן דעם בריוו, אין וועלכן דער אַרציבישאָף האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אויסטויש. הער טיער האָט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן צווייטן בריוו און געענטפערט בלויז אויפן ערשטן. די דאָזיקע תשובה, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין איינער פון די קאָמונע=בלעטער, איז אַ שעדעוור פון טיערישער צביעות און שקר. דאָרט שרייבט ער: „די פאַקטן, אויף וועלכע איר מאַכט אויפמערקזאַם, זיינען אומבאַדינגט ניט אמת, און איך בין ממש פאַרחידושט, וואָס אַזאַ געבילדעטער פּרעלאַט, ווי אייער עמינענץ... אונזערע זעלנער האָבן קיינמאָל

קיין געפאנגענע ניט געשאסן און ניט געפרווו
טיטן פארוואונדעטע. מעגלעך, אז אין היץ פון
קאמף האבן זיי זיך באנוצט מיט זייער כלי=זיין קעגן
מענטשן, וואס האבן דערהרגעט זייערע גענעראלן;
אבער נאך דער שלאכט זיינען זיי ווידער פול גע=
וואָרן מיט איידלקייט פון זייער נאציאנאלן כא=
ראקטער. ובכן, אייער עמינענץ, ווארף איך אפ
דאס לשון=הרע, וואס איר האט געהערט. איך
שטעל פעסט, אז די זעלנער האבן אין די גע=
פאנגענע ניט געשאסן". דעם 17טן האט פלאט באקומען
א בריוו, אין וועלכן לאגארד איז אים מודיע, אז ער מוז אומבא=
דינגט זיין אין ווערסאל. פלאט איז געקומען מיט אן אנקלאגע
אויף לאגארדס פירונג צום ארציבישאף, וועלכער האט ניט געוואלט
גלייבן, אז מען האט אים פארלאזן. „ס'איז אוממעגלעך, האט
ער געזאגט, אז לאגארד זאל בלייבן אין ווערסאל; ער וועט צוריק=
קומען; ער האט מיר פערזענלעך געשוואוירן". און ער האט איבער=
געגעבן פלאטן א בריוול פארן הויפט=וויקאר. לאגארד האט געענט=
פערט, אז טיער האלט אים דארט. דעם 23טן האט דארבוא ווידער
געשריבן זיין הויפט=וויקאר: „נאכן דערהאלטן דעם
בריוו, וועט הער לאגארד אוודאי וועלן זיך אומ=
קערן קיין פאריז און צוריקקומען אין מאזאס.
דאס דאזיקע פארשפעטיקן זיך קאמפראמעטירט
אונז שטארק און קען האבן אומגינסטיקע רעזולטאטן". לאגארד
האט אלץ ניט געענטפערט. הער טיער האט זיך אפגעזאגט פון
אויסטויש און זיך דערביי באהאלטן הינטער די פלייצעס פון דער
קאמיסיע פון פופצן. זייער תירוץ איז געווען, אז בלאנקי וואלט
זיך געשטעלט בראש פונם אויפשטאנד, זייער ציל — ארויסצו=
רופן דאס אומברענגען די ערבות=לייט: דער טויט פון דעם גאלי=
קאנער דארבוא איז געווען טאפלט געוואונטשן פאר ווערסאל
מחמת עס וואלט געבליבן נאך אים א גרויסע ירושה און עס
וואלט צוגעקומען א קדוש. דער הויפט=וויקאר האט באשלאסן, אז
עס לוינט ניט צו גיין נאך רעגולס ביישפיל, און איז זיך בעסער

באַשיידן פאַרבליבן אין ווערסאַל. די קאָמונע האָט ניט באַשטראָפט דעם אַרציבישאָף פאַר דער בגידה און האָט אין עטלעכע טעג אַרום באַפרייט זיין שוועסטער. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָן די פּריווילעגיעס פון פרויען, אַפילו אין די טעג פון יאוש. די פאַרזינדיקטע שוועסטער פון דעם פּיקפּוס=קלויסטער און אַנדערע מאָנאַכינס, וואָס זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין דער סען=לאַזאַרער תפיסה, האָבן באַקומען אַ דירה.

די פּרעפעקטור און די יוסטיץ=דעלעגאַציע האָבן אַרויסגעוויזן נאָך אַ ראיה פון זייער מענטשן=ליבע דורך פאַרבעסערן דעם רעזשים אין די תפיסות, וואו דער גאַנצער באַשטאַנד פון דער דינערשאַפט איז פאַרבליבן, אַחוץ בלויז די דירעקטאָרן. פון איר צד האָט די קאָמונע געשטרעבט צו גאַראַנטירן די פּערזענלעכע פרייהייט און האָט דעריבער באַשלאָסן דעם 14טן אַפּריל, אַז וועגן יעדן אַרעסט איז מען מחויב תיכף צו מעלדן דעם יוסטיץ=דעלעגאַט, און אַז קיין איין אויספאָרשונג טאָר ניט אָנגעהויבן ווערן, אויב דער ענין אַנטשפּרעכט ניט די געהעריקע תקנות. היות די שלעכט=אינפאָרמירטע נאַציאָנאַלע גוואַרדייער האָבן אַרעסטירט עטלעכע פאַרדעכטיקע לייט, האָט די קאָמונע געמאָלדן אין „אָפיסיעל", אַז יעדער ווילקיר וועט גורם זיין צו דעמיסיע און צו באַלדיקע פאַרפאָלגונגען. איין באַטאַליאָן האָט געזוכט געווער אין דער גאַז=געזעלשאַפט און געהאַלטן אַפילו פאַר נעזעצלעך צו קאָנפיסקירן איר קאַסע. די קאָמונע האָט באַפוילן תיכף צוריקצוגעבן איר די קאַסע און אַראָפּצונעמען די חתימות. דער פּאָליציי=קאָמיסאַר, וואָס האָט אַרעסטירט גוסטאַוו שאָדייען, וועלכער איז באַשולדיקט געוואָרן אין הייסן שיסן דעם 22טן יאַנואַר *, האָט צוגענומען זיך דעם אַרעסטירטנס געלט; די קאָמונע האָט דעם קאָמיסאַר אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע און געמאָלדן וועגן דעם אין „אָפיסיעל". כדי צו אַנטפּלעקן די מיסברויכן מיט דער מאַכט, האָט זי באַפוילן דעם 23טן דורכפירן אַן אויספאָרשונג וועגן דער לאַגע פון די אַרעסטירטע

---

* דער אַרעסט איז געווען אַן אומבאַגרינדעטער; שאָדיי האָט פאַרטיידיקט אין „סיעקל" פּאַריז.

און וועגן די סיבות פונם אַרעסט, געבנדיק דערביי דאָס רעכט צו באַזוכן די אַרעסטירטע אַלע אירע מיטגלידער.

ריגאַ האָט זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע, וואָס איז געוואָרן אָנגענומען. דעלעקליוז האָט שוין פריער ניט איינמאָל געמוזט אים מאַכן פאָרוואורפן. זיינע המצאות פלעגן ווייזן די ווערסאַלער ציימונגען. די לעצטע האָבן באַשולדיקט די פּאַריזער קינדישע פּאָליציי אין טעראָריזירן פּאַריז, האָבן געמאָלט אַלס רוצחים די זעלבע מיטגלידער פון דער קאָמונע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן די פּסק־דינים פונם מיליטערישן געריכט, האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די קרימינעלע פאַרברעכער זיינען אַרויסגעלאָזן געוואָרן אויף דער פריי *, בעת אין דער אמתן האָט מען אַרעסטירט דעם נאָכמאַכער פון דאָקומענטן, דעם באַנאַפּאַרטיסט טאַילעפע, וואָס איז באַפרייט געוואָרן דעם 4טן סעפּטעמבער. די דאָזיקע בורזשואַזיע, וואָס האָט געבויגן איר קאָפּ בעת דעם אַרעסט פון 30.000 מאַן און בשעת די געהיימע באַפעלן וועגן די אַרעסטן מצד דער אימפּעריע, די בורזשואַזיע, וואָס האָט אַפּלאָדירט די פופציק טויזנט מאַי־אַרעסטן און טויזנטער אויספאָרשונגען, וועלכע זיינען נאָכדעם פאָרגעקומען, — האָט אין עטלעכע יאָר אַרום געוואָיעט צוליב פערציק־פופציק אויספאָרשונגען, טויזנט דרייהונדערט אָדער טויזנט פיר הונדערט אַרעסטן מצד דער קאָמונע. זיי האָבן ניט געהערט די דאָזיקע ציפער אין משך פון צוויי חדשים קאַמף, און דערצו זיינען נאָך צוויי־דריטל אַרעסטירטע, אַנטלאָפענע פון אַרעסט, גאַסן־סקאַנדאַליסטן, געווען אין תפיסה אַרום און אַרום עטלעכע טעג, אַ טייל ווידער — בלויז עטלעכע שעה. די פּראָווינץ, וואָס איז געשפּייזט געוואָרן בלויז דורך דער ווערסאַלער פּרעסע, האָט געגלויבט אין די באָבע־מעשיות, וואָס זיינען נאָך איבערגעטריבן געוואָרן אין הער טיערס צירקולאַרן, וועלכער האָט טעלעגראַפירט צו די פּרעפעקטן: „די מורדים מאַכן אַ תּל פון די הויפּט־בנינים, כּדי צו פאַרקויפן פון דאָרט די זאַכן“.

* עס זיינען באַפרייט געוואָרן בלויז די פאַרמשפּטע מיליטער־לייט, אויך מענטש, וואָס מען האָט פאַרמשפּט פאַר גנבענען האָלץ בעת דער באַלאַגערונג, עטלעכע באַשולדיקטע — בסך־הכּל צוואַנציק מאַן.

אויפקלערן די פראווינץ, ארויסרופן דארט א מהומה, אט־
דאס איז געווען די ראלע פון דער דעלעגאציע פאר אויסער־
לעכע ענינים, וואס האט אין איר טעטיקייט זיך אונטערגעווארפן
בלויז איין אמט. פון דער קאמונעס ערשטע שריט אן, האט די
פראווינץ געפאדערט פון איר דעלעגאטן. דעם 6טן אפריל זיינען
מעזשי, אמורו, קאלע־דע־טאיאק געשיקט געווארן אין מארסעל.
דעם 7טן האט גאמבאן, וואס איז א קורצע צייט געווען אין קאר־
סיקע, אפגעגעבן א טרויעריקן באריכט. אין דער קאמונע האט
מען דערהערט דעם אלטן רעפובליקאנער, וואס האט בעת דער
אימפעריע געהאט מוט זיך אפצוזאגן צאלן שטייערן. „פראנקרייך
שלאפט — האט ער געזאגט — די לאגע פון דער קאמונע וואלט
געווען באווארנט אין ליאן, מארסעל און אנדערע מקומות, ווען
מען זאל קענען ארבעטן אויף א רעוואלוציאנערן אופן". ער האט
געפאדערט, אז אומעטום זאלן געשיקט ווערן דעלעגאטן. פונם
4טן אפריל אן — צו וואס מיר וועלן זיך נאך שפעטער אומקערן —
האבן די דעפארטאמענטן ווידער אויפגעקאכט. אחוץ מארסעל,
האט די נאציאנאלע גווארדיע אומעטום זיך געכאפט פארן געווער.
אינם צענטער, אויף מערב, מזרח, דרום, — האט מען געקענט
מאכן באדייטנדיקע דיווערסיעס, פארכאפן א טייל סטאנציעס, אפ־
שטעלן די הילף און די ארטילעריע, וואס זיינען געשיקט געווארן
קיין ווערסאל.

די דעלעגאציע האט זיך באנוגנט דערמיט, וואס זי האט
געשיקט א קליינע צאל עמיסארן, וועלכע האבן קיין השגה ניט
געהאט וועגן דעם ארט און האבן קיין שום השפעה ניט געהאט.
אחוצדעם איז זי געפאלן א קרבן פון עטלעכע בוגדים, וואס האבן
זי באגנבעט און צוגעשטעלט אירע פארשריפטן אין ווערסאל.
בארימטע רעפובליקאנער, וואס זיינען געניט געווען אין די פרא־
ווינצער ענינים, האבן בחינם פארגעלייגט זייער מיטהילף. דא,
פונקט ווי אין אנדערע זאכן, האט מען קודם־כל באדארפט נושא־
חן זיין. לסוף, כדי ארויסצורופן אין פראנקרייך אן אויפשטאנד,
האט מען אויף דעם גאנצן עסק אויסגעגעבן הונדערט טויזנט
פראנק. די דעלעגאציע האט געשיקט א גאנץ קליינע צאל דאקו־

מענטן; דעם שיינעם און אמתן רעזיומע פון דער פאריזער רעוואָ־לוציע; צוויי אויפרופן צו די פויערים, איינעם, וואָס פרוי אַנדרע לעאָ האָט אָנגעשריבן, אַ פשוטן, הייסן, וואָס פּאַסט זיך פאַרן דאָרף: „ברודער, מען נאַרט דיך אָפּ. מיר האָבן איין־און־דיזעלבע אינטערעסן. איך פאָדער אויך דאָסזעלבע, וואָס דו; די באַפרייונג, וואָס איך וויל זיך דערשלאָגן, איז ניט בלויז מיינע, נאָר אויך דיין באַפרייונג... פאַריז שטרעבט סוף־כל־סוף דערצו, אַז די ערד זאָל געהערן צום פויער, די אינדוסטריעלע מכשירים צום אַרבעטער". די דאָזיקע גוטע זוימען זיינען צעטראָגן געוואָרן דורך די לופט־באַלאָנען, וואָס האָבן געוואָרפן געדרוקטע פלוג־בלעטלעך אויף באַשטימטע שטחים. אַ סך זיינען געגאַנגען לאיבוד, זיינען ניט געפאַלן אויף די צעאַקערטע בייטן.

די דאָזיקע דעלעגאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן בלויז פאַר אויסערלעכע באַציִונגען, האָט ביסלעכווייז פאַרגעסן אָן דער גאַנ־צער וועלט. אין גאַנץ אייראָפּע האָט דער אַרבעטער־קלאַס גיריק געשלונגען די פאַריזער נייס, האָט אין זיינע חלומות געקעמפט צוזאַמען מיט דער גרויסער שטאָט, וואָס איז געוואָרן זיין הויפּט־שטאָט, האָט געמאַכט מיטינגען, פּראָצעסיעס, אַדרעסן. זיינע צייַ־טונגען, דאָס רוב אָרעמע, האָבן דרייסט געקעמפט מיט די רכילות פון דער בורזשואַזער פרעסע. דער חוב פון דער דעלעגאַציע איז געווען אונטערצוהאַלטן אירע טייערע געהילפן. זי האָט אָבער קיין זאַך ניט געטאָן. אַ טייל אויסלענדישע צייטונגען זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין חובות און האָבן אָנגעזעצט, באַמיענדיק זיך אונטער־צוהאַלטן די קאָמונע, וואָס האָט געלאָזט אומקומען אירע פאַר־טיידיקער, וועלכע האָבן ניט געהאַט פאַרוואָס צו עקסיסטירן. די דעלעגאַציע איז באַגאַנגען נאָך אַ פעלער. לויט די באַשלוסן פונם מיליטערישן אָפּמאַך, האָט די דייטשע אַרמיי באַדאַרפט אָפּרוימען די מערב־פאָרטן פון פאַריז, נאָכדעם, ווי עס וועלן אַריינגעטראָגן ווערן 500 מיליאָן מצד דער מלוכה. פאַר דער קאָמונע איז וויכטיק געווען צו וויסן, צי מען האָט דעם דאָזיקן סכום אַריינגעטראָגן, מחמת אין דעם פאַל וואָלט פאַריז געווען לגמרי אַרומגערינגלט דורך די ווערסאַלער לייט. דער דעלעגאַט איז געווען אַזוי פיל נאַיִוו,

אַז ער האָט געשריבן צום קאָמאַנדיר פונם דייטשן מיליטער, אמת, לויט דער ערלויבעניש פון דער קאָמונע; פאַרשטייט זיך, אַז דער לעצטער האָט תיכּף־ומיד צוגעשטעלט דעם בריוו ושול פאַוורען, און ער ווידער האָט עס איבערגעלייענט אין דער נאַציאָ־נאַלער פאַרזאַמלונג מיט די געוואונטשענע פּרושים. די דעלעגאַציע האָט זיך געטרייסט, אַז די קאָמונע וועט בכּוח זיין צו באַצאָלן די 500 מיליאָן און וועט פאַרכאַפּן די מערבדיקע פאָרטן. די דייטשן האָבן געלאַכט פון דער אַמביציע צו פאַרבייטן די מלוכה און האָבן ניט געקאַרגט די גרעסטע הנחות פאַר ווערסאַל. בעת די פעדע־ראַליסטן האָבן אויפּדאָסניי אַרומגערינגלט דעם וואַנסענער פאָרט, וואָס איז געווען האַרט אַרומגענומען דורך די פּרייסן, האָבן די דייטשן געפאָדערט, ביי דער קאָמונע תיכּף זיי צו אַנטוואָפענען. די דעלעגאַציע האָט זיך באַליידיקט, וואָס מען ווענדט זיך ניט צו איר מיט אונטערהאַנדלונגען. דערפון איז אַרויסגעקומען אַן אומאָנגענעמער אינצידענט און דער דייטשער פאַרלאַמענטער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן דעם פאָרט. ראַסעל האָט צוליב דעם אויסגעדריקט זיין באַדויערן אויף דער זיצונג פונם 5טן מאַי. די דאָזיקע פּלאַפּלעריי, די דאָזיקע אומנייטיקע קאָבענישן האָבן געגעבן די רכילותניקעס אַ מעגלעכקייט צו טענהן, אַז די קאָמונע פירט אינטריגעס מיט אויסלענדישע מלוכות.

די דעלעגאַציע, וואָס איז געווען אויף אַזאַ שטייגער אָנגע־פירט, האָט גאָר־ניט געקענט אַנטקעגנשטעלן דער רמאותדיקער קונסט פון הער טיער. בעת זי האָט דעם 15טן מאַי גערופן די פּראָווינץ צו געווער און האָט פאַרגעלייגט די פּאַרשטייער דעם לוקסעמבורגער פּאַלאַץ אויף באַראַטונגען, איז די פּראָווינץ שוין לאַנג געווען באַאַרבעט. אמת, די דעלעגאַציע האָט אַרויסגעוויזן אַ סך היציקייט אינם ענין פאַרטיידיקן די אויסלענדער, האָט גע־שיקט דער מינצעריי זילבער פון מיניסטעריום, — „וואָס די דאָזיקע לייט האָבן פאַראייגנט", ווי עס האָט ניט אויסגעמיטן צו זאָגן ושול פאַוור, — אָבער די נוצלעכע אַרבעט האָט זיך פויל געדרוקט פאָראויס.

אָט אַזוי האָבן אויסגעזען די לעבנספעיקע דעלעגאַציעס. חיות די קאָמונע איז געוואָרן בעל־כּרחה דער רעוואָ־

לוציאָנערער אַוואַנגאַרד, היות זי האָט גענומען אויף זיך די פּאַרטיידיקונג פון די פאָלקס=רעכט, האָט זי באַדאַרפט מודיע זיין וועגן די רעכט פון איר יאָרהונדערט, און, אין פאַל פון אונטערגאַנג, איבערלאָזן פאַרן טויט די פאָן די קומענדיקע דורות. ס'איז געווען קלאָר גענוג פאַר איר צו פאָרמולירן אַלע פאָדערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער יוסטיץ=דעלעגאַט האָט באַדאַרפט בלויז דעפינירן די רעפאָרמען, וואָס זיינען שוין פון לאַנג=אָן פּראָקלאַמירט געוואָרן פון אַלע דעמאָקראַטן. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט געפאָדערט צו ווייזן דעם אַריסטאָקראַטיזם פון אונזער געזעץ=סיסטעם; די דעספּאָטישע און אַנדערע דאָקטרינעם פון דעם נאַפּאָלעאָן=קאָדעקס; דאָס סווערענע פאָלק, וואָס האָט ניט געהאַט איבער זיך קיין געריכט, נאָר ס'איז געוואָרן פאַרוואַלט דורך אַ קאַסטע, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף מאַכט, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט דער מאַכט פון פאָלק; די אומזיניקע גרויסע צאָל געריכטן און טריבונעם; די נאָטאַריאַלע סיסטעם, די פּראָקוראַטור, די 40.000 נאָטאַריוסן, שתדלנים, עקזעקוטאָרן, רעגיסטראַטאָרן, פאַרטיידיקער פון האַנדלס=געריכטן, שאַצערס, אַדוואָקאַטן, וואָס נעמען יאָר=יערלעך אַראָפּ שיינע הונדערטער מיליאָנען פונם פאָלקס=פאַרמעגן; אָנוואַרפן אין אַלגעמיינע שטריכן די אָרגאַניזאַציע פון טריבונאַל, וואו דאָס פאָלק, וואָס איז צוריקגעשטעלט געוואָרן אין זיינע רעכט, וואָלט דורך אַ זשורי באַשלאָסן וועגן אַלע ציווילע, קאָמערציעלע, פאַרבעסערלעכע און קרימינעלע ענינים, אַן איינציקער טריבונאַל, וואָס זיינע פּסק=דינים קענען בלויז אַפּעלירט ווערן אין פאַל פון אומגעזעצלעכע פּראָצעדור. דער דעלעגאַט האָט זיך באַגרעניצט דערמיט, וואָס ער האָט באַשטימט נאָטאַריוסן, עקזעקוטאָרן, שאַצערס מיט אַ באַשטימט געהאַלט, וואָס עס איז אין דעם דאָזיקן פעריאָד פון קאַמפן געווען לחלוטין אומנוצלעך, און האָט געגעבן בלויז אַ פּרינציפּיעלע סאַנקציע די אַלע אַמטן. קוים=קוים עס האָט זיך איינגעגעבן עטלעכע גאָר ווינציקע רעפאָרמען. די פּראָפעסיאָנעלע שבועה איז געוואָרן בטל; מען האָט באַשלאָסן, אַז די פּראָטאָקאָלן וועגן די אַרעסטן וועלן

מודיע זיין וועגן די מאטיוון און נעמען פון די עדות; די פאפירן, טייערע חפצים און דאס פארמעגן פון די ארעסטירטע האט מען פארגעשריבן אפצוגעבן אלס פיקדון אין די דעפאזיט-קאסעס. מען האט ארויסגעגעבן א באפעל די דירעקטארן פון די משוגעים-אנשטאלטן, זיי זאלן אין משך פון פיר טעג אפגעבן א באריכט וועגן דער צאל און וועגן דעם מצב פון די חולאים. ווען די קאמונע זאל געווען ווארפן א שיין אויף די דאזיקע חיהשע היילן, וואלט די גאנצע מענטשהייט געווען איר דערפאר דאנקבאר.

היות די דעלעגאציע האט ניט געהאט קיין לייטישע צוגרייטונג, האט זי געקענט ארויסווייזן בלויז א געוויסן רעוואלוציאנערן אינסטינקט; זי האט ארויסגעשלעפט אויף דער ליכטיקער שיין די געהיימענישן פון דעם פיקפוס-קלויסטער, די סקעלעטן פון דעם הייליקן לאורענטיוס. אבער אויך אויף דעם געביט האט די דעלעגאציע ארויסגעוויזן ווייניק אינטערעס, און די רעאקציע האט חוזק געמאכט פון די דאזיקע „כלומרשטע" אנטדעקונגען. די דעלעגאציע האט אפילו דורכגעלאזן די געלעגנהייט אנצושליסן, לכל-הפחות אויף איין טאג, דאס גאנצע רעוואלוציאנערע פראנקרייך צו דער קאמונע. דער שולדיקער אין דער מעקסיקאנישער עקספעדיציע, זשעקער, איז געקומען אין דער פרעפעקטור אריין, וואו ער האט מיט א בתמימותדיקן אויסדרוק געבעטן פאר זיך א פאס. א מוטיקער, ביז גאר א חוצפהדיקער, האט ער געלעבט אומבאשטראפט, מחמת עס זיינען ניט פארהאן קיין שטראפן פאר אזעלכע מינים פארברעכנס אין דער בורזשואזער געזעצגעבונג. ס'איז ניט געווען קיין פשוטערע זאך, ווי אנצוהויבן קעגן אים א פראצעס. זשעקער, וואס האט געטענהט, אז די אימפעריע האט אים אפגענארט, האט פארגעלייגט צו מאכן דעמאסקירונגען. אויף אן אפענער זיצונג פון געריכט, פאר צוועלף צופעליק אויסגעקליבענע געשווארענע, פאר אן עולם, האט מען אדאנק אים געקענט רעקאנסטרויִרן די גאנצע מעקסיקאנישע עקספעדיציע, דעמאסקירן די קלעריקאלישע אינטריגעס, אויסקערן די טאשן פון די גנבים, באווייזן דער קייזערינס קונץ-שטיקלעך, מיראמאנס, אלמאנטס, מארנים מעשים, ווייזן צוליב וואס און צוליב וועמען פראנקרייך

האט פארלארן דרייסיק טויזנט מאן און העכער א מיליארד־מזומנים. דער ווידוי האט געקענט פארקומען ביי דער פולער שיין אויפן שלום=פלאץ, פאר דעם טויילרי=פאלאץ, וואס איז געווען א שותף צו דעם פארברעכן. די דיקטער, וואס מען האט זעלטן־ווען דערשאסן, וואלטן אפשר א זיפץ געטאן; די אומצאליקע קרבנות וואלטן אפלאדירט און אויסגעשרייען: „נאר די רעוואלוציע רעאליזירט דעם יושר". זשעקערן האט מען אבער אפילו ניט אויסגעפארשט.

די בילדונגס=דעלעגאציע וואלט געווען באדארפט אנשרייבן איינע פון די שענסטע זייטן פון דער קאמונע. נאך אזוי פיל יארן שטודירן און געניטשאפט, האט די דאזיקע פראגע באדארפט ארויס פון דעם אמתן רעוואלוציאנערס קאפ גוט באוואפנט. די דעלעגאציע האט אבער קיין איין דאקומענט פאר דער צוקונפט ניט געלאזן. דער דעלעגאט איז געווען אפילו איינער פון די געבילדעטסטע מענטשן. ער האט זיך באנוגנט דערמיט, וואס ער האט ארויסגענומען די צלמים אין אלע שול=זאלן און האט צונויפ־גערופן אלע, וואס האבן שטודירט דאס שול=וועזן. מען האט איבערגעגעבן א קאמיסיע צו ארגאניזירן די אנפאנגס= און פראפע־סיאנעלע בילדונג, איר גאנצע ארבעט איז באשטאנען אין דעם, וואס זי האט דעם 6טן מאי ערקלערט די עפענונג פון דער שול. א צווייטע קאמיסיע פאר פרויען=בילדונג איז אויסגעקליבן געווארן שוין אין דעם טאג, וואס די ווערסאלער לייט זיינען אריין. די אדמיניסטראטיווע ראלע פון דער דאזיקער דעלעגאציע האט זיך באגרעניצט מיט וויניק רעאליזירבארע באשלוסן און עטלעכע נאמינאציעס. צוויי מסירת=נפשדיקע און באגאבטע מענטשן, עלי רעקליו און בענזשאמען גאסטינא, האבן באקומען א דיספאזיציע צו רעארגאניזירן די פאלקס=ביבליאטעק. זיי האבן פארוועדט ארויסצוגעבן ביכער, געמאכט א סוף צו דעם אומאנשטענדיקן אויפפירן זיך פון די פריווילעגירטע, וואס האבן זיך געמאכט ביבליאטעקן פון געזעלשאפטלעכע קאלעקציעס. דעם ארטיסטן־פאראיין, וואו קורבע איז געווען פארזיצער, דערזעלבער, וואס איז דעם 16טן אפריל געווארן א מיטגליד פון דער קאמונע, און

א צווייטער מיטגליד, דער סקולפטאר דאלו, האבן זיך געשטעלט אן אויפגאבע צו עפענען און אפהיטן די מוזייען.

עס וואלט קיין זאך ניט באוואוסט געווען וועגן דער רעוואָ-לוציע בנוגע דעם שול-וועזן, ווען ניט די צירקולארן פון דער מוניציפאלער מאכט. א סך האבן אויפדאסניי געעפנט די שולן, וואס זיינען פארלאזן געווארן דורך די מיטגלידער פון די גייסטלעכע פאראייגען און פון די שטאט-לערער, אדער האבן פארטריבן פון דארט די ברידער, וואס זיינען נאך פארבליבן אויף די ערטער. די דעלעגאציע פונם XXטן קרייז האט אנגעטאן און געגעבן צו עסן די קינדער, און געלייגט אזוי ארום דעם ערשטן יסוד פאר די שול-קאסעס, וואס האבן פון דעמאלט אן אנגעהויבן ארויסווייזן פעולות. די דעלעגאציע פון IVטן קרייז האט געזאגט: „אויסלערנען א קינד ליב האבן און שעצן זיינס גלייכן, איינפלאנצן עם ליבע צו יושר, ווייזן עם, אז עס איז מחוייב צו שטרעבן צו בילדונג לטובת הכלל.—אט-א-דאס זיינען געווען די מאראלישע פרינציפן, אויף וועלכע עס וועט מהיום והלאה באגרינדעט ווערן די געזעל-שאפטלעכע דערציִונג". „די לערער פון די אינטערנאטן-שולן", — האט פארגעשריבן די דעלעגאציע פונם XVIIטן קרייז, — „וועלן זיך באנוצן אויסשליסלעך מיט אן עקספערימענטאלער און וויסנשאפטלעכער סיסטעם, וואס שטיצט זיך אלעמאל אויף בא-טראכטן פיזישע, מאראלישע, אינטעלעקטועלע פאקטן". עס וואלט נאך געווען ווייט ביז א פארענדיקטן פראגראם.

ווער-זשע איז קודם-כל בארופן געווען צו פארטיידיקן די אינטערעסן פונם פאלק? די דעלעגאציע פון ארבעט און אויסטויש, וואס איז צונויפגעשטעלט געווארן אויסשליסלעך פון סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן. זי האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו שטודירן די אלע רעפארמעס, וואס מוזן איינגעפירט ווערן הן אין דער ארגאניזאציע פון די געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן פון דער קאמונע, הן אין די באציונגען פון די ארבעטער — מאנסלייט און פרויען — צו זייער באלעבאטים, די רעוויזיע פונם האנדלס-קאדעקס, פון די צאל-טאריפן, דאס רעארגאניזירן אלע שטייערן, אזוי די דירעקטע, ווי די אומדירעקטע, דאס שאפן אן ארבעטס-סטאטיסטיק. זי האט

געזוכט ביי די בירגער אַ יסוד פאַר דעקרעטן, וואָס זי זאָל קע־נען פאַרלייגן דער קאָמונע. דער דעלעגאַט לעאָ פראַנקעל האָט געאַרבעט מיט דער הילף פון אַן איניציאַטיוו־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרבעטער. אין די קרייזן זיינען געעפנט געוואָרן ביוראָס פאַר רעגולירן דעם אָנבאָט און נאָכפרעג אויף אַרבעט. לויט דער בקשה פון די בעקערס, האָט די דעלעגאַציע פאַרווערט בייינאַכטיקע אַרבעט, — אַ מיטל, וואָס איז נייטיק הן אין פּרט פון היגיענע, הן אין פּרט פון מאָראַל. זי האָט פאַרטיק געמאַכט אַ פּראָיעקט וועגן ליקווידירן דעם לאָמבאַרד, אַ דעקרעט, וואָס איז נוגע דער אַראָפּרעכענען פון שכירות, און האָט אונטערגע־האַלטן דעם דעקרעט בנוגע די וואַרשטאַטן, וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן דורך די באַלעבאַטים.

לויט דעם דאָזיקן פּראָיעקט האָבן אַלע מלחמה־קרבנות און נויטבאַדערפטיקע באַדאַרפט באַקומען אומזיסט תמיכה. די אַלע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם נאָמען נויטבאַדערפטיקע, האָבן באַדאַרפט באַקומען תמיכה, בתנאי, אַז זי זאָל ווערן אויסגעצאָלט אין משך פון פינף יאָר. אינם באַריכט איז צום סוף געזאָגט גע־וואָרן: „פאַרשטייט זיך, אַז אָנשטאָט דעם ליקווידירטן לאָמבאַרד האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל די אַרבעטער קומען צו הילף מיט רעאַלע גאַראַנטיעס און שטיצע בעת עס ווערן אָפּגעשטעלט די אַרבעטן. די קאָמונע שאַפט בייע אַנשטאַלטן, וואָס שטעלן זיך דעם ציל צו באַוואָרענען דעם אַרבעטער, אָפּהענגיק פון דער עקספּלאָאַטאַציע פון קאַפּיטאַל".

דער דעקרעט, וואָס האָט מבטל געמאַכט דאָס אָפּרעכענען פון שכירות און אַרבעטס־לוין, האָט געמאַכט אַ סוף צו איינעם פון די בולטע אומרעכטן פון קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, מחמת די דאָ־זיקע שטראָף ווערט אָפּטמאָל אַרויפגעלייגט מיט אַ פּוסטן תירוץ דורכן באַלעבאָס אַליין, וואָס שפּילט אַזוי אַרום די ראָלע פון אַ שופט און פון אַ צד.

דער דעקרעט וועגן די געשלאָסענע וואַרשטאַטן האָט ווידער געגעבן אַ מעגלעכקייט דער פּראָלעטאַרישער מאַסע צו האָבן אַ שליטה איבער די פּראָדוציר־מכשירים. די אַנקעטע־קאָמיסיע,

וואס איז געשאפן געווארן דורך די סינדיקאלע קאמערן, האט באדארפט צונויפשטעלן א סטאטיסטיק און א רשימה פון אלע פאר-לאזענע ווארשטאטן, וואס מען האט בדעה געהאט צוריקצוגעבן די ארבעטער. אזוי ארום „זיינען די עקספראפריאטארן געווארן עקספראפריירט". דאס XXטע יארהונדערט וועט דערזען די דאזיקע רעוואלוציע. יעדער פראגרעס אין ענין באנוצן זיך מיט מאשינען דערנענטערט זי. וואס מער די עקספלאאטאציע ווערט קאנצענ-טרירט אין עטלעכע הענט, אלץ מער וואקסט און ווערט דיסצי-פלינירט די ארבעטער-ארמיי; גאר בקרוב וועט דער פראדוציר-קלאס, דער באוואוסטזיניקער אין זיינע מעשים און פאראייניקטער, דערזען פאר זיך בלויז א הייפל פריווילעגירטע לייט, פונקט ווי דאס יונגע פראנקרייך פון 89טן יאר. דער איבערגעגעבנסטער רעוואלוציאנער-סאציאליסט — דאס איז דער מאנאפאליסט.

ס'איז קיין ספק ניט, אז דער דעקרעט האט געהאט אין זיך בלויז און האט געפאדערט ערנסטע פרושים, דער עיקר בנוגע דעם פאראגראף וועגן קאאפעראטיווע פאראיינען, צו וועלכע די ווארשטאטן האבן באדארפט אריבערגיין. ער איז געווען אזוי, ווי יעדער אנדערער, ניט אנווענדלעך אין דער דאזיקער שעה פון קאמף און האט זיך גענייטיקט אין א סך הוספה-דעקרעטן. ער האט אבער לכל-הפחות ארויסגערופן עפעס א פארשטעלונג וועגן ארבע-טער-פאדערונגען, און ווען זיין ראלע זאל זיך געווען באגרעניצן בלויז מיט שאפן אן ארבעטס- און אויסטויש-קאמיסיע, וואלט די רעוואלוציע פון 18טן מערץ מער אויפגעטאן פאר דעם ארבעטער, ווי עס האבן ביז איצט פועל געווען אלע בורזשואזע פארלא-מענטן פון פראנקרייך פון 5טן מאי 1789טן יאר אן.

די ארבעטס-דעלעגאציע האט געוואלט גענוי אויספארשן דאס אינטענדאנטור-געביט. זי האט דערוויזן, אז די ירידה פון די מקחים איז א פועל-יוצא פון דעם פארקלענערן דעם ארבעטס-לוין, און ניט דעם ריווח פון די אונטערנעמער, וואס נעמען זיך אונטער פארשיידענע זאכן פאר יעדן פרייז, מחמת זיי זיינען זיכער, אז זיי וועלן תמיד ווערן באלוינט אויפן חשבון פונם ארבעטער. „אויך די קאמונע איז געגנוג בלינד, זי זאל זיך לאזן אפנארן

פון אזעלכע מינים שפיצלעך", — האט געזאגט דער באריכט. — „דערווייל אבער שטעלט גראד אין דער רגע דער ארבעטער איין דאס לעבן, כדי מער ניט עקספלאאטירט צו ווערן! דער דעלעגאט האט געפאדערט, אז די אפמאכן וועגן צושטעלן סחורות זאלן אנווייזן וועגן דער גרייס פון דעם ארבעטס-לוין, אז די מערק זאלן דער עיקר איבערגעגעבן ווערן די ארבעטער-קאאפעראציעס, אז די פרייזן זאלן באשטימט ווערן דורך בוררים-געריכטן, וואס ווערן איינגעארדנט דורך דער אינטענדאנטור, סינדיקאלער קאמער פון קאאפעראציעס און ארבעטס-דעלעגאט.

כדי אכטונג צו געבן אויף די פינאנסן פון אלע דעלעגאציעס, האט די קאמונע געגרינדעט אין מאי א העכערע רעכנשאפט-קאמיסיע, וואס איז מחוייב געווען צו קאנטראלירן אלע חשבונות. זי האט אויך באשלאסן, ווי מיר האבן געזען, אז באאמטע אדער אונטערנעמער, וואס זיינען שולדיק אין נעמען שוחד, צורויבן אדער באגנבענען, פאלן ארונטער דעם מיליטערישן געריכט. אין אלגעמיין, אחוץ דער ארבעטס-דעלעגאציע, זיינען אלע גרונד-דעלעגאציעס, וואו מען זאל זיך ניט אומקוקן, געווען ניט באפרי-דיקנדיקע. אלע האבן געמאכט איין און דעמזעלבן פעלער. אין משך פון צוויי חדשים האבן זיי געהאט אונטער דער האנט די ארכיוון פון דער בורזשואזיע פון 89טן יאר אן, די רעכנשאפט-קאמער האט געגעבן מאטעריאל, וואס האט דעמאסקירט די געהיימע אפיציעלע אונטערשיסעלעך, דער מלוכה-ראט — די געהיימע החלטות פון דעספאטיזם, דאס יוסטיץ-מיניסטעריום — דאס אימת-המלכות און די פארברעכנס פון דער מאגיסטראטור; אינם שטאט-ראט זיינען געווען נאך ניט קיין פובליקירטע דאקומענטן פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע פון 1815, 1830, 1848, 1851; אין דער פאליציי-פרעפעקטור איז פארבארגן געווען די שענדלעכסטע פאר-קערטע זייט פון אלע ענינים פון דער געזעלשאפטלעכער אדמי-ניסטראציע; אלע דיפלאמאטן האבן כסדר מורא געהאט, אז די קעסטלעך פון אויסערן-מיניסטעריום זאלן ניט געעפנט ווערן פאר די אויגן פונם עולם. מען האט געקענט אויפוויקלען פאר די אויגן פונם פאלק די אינטימע געשיכטע פון דער רעוואלוציע, פון דער

דירעקטאָריע, פון דער ערשטער אימפּעריע, פון דער יוני=מאָנאַרכיע, פונם 48טן יאָר, פון נאַפּאָלעאָן דעם III. ס'איז גענוג געווען צו לאָזן אויפן ווינט די אַלע דאָקומענטן, לאָזנדיק פאַר דער צוקונפט זיך צו פאָרען אַרום זיי. עס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן בלויז צוויי אָדער דריי העפטן. די דעלעגאַטן זיינען געשלאָפן בשכנות מיט די דאָזיקע אוצרות און האָבן, דאַכט זיך, ווי עפּעס קיין השגה וועגן זיי ניט געהאַט.

לוי בלאַן און ענלעכע צו אים האָבן געזען, אַז די אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, פּובליציסטן לאָזן ניט קומען זשעקערן צום וואָרט, לאָזן די רעכנשאַפט=קאַמער געשלאָסן, רירן זיך ניט צו צו די פּאַפּירן פון דער אימפּעריע, — האָבן זיי ניט געגלויבט אין דעם עם=הארצות און האָבן געשריען וועגן באָנאַפּאַרטיזם. אַ נארישע באַשולדיקונג, וואָס איז אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך טויזנטער ראיות. צום כבוד פון די דעלעגאַטן, — מען מוז זאָגן דעם גאַנצן אמת, — איז קיין איינער פון זיי ניט באַקאַנט געווען מיט דעם פּאָליטישן און אַדמיניסטראַטיוון מעכאַניזם פון דער דאָזיקער בורזשואַזיע, וואָס זיי אַלע כמעט זיינען אַליין אַרויסגעקומען פון אירע רייען טאַקע.

(סוף פון ערשטן טייל).

אינהאַלט

זייט

א.

דאָס פאָרשפּיל פון דער שלאַכט. — פראַנקרייך ערב-מלחמה 3

ב.

ווי אַזוי די פּרייסן האָבן איינגענומען פּאַריז און די דאָרפסלייט—פראַנקרייך . 63

ערשטער קאַפּיטל.

די ערשטע שריט פון דער קאָאַליציע קעגן פּאַריז. — די באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע פאַראייניקן זיך און פאַרכאַפּן זייערע האַרמאַטן 125

צווייטער קאַפּיטל.

די מאָנאַרכיסטן באַשיסן פּאַריז. — עס ווערט געשאַפן אַ צענטראַל-קאָמיטעט. — טיער גיט אַ סיגנאַל אויף אַן אָנגריף 139

דריטער קאַפּיטל.

דער 18טער מערץ 150

פערטער קאַפּיטל.

דער צענטראַל-קאָמיטעט רופט צונויף די וויילער. — די מערן פון פּאַריז און די דעפּוטאַטן פון דער סענע טרעטן אַרויס קעגן אים . 165

פינפטער קאַפּיטל.

דער צענטראַל-קאָמיטעט לאָזט ווענן זיך וויסן, רעאָרגאַניזירט די געזעל-שאַפטלעכע אַמטן און פאַרנעמט פּאַריז 181

זעקסטער קאַפּיטל.

די מערן, דעפּוטאַטן, זשורנאַליסטן, די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג — אַלע וואַרפן זיך אויף פּאַריז. — די רעאַקציע קומט אויפן וואַנדאָמער פּלאַץ און באַקומט איר שטראָף 190

זייט.

זיבעטער קאפיטל.

דער צענטראַל־קאָמיטעט איז גובר אַלע מניעות און צווינגט די מערן זיך
אונטערצוגעבן 201

אכטער קאפיטל.

דאָס פּראָקלאַמירן די קאָמונע 213

ניינטער קאפיטל.

די קאָמונע אין ליאָן, סען־עטיען און קרעזאָ 221

צענטער קאפיטל.

די קאָמונע אין מאַרסעל, טולוזע און נאַרבאָנע 234

עלפטער קאפיטל.

די ערשטע זיצונגען פון דער קאָמונע. — די פּליטה פון די מערן מיט
זייערע אַדיונקטן 247

צוועלפטער קאפיטל.

דער אַרויסטריט פון 3טן אַפּריל. — די פּאַריזער לייט זיינען אומעטום
אָפּגעטריבן. — פלוראַנס און דיוואַל זיינען דערהרגעט. — די
ווערסאַלער לייט הרגענען די געפאַנגענע 260

דרייצנטער קאפיטל.

די מפּלה פון דער קאָמונע אין מאַרסעל און נאַרבאָנע. 273

פערצנטער קאפיטל.

די גרויסע מיטלען פון דער קאָמונע. — די שוואַכע זייטן פון איר ראַט. —
דער צענטראַל־קאָמיטעט. — דער דעקריט וועגן ערבות־לייט. —
די באַנק 287

פופצנטער קאפיטל.

די ערשטע שלאַכטן ביי נעילי און ד'אַניער. — די אָרגאַניזאַציע און מפּלה
פון די פּשרה־לייט 296

זעכצנטער קאפיטל.

דער מאַניפעסט פון דער קאָמונע. — די הוספה־וואַלן פונם 16טן אַפּריל
שפּאַלטן אָפּ די מינדערהייטס־גרופּע. — די ערשטע סיכסוכים. —
די סיבות פון דער מפּלה 312

זיבעצנטער קאפיטל

די פאריזערינס. — דער האפנשטילשטאנד, פדי אפצורוימען נעילי. —
די ארמיי פון די ווערסאלער לייט און די פאריזער ארמיי . . . 318

אכצנטער קאפיטל.

דאס ארגאניזירן די געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן, די פינאנסן, די מילי־
טערישע ענינים, די פאליציי, אויסערלעכע באציונגען, יוסטיץ,
בילדונג, ארבעט און אויסטויש 331